יחזקאל קאָטיק

מיינע זכרונות

צווייטער טייל

כלל-פאַרלאַג
בערלין

VELUT ARBOR ÆVO

Presented to the

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

from

the Library of

THE LATE
ABRAHAM RHINEWINE

Rezensionsexemplar.

כלל-פארלאג

יחזקאל קאָטיק

מיינע זכרונות

Mayne

צווייטער טייל

v. 2

כלל־פֿאַרלאַג
בערלין, 1922 - תרפ"ג

K L A L - V E R L A G
BERLIN SW 68 / MARKGRAFENSTRASSE 73

LIBRARY
NOV 2 7 1995
UNIVERSITY OF TORONTO

Copyright by Klal-Verlag. Berlin, 1922.
Gedruckt in der Klal Druckerei, Berlin.

הקדמה

אויבֿ אין מיין ערשטן טייל זכרונות בין איך געווען אַ פריי פויגעלע, אַ קינד אָהן זאָרג, און האָבֿ מיך געבֿאָמבלט אין דעם קליינעם ליבֿן קאַמעניץ צווישן פרייליכע חסידים און פאַרקלערטע מתנגדים, אַרום דעם פאַרשמייעטן זיידן און דער האַרציגער באָבֿען, צווישן פאַרשיידענע רבֿיים, מגידים, גוטע אידן, אָפּשפּרעכער און פרושים, און האָבֿ געמיינט, אַז קאַמעניץ איז די גאַנצע וועלט און גאָט זיצט אויבֿן, אויפן הימל, און קוקט נאָר צו אונז אין שטעטעלע אַריין — אויבֿ דאָס איז אַזוי אין דעם ערשטן טייל, בין איך דאָ, אין דעם צווייטן, אַן עכטער גלות־איד, אַ נע־ונדניק, אַ וואַנדערער, אַ איד מיט אַ גרויס פּעקל, אַ פרנסה־זוכער, אַ מלמד, אַן אַרענדאַר, אַ פּאָסעסאָר, אַ קרעמער, אַ ווינער, אַ מנחם־מענדל, וואָס וואַרפט זיך אַהין און אַהער און קאָן צו אַ תּכלית נישט קומען.

אָבֿער וואַרפנדיג זיך ווי אַ פיש אין וואַסער, האָבֿ איך דאָך געהאַלטן אָפן די אויגן. צוליבֿ די אָפענע אויגן בין איך אפשר צו אַ תּכלית נישט געקומען... דערפאַר אָבֿער האָבֿ איך עפּעס געזעהן. עפּעס געזעהן און געהערט. און דאָס גיבֿ איך איבֿער אין מ'יין צווייטן באַנד.

מעגליך, אַז איך פאַרנעם זיך צופיל מיט זיך. מעגליך, אַז אין דעם אַלעם, וואָס איך באַשרייבֿ, בין איך צופיל איינגעפלאָכטן, צופיל אָרט זיך גענומען. אָבֿער ווי קאָן זיין אַנדערש? דאָס זיינען דאָך מיינע זכרונות, מיינע איבֿערלעבֿונגען, מיין זכרון...

און גלאַט אַזוי ווי קאָן מען אַ געשעהעניש, אַ פאַקט, אַן עפּיזאָד, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַ שטיק פון מיין נשמה, אָפּטיילן פון זיך?

י. ק.

קאַפּיטל I

נאָך דער באָבעס טויט. — דער זיידע טוט א שדוך. — פלוצלינג געקומען מיט א ווייב. — דער איינדרוק אויף דער פאַמיליע. — די „באָבע“. — דעם זיידנס תענוג. — זיינע נייע טעכטער. — צעזייט און צעשפּרייט. — מאַיאָנטקעס. — אונזערע הכנסת־אורחימס. — יוכבד. — לאה. — מען דערווייטערט זיך פון זיידן. — נישטאָ אמאָליגע ימים־נוראיםס.

די באָבע איז געשטאָרבן — און דעם זיידנס לאַגע האָט זיך גראָד פאַרבעסערט. ער איז ווייטער געבליבן דער איינציגער גואל ומושיע, דער בעל־יועץ און וועג־ווייזער באַ די פּריצים, וואָס זיינען געווען צעמישט פון אויפשטאַנד, פון די רדיפות און צרות, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף זייער קאָפּ פון מוראַוויאָווס ברייטער אייזערנער האַנט. מאַנכע פון זיי האָבן איצט געפונען טרייסט אין דעם אַלטן קלוגן אהרן־לייזערן, און ער האָט זיי טאַקע מיטגעהאָלפן אין אַלע פּרטים. אַ דאַנק זיינע עצות, האָבן זיי אָפּגעגעבן וייערע מאַיאָנטקעס אירן אין אַרענדע און באַקומען געגוג געלט, אום צו פירן זייער פּריציש לעבן ווייטער. געלט האָבן זיי דעמאָלט באַזונדערס נויטיג געהאַט.

דער זיידע האָט אָבער אויך אָנגעהויבן פאַרדינען אַ סך געלט און זיין לעבן איז אַוועק נאָך ברייטער ווי פריהער. זיין בריטשקע מיט די פּאָר פערד, וואָס האָבן פריהער אויסגעזעהן א י ד י ש ל י ך, האָבן ערשט געקראָגן אַ פּריצישן אויסזעהן. די פערד מיטן שפּאַן האָט אים אַ פּריץ אַוועקגעשיינקט, און אין בריטשקע איז ער געזעסן מיט דער גאַנצער ברייטקייט זיינער.

דער זיידע, וואָס איז שטענדיג געווען אָנגעגאָסן מיט אימפּעט און האַסט, האָט, פאַרשטייט זיך, נאָר באַדאַרפט אויסגיסן די גאַנצע טרערן, וואָס ער האָט געהאַט, אויף דער באָבעס טויט, און קוים האָבן די ראָזינע טרערך קוואַלן עטוואָס אויסגעטריקנט, האָט ער שוין אַ טראַכט געטאָן וועגן אַ צווייט ווייב... שדכנים האָבן דאָס באַלד דערשמעקט און גענומען באַ־

לעגערן דעם זײַרן טאָג־טעגליך מיט פֿאַרשײדענע שרוכים, יונגע װײַבלאַך, רײַכע, אַפּילו שײנע, יחסנטעס א. אַ. וו. דאָס האָט אָבער דאָך נישט געפּאַסט פֿאַר דער פֿאַמיליע. פּלעגן די שרכנים זאָגן, אַז זײ רײַרן שרוכים אהרן־לײזערס זון ישראלן, װאָס איז מיט מיר געװען אין אײן עלטער. קײנעם פֿון די קינדער איז דאָך נישט אײַנגעפֿאַלן, װי מען האָט נישט געקענט דעם זײַרן, אַז ער זאָל װעלן חתונה האָבן נאָך אַזאַ הײסגעליבט װײַב, בײַ אַזױנע עלטערע יאָרן, בעת ער האָט בײַ זיך אַלע קינדער מיט אַ ז י ב ע צ י נ אײניקלאַך און אוראײניקלאַך.

דער געראַנק װעגן אַ צװײט װײַב האָט דעם זײַרן אַזױ צעהיצט, אַז ער האָט גאָר פֿאַרגעסן אָן זײַן זונס שרוכים, מיט װאָס ער האָט זיך זעהר אינטערעסירט פֿריהער, און ער, װי מען האָט זיך שפּעטער דערװאוסט, האָט נאָר געטענעט מיט די שרכנים, אַז מען זאָל אים שרכענען עפּעס א שײן װײַב, פֿון מיטעלע יאָרן און אַ יחסנטע. אַלץ זאָל זײַן צװאַמען.

און אין אַ דרײַ חדשים אַרום קומט דער זײַרע פּלוצלינג פֿון ערגעץ צופֿאָרן אַהײם אַ פֿרײליכער און הײסט מאַכן אַן אָרדענונג אין שטוב. עס דאַרף ק ו מ ע ן אַ געהױבענער גאַסט. און אין אַ װײלע אַרום זאָגט ער זיך אַזױ פֿאַרבײַיענדיג צו די קינדער:

— איך האָב חתונה געהאַט... מיט אַ גרױסער יחסנטע... ר׳ איצעלע קאַרלינער רבס טאָכטער... אַ אירענע אַ צריקת...

און בײַלר דערױף רוהיג דערצײלט װעגן איר. דעם מאַן האָט זי געגט, װײל ער איז געװאָרן אַן אַפּיקורס, נישט קוקנדיג אױף דעם, װאָס ער איז אַ איד זעהר אַ שײנער, אַ געבילדעטער און האָט דערװאַקסענע קינדער מיט איר. זי, די צריקת, האָט נישט געקוקט אױף די אַלע גליקן און האָט נישט געװאָלט לעבן מיט אַן אפּיקורס.

אין שטוב איז געװאָרן אַ חורבן. אַלעמען איז פֿינסטער געװאָרן אין די אױגן; און מען איז זיך צעלאָפֿן אין די אַנדערע צימערן — זיך אױסװײנען. די זאַך איז אָבער אָפּגעטאָן געװאָרן, פֿאַרפֿאַלן הײסט עס. און דער זײַרע האָט װי עס איז אַראָפּגעשלונגען דעם צער פֿון די קינדער און איז בײַלר אַװעקגעפֿאָרן ברײַנגען דאָס נײַע װײַב...

װען ער איז אַװעקגעפֿאָרן, האָט זיך ערשט אָנגעהױבן די גרױסע יללה. די געװײנערײ און גװאַלדערײ איז געװען כּמעט אַזױ גרױס, װי אין דעם טאָג פֿון דער באָבעס טױט. אַלע האָבן מיט טרערן געקוקט אײנער דעם אַנדערן אין די אױגן, אָהן װערטער, װי מענשן, װאָס דאַרפֿן איבערקומען אַן אומ־פֿאַרמײדליכע געפֿאַר. עס האָט זיך קײנעם אַוראַי נישט געגלױבט, אַז דער זײַרע, װאָס האָט ליב געהאַט די באָבע און אַזױ פֿיל אײַנגעלענט די װעלט נאָך איר טױט, זאָל בײַלר פֿאַרגעסן אָן דעם אַלעם, און אױף דער עלטער,

צו זעכציג יאָר, באַ אַ פולע שטוב מיט קינדער און קינדס־קינדער, זאָל ער אַריינבריינגען אַ שטיפמוטער. די טרערן זיינען אָבער נישט מער געווען ווי טרערן. העלפן האָט מען נישט געקאָנט. און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז טאַקע אַראָפּגעקומען אַ בריטע, אַ שיינע אידענע פון אַ יאָר פינף און פערציג, שיין אויסגעפּוצט, און דער זיידע האָט געהייסן דער רינסט שטעלן דעם סאַמאָוואַר.

די קינדער האָבן זיך געמאַכט האַרץ, נישט אַרויסגעוויזן פאַר דער בריטער, שיינער אידענע זייער צער און פאַרדראָס און האָבן זי אויפגענומען נישט קאַלט און נישט וואַרעם. דעם זיידן איז געווען זעהר נישט באַקוועם: אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט, אַז זיין צווייט ווייב זאָל וואַרעם אויפגענומען ווערן. אָבער פאַרלאַנגען עס האָט ער נישט געקאָנט, און ראָסזעלבע הויז, וואָס איז שטענדיג געווען אַזוי קאָכעדיג און רוישיג מיט קינדער און מיט אייניקלאַך, וואו מען האָט געשטיפט און געלאַכט, געטאַנצט און געזונגען — ראָסזעלבע הויז איז איצט געוואָרן שטיל, פאַרכמאַרעט, ווי אויסגעשטאָרבן.

קיין הויך רייד, קיין געלעכטער, קיין געשרייען, קיין געפּילדער, אַלץ איינ־געהאַלטן, דערשלאָגן, שטיל. פון שטאָט האָט מען אויך אויפגעהערט צו קומען, נישט צו די קינדער און אַפילו נישט צו אהרן־לייזערן. מען האָט געוואוסט, אַז ער איז פאַרנומען מיטן נייעם ווייב, אַז ער מוז, מסתּמא, זיצן באַ זיך אין צימער מיט איר און קלייבן פאַרגעניגן.

די „באָבע" נעמי, ווי די אייניקלאַך האָבן זי פאַר לייטן גערופן, האָט זיך דערוויל אויך געהאַלטן קאָרעקט צווישן די קינדער און אייניקלאַך. זי האָט, אַפּנים, פאַרשטאַנען, אַז דער שטוב־עולם איז לפי ערך אַ גאַנץ איידעלער און אַז מען דאַרף זיך סטאַרען ווי ווייט מעגליך צו־צוציהען אָט די אַלע מענשן, כּדי זיי זאָלן נישט וואַרפן אויף איר קיין אומחן, וואָס דאָס איז נישט געוואונשן. האָט זי זיך באַצויגן צו דער גאַנצער פאַמיליע זעהר העפליך און אַרויסגעשטעלט זיך פאַר אַ „מאַמען" און אַ „באָבען".

אין אַ צוויי וואָכן אַרום איז געקומען צופאָרן צום זיידן אַ גאַסט. דאָס איז געווען דעם ווייבס אַ יונגערע טאָכטער, אַ פריילין פון אַ יאָר פערצען. שפּעטער, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, איז געקומען נאָך אַ גאַסט: ווידער אַ טאָכטער, אַ פריילין, שוין פון אַ יאָר זיבעצן. די ראָזינגע טעכטער זיינען פאַרבליבן נעבן דער מוטער. אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָט דעם ווייבס אַ זון חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ קאַמעניצער בעל־הבית...
און אַזוי אַרום איז שוין אין אַ קורצער צייט פון אַ קנאַפּן האַלב יאָר אויס־געוואַקסן באַם זיידן אַ נייע פאַמיליע... די ביידע טעכטער האָבן זיך שוין געהאָרעוועט באַם זיידן, און ער האָט זיי אַרויסגעוויזן אַ סך פאָטערליכע ליבע. דער איידעם מיט דער שנור, דער מחותּן און מחותּנתטע מיט זייער

גאַנצער פאַמיליע זיינען געוואָרן גאַנצע בנ־בית באַם זיידן אין שטוב, האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן, אַזוי אַז עס איז שוין נישט געבליבן קיין אָרט פאַר ביילע־ראַשעס קינדער און אייניקלאַך, וואָס האָבן פריהער פול געמאַכט די שטוב מיט שמחה און געלעכטער. די קינדערשע פאַרגאַלטקייט און דער־שלאָגנקייט האָט טיילווייז אויך געווירקט אויפן אחרות צווישן אַנאַנד. עס איז נאָך געווען די נאָהענטקייט, עס איז נאָך געווען עפּעס ליבע, אָבער די ליבע האָט שוין נישט געפלאַקערט, און וואָס ווייטער האָט עס אַלץ נעקילט און געקילט...

דער זיידע, וואָס האָט שטענדיג געזאָגט דאָס ווערטל, אַז „דעם זאָל די ערד אַרויסוואַרפן די ביינער, ווער עס גיט אָפּ אַ קינד פון זיך", האָט זיך דאָך גענומען צו פאַרזאָרגן די קינדער יערן באַזונדער. מעגליך, אַז ער האָט ניכער געוואָלט פּטור ווערן פון זייערע פאַרגאַלטע בליקן, וואָס האָבן אים פאַרדראָסן דעם פאַרגעניגן מיטן נייעם ווייב. פאַר יערן קינד האָט ער געדונגען אַן אַנדער הויף אין אַרענדע. פאַר זיך אַליין האָט ער אויך נעדונגען אַ הויף — „פּרוסקע" באַ ווילעווינסקין, פיר וויאָרסט פון קאַמעניץ, מיט אַ בראָנפן־ברויז.

אין אַ האַלב יאָר צייט האָט ער באַוויזן צו פאַרשטעקן יערעס קינד אין אַן אַנדער הויף. מען איז זיך צעפאָרן און צעשפּרייט זיך, און ער האָט זיך געשעפּט נחת פון זיין „ווייבל" און אירע טעכטער. אַרום איז געווען: שאַ, שטיל... פּטור געוואָרן פון די קינדער, האָט ער נאָך פון אָנפאַנג געוואוינט אין קאַמעניץ, מחמת דער הויף איז געווען נאָהענט. אין אַ שעה האָט מען שוין געקאָנט זיין אין פּרוסקע אַהין און צוריק. אָבער אין אַ קורצער צייט האָט אָט דער רוישיגער מענש זיך פאַרבּיינקט נאָך אמתע רוה, נאָך שטילקייט אַזוי, אַז עס זאָל אים גאָרנישט שטערן אין זיין פאַרגעניגן. אַזוי פאַרכּשופט איז ער געווען פון זיין נייעם ווייב.

די קינדער האָבן זיך יעדערער געוואוינט אין זיין הויף אײנזאַם. דער פאַמיליע־פאַרבאַנד איז זיך ביסלעכווייז איינגאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן. און ווען נישט יוכבר, דעם פעטער יאָסלס ווייב, וואָס האָט זיך שטאַרק צום האַרצן גענומען דעם גורל פון דער משפחה און האָט זיך געסטאַרעט צונויפ־צובינדן די אָפּגעריסענע אָפּגעשוואַכטע לעצטע פעדימלאַך, וואָלט מסתּמא פונם פאַמיליע־אחרות געוואָרן אַ תּל. אָט די יוכבר איז געווען אַ גרויסע מכנים־אורחטע און זעהר אַן איבערגעגעבענע פרוי. געוואוינט האָט זי אין באַביטש, אַ הויף — אַכט וויאָרסט פון קאַמעניץ, און די פאַמיליע פלעגט אָפּט קומען צו איר אין נעסט מיט געשפּאַן און פערד. שטענדיג פלעגן זיך באַ איר געפינען אַ צען, פופצען פערזאָן, די — אַוועקגעפאָרן, יענע — געקו־

מען, און מען האָט געגעסן מלינטשיקעס און זיך געבאָרן אין מילכיגס. דער טומל פון דעם ציירנס הויז, הגם שוין שוואַכער און קלענער, האָט ביסלעכווייז עמיגרירט צו איר. בײַ איר פלעגט מען זיך פרייען, טאַנצן, לאַכן און ריידן פון דער ברייטער „באָבען" מיט אירע טעכטער.

די צווייטע מכניס־אורחטע איז געווען דעם טאַטנס שוועסטער, לאה, אויך זעהר אַ קלוגע און אַ גוטע פרוי. מען האָט אויף איר געזאָגט אין דער פאַמיליע און אין שטאָט, אַז דאָס איז די מוטער בײַלע־ראַשע. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ גוזמא. איר מאַן אליעזר גאָלדבערג איז געווען אַ יונגער מאַן — אַ למדן, אַ משכּיל און אַ משורר. אַז אים האָט זיך פאַרגלוסט, האָט ער געמאַכט אַ העברעאישן שיר אויף חנוכּה, אויף פּורים און איז דערבײַ געווען אַ לעבאינגל. ער האָט געהאַט זעהר אַ ברייטן כאַראַקטער; אין דער פאַמיליע האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט שיטערע פינגער... געלט איז בײַ אים געווען כּלה. געוואוינט האָט ער אין אַ הויף סטאַרשעווע, נעבן ז אַ ס ט אַ וו י ע. דאָס איז געווען דערזועלבער הויף, וואָס דער ציירע האָט זיך געשעמט צו נעמען, בעת אַ פריץ האָט עס אים געוואָלט אָפּשרייבן במתּנה.

איז ס ט אַ ר ש ע וו ע געווען דער צווייטער הכנסת־אורחים פאַר דער פאַמיליע, נאָר שוין אַן ערגערער פון יוכבדס הכנסת־אורחימס. בהמות האָט זי קיין סך נישט געהאַט. און אַז עס איז אָנגעפאָרן די פאַמיליע, האָט איר נישט געסטייעט קיין מילך און קיין פּוטער. עסן פלייש איז דעמאָלט נאָר אין מאָרע נישט געווען, אויסער שבּת; און אויך אויף שבּת איז עס שווער אָנגעקומען. אנגב האָבן דעם עולם שטאַרק געצויגן יוכבדס מלינטשיקעס. יוכבד האָט זיך אויסגעלערנט זיי צו מאַכן בײַ איר שוויגער בײַלע־ראַשע, וואָס איז שוין געווען מיט דעם מפורסם. דאָס זיינען געווען וואונדערליכע מלינטשיקעס, וואָס היינט זעהט מען שוין נישט מער אַזעלכע.

מיין ליבער פאָטער, וואָס איז געווען דער עלטסטער אין דער פאַמיליע, האָט גאַנץ ווייניג באַזוכט די דאָזיגע הכנסת־אורחים. ער האָט געהאַט זיינע רעיונות. ווידער איז ער געווען פאַר די יונגע צו פרום, צו געלאַסן, הגם זיי האָבן אים זעהר ליב געהאַט; און אַז ער האָט זיך אַמאָל באַוויזן בײַ יוכבדן אין שטוב, איז דאָס געווען בײַ אַלעמען אַ מין יום־טוב, ווי אַ רבּי קומט צו פאָרן אין געסט צו זיינע חסידים. אין זיין געזעלשאַפט האָבן אַלע קאָקעטירט מיט רוהיגקייט און געלאַסנקייט, קיין געשרייען, קיין געלעכטער, קיין שטיפן. אַלע פלעגן אים אַרומרינגלען, און ער פלעגט זיי וואָס דערציילן אָדער זאָגן אַ קלוגן ווערט, ווי זיין שטיינער איז שטענדיג געווען, און אַלעמענס אויגן פלעגן אויפשטראַלן.

ווינטער האָט יוכבר געזעצט גענז צו דרייסיג אויף אַמאָל און געפּרעגלט שמאַלץ און גריבענעס; האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיט יוכבדס גריבענעס. די גענז האָט זי איינגעזאַלצן אין אַ פעסעלע, און אַ חודש צייט האָט מען געגעסן געגזועגס און גריבענעס. דערצו האָט זי נאָך יערערן מיטגעגעבן אַ פּאָרציע אַהיים. עס האָט זיך געטאָן אַ וועלט מיט יאָכעס גריבענעס. זי האָט אויך געפּאַשעט ענדיקעס און יערן פון דער פאַמיליע האָט זי געטיילט אויף פסח ענדיקעס.

אַ בריה איז זי געווען אַ גרויסע, סיי אין שטוב און סיי אין הויף. זי האָט פון אַלץ געוואוסט, אומעטום געווען, האָט געהיט די בהמות, קעלבלאַך, פערד און רעסגלייכן. אַ גאַנצן טאָג איז זי געווען פאַרנומען. פלעגט אויפ־שטיין זעקס אַזייגער אין דערפריה. סיי זומער, סיי ווינטער, האָט זי זיך אַ גאַנצן טאָג געפּאָרעט, נאָר מעשה־כּוואַט, לייכט, ווי די אמתע בריה. זי האָט זיך אומעטום געמישט, האָט אַלץ באַוואָרנט, און ווינטער פלעגט זי אָפּט שטיין אַ גאַנצן טאָג אין שייער באַם דרעשן די תּבואה... צו דער באַ־קוועמליכקייט פון די געסט האָט עס אָבער גאָרנישט געשאַדט. באַלד אין דערפריה האָבן אַלע געסט געהאַט הייסע טיי פון סאַמאָוואַר מיט די גוטע סליווקעס און געבעקסן.

געווען באַ איר אָבער אַ שוואַכקייט — פּאָרט אַ אשה! — וואָס פלעגט טיילמאָל גאַנץ שווער ווירקן אויף די געסט: זי האָט זיך ליב געהאַט צו באַרימען פאַר אַלעמען, אַז זי איז אַ גרויסע בריה... און באַרימען זיך נישט קורץ, נאָר לאַנג, מיט ניין מאָס רייד. האָט זי דערציילט פון אירע אַרבעטן, פון איר קאָכן, באַקן, פון בקיאות אין געשעפטן, פון קאָנען אויפנעמען אַ גאַסט, פון קאָנען פאַרצירעווען אַ געוואַלד־רים א. אַז. וו., און האָט אָפטער אַלעמען פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט די ראָזינגע ווייבערשע באַרימערייען. אין די ראָזינגע ניין מאָס רייד איז אָבער צומאָל געלעגן אַ שטאָך, געצילט אין איר מאַן, וואָס איז כּלומרשט אַ גאַנצער פּריץ, מחמת זי טוט פאַר אים. ער איז אַ פּריץ, זי איז שטענדיג פאַרטון אין אַרבעט. ער קומט צו אַלעם פאַרטיגן, זי דאַרף דרייען מיטן קאָפּ. אָבער אַ בריה איז זי פּאָרט געווען אַ גרויסע, און די שוואַכקייט אירע האָט מען איר געקאָנט מוחל זיין.

אין די ימים־נוראים־טעג, ווען אַלע ישובניקעס קומען אין שטאָט אַריין אויף ראש־השנה, יום־כּפּור, איז זיך אונזער פאַמיליע צונויפגעקומען אין קאַמעניץ. צום זיירן אָבער איז מען נישט פאַרפאָרן, הגם אין קאַמעניץ איז באַ אים געשטאַנען ליידיג אַ גרויסע וואוינונג. יערערער האָט זיך געדונגען אויף ראש־השנה און יום־כּפּור אַ דירה. דער זיירע פלעגט אויך קומען מיט זיין ווייב און צווי „טעכטער“.

זיין אינגאַנצן דערוויטערט פון זיירן האָט דאָך נישט געפּאַסט. און אַז מען איז געקומען פון דאַוונען, פלעגן די גרעסערע קינדער גיין אָפּעבן גוט יום־טוב דעם זיירן און באַלד אַהיים געגאַנגען. פאַרן גאַנצן טאָג איז מען שוין מער צום זיירן נישט געגאַנגען, און די שטוב האָט אויסגעזעהן דעם ערשטן ראש־השנה, נאָך דער באָבעס טויט, ווי אַ חרוב־געוואָרענע שטאָט. נאָר אויב עס האָט זיך דאָך עטוואָס געדורערט אין דעם זיירנס שטוב ראש־השנה־צייט — זיינען דאָס געווען די גע ס ט, וואָס פלעגן קומען צו זיינע שטיף־טעכטער.

מיין טאַטע איז געווען ראש־השנה באַם רבין אין סלאָנים.

דעם פעטער מרדכי־ליבן האָט זעהר פאַרדראָסן זיין ברודערס חתונה, האָט ער זיך אויך דערווייטערט פון אים. ער האָט אים אַפּילו גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם, נאָר באַ זיך האָט ער עס געהאַלטן פאַר אַ גרויס פאַר־ברעכן און פאַר אַ מאוסער גראָבקייט, און אַזוי אַרום האָט ער זיך ביסלעכוויז אָפּגערוקט פון זיין ברודער. דער זיירע פלעגט שוין קומען צו מרדכי־ליבן, נישט ווי אַמאָל, מיט יענער ברייטקייט און פרייקייט. דער קלוגער זיירע האָט גרויסאַרטיג פאַרשטאַנען דעם ברודערס שטומען ברוגז און האָט זיך גע־סטאַרעט צערייבן עס ווי עס איז. אַזוי, למשל, האָט ער אָנגעהויבן קומען אָפט צום ברודער, אָנשטאָט דעם, וואָס פריהער פלעגט יענער קומען צו אים.

די נאַכט צו ערב יום־כפּור, וואָס האָט געהאַט אַזאַ חן באַם זיירן אין שטוב, איז איצט אַוועק זעהר שטיל און אומעטיג. דער שוחט איז טאַקע געקומען קורם צו אהרן־לייזערן, אָבער די בעלי־בתּים האָבן נישט אַריינ־געשיקט זייערע כפּרות צום זיירן אין שטוב. אַלע קינדער, ווירער, האָבן זיך אָפּגעשלאָגן די כפּרות באַ זיך און אַריינגעשיקט צום זיירן די כפּרות פאַרטיגע, „אָפּגעשלאָגענע“, נישט ווי פאַראַיאָרן.

נאָר די נאַכט פון ערב יום־כפּור זיינען די גרעסערע קינדער אַוועק צום זיירן. עס איז געווען דערזעלבער גרויסער רייכער טיש מיט די פאַרשיירענע איינגעמאַכטסן און טאָרטן און פּערעשקעס, און לעקעכער, און ניס, און זיסע בראָנפנס, אָבער וואו איז די שמחה? וואו איז די פריינטשאַפט, די ברידער־שאַפט, די גרויסע ליבע? אַלץ וואָכעדיג, קאַלט, מרה־שחורהדיג, פאַרשלאָפן, נישטאָ דאָס רוישן פון די פיל קלייניטשקע און גרעסערע אייניקלאַך, נישטאָ די שטראַלנדיגע בליקן . אַלע האָבן זיך ביסלעכוויז צערוקט, צעוואָרפן, פאַרבאָרגן. און דאָס בענטשן ערב יום־כפּור איז שוין אויך נישט דאָס, ווי פאַראַיאָרן, בעת אַלע האָבן געוואַרט איינע אויף די אַנדערע, קיינער איז נישט אַוועקגעגאַנגען אַליין. אַלע האָבן צוזאַמען געזעגנט און די געוויינעריי מיטן יאָמעריי סיי פון די גרויסע און סיי פון די קליינע זיינען דערגאַנגען ביזן זיבעטן הימל.

דער פעטער בּעריל־בּענדעט, וואָס פלעגט שטענדיג פאַרפאָרן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע קינדער און אייניקלאַך צום זיידן אויף ראש־השנה און יום־כּפּור, איז היינט פאַרפאָרן צו זיין פאָטער זעליג אַנראַרקעס... נאָר איין זאַך איז אפשר געזען מער ווי פאַראַיאָרן: שטילע, רערשטיקטע טרערן...

נאָך יום־כּפּור זיינען זיך אַלע צעפאָרן אין די הויפן און אַלץ איז אַוועקגעשוואומען. עס איז געווען קלאָר, אַז די גרויסע שיף איז צעבּראָכן געוואָרן, און יעדער שווימט אַוועק בּאַזונדער אויף איינציגע העלצלאַך און בּרעטלאַך, וואָס זיינען געבּליבּן פון דער גרויסער שיף...

קאַפּיטל II

מיין טאַטנס אומעט. — זיין בייַנקשאַפט. — די נויט צו ראַזוונען מיט מתנגדים. — זיך פאַרבײַנקט נאָכן רבין. — דער היזק. — אַמאָליגע חסידישע שמחות. — ר׳ אברהמעלע. — זיין אַריינפאָר קיין קאַמעניץ. — דער פּאַראַד. — חסידים קאָכן, באַקן אויפֿן אַמעריקאַנער שטייגער. — די באָד. — דעם רבינס לכו נרננה. — די מאָלצייטן. — דעם רבינס זיפצן. — שריים. — ר׳ ישראל וויל נישט זינגען. — דעם רבינס מאַכט. — ר׳ יחזקאל גט זיך מיט זיין פרוי. — חסידישע שפּילעכלאַך. — מען שמייסט מיין טאַטן. — איך וויין. — עס איז פריילעך.

דער טאַטע האָט, ווייענדיג אין דאָרף אָהן די חסידים און אָהן ר׳ ישראלן, פאַרלאָרן זיין שטיל־פריילִיכע מינע, וואָס איז שטענדיג געלעגן בײַ אים אויפן פּנים. אים האָט קענטיג אינעווייניג אין האַרצן געצווינגן און געריסן צו זיינע חסידים, און דאָ איז ער געווען „אַליין ווי אַ שטיין“.

איבערהויפּט האָט אים באַנג געטאָן די שבתים. אַ רחמנות געווען צו קוקן. ער האָט זיך אפילו פּרייטאָג צו נאַכטס משמח געווען מיט זיינע קליינע קינדער, מען האָט אָנגעצונדן אפשר אַ דרייסיג ליכט אין שטוב, ער האָט געזונגען און האָט צוגעגעבן אַלעמען מוט, אָבער דאָס איז געווען אַז אָך און וויי. איך האָב אַפילו אים געהאָלפן זינגען, איך האָב געקענט, נעבעך איך, אַ סך חסידישע נגונים (מען האָט מיך דערמיט זאָגאַר פאַרלויבט בײַ מיינע מחותנים, ווען איך בין אַ חתן געווען. צווישן מיינע שבחים האָט מען אָנגעגעבן אויך דאָס, אַז איך קאָן אפשר צוויי הונדערט נגונים זינגען). אָבער נישט אַלע מאָל האָב איך געקאָנט זיין בײַ אים, און נאָך דער חתונה, ווערנדיג אויס חסיד, האָבן מיר שוין די אַלע חסידישע נגונימלאַך נישט געשמעקט, אויסער ר׳ ישראלס, וואָס האָבן שטענדיג אויפגעוועקט אַלע סטרונעס פון מיין האַרצן.

איך האָב דעם טאַטן געהאָלפן זינגען די חסידישע נגונים אָהן חשק, און כּדי איך זאָל זינגען מיט מער טעם, פלעגט ער אומישנע זינגען ר׳ ישראלס נגונים. אָבער די שמחה זיינע, ווי געזאָגט, איז געווען אַ געמאַכטע,

ווי דער ערליכער איד עסט דעם מרור בּאַם סדר. אַזוי האָט מען זיך „משמח געווען“ ביז אַזיינער צוועלף בּאַנאַכט.

געראַוונט האָט דער טאַטע שבת אויך אין דערהיים, כאָטש אַלע ישובים פון אַ וויאָרסט, צי פון צוויי וויאָרסט אַרום, קלויבּן זיך אויף, לויט דער טראַדיציע, צו איין ישובניק ראַוונען שבת מיט אַ מנין. אין אַזאַ מנין לייענט מען אויך די תּורה, ווי עס פירט זיך אומעטום: צוויי ישובניקעס, גבּאים, רופן אויף צו דער תּורה. עס איז אויך דאָ שנאה, קנאה פאַר עליות. יעדערער וויל די פעטערע עליה, און די גבּאים קאָנען קיינמאָל נישט יוצא זיין. טיילמאָל קומען דערפון אַרויס גרויסע מחלוקתן ביז מסרן אָדער ביז אויסרייסנגען בּאַ יענעם זיין קרעטשמע, צי זיין פּאַקט.

דער טאַטע האָט קיינמאָל נישט געוואָלט ראַוונען מיט די ישובניקעס מתנגדים, נאָר אַז עס האָט געפעלט צום מנין, פלעגט ער מוזן קומען. אָבער ער פלעגט בּאַ זיך נישט קאָנען פועלן צו ראַוונען מיט זיי בּציבּור. ער פלעגט שוין דעמאָלט האָבן אָנגעגרייט בּאַ דעם ישובניק אַ מדרש אָדער אַ זוהר און פלעגט בּעתן ראַוונען קוקן אין די ספרים. געראַוונט האָט ער אין דערהיים פאַר זיך. שטיל האָט ער שטענדיג געראַוונט און אין זיין פאַר־קנייטשטן שטערן און די פאַרטונקענע אויגן האָט זיך אַרויסגעזעהן זיין כּונה.

נאָכן ראַוונען, געקומען אין שטוּב אַריין, געזאָגט דעם גרויסן „גוט־שבת“, אַריינגעגאַנגען צו דער מאַמען אין צימער, וואָס איז געזעסן אָדער בּאַם סידור אָדער בּאַם צאינה וראנה און אָפּגעגעבּן איר בּאַזונדער גוט־שבת. דערנאָך קומט דער קידוש, דערנאָך לעקעך און קיכל מיט הערינג און קאַלט בּרוסט־פלייש פון נעכטינן צימעס. דאָס האָט געמוזט זיין. דערנאָך איז מען געגאַנגען עסן. עס האָט געמוזט זיין פיש, ציבּעלע מיט אייער און שמאַלץ.

אין מיינע אינגלשע יאָרן האָט ער מיר איינמאָל דערציילט, אַז דער לעכוויטשער האָט געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן אַ בּאַזונדער אבר בּאַ אַ אירן, וואָס האָט נאָר הנאה פון ציבּעלע אום שבת...

נאָך דעם אַלעם פלעגט מען דערלאַנגען טשאָלנט, קאַרטאָפל, קאַשע, צוויי סאָרטן קוגלען, פלייש א. א. וו. דאָס עסן האָט געדויערט אַ שעה צוויי, דריי, מען האָט געזונגען זמירות און געגעסן, געזונגען און געגעסן, אָבער אויפן טאַטנס פּנים איז געלעגן אַ בּאַהאַלטענע מרה־שחורה, וואָס ער איז פאַרשטויסן געוואָרן פון שטאָט, פון זיין חסידים־שטיבּל, וואו עס איז געווען בּאמת פריילעך און האַרציג, וואָס ער איז פאַרשטויסן געוואָרן פון זיינע סעודות און פון זיין ר׳ ישראלן און פון דעם גאַנצן כּולל חסידים. און ער האָטווירקליך אויסגעזעהן ווי אַ פייגעלע, וואָס איז פאַרטריבּן געוואָרן פון זיין נעסט...

נאָכן עסן איז ער געגאַנגען שלאָפן, ווי דער שטייגער איז. נאָכן שלאָף — געלערנט חומש, מדרש, זוהר און זיך מיט אַלע כּחות געסטאַרעט צו דערשטיקן דעם אומעט.

אָבער איך האָב אים שוין גוט געקענט און אַרויסגעלעזן דעם אומעט פון זיין יעדער באַוועגונג. וואָלט איך כאָטש געווען אַ חסיד, וואָלט ער ראָך פאַרגעניגן געהאַט, וואָלט געווען מיט וועמען צו פאַרברייגגען אין חסידישע תּורות און נגונים. אָבער דאָס איז נישט באַשערט געווען, און זיין זון איז געווען ווייט פון אים כּרחוק מזרח ממעריב. אויסערדעם, האָט אים נאָך געענגבערט אין מוח, טאָמער חלילה ווער איך נאָך אַן אפּיקורס אויך, אַ קשיה אויף אַ מעשה. אַ שם פאַר אַ חקרן האָב איך סיי ווי סיי, און ווער ווייס וואָס עס קאָן אַרויסקומען פון די גרויסע חקירות — און דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געשראָקן.

איך האָב אויף אים גרויס רחמנות געהאַט. מיר האָט עס ממש דערנומען דאָס לעבן, און איך האָב געזוכט פּלענער ווי אים צו באַרוהיגן. איך וועל זיין אַ מתנגד, אָבער אַ הייסער איד. אַ הייסער איד וועל איך זיין. אָבער וואָס איך האָב זיך נישט געסטאַרעט, האָט עס אַלץ נישט געהאָלפן. באַ אים איז אויסגעקומען, אַז ווי באַלד איך האָב געקאָנט דורך די ויכּוחים אַראָפּגיין פון די גלייכע חסידישע וועגן, טאָ ווער ווייס צו וואָס איך קאָן נאָך דערגיין מיט די ראָזינגע ויכּוחים און חקירות! אפשר לייקענען אינגאַנצן אין בורא יתברך. אַוראי האָט ער מגזם געווען מיין כּח אין ויכּוחים.

וואוינענדיג אין פּאַסעקי, האָט זיך דער טאַטע איינמאָל, אַרום ראש־השנה, פאַרבייגקט נאָכן רבין. אָפּרייסן זיך פון דערהיים אין אָט דער צייט איז כּמעט אוממעגליך פאַר אַ פּאָסעסאָר: די גאַנצע פעלד־אַרבעט ווערט קאָנצענטרירט אַרום ראש־השנה, מען דאַרף גראָבן קאַרטאָפל און באַהאַלטן אין גריבער; מען דאַרף דרעשן קאָרן, מען דאַרף פאַראַקערן און פאַרבראָך־געווען די פעלדער; מען דאַרף צוגרייטן תּבואות צו פאַרזייען אויפן קומענדיגן יאָר, מען דאַרף דאָס צווייטע מאָל שנייערן היי א. אַז. וו. א. אַז. וו.

דעם טאַטן האָט זיך אָבער פאַרבייגקט נאָכן רבין — זאָל גאָט היטן. אַ גאַנץ יאָר האָט ער געהאָרעוועט, געתּכליתט, געעסקט מיט גוים, פון וואָס עס האָט אים ממש געאיבלט. אַ קליינינקייט, האָבן אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָר אַן עסק מיט פּויערים, מיט גויים.

נישט אָנזעהן אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָר אַ חסידישע קהלה. אים האָט פּשוט פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווי באַ אַ קינד, ווען די מוטער איז אַוועק־געגאַנגען. און נישט קוקנדיג דערויף, וואָס עס ברענט די אַרבעט, וואָס איין אַרבעט יאָגט די צווייטע, און נישט קוקנדיג דערויף, וואָס די צייט איז

אַ געדריקטע, און אַ הונגערטער איז פּשוט אַן עולם ומלואה, איז ער דאָך אַוועקגעפאָרן קיין סלאָנים, איבערלאָזנדיג די גאַנצע אַרבעט אויף אַ פויער. אין סלאָנים האָט ער פאַרבראַכט גאַנצע אַכט טעג. געקומען איז ער אַהיים פאַר יום־כפור און האָט געפונען באַ זיך אין הויף זעהר אַ שיינע אָרדענונג.

רעם האָבער (עס איז געווען אַ שפּעטיגער זומער) האָט מען געשניטן נישט אין דער צייט, האָט ער זיך צעשאָטן אין פעלד; די קאַרטאָפל האָט מען נישט אַריינגעלעגט אין די גריבער, איז מער ווי אַ העלפט צעפוילט געוואָרן; דעם קאָרן האָבן די דרעשער געדראָשן נישט פון טאָג, נאָר פון שאָק, האָבן זיי טאַנדעטעוועט אין דער אַרבעט, איבערגעלאָזט אין יעדן זאַנג נישט ווייניגער פון אַ פיר קערנער און רעסגלייכן.

אַזוי האָט דער טאַטע געהאַט היזק פון זיין סלאָנימער רבין באַ אַ פינף — זעקס הונדערט רובל, אויסער רייזע־קאָסטן.

וויסנדיג דעם טאַטנס געדריקטע לאַגע, האָב איך זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דער טאַטע זאָל זיך באַשליסן אויף אַזאַ שאָרן צוליב זיין סלאָנים.

— איז דאָס אמת, טאַטע, — האָב איך אים איינמאָל אַ פרעג געטאָן, — פינף הונדערט רובל היזק האָסטו געהאַט?

— היזק האָב איך געהאַט אַרום זיבן הונדערט רובל — האָט דער טאַטע שטיל געענטפערט.

זיבן הונדערט רובל!

— טאַטע! — האָב איך זיך איינגעשטעלט — צו וואָס האָסטו עס באַדאַרפט? וויל מען פאָרן, קלייבט מען אויס אַ בעסערע צייט.

דער טאַטע האָט מיט אַ מאָרנער טריבער פאַרביינקטקייט אַ קוק געטאָן אויף מיר.

— דו ביסט קיינמאָל קיין חסיד נישט געווען, ווייסטו נישט, וואָס הייסט פאָרן צום רבין. נישטאָ קיין גרעסערער תענוג. דער רבי גיט כחות צו לעבן...

און דער טאַטע איז שטיל געבליבן און אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ מינע, פונקט ווי עמיצער וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן באַם האַרצן.

איך בין אויך אַנטשוויגן געוואָרן.

ווי קומט מיין טאַטע צו לעבן אויפן דאָרף, צווישן גויים? דער איד, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט אידישן פרומען טומל, אידישע שמחה, אידישן טאַראַראַם און אַפילו דעם ריח פון אַ אידן...

טיילמאָל פלעגט דער טאַטע פאַרזונקען ווערן אין זיינע זכרונות — דער איינציגער תענוג אין איינזאַמקייט. עס איז אויך געווען וואָס צו געדיינקען. דער טאַטע האָט געשפּילט נישט קיין קליינע ראָליע צווישן חסידים, און

ער פלעגט זיך פֿאַרגינען אויפֿגעמען אויף עטליכע טעג אַ רבין מיט זיין גאַנצער כּנופֿיא, וואָס דאָס האָט אַ היפּש ביסל געלט געקאָסט. איך געדיינק נאָך ווי איצט דעם פֿאַראַר, וואָס די קאַמעניצער חסידים האָבן געמאַכט זייער גרויסן גאַסט — דעם סלאָנימער רבין.

דער סלאָנימער רבי, ר׳ אברהם, איז געקומען קיין קאַמעניץ דאָנערש־טאָג פֿריה אין אַ בויד מיט דריי פֿערד. צוזאַמען מיט אים זיינען געזעסן דריי משמשים, איינער אַן עלטסטער און צוויי געהילפֿן. נאָך זיין בויד זיינען נאָכגעפֿאָרן פֿיר בעל־עגלהשע פֿורן מיט עטליכע און צוואַנציג בריסקער חסידים. די קאַמעניצער חסידים, ווירער, אַרום דריי מנינים אירן, זיינען אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן אין בריסקער גאַס מקבל־פּנים זיין דעם רבין. און אַז דער פֿורמאַן פֿון רבינס בויד האָט דערזעהן פֿון ווייטן די חסידים גיין, האָט ער אָנגעהויבן צו פֿאָרן פּאַמעליך. די קאַמעניצער חסידים ווירער, אַז זיי האָבן פֿון ווייטן דערזעהן דעם רבינס בויד, האָבן זיי אָנגעהויבן צו זינגען זייער חסידיש נגונדל, וואָס דער סלאָנימער רבי האָט באַזונדערס ליב געהאַט. איך בין דעמאָלט אויך מיטגעגאַנגען מיט די חסידים. דער טאַטע האָט מיר געוואָלט אָנטון אַ נחת רוח. און אָט, ווי איצט, הער איך דאָס זיסע נגונדל און, ווי איצט, זעה איך די מחנה חסידים, וואָס גייט פֿון שטאָט באַגעגענען דעם רבין.

אַך, ווי פֿריילעך עס איז געווען.

אַז די חסידים זיינען צוגעקומען צום רבינס בויד, האָבן זיי די בויד אַרומגערינגלט און מען האָט אויסגעזוגגען אַ פֿריילעכן שלום־עליכם, וואָס אונזער טייערער ר׳ ישראל האָט פֿאַרפֿאַסט, לויט מיין טאַטנס בקשה.

די ערשטע האָבן דערלאַנגט דעם רבין שלום־עליכם מיין פֿאָטער מיט ר׳ אהרעלען, וועלכע דער רבי האָט אַריינגענומען צו זיך אין בויד אַריין.

אַז די גאַנצע צערעמאָניע פֿון שלום־עליכם אָפּגעגעבן האָט זיך געענדיגט, און געדרויערט האָט עס נישט ווייניג, האָט דער פֿורמאַן אַ שמיץ געטאָן די פֿערדלאַך. די חסידימלאַך האָבן גענומען פֿאַרכאַפּן ערטער אויף די פֿורלאַך. מען האָט געכאַפּט, וואו ווער עס האָט געקאָנט. פֿאַר די בעסטע ערטער זיינען געהאַלטן געוואָרן די הינטער־ברעטער פֿון דעם רבינס פֿורל. בכלל האָט מען זיך אויסגעזעצט אַ חסיד אויף חסיד, פּונקט ווי אַ וואָגן גענז, און עס איז געגעבן געוואָרן אַ קאָמאַנדע:

— געפֿאָרן זאָל ווערן!...

— וויאָ! — האָבן די בעלי־עגלות אַ קנאַל געטאָן מיט די בייטשן.

מיך האָט דער טאַטע אַריינגענומען אין בויד אַריין צום רבין.

— דאָס איז מיין זון...! — האָט מיך דער טאַטע פּאַמעליך פֿאָרגעשטעלט.

— דיין זון — האָט דער רבי פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף מיר — וועט זיין אַ וואַרעמער חסיד...

דער טאַטע האָט זיך געפרייט.

מען האָט געטריבן די פערד, און די חסידים האָבן געזונגען הויך אויפן קול. און אַ זייטיגער, אַ קריסט, למשל, וואָלט זיכער געקאָנט מיינען, אַז דאָס פאָרן די סאַמע גליקליכסטע מענשן אין דער וועלט. נישט מער, די מלבושים זיינען נישט זעהר רייך...

אַז מען איז געקומען אין שטעטל אַריין, האָט מען שוין האָפּערדיג אונ־טערגעבּרומט אונטער דער נאָז, און די התפעלות איז געווען גרויס, פּונקט ווי מען וואָלט איינגענומען אַ פעסטונג.

אַזוי איז מען געקומען צו אונזער שטוב. דער טאַטע האָט צוגעגרייט פאַרן רבין אַ גרויס צימער און געשיקט צו דור־יצחקן לייען דעם גרויס־פּאָטעל פאַרן רבין. חסידים האָבן דעם רבין אַרויסגענומען פון בויד, אַריינגעפירט אים אין זיין באַשטימטן צימער, וואו מען האָט אים איבּער־געלאָזן צוזאַמען מיטן עלטסטן משמש. די איבעריגע צוויי משמשים האָבן זיך צעשטעלט באַ די טירן, ווי אַ שטרייננגע וואַך פון סאָלדאַטן. די חסידים האָבן זיך צעשאָטן אין די איבעריגע חדרים. באַלד איז דער עלטסטער משמש אַרויס פון רבינס חדר און אָנגעזאָגט, אַז ער, זאָל לעבן, האָט זיך צוגעלעגט אויף דער קאַנאַפּע, זאָל זיין שטיל... זיינען אַלע חסידים, ווי איין מענש, געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקאָנט הערן אַ פליג אויפן וואַנט. מען האָט מורא געהאַט אַ וואָרט אויסצורייידן.

דערנאָך האָבן זיך די קאָמעניצער חסידים גענומען צו דער אַרבּעט. מען האָט צוגעגרייט אַ שבת פאַר אַ פּאָר הונדערט מאַן. אַלע האָבן געאַרבעט, און די פרעמדע חסידים, די אורחים, האָבן זיך צעלעגט אויף די בּיינק. די גרויסע סטאָדאָלע אונזערע האָט מען יום־טובדיג צוגערוימט, אויסגעשאָטן מיט זאַמד און אַרום די ווענט האָט מען הויך אויסגעלעגט מיט היי פאַר די חסידים אויף צו שלאָפן. די פורן מיט די פערד מיט דעם רבינס בויד האָט מען אַוועקגעשיקט צו זעליג אַנדאַרקעס אין סטאָדאָלע.

מיט אַ וואָך פריהער האָט דער טאַטע מיט די חסידים געמאַכט אַ חשבון, וואָס מען דאַרף צוגרייטן אויף שבת פאַר אַזוי פיל אורחים. דער חשבון האָט לאַנג געדויערט. מען האָט באַדאַרפט צוגרייטן פיש און פלייש, ווין און בראָנפן, פּוטער, אייער, שמאַלץ, צימערינג, פייגן, מאַנדלען, חלות, בּולקעס, ברויט און נאָך און נאָך. דאָס איז אַן אַרבּעט גאָרנישט קיין קליינע.

ר׳ ישראל, ווידער, איז געשטאַנען און נאָכאַנאַנד געלערנט מיט זיינע תּלמידים־זינגערס די נגונים, וואָס ער האָט צוגעגרייט. צווישן די זינגערס בין איך אויך געווען. ר׳ ישראל איז געווען פאַרשוויצט, האָט געפּאָכט מיט

די הענט, געטופּעט מיט די פיס, קאָמאַנדעוועט, געדרייט מיטן פינגער און געמאַטערט אונזערע זכרונדלאַך, מיר זאָלן פאַרנעמען די נייע נגונים. קאַלטס און וואַרעמס האָט ער, נעבעך, פון אונז געהאַט. דער עולם האָט זיך נישט זעהר אויסגעצייכנט מיט אַ גוטן געהער, און ר׳ ישראל האָט זיך ממש געבאָרן אין שוויס.

ר׳ ישראל האָט דאָ געהאַט איין אויפגאַבע: אויסלערנען אונז זינגען. זינגען אַליין און מיט אונז צוזאַמען פאַרן רבין האָט ער נישט געוואָלט. דאָס איז געווען אַ פּרעמרער רבי... ווי אַ גוטער חסיד, האָט ער זיך נאָר מתחייב געווען צו שאַפן נגונים פאַר דעם פּרעמרן רבין!... זינגען נאָך אַליין — דאָס איז שוין געווען איבער זיינע כּחות, און בּאַ דער גאַנצער שמחה האָט ער זיך געפילט, ווי אַן אָרימער און שטאָלצער איד, וואָס וויל אַוועקגיין און מוז דאָך פאַרבלייבן...

דער טאַטע האָט קאָמאַנדעוועט מיט די עסן־גרייטער, ער האָט די אַרבּעט צעטיילט אויפן אַמעריקאַנער שטייגער: די גרופּע האָט געמאַכט פיש, יענע גרופּע איז געווען פאַרטון מיטן געבּראָטנס, אַנדערע האָבן צוגעריכט דעם שנאַפּס, מאַנכע האָבן זיך גלאַט געבּאָמבּלט ווי אויף אַ גבירישער חתונה — און עס איז געווען ליהורים!

צו דער סעודה האט מען געקוילעט אַ בּהמה, קעלבּער, גענז און הינער.

פרייטאָג האָבן די חסידים געבּעטן די מלמדים, זיי זאָלן בּאַפרייען די חסידישע אינגלאַך פון חדר צוליב דעם רבין. איך אָבער, ווי אַ פּאָלקאָווניקס אַ זון, בּין בּאַפרייט געוואָרן נאָך דאָנערשטאָג. און אַז די אינגלאַך זיינען געקומען פון די חדרים, האָט מען זיי אויך מכבד געווען מיט אַרבּעט. עס איז געווען גענוג וואָס צו טון.

חסידים האָבן ליב אין אַלץ אַריינצוטראָגן פּריוולעגיות, און בּשעת מען האָט געמאַכט די פיש, פלעגט, אַשטייגער, אַ חסיד נעמען אַ העכט אין האַנט און דערמיט אַ פּאַטש טון דעם צווייטן חסיד סאַמע אין פּנים אַריין. איז געוואָרן אַ געלעכטער. אייגנטליך האָט מען מער געשטיפט ווי געאַרבּעט. דעם האָט מען אונטערגעגאָסן אַ קענדל קאַלט וואַסער אונטערן קאָלנער, אַ צווייטן האָט מען געגעבּן צו האַלטן אַ גרויסן פּאָלומעשאָק פיש. האַלט ער מיט בּיידע הענט דעם פּאָלומעשאָק און יעדער ציהט אים דערוויל פאַר דער בּאָרד, פאַר דער פּאה, פאַרן אויער, פאַר דער נאָז... און ער האַלט נעבּעך דעם פּאָלומעשאָק און קאָן זיך קיין עצה נישט געבּן. לאַכט ער אויך מיט אַלעמען. וואָס זאָל ער טון?

מיך האָט דער טאַטע אויך צוגעניצט. און שטיל, אויפן אויער, האָט ער מיר איינמאָל אָנגעזאָגט:

— פאַר אַ רבין דאַרף מען דרך־ארץ האָבן, פּונקט ווי פאַרן מלך...

ראָנערשטאָג האָט דער טאַטע געשיקט רופן דעם בעדער און אים אָנגעזאָגט, אַז די באָד זאָל ער אויף מאָרגן צוגרייטן מיט אַ פּאָר שעה פריהער; אַז עס וועט זיין צוגעגרייט, זאָל ער גלייך שיקן אָנזאָגן, דער רבי דאַרף גיין אין באָד אַריין. די מקוה זאָל אויך זיין צוגעגרייט. זאָל דער בעדער האַלטן גרייט אַ קעסל הייס וואַסער, וועלן קומען מאָרגן אין דערפריה די חסידים און אַריבערגיסן דאָס הייסע וואַסער אין מקוה אַריין פאַרן רבינס וועגן. פאַר דעם אַלעם וועט דער בעדער קריגן אַ פיינע מטבע.

אויף מאָרגן זיינען אַוועקגעגאַנגען פיר חסידים אין באָד און איבערגעגאָסן דאָס הייסע וואַסער אין מקוה אַריין. אַרום עלף אַזייגער איז שוין געווען גרייט די באָד. מען האָט געבראַכט די בויד און עס האָט זיך אַריינגעזעצט דער רבי מיטן משמש, דער טאַטע מיט ר' אהרעלען, מיט נאָך עטליכע פון די בכבודערע חסידים — אַ מנין דאַרף זיין, און מען איז אַוועקגעפאָרן אין באָד אַריין. דער טאַטע האָט מיך אויך גענומען: לויט זיין מיינונג, דאַרף איך זיך געפינען וואָס נעהענטער צו חסידים און נאָך מער צום רבין.

אַ מנין חסידים זיינען אַריין מיטן רבין אין באָד. דער עולם האָט זיך מיט גרויס יראה אויסגעטאָן און זיך אויסגעזעצט אין שוויץ־באָד אַרום רבין מיט די שעפעלאַך וואַסער. מען האָט זיך, ווי איך געדיינק, גאָרנישט געוואַשן. מען האָט נאָר געקוקט אויפן רבין, אויף זיין נאַקעט לייב, געקוקט מיט פחד און נייגעריגקייט צוזאַמען, פונקט ווי קינדער קוקן אויף אַ גרויסער וואונדערליכער צאַצקע.

דער רבי האָט זיך פּאַמעליך געוואַשן און געקרעכצט בעת מעשה מיט פאַרגלאָנצטע אויגן. אין דער טונקעלער לופט פון באָד האָט מאָרנע געבלייכט דעם רבינס לייב. און מיר, אַ קליין אינגעלע, האָט זיך געדוכט, אַז זיין נאַקעטער קערפּער וואַקסט ווילעוויז אין דער ברייט און אין דער לייננג.

דערווייל האָבן זיך אַריינגעגנבעט נאָך אַ צענדליג חסידים, עזות־פּנימער, וואָס וואָלטן זיך דורכגעריסן צום רבין אַפילו דורך אייזן. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט נעבן טיר מיט שעפעלאַך און אויך געקוקט אויפן רבין. באַ זיי איז געווען אַ קרן כאָטש פון ווייטן זעהן אַ שטיקל נאַקעט לייב דעם רבינס . . .

אַז דער רבי האָט זיך אַרומגעוואַשן, איז ער געגאַנגען אין מקוה מיט מיין טאַטן און ר' אהרעלען. איך האָב זיך אויך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי. דער רבי האָט זיך געשטעלט ביזן האַלז אין וואַסער, און די באָרד זיינע האָט זיך אָנגעפילט מיט ליכטיגע בלישטשענדיגע טראָפּן. עס איז געווען משונה: דער רבי, אַ איד מיט אַ גרויסער באָרד, שטייט אין אַ מקוה וואַסער.

פון מקוה איז דער רבי אַרויס מיט זיין געוויינליכן קרעכץ און איז אַוועק אָנטון זיך. די חסידים נאָך אים. דאָס אַלץ איז צוגעגאַנגען זעהר לאַנגזאַם. עס פאַרשטייט זיך, אַז די חסידים האָבן פון דער באָר גופא קיין הנאה נישט געהאַט. אַלע מאָל, געוויינליך, האָט מען זיך געוואַשן און געפּאַרעט. דאָס מאָל אָבער איז מען נאָר געווען אָנגעפילט מיטן הייליגן פּחד פאַרן רבין. דעם רבינס פּנים האָט אויסגעדריקט אַ צופרידנקייט, וואָס ער האָט זיך מקדש ומטהר געווען צו עבודת הבורא, און די חסידים האָט יערע תּנועה זיינע באַגייסטערט.

דער עולם האָט גיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דאָס העמד מיט די הויזן און אַלץ נישט אָפּגעריסן די אויגן פון רבין. לאַנג האָט געדרויערט זיין אָנטון זיך. פּאַמעליך און רוהיג האָט ער אַלץ געטאָן. אַזייגער איינס איז מען, גאָט צו דאַנקען, אַרויס פון באָר, און אַז מען איז געקומען אַהיים, האָט מען אים באַלד דערלאַנגט אַביסעלע זיסן בראָנפן, אַן אייער־קיכל מיט אַ שטיקעלע פיש...

פרייטאָג איז געקומען דער גאַנצער בריסקער כולל חסידים, און די שטוב איז געווען פול געפּאַקט מיט אידן, קאָפּ אויף קאָפּ.

צו קבלת־שבת האָט דער רבי געדאַוונט פאַרן עמוד. איידער ער איז צוגעגאַנגען צום עמוד, איז געוואָרן אַ שטיל־שווייגעניש, און די חסידים האָבן מיט גרויס יראה געוואַרט. באַלד האָט דער רבי אַרויסגעזאָגט לכו נרננה מיט אַזאַ הויך קול, אַז אויף אַלע חסידים איז געפאַלן אַ גרויסע אימה. נאָר תּיכף האָבן פון אַלע ווינקעלאַך די דאַוונער ווי איין מענש אָפּגעענטפערט מיט געזאַנג דעם רבין, און עס האָט זיך געדוכט, אַז די ווענט דאַוונען אויך. כאָטש איך בין אַ אינגל פון צען יאָר און פאַרשטיי ווייניג, פונדעסטוועגן האָט זיך מיר אויך איבערגעגעבן דער הייליגער פּחד פון די חסידים. אַז עס איז געקומען צו דעם אָרט פון זוהר: כגונא דאינון, האָט ער געגעבן אַזאַ געשריי, פּונקט ווי אַ מחנה חיל וואָלט מיט אַמאָל אין שטעטל אַריין, און אַלע האָבן זיך אַ צאַפּל געטאָן. נאָך איצט שטייט מיר זיין קול פאַר די אויערן, און פּונקט ווי איין מענש האָבן אַלע אַרויסגעשאָסן פון די העלזער מיט מאוימדיגע קולות:

— כגונא דאינון...

— גוט שבת! גוט שבת! האָט גענומען רוישן אין אַלע ווינקעלאַך, אַז מען האָט געענדיגט דאַוונען.

באַלד נאָכדעם איז מען איבערגעגאַנגען אין דער גרויסער עס־שטוב. דער רבי האָט אָנגעהויבן זאָגן שלום־עליכם, אַלע חסידים האָבן צוגעברומט, און איבערן שטוב, וואָס איז היינט געווען שטאַרק באַלויכטן, האָט זיך צעגאָסן אַ זיסער געזאַנג, אַ זיסער, נישט קיין שרייענדיגער, און אַ האַר־

צינגער, און עס האָט זיך געפילט, אַז די שבתדיגע מנוחה האָט אַלעמען פאַרכאַפּט און די נשמה טרייסלט אַראָפּ פון זיך דעם אָנדערוואָכנדיגן יאָך.
דערנאָך האָט דער רבי געמאַכט קדוש. אויג און אויערן זיינען אויסגע־שטעלט. יעדער חסיד פאַרזוכט פון רבינס כּוס. נישט אַלע חסידים אָבער האָבן געקאָנט פאַרזוכן פונם וויין, און די דאָזיגע שלימזלים האָבן געהאַט נעבעך גרויס צער דערפון.
דעם טאַטן האָט ער שוין גערופן בעל־הבית און נישט משה, ווי אַלע מאָל, און דעם טאַטנס אויגן האָבן געלויכטן.
דער עולם איז מער געשטאַנען אויף די בּיינק, ווי געזעסן. עס זיינען געווען מער ווי דריי הונדערט חסידים. אַזוי פיל ערטער איז נישט געווען. ווידער האָבן חסידים ליבער צו שטיין אויף דער באַנק: מען קאָן בעסער זעהן דעם רבין.
די אָרדענונג בּאַם עסן איז געווען אַזאַ:
די חסידים, וואָס זיינען געזעסן, האָט מען דערלאַנגט איין טעלער פאַר צווייען, און די, וואָס זיינען געשטאַנען, האָט מען געגעבן איין טעלער פאַר דרייען.
עס פאַרשטייט זיך, אַז דער רבי אַליין האָט באַקומען מאַוימדיגע פּאָרציעס פון יעדן מאכל, כּדי ער זאָל קאָנען איבּערלאָזן דערפון שיריים פאַר די חסידים. איך האָבּ איינגעזעהן, אַז דער רבי האָט ליבּ בּאַ יעדער געלעגנהייט צו קרעכצן מיט פאַרגלאָנצטע אויגן. האָט ער געגעסן פיש, האָט ער געקרעכצט, האָט ער געגעסן פלייש — ווידער געקרעכצט מיט פאַר־גלאָנצטע אויגן, פּונקט ווי ער וואָלט נישט קאָנען אַראָפּשלינגען דעם בּיסן.
און איינמאָל האָט ער אַרויסגעלאָזט אַזאַ „אוי, רבונו של עולם!“, אַז מיר האָט זיך געדוכט, דער סופיט האָט געפּלאַצט. איך האָבּ אָבער אויך איינגעזעהן, אַז די דאָזיגע קרעכּצענישן און אויקענישן האָבן צוגעגעבּן מער אַפּעטיט די חסידים.
אַז ער האָט אָפּגעגעסן, האָט ער אַ רוק געטאָן דעם טעלער פון זיך, האָט מען שוין געוואוסט, אַז דאָס זיינען שיריים. איז געוואָרן אַ שרעקליכע כאַפּעריי. די, וואָס זיינען געשטאַנען וויט, האָבן געבעטן בּאַ די גליקליכע, מען זאָל זיי כאָטש געבּן אַ בּרעקל צו פאַרזוכן. נאָר דער עולם איז געווען מוראדיג צעהיצט און פאַרשמייעט און עגאָאיסטיש. די בּעטער האָבּן וויינינג געפּועלט. צווישן די געריכטן האָט מען געזונגען. מיט נגונים האָט מען איינגנטליך קאָנקורירט. יעדערער האָט אויסגעזונגען אַ נגון, און אויבּ דער דאָזיגער נגון איז געפעלן געוואָרן, איז ער אָנגענומען געוואָרן אויף אַ געוויסער צייט, בּיז ער איז דערעסן געוואָרן. געדויערט האָט דאָס עסן אַ שעה פינף.

נאָכן עסן איז מען געגאַנגען שלאָפן אין סטאָדאָלע. דער רבי איז מיט גרויס פּאַראַד אָפּגעפירט געוואָרן צו זיך אין חדר.

אויף מאָרגן האָט מען זיך געשטעלט ראַוונען צען אַזייגער אין דערפריה, און צוועלף איז שוין געווען אָפּגעראַוונט. מען איז געגאַנגען עסן, און דער רבי האָט ווייטער אָפּגעקרעכצט מיט גרויסע פּאַרגלאָנצטע אויגן. עס האָט זיך איבערגעחזרט דאָסזעלבע, וואָס נעכטן, נאָך מיט מער פרישקייט. עס זיינען געווען פינף סאָרטן קוגלען: אַ לאָקשענער, אַ טרוקענער, אַן איינגעמאַכטס־קוגל, אַ רייז־קוגל און נאָך עפּעס אַ קוגל.

דערנאָך האָט מען דעם רבין דערלאַנגט אַ גרויס שטיק ענדיק, בּאַ וועלכן דער רבי האָט שטאַרק געקרעכצט. וויין און בראָנפן איז געווען לרוב.

אַזייגער פיר נאָכן עסן האָט מען געכאַפּט אַ טענצל, וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן בּיז מנחה און באַלד ווידער געזונגען. נאָר דער בעסטער זינגער, ר׳ ישראל, האָט נישט געזונגען. ער איז געווען אַ קאָצקער חסיד, און דער רבי האָט געשיקט אַ חסיד בּעטן אים צום טיש. ר׳ ישראל איז געקומען, אָבּער דעם גאַנצן שבּת איז ער געזעסן אַ שטומער. דאָס איז געווען נישט זיין יום־טוב, נישט זיין רבי, און עס איז געווען אַ רחמנות אויף אים. צו שלש־סעודות האָט זיך דער רבי געווענדט צו אים:

— ישראל, זינג עפּעס.

ר׳ ישראל האָט אַראָפּגענומען די הענט פון האַרצן, האָט זיך אַרומגעקוקט און אָנגעהויבּן... נאָך קיינמאָל האָט ער אַזוי נישט געזונגען... אַפּנים, אַז אין אים האָט דעמאָלט געזונגען די בּיינקשאַפט נאָך זיין רבין...

און די חסידים זיינען געבּליבּן פאַרגאַפט.

נאָך שבּת איז געוואָרן שיטערער. אַ סך זיינען זיך צעפאָרן, און דינסטאָג האָט דער רבי געגעסן דעם לעצטן מיטאָג אין קאַמעניץ. עס זיינען שוין געווען נישט פיל מענשן בּאַם טיש, און די קאַמעניצער חסידים זיינען געווען זעהר צופרידן, וואָס זיי האָבּן איצט פרייע ערטער אַרום רבּין.

איצט וועלן זיי קאָנען זעהן די שכינה, וואָס רוהט אויפן רבּינס שיינעם פּנים און וועלן הערן דעם רבּינס תּורות, וואָס מלאכים און שרפים ציטערן דערפאַר.

און דער רבי איז עפּעס געווען זעהר פרייליך און גערעדט בּאַם עסן מיט אַלע חסידים.

אַוועק אַלע פרעמדע חסידים, זיינען די קאַמעניצער געווען אויפן זיבּעטן הימל.

דאָס איז געווען, ווי געזאָגט, דער לעצטער מיטאָג אין קאַמעניץ. נאָך מיטאָג איז דער רבי אַוועקגעפאָרן צו איינעם אַ ישובניק און בּאַ אונז אין

שטוב און אין שטעטל איז געוואָרן שטיל, פונקט ווי אַ רוישיגער ים וואָלט אָפּגעפּאַלן און די כוואַליעס וואָלטן מיט אַמאָל אַנטרונען געוואָרן. דאָרטן אין דאָרף האָט נעבעך דער רבי געהאַט אַ מאוסן פּסק.*)

אַז איך רייד שוין וועגן דעם סלאָנימער רבין, ר' אברהם, קומט מיר אַרויף אויפן זכרון אַ פאַקט, וואָס האָט דעמאָלט אויפגערורערט די גאַנצע משפּחה אונזערע און וואָס כאַראַקטעריזירט אויסגעצייכנט דעם רבינס מאַכט איבער זיינע חסידימלאַך. דער עולם האָט אים געפאָלגט אין פייער און אין וואַסער.

געשען איז עס מיט מיין שוואָגער יחזקאל, דעם קאָמעניצער רבס זון.

באַ דעם דאָזיגן יחזקאלען האָבן זיך נישט געהאַלטן קיין קינדער, און דבורה, זיין טאָכטער, דאָס ווייבל, וואָס דער מחותן איז אַוועקגעשטאָרבן אין דער נאַכט פון איר חתונה, האָט אויך וויניג געלעבט. און ר' יחזקאל מיט זיין ווייב הדס זיינען אויף די עלטערע יאָרן געבליבן אָהן קינדער.

ר' יחזקאל פלעגט אַכט-ניין חדשים אין יאָר אומפאָרן פון סלאָנימער כולל נאָך ארץ-ישראל געלט, און די איבעריגע צייט איז ער געזעסן באַם רבין. ער איז געווען די ערשטע האַנט פון רבין.

איינמאָל פורים זיצט ער אַזוי נעבן רבין באַ דער סעודה. גיסט דער רבי אַליין אָן צוויי כוסות וויין: פאַר זיך און פאַר ר' יחזקאלען. טרינקען ביידע לחיים. דערבייאיגע חסידים קוקן מיט קנאה, ווי זיי טרינקען. נאָר נאָכדעם, ווי דער רבי גיט אַ זופּ, זאָגט ער:

— לחיים לחיים, יחזקאל. אם ירצה השם איבער אַ יאָר מיט אַ בן זכר...

חסידים האָבן אויסגעשטעלט מויל און אויערן און נישט געקאָנט פאַר-שטיין דעם רבינס רמז, וואָרום יחזקאל מיט זיין ווייב קאָנען שוין קיין קינדער נישט האָבן.

ר' יחזקאל איז אָבער געווען אַ קלוגער חסיד און באַלד פאַרשטאַנען דעם רבינס ברכה. גאָר פּשוט: אָפּגטן דאָס ווייב און נעמען אַן אַנדערע, אַ יונגערע... מיט הדסן האָט ר' יחזקאל אָפּגעלעבט עטליכע און פערציג יאָר, געלעבט ווי טויבן. ער איז געווען אַ פריילינכער מענש און אַ גרויסער בעל-מדה. דאָסועלבע איז געווען זיין פרוי. ביידע זיינען געווען וואונדער-ליך גוטע מענשן. דערצו איז זי געווען זעהר אַ ציכטיגע און אַ גרויסע בריה, אַ גרויסע בעל-הביתטע, און אַ ליבע היימליכקייט האָט געוויעט באַ זיי אין שטוב. און ביידע, זעכציג-יאָריגע, האָבן זיך שטענדיג אָנגעקוקט, ווי יונגע ערשט-פאַרליבטע קינדער.

דער רבי האָט אָבער מרמז געווען...

*) זעה מיין ערשטן טייל.

פאַרווירקליכן דעם רבינס רמז איז אַן ענין זעהר אַ שווערער. אָבער אַ חסיד איז ווי אַ גוטער סאָלדאַט. הייסט דער רבי, דאַרף מען פאָלגן. און יחזקאל האָט לאַנג געטראַכט און האָט הדסן אָנגעשריבן אַ בריף. אין בריף האָט ער געשריבן, אַז זיי מוזן זיך... גטן, אַזוי מיינט דער רבי. און קוים מיינט אַזוי דער רבי, איז דאָס מסתמא נגזר געוואָרן מן השמים און מען דאַרף עס אָננעמען פאַר ליב. און זי זאָל נישט מיינען, חלילה, אַז זי קאָן דאָס איבערמאַכן, ניין. וואָרום אַזוי ווי דער הימל קאָן קומען צו דער ערד, אַזוי קאָן זי שוין זיין פון היינט אָן זיין ווייב! און ער גיט איר טויזנט רובל כתובה־געלט, און דאָס געלט גיט דער רבי, וואָרום אַליין האָט ער קיין געלט נישט. און זי קאָן נאָך אם ירצה השם קריגן אַ שענערן אידן פאַר אים, זי קאָן נאָך חתונה האָבן, און בכן... א. אַז. וו.

דאָס ווייב האָט איבערגעלייענט דעם בריף און... געחלשט. איז אָנגעלאָפן די גאַנצע פאַמיליע און מען האָט אויפגעהויבן אַ ויצעקו.

— ס'טייטש, וואָס וויל ער, דער גזלן! אָפּקוילען דיך מיט אַ מעסער וויל ער! אַ איר האָט אָפּגעלעבט מיט אַ ווייב באַלד פופציג יאָר, געהאַט מיט איר זעקס קינדער און איצט וויל ער זי גטן. וואָס מיינט ער זיך, וואָס?

און מען האָט זי אויסגעריכט קיין סלאָנים צום רבין און צום מאַן. זאָל זי זיי דאָרט מאַכן שוואַרץ, ווי די ערד.

אָבער ר׳ יחזקאל איז שוין געווען אַוועקגעפאָרן נאָך ארץ־ישראל־געלט און האָט איבערגעלאָזט באַם רבין אַ פאָרמעלן גט.

האָט זי אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען און צו טענען כאָטש פאַרן רבין, אָבער דער רבי האָט זי איבערגעשלאָגן:

— אשה, קיין קינדער קאָנסטו שוין נישט האָבן, פאַרוואָס זאָלסטו שטערן דיין מאַן דערין? וואָס ווילסטו, דיין מאַן זאָל קיין תקומה נישט האָבן אויף יענער וועלט? ער קאָן נאָך נעמען אַ בת־בנים... געריינק, ועסטו מיך פאָלגן, וועסטו מאריך ימים זיין און איבער הונדערט מיט צוואַנציג יאָר אַרום וועסטו האָבן אַ ליכטיגן גן־עדן...

דערהערנדיג אַזוינע רייד, האָט הדס ווידער געחלשט. אָבער מיטן חלשן האָט זי דאָך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן דעם גט. דער רבי האָט זיך האַרטנעקיג געהאַלטן באַ דאָס זייניגע.

און זי האָט נישט ווילנדיג גענומען דעם צוגעגרייטן גט...

דערנאָך האָט איר ר׳ יחזקאל געגעבן געלט, און זי איז אַ דערשלאָגענע אַוועק קיין קיעוו.

שפּעטער האָט יעדער איינער פון דעם ראָזינן פּאָרל, וואָס האָבן זיך אַזוי ליב געהאַט, באַזונדער חתונה געהאַט...

אין קיעוו, וואוהין זי איז אַוועקגעפֿאָרן, האָט זיך איר געמאַכט זעהר אַ געראָטענער שדוך מיט אַ שיינעם אירן מיט געלט, מיט כּבוד א. אַז. וו. האָט זי חתונה געהאט און צו דעם נייעם מאַן איז זי אויך געווען ווייך, טריי און איבערגעגעבן. און זייטיגע האָבן געזאָגט אויף זיי, אַז זיי לעבן, ווי טייבעלאַך. אוראי איז עס נישט געווען קיין גוזמא.

ר' יחזקאל ווידער האָט גענומען אַ מיידל פון צוויי און צוואַנציג יאָר... פֿאַר דער ראָזיגער כּלה זיינער איז ער אויף אַזאַ אופן עלטער געווען סך הכּל מיט אַ פערציג יאָר...

מיט דעם נייעם ווייב האָט ער געהאַט צוויי מיידעלאַך... דער רבּי האָט נישט געטראָפֿן. מיט פּרנסה איז ער געווען באַזאָרגט. דער סלאָנימער רבּי האָט אים צוגעזאָגט שיקן נענוג צום לעבן, און ר' יחזקאל איז אַרויס־געפֿאָרן קיין ירושלים. און אַ מאָרגנער צופֿאַל: הרס מיטן מאַן זיינען אויך אַרויסגעפֿאָרן קיין ירושלים און איר איז געווען באַשערט ראָרט צו וואוינען אין איין נאַס מיט איר אַמאָליגן מאַן. עס פלעגט זי זעהר קלעמען, וואָס ער האָט אַ יונג ווייב מיט צוויי קינדער. פון צער איז זי אפילו איינמאָל קראַנק געוואָרן.

ר' יחזקאל האָט זיך דאָרט געפֿירט חסידיש, ווי בּאַ זיך אין דערהיים, און האָט געהאַט זעהר אַ שיינעם נאָמען.

מאַנכע פלעגן קומען צו אים נאָך אַ בּרכה. אָבער ער פלעגט אַרויס־טרייבן פון שטוב מיט דער ראָזיגער „קללה“:

— גאָט זאָל אייך בענשן...

אַ סוף האָט ר' יחזקאל געהאַט אַ שלעכטן. איינמאָל, פרייטאָג צו נאַכטס, בעת ער איז געשטאַנען בּאַם טיש און געמאַכט קדוש, איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ שטיק סופיט און געטראָפֿן אים אין קאָפּ אַריין. ער איז אויפן אָרט דער־הרגעט געוואָרן.

אַז הרס האָט דערהערט, וואָס מיט איר געוועזענעם מאַן האָט געטראָפֿן, האָט זי געטאָן דאָס אירינגע: זי האָט געחלשט און געחלשט...

אָט אַזוי האָט דער רבּי צעשיידט צוויי נשמות נאָך דעם, ווי זיי האָבן אָפּגעלעבט צוזאַמען קאַרגע פופציג יאָר. האָט ער עס געהאַט אַ מאַכט, דער רבּי!

מיט דעם ראָזיגן יחזקאלען זיינען גלאַט פֿאָרגעקומען מאָרנע זאַכן. ווי געזאָגט, האָט ער געהאַט זעקס קינדער און אַלע זיינען זעהר יונג גע־שטאָרבן. געבליבן איז אים נאָר איין טאָכטער רבורה. ציטערנדיג פֿאַר איר לעבן, האָט מען זי חתונה געמאַכט צו פופצען יאָר. די חתונה איז געווען אין קאַמעניץ. דער מחותן איז געווען, געריינק איך, זעהר אַ ריקער און אַ שיינער איד, אַן „אָסאָבע“, בּלוט האָט אים געשפּריצט פון

פּנים, ער איז אינגאַנצן עטליכע און דרייסיג יאָר אַלט געווען. נאָך דער חופּה האָט ער געזאָגט, אַז ער פילט זיך נישט גוט און איז אַוועק צו זיך אויפן סטאַנציע — צולייגן זיך אַביסל.

— איך בין מיר פון וועג און פון דער גאַנצער חתונה־צערעמאָניע — האָט ער געזאָגט.

די חתונה איז געווען באַם רב אין שטוב. מען האָט געשפּילט און גע־טאַנצט און געהוליעט, אויף וואָס די וועלט שטייט. די גאַנצע שטאָט איז געקומען משמח זיין דעם חתן מיט דער כּלה. באַ אונז איז געווען אַ מאָדע צו שטעלן אַ חופּה פאַרנאַכט. פאַר דער חופּה טאַנצן מיידלאַך, ווייבלאַך; נאָך דער חופּה טאַנצן מאַנסבּלען און מען איז זיך משמח ביז עלף — צוועלף באַנאַכט. דערנאָך איז אַ וועטשערע. נאָך דער וועטשערע. טאַנצט מען ווייטער ביז זיבן־אַכט אין דערפריה.

דער עולם האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעטאַנצט און מען האָט פאַרגעסן, אַז דער מחותּן פעלט. אַ צוויי שעה נאָך דער חופּה האָט מען זיך דער־מאָנט אָן מחותּן. איז מען אַוועק נאָך אים. אָבער ווי צעטומלט, דער־שראָקן איז מען געוואָרן, אַז מען האָט געפונען דעם מחותּן אַ טויטן. ער איז געלעגן אָהן אָטעם אויפן בעט. האָט מען אויפגעהויבן אַ גוואַלד, איז מען געקומען צולויפן פון שטעטל און פון דער חתונה.

קענטיג, אַז דער מחותּן איז נאָר וואָס געשטאָרבן, וואָרום ער איז נאָך געווען אַ וואַרעמער. דער עולם איז געשטאַנען אַ צעמישטער, אַ צעטומל־טער און האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טון: צי ווייגען נאָכן געשטאָרבענעם, צי פרייען זיך מיט דער חתונה. דער רב האָט אָבער געזאָגט, אַז חתן־כּלה טאָרן נישט וויינען אין דעם טאָג פון חתונה. האָט מען געכאַפּט שנעל דעם טויטן מחותּן און אַוועקגעלאָפן מיט אים אויפן בית־עולם. באַלד האָט מען פאַרטיג געמאַכט אַ קבר און מען האָט אים באַגראָבן. צענדליגער אידן האָבן זיך מתעסק געווען מיט דער מצוה, כּדי עס זאָל נישט אויסקומען חתן־כּלה צו וויינען. עס האָט נישט געדויערט קיין צוויי שעה, און ער איז שוין געווען אַ באַגראָבענער... אָקאָרשט האָט געלעבט אַ מענש — און אָט ליגט ער שוין אין דער ערד.

חתן־כּלה זיינען געווען אַ ווײַלע אויפן בית־עולם. באַלד האָט מען זיי געבראַכט צוריק און עס האָט זיך אָנגעהויבן די וועטשערע. קיינער האָט נישט געטאָרט וויינען. דערנאָך האָט דער עולם געטאַנצט... די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, דערשלאָגן, אין די אויגן — נישט אויסגעוויינטע טרערן, נאָר די פּיס האָט מען מיט געוואַלד געהויבן: מען טאָר דעם חתן נישט לאָזן וויינען נאָך זיין טאַטן... דאָס איז עפּעס געווען שרעקליך.

אַז דער גרויל און דער צער פונם אָקאָרשטינגן טויט האָט ראָך מנצח געווען די געמאַכטע פרייליכקייט און די פיס זיינען געבליבן שטיין אין מיטן טאַנצן, האָט דער רב געהייסן טאַנצן קליינע קינדער. מען מוז משמח זיין חתן־כלה. האָט מען גענומען זעקס־אַכט־יאָריגע אינגלאַך מיט מיידלאַך און געהייסן זיי טאַנצן.

די כלי־זמר האָבן געשפּילט. איך בין רעמאָלט אַלט געווען זעקס יאָר און מען האָט מיך אויך איינגעלאַרן טאַנצן, אָבער איך בין נישט געגאַנגען.

— נאַרעלע, גיי טאַנצן — האָבן מיך אַלטע ווייבער צוגערערט.

איך האָב נישט געפאָלגט...

... ראָס חסידישע הוליען און שטיפן האָט גאָר קיין שיער און קיין גרענעץ נישט געהאַט. און טאָמער האָבן זיך אויסגענומען די אַלטע שפּיצלאַך, האָט מען אויסגעטראַכט נייע. איינמאָל איז געקומען צו אונז יאָסעלע רער חסיד און גערופן דעם טאַטן אין שטיבל אַריין. מען ראַרף אים ראָרט נויטיג האָבן. אַז מען איז געקומען רופן, ראַרף מען גיין. ווי קאָן זיך ראָס אַ חסיד אָפּזאָגן?

רער טאַטע האָט מיך אויך גענומען.

אין שטיבל האָבן זיך געפונען אַלע חסידים. אַז מיר זיינען אַריינגעקומען, האָט רער עולם געלאַכט מיט פאַרפלאַמטע פנימער. איך בין רעמאָלט אינגאַנצן אַלט געווען אַ דריי־פיר יאָר און האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס רער עולם לאַכט, וואָס ער צאַפּלט זיך פון געלעכטער. ראָס איז אָבער באַלר קלאָר געוואָרן. גאָר אַ פשוטע זאַך: רער עולם חסידים האָט באַשלאָסן אָפּצושמייסן די סאַמע פיינסטע און יחסנישע חסידים, כּדי זיי זאָלן געדיינקען אויף שטענדיג, אַז אַ מענש ראַרף זיך נישט האַלטן גרויס בּאַ זיך, ראַרף נישט האָבן קיין סימן פון גאוה אין זיך. אמת טאַקע, איצט פירן זיך אויף די יחסנישע חסידים אָרנטליך, פיין, אָהן גאוה. אָבער אַז מען ווערט גערעכנט פאַר אַ פיינעם חסיד, איז ראָס שוין אויך אַ טריט צו רעם חסרון, און דעריבער ראַרף מען פאַרכאַפּן פריהער און אַריינקאַטעווען, כּדי עס זאָל גאָר קיינמאָל צו רעם חסרון נישט קומען.

רער אַרט שמייסן ראַרף אויך צוגיין פשוט: אַוועקגעלעגט אויפן טיש מיטן פנים אַראָפּ, פאַרקאַטשעט די קאַפּאָטע און — שיט!

צוערשט האָט מען געוואָרפן גורל, ווער זאָל זיך לייגן רער ערשטער. רער גורל איז געווען אויף אַזאַ אופן: מען האָט אויפגעעפנט אַ סידור, און אַז דער ערשטער אות פון בלאַט האָט אָנגעוויזן רעם ערשטן אות פון אַ נאָמען, איז יענער, מחילה, זיך געגאַנגען לייגן....

אַז איך האָב דערזעהן, ווי אַ בערדיגער איד האָט זיך אַוועקגעלעגט אויפן טיש און חסידים האָבן מיט אַלע כּחות גענומען פּאַטשן אין אַ באַשטימט אָרט, איז מיך באַפאַלן אַ געוואַלדיגע שמחה.

— אָט איז אַ גוטע שפּיל! — האָב איך אָנגעקוואָלן.

דער בערדיגער איד האָט געלאַכט און געאויקעט צוזאַמען.

אָבער אַז עס איז געקומען צו מיין אָרימען טאַטן, אַז מען האָט אים אַרויפגעלעגט אויפן טיש מיטן פּנים אַראָפּ, און אַ מחנה חסידים האָבן אויפגעהויבן די הענט מיט פאַרפלאַמטע געזיכטער, האָט זיך מיר עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן און איך האָב גענומען וויינען מיט אַזוינע קולות, פונקט ווי מען וואָלט מיך וועלן קוילען.

איך האָב געוויינט מיט אַלע כּחות. די חסידים זיינען אָפּהענטיג געוואָרן, די האַנט האָט זיך זיי אַראָפּגעלאָזט, און אויף אַזאַ אופן האָב איך „אָפּגעראַטעוועט" מיין אָרימען טאַטן. שווער, הייסט עס, צו שמייסן פאַר אַ וויינענדיג קינד אין די אויגן.

— אַי, משה, — האָט אַ חסיד פאַרדראָסיג געשאָקלט מיטן קאָפּ און צוגעלעגט אַ פינגער צום נאָז, — צי האָסטו אַמאָל נישט געבראַכט אומישנע דיין אינגל?.. דאָס וועט וויינען, און מיר וועלן דיך נישט קאָנען שמייסן...

נאָר מיין טאַטע האָט געלאַכט. ער האָט געמענגט לאַכן, וואָרום ער האָט נאָך דעמאָלט קיין באָרד נישט געהאַט און איז אוראי אַלט געווען אַ יאָר זיבעצן — אַכצען... אין זיינע יאָרן איז נישט אַזוי שרעקליך געשמיסן צו ווערן, בפרט נאָך, אַז ער קאָן שמייסן אויך אַנדערע. ער האָט אָבער שוין געהאַט אַ קינד און דאָס קינד האָט געשטערט...

אָפּגעגאָלטן האָט נאָר מיין טאַטן אַליין. ווייטער האָט מען געקאַטעוועט אויף וואָס די וועלט שטייט.

אַז עס איז געקומען צו ליב קרוהעלער, אַ גרויסער שטיפער און זעהר אַ געזונטער יונג, האָט ער זיך נישט געלאָזט נעמען. אים האָבן, אַפּנים, נישט אַזוי געשראָקן די שמיץ, ווי עס איז אים געווען אַנגענעם דאָס ראַנגלעניש, אַוועקשטויסן פון זיך, נישט לאָזן זיך כאַפּן. איז ער אומגעשפּרונגען אויף בײַנק און אויף טישן, דאָ האַלט מען אים פעסט און דאָ רייסט ער זיך אַרויס און שטייט שוין מיט אַ פולן מויל געלעכטער אויף אַ ווייטער באַנק, אויף אַ טיש. און ער האָט שטאַרק פאַרמאַטערט דעם עולם. עס האָט אַלעמען אָפּגעגאָסן מיט שווייס. אָבער אַ כּלל איז פּאָרט שטאַרקער און מען האָט אים געפּאַקט. עס פאַרשטייט זיך, אַז ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, דער האָט איצט געשאָטן מוראדיגע פּעטש. מיט דעם ראָזיגן ליב קרוהעלער האָט זיך געענדיגט די שפּיל. ער איז געווען דער לעצטער.

באַלד זײַנען אַנידערגעשטעלט געוואָרן אויפֿן טיש עטליכע פלעשער שנאַפּס. עס האָט זיך באַוויזן אַ גרויסע חלה מיט הערינג און דער מידער עולם האָט געטרונקען דעם פרייליכן לחיים. נאָכן טרינקען איז מען אַוועק אַ טענצל. אַקסל צו אַקסל, האַנט צו האַנט, פּנימער פאַרשוויצט, רויט, באַגייסטערט און צו דעם גרויסן רעש פון די טריט איז באַהעפט געוואָרן אַ לעבעדיגער, אַ כוואַטישער חסידישער נגון.

אָט אַזוי האָבן זיך געפרייט חסידים.

די שמחה פון שמייסן פרעמדע האָט באַלד פאַרלאָשן אין מיר דעם צער פון דעם, וואָס מען האָט געוואָלט שמייסן מיין טאַטן, און פון דער דאָזיגער חסידישער שפּיל בין איך אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען אַ באַגייסטערטער.

און שפּעטער האָב איך מיך באַרימט פאַר מיינע חדר־חברים:

— האָט מען דאָס געשמיסן גרויסע טאַטעס... איך האָב אַליין געזעהן... אַי, האָט מען געשמיסן... איך האָב אַליין געזעהן...

— וואו? — האָבן זיי מיט קנאה געפרעגט.

— אין שטיבל... האָב איך מיט גאווה אַ טרייסל געטאָן מיט דער האַנט.

און מיינע חדר־חברים האָבן מיר נישט פאַרגינען דאָס גליק... אַ קליי־ניגקייט, זעהן ווי מען שמייסט גרויסע טאַטעס.

קאַפּיטל III

ווידער בילדונג. — אָפּגעגאַרט. — מיין נסיעה קיין בריסק. — האָלבערשטאַם. — דער ליגן. — איך פאָר קיין ביאַליסטאָק. — די נסיעה. — „אכט פאַרשווינדלאַך“. — דער בעל־עגלה. — מיר ווערן דערשטיקט. — איך ווייס נישט, וואו איז מיין פוס. — די בלאָטע. — געפּלאַצט אַ ראָד. — „אָבאָטניקעס“. — שיער נישט געשטאָרבן. — ביאַליסטאָק! — די מומע. — אַ בריוו. — מיין שוואַכקייט. — איך פאָר אהיים. — נאָרנישט. — צוריק אין דערהיים. — וואַנדערן ווילט זיך. — וואַרשע.

צו דער צייט איז בײַ מיר פאַרבליבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז איך מוז „אַוועקוואַרפן“ מיין ווייב מיטן זון און אַוועקפאָרן שטודירן.

דאָס איז אַפילו אַ שווערע זאַך פאַר מיין ווייב. זי איז אַ יתומה, אָהן אַ מוטער און אָהן אַ פאָטער, מיט אַ קינד אויפן האַנט. ווי קאָן איך זי איבער־לאָזן בײַ מיינע עלטערן, וואָס די מאַמע אינטערעסירט זיך מיט קיינעם נישט, נאָר מיט איר חובות הלבבות, און דער טאַטע איז צו איר אינגאַנצן אָפּגעקילט געוואָרן.

דאָס איז בײַ מיר געווען אַ גרויסע פראַגע, און איך האָב זיך אַ סך געפּייניגט. צו קיין געשעפט טויג איך נישט, ווייל איך בין בײַ זיך יחסנדיג, הייסט עס, אַז געשעפט פּאַסט מיר נישט. ווידער בין איך „דער גרויסער“ ערליכער מאַן און קאָן נישט שווינדלען, איז אויף אַזאַ אופן דאָס גלייכסטע — שטודירן, וואָס מיר האָט זיך זעהר געוואָלט נאָך פון פריהער. דורך בילדונג, ווידער, וועל איך מפרנס זיין מיין ווייב.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז פון מיר קאָן אַרויסקומען אַ רעכט־געבילד־רעטער מענש, וואָס וועט קאָנען בכבוד מפרנס זיין ווייב און קינד. קוים וועל איך זיך נעמען דערצו, וועל איך אין אַ דריי־פיר יאָר אַרום געוויס ענדיגן מיין שטודיום, און איך בין אַ באַוואָרנטער מענש. כּדי צו ווערן אַ רב, צום בייספּיל, דאַרף מען האָרעווען אַ צען־צוועלף יאָר און דערנאָך קאָן מען ערשט קיין שטאָט נישט געפינען. אויך איז מיר פון דער פּראַקטיק געווען באַקאַנט, אַז דער, וואָס האָט נאָר עפּעס געענדיגט, איז ער שוין

געווען באַוואָרנט מיט פּרנסה, און מיין באַשלוס האָט אין מיר געוואַקסן און געוואַקסן. וואָרום אויפן דאָרף, האָב איך נישט אָהן גאוה געטראַכט, וועלן מיר אַלע פאַרגרעבט און פאַרפאַלן ווערן. נאָר איין מאָל פאַר אַלע מאָל יעבור עלי מה, אַלץ אין דער וועלט וועל איך ליידן, הונגער, נויט, רחקות, אָבער נישט פאַרגרעבט צו ווערן. מיין ווייב האָט אויך איינגעשטימט מיט מיר, אָבער נאָר לפּנים ווענן. אין האַרצן, האָב איך פאַרשטאַנען, וואָלט זי שוין בעסער געוואָלט ווערן אַ ישובניצע אָדער אַ גוטע קרעטשמערין, אָדער אַ גוטן פּאַקט האַלטן, וואָס דאָס האָט אונז אייגנטליך געקאָנט אָנקומען גאַנץ גרינג דורכן זיירן. זי האָט אָבער אויך פאַרשטאַנען, אַז בײַ די ראָזיגע זאַכן וועל איך מיך לאַנג נישט קאָנען האַלטן.

און דערפאַר האָט זי איינגעשטימט.

מאַכן אַן אָנהויב איז דאָך געווען זעהר שווער. ווי לאָזט מען פאָרט דאָס ווייב בײַ שווער און שווינגער? דאָרט וועט איר זיין אומעטיג און נישט גאָר גוט. קיין אַנדער אָרט — עפּעס אַ בעסערס האָב איך נישט געפונען. וואָס טוט מען אָבער? מען מוז דאָך פאָרט אַוועקפאָרן, און בײַ מיר איז געבליבן זי אָפּנאַרן (צוליב בילדונג מעג מען...), אויסטראַכטן עפּעס אַ נסיעהלע און אַוועקפאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן, דערבײַ זאָל איך קאָנען נעמען אַביסל זאַכן מיט זיך. פאָרן וועל איך, למשל, קיין בּריסק, וואו מיין אַלטער באַקאַנטער משכיל וועט מיר אָנווייזן, ווי אַזוי און אויף וואָס פאַר אַן אופן איך זאָל זיך נעמען דערצו.

דאָס איז געווען מיין צווייטע רייזע קיין בריסק מכּח בילדונג.

געווען איז בײַ מיר אין דערזעלבער שטאָט אַ רייכע מומע, אַ מכניס־אורחטע, און אויך אַ חבר מיינער — שמואל מאַירימס, מיט וועמען איך פלעג אָפּט פילאָזאָפירן. געווען איז ער אַ אינגל אַן עלוי און אַ קלוגער און אַן אָריגינעלער חקרן. און דערבײַ פלעגט ער אויפן אַמאָליגן שטייגער פאַסטן שובבי״ם ת״ת, אַלע פרייטאָג און עשרת ימי תשובה. נאָך דער חתונה אָבער איז ער געוואָרן אַ מ ש כּ י ל, זעהר אַ פרייער און אַ אויפ־געקלערטער, און האָט באַלד געקראָגן אַ שם פאַר אַן אַפּיקורס. דער ראָזינגער שמואל האָט מיך אויך עקסטרע צוגערערט, איך זאָל שטודירן, וואָס ער האָט אַליין זעהר געוואָלט און נישט געקאָנט צוליב זיין טוך־קראָם. ווי אויף צו להכעיס איז זיין טוך־קראָם אַוועק גאָרנישט שלעכט.

— איך וואָלט געוואָלט זיין בּ ע ס ע ר אַ ק ב צ ן, נאָר אַ ג ע ש ט ו־ ד י ר ט ע ר — האָט ער זיך מיט אַן אמת נעקלאָגט.

געבליבן איז בײַ מיר מיט אים, איך זאָל פאָרן קיין ביאַליסטאָק, וואָס איז דעמאָלט געווען אין אונזער סביבה דער ערשטער פונקט פון השכּלה. אָן דער שפּיץ פון דער ביאַליסטאָקער השכּלה איז געשטאַנען זאַבלוראָווסקים אַן

איידעם — אליעזר האַלבערשטאַם, אַ בערלינער משכּיל, וואָס האָט זיך גענומען צו בילדן אַלע ביאַליסטאָקער יונגעלייט. טויזנטער רובל האָט עס אים געקאָסט אַ יאָר. ער האָט אויך געקראָגן צו דעם צוועק גרויסע סומעס געלט פון זיינע באַקאַנטע משכּילים און סוחרים, און כאָטש אַליין איז ער געווען אַ טוך־פאַבריקאַנט, האָט ער זיך דאָך אָפּגעגעבן מער מיט השכּלה, איידער מיט דער פאַבריק. דאָס געשעפט האָט געפירט זיין ווייב, אַ פרוי — אַ בריה, און ער האָט זיך געטאָן זיינס: אָפּגערערט יונגעלייט פון בית־המדרש און געבילדעט זיי. קיין געלט, ווי געזאָגט, האָט מען נישט געקאַרגט.

אין אָט דער צייט, אין האַלבערשטאַמס צייט, זיינען געווען אין ביאַליסטאָק צענדלינגער גטן צווישן מאַן און ווייב. די שווער האָבן אָפּגעגט זייערע איידעמס, וואָס זיינען גענומען געוואָרן אַלס לומדים און פרומע לייט און זיינען דערנאָך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אַפּיקורסים“. אין ביאַליסטאָק איז געווען אַן אמתע איבערקערעניש, און די שטאָט האָט גע־קראָגן אַ שם פאַר אַן אַפּיקורסישע שטאָט, אַ שטאָט פול מיט השכּלה און בילדונג.

אַ צווייטער באַקאַנטער מיינער, אויך אַ משכּיל, איינער אַ בערגזאָהן, האָט מיר געגעבן אַ בריוו צום ביאַליסטאָקער ראַבינער, אויך אַ משכּיל, טאַקע האַלבערשטאַמס אַ יריד. אין בריוו איז געווען געשריבן, אַז איך קען נאָך גאָרנישט קיין רוסיש. אויסער תּלמוד — קען איך גאָרנישט. נאָר, לויט ווי אים שיינט, קאָן פון מיר אַרויסקומען אַ גוטער משכּיל. וואָרום, שרייבט ער, אַ יונגערמאַן פון אַ דאָרף, וואָס קאָן האָבן דאָרט פּרנסה, רייסט זיך אַזוי צו השכּלה און „ליכט“, מסתּמא זיצט אין אים אַ גרויסער גייסט... לכן דאַרף מען אים שטיצן און באַהילפיג זיין א. אַ. וו. א. אַ. וו.

איצט, אַז באַ מיר איז שוין געווען קלאָר דער פּלאַן, ווי אַזוי איך זאָל גיין צו מיין ציל, בין איך געפאָרן אַהיים, און פאָרנדיג האָב איך אָפּגעקלערט, ווי אַזוי אָפּצונאַרן מיין ווייב. איך וועל איר זאָגן, אַז איך דאַרף פאָרן קיין ביאַליסטאָק אויף אַ פּאָר וואָכן צייט, און דערביי האָב איך פאַרפּאַסט זעהר אַ גרויסן און אַ לאַנגען ליגן: היות ווי מיין מומע פון ביאַליסטאָק, דער מוטערס שוועסטער, אַ נגידה, האָט געבעטן איר מאַנס אַ שוואָגער, וואָס איז געפאָרן קיין בריסק, אַז ער זאָל אַראָפּפאָרן אין וואַכנאָוויטש און זעהן, צי איך בין דאָס טאַקע אַזאַ וואוילער יונגערמאַן, ווי מען לויבט מיך. אויב יאָ, זאָל ער מיך מיטנעמען קיין ביאַליסטאָק, וואו זי, די מומע, וועט שוין פאַר מיר קריגן זעהר אַ אָנשטענדיגע שטעלע, באַ וועלכער איך וועל זיין גליקליך. אָט דעם שוואָגער, וואָס האָט זיך געקליבן קיין וואַכנאָוויטש, האָב איך גראָד געטראָפן אַקוראַט אין בריסק. איך בין אים געפעלן געוואָרן,

און ער האָט מיר געהייסן פאָרן אַהיים נאָך מיינע זאַכן און קומען גלייך קיין ביאַליסטאָק.. .

דער לינגן איז גרויס און פאַרפּלאָנטערט. מיר איז, דעם אמת געזאָגט, זעהר שווער געווען צו זאָגן דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַ ליגן. דאָס איז באַ מיר געווען ערגער ווי דער טויט. מיין פּנים איז מיר שוין רויט געוואָרן, ווען איך האָב נאָר געטראַכט וועגן דעם, זיצנדיג אויפן פויערשן פורל.

האָב איך דעם גאַנצן וועג זיך געראַנגלט און געפּיינינגט: צי זאָל איך זאָגן אַזאַ גרויסן ליגן מיין ווייב און ווערן דערפאַר אַ געבילדעטער מענש, אָדער בלייבן אַ ישובניק-אין דאָרף צווישן די פויערים מיט די חזירים?

אָבער איך האָב זיך איבערגעשטאַרקט און באַשלאָסן פעסט אויס־צופירן מיין פּלאַן.

געקומען צופאָרן אַהיים, האָב איך באַלד אָפּגעטאָקט דעם ווייב די גרויסע בשורה: אַזוי און אַזוי, געשעפט, גליקליך, געטראָפן פּלוצלינג דער מומעס שוואָגער אין בריסק, געפעלן געוואָרן אים און אַז. וו.

די „גוטע בשורה“ האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויפן ווייב און מיר איז נאָך ערגער געוואָרן אויפן האַרצן, זעהענדיג, ווי דאָס ווייב ווערט נעבעך אומזיסט איבערראַשט פון דער דאָזיגער בשורה, וואָס איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב איר צוגעזאָגט אַראָפּצונעמען זי קיין ביאַליסטאָק, אַ שטאָט זעהר אַ שיינע, פול מיט לומדים און משכילים און מיט נאָך גוטע זאַכן. דאָס ווייב איז געבליבן באַרוהיגט און צופרידן.

און אַזוי אַרום האָב איך מיך לעגאַל צוגעגרייט אין וועג אַריין, גענומען די אַלע נויטיגע זאַכן, פאַרפּאַקט, און — אַוועקגעפאָרן.

דעם גאַנצן וועג האָבן זיך באַ מיר געגאָסן טרערן, געגאָסן און געגאָסן, און מיר האָט שטאַרק באַנג געטאָן אויף מיין ווייבל, וואָס איז אָפּגענאַרט און איבערגעלאָזט געוואָרן אַליין.

אין בריסק האָב איך מיך געזעהן מיט מיינע משכילים און באַלד געדונגען קיין ביאַליסטאָק, אַכצען מייל פון בריסק, אַ בעל־עגלה מיט אַ בויד און מיט דריי פערד. דער מקח פון אַ פאַרשוין איז געווען אַ רובל מיט פופציג.

מיין נסיעה קיין ביאַליסטאָק איז אָבער געווען אַזאַ טשיקאַווע און דערביי אַזאַ שווערע — אַמאָליגע יאָרן — אַז עס לוינט זיך צו באַשרייבן זי לייגגער.

אַז איך האָב געפרעגט דעם בעל־עגלה, וויפיל פאַרשוינען וועט ער נעמען אין בויד, גיט ער זיך אַ זאָג:

— אַכט פאַרשוין...

אַכט פאַרשוין — אויסער סחורה, ווי: אייזן, פעקלאַך, פעסלאַך, זעקלאַך און נאָך אַזעלכע זאַכן! האָב איך אים צוגעזאָגט דריי רובל „האָנאָראַר“

און זאָל ער נעמען וויינינגער נפשות. וואָרום אַניט וועט מען רערשטיקט ווערן. מיין בעל־עגלה האָט איינגעשטימט.

באַלד ווי מען איז אַרויסגעפאָרן, זיינען אין בויד געזעסן אַרום זעקס נפשות. רערצו אַ ים מיט סחורה — קאָן שוין וועגן באַקוועמליכקייטן גאָר קיין רייד נישט זיין. אגב פיל איך שוין, אַז איך ווער רערשטיקט. הויב איך מיך אָן קלאָגן:

— ס׳טייטש, איך גיב דאָך אייך דאָפּלט געלט, דאַרפן דאָך פאָרן וויינינגער נפשות? איר האָט דאָך געזאָגט, אַז מען וועט פאָרן זאַלבעפערט?

— איז וואָס ווילט איר — ענטפערט ער מיר נישט גאָר געלאַסן — מיט אייערע עטליכע רובל זאָל איך שפּייזן מיינע דריי פערד מיט אַ ווייב און זעקס קינדערלאַך, להבדיל?...

שווייג איך שוין. זיינען מיר אָפּגעפאָרן אַ ו י אָ ר ס ט ווע, זיינען צ ו־ג ע ק ו מ ע ן נ אָ ך אַ פּ אָ ר פאַרשווינען און ביז ו ו י ס אָ ק ע, זעקס מייל פון בריסק, זיינען שוין, גאָט צו דאַנקען, ג ע ז ע ס ן צ ע ק וו ע ט ש ט ע אין בויד גאַנצע צ ע ן נפשות, אַלטע אידן, אירענעס, ווייבלאַך, מיידלאַך, בחורים... פון וויסאָקע, ווידער, האָט ג ע ש ט י ג ן אויף צ וו ע ל ף פאַרשוין... איז מען געזעסן איינער אויפן צווייטן, רער האָט געשריען: אוי, דער פוס, רער — די הענט. קיינער האָט נישט געוואוסט, וואו די פיס זיינע זיינען, און דער בעל־עגלה טוט נאָר און שרייט:

— וויאָ, וויאָ!... ער האָט, אַפּנים, געהאַט משא, אויסער פּאַסאַזשירן, אַ ר ו ם ה ו נ ד ע ר ט פּ ו ד. דערצו איז נאָך אָסיען־צייט, עס רעגנט, נאַס. די פערד קאָנען נישט גיין, אַ בלאָטע, ווי אַ געריכטע קאַשע. נעמען די פערד נישט דעם וואָגן, שמייסט ער די שקאַפּעס, שלאָגט, שרייט, וויאָקעט — ביז זיי בלייבן שטיין אינגאַנצן. שטעהען זיי. הייסט דער בעל־עגלה, מיר ז אָ ל ן אַ ל ע אַ ר ו י ס ג י י ן פון בויד.

— די בלאָטע... איר ז ע ה ט נישט — וואַרפט ער זיך מיט דער בייטש צו אונז און צו די פערד.

הויבן מיר אָן אַרויסצוקריכן איינציגוויין כסדר. איז געוואָרן אַ געשרייעריי, אַלע האַלטן אין איין פילדערן און איצט האָט מען אָנגעהויבן צו פ י ל ן די פיס מיט די הענט, מיט אַלע אברים. אָבער, גאָט מיינער, זיי טוען וויי! באַ די זיינען פאַרשלאָפן די פיס, באַ די — אָפּגעלעגן אַ האַנט, באַ יענע — אַ זייט, און דער בעל־עגלה שרייט:

— גיכער רירט זיך, יחסנים, פּרצים, אייך ווילט זיך פון בויד נישט אַרויס!!...

אָבער אַז אַלע זיינען שוין אַרויסגעקראָכן ווי עס איז פון בויד, זיינען די פערד אַלץ געשטאַנען, קאָנען נישט גיין. שרייט דער בעל־עגלה ווידער:

— עולם, שטופּט אַביסל אונטער דעם וואָגן, ראַטעוועט! וואָרום אַניט וועלן מיר דאָ האַלטן שבת...

איך בין געווען דער ערשטער, וואָס איז געגאַנגען שטופּן די בויד, נישט קוקנדיג דערויף, וואָס איך האָב שוין פאַרן מעת־לעת קיין פּיס און קיין הענט נישט געפילט. איך בין אַפילו געווען אַ געזונטער יונג, אָבער אַלע ביינער ברעכן מיר. נאָר ס׳איז קיין תירוץ נישט, מען דאַרף העלפן שטופּן. גאָט צו דאַנקען — די פערד זיינען אַרויסגעקראָכן פון דער בלאָטע.

— נו, אין וואָגן אַריין! — האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן דער בעל־עגלה — מיר פאָרן.

אָבער איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צרה: יעדער וויל פאַרכאַפּן אַ בעסער אָרט אין בויד. האָט מען זיך גענומען רייסן צווישן זיך, איז געוואָרן אַ גרויסע קריגערייַ מיט אַ געשילטערייַ, אַז מען האָט געקאָנט פאַרטויבט ווערן.

מיר האָט זיך שוין גאָרנישט געוואָלט קריכן אין בויד. וואָלט געווען באַטאָג, טראַכט איך, וואָלט איך שוין בעסער געגאַנגען צו־פוס. עס איז דאָך אָבער נאַכט און איך ווייס נישט דעם וועג און מיינע זאַכן זיינען שווערע. שטיי איך און וואַרט ביז אַלע וועלן זיך אָפּקריגן און זיך איינזעצן, וועל איך מיך פאָרט דערנאָך ווי עס איז זיך אָנטשעפּען אָן בויד און „פאָרן“.

אָבער צו די קריגערייען האָט נישט גענומען קיין עק. אַלץ העכער און העכער שטייגן די קולות, ביז דער בעל־עגלה האָט אָנגעהויבן שרייען מיט אַ קול פון אַ וואַלד־גזלן:

— אין וואָגן אַריין! די מינוט אין וואָגן אַריין!

און באַלד עטוואָס ווייכער, נאָר מיט אַ בייזן חוזק צוגעגעבן:

— מיינע שיינע פּריצים, זעצט זיך שוין אַריין אין בויד, וואָרום איך גיב, ווי איר קוקט מיך אָן, אַ טרייב די פערד, וועט איר דאָ בלייבן ליגן אין בלאָטע. וואָס קריגט מען זיך, פּריצים מיינע! ווי מען זיצט — זיצט מען.

דעם בעל־עגלהס געשרייען האָבן געהאָלפן. דער עולם האָט זיך ווי עס איז אַריינגעזעצט, און איך בין אַרויפגעקראָכן אויף די קאָזלעס, נעבן בעל־עגלה, און זיך דאָרט אַנידערגעזעצט, די פּיס אַראָפּגעהאַנגען און מיט די הענט זיך שטאַרק אָנגעהאַלטן, איך זאָל נישט אַראָפּפאַלן. חלילה, ווען מען פאַלט אַראָפּ, איז דאָס אויף טויט דערהרגעט צו ווערן. איך בין אַזוי אָפּגעפאָרן עטליכע וויאָרסט. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געבליבן אָ ה ן הענט און פּיס און דורך און דורך פאַרנעצט; אין בויד וואָלט כאָטש נישט גערעגנט אויף מיר.

זיינען מיר אַזוי געקומען אין אַ דאָרף, פאַרפאָרן אין קרעטשמע. דאָ איז געוואָרן אַ געקרעכצערייַ, ווי אין אַ שפּיטאָל צווישן געפערליך־קראַנקע...

— אוי, די הענט... אוי, די פיס... אוי, דער קאָפּ!...

אין קרעטשמע איז נאַס און פינסטער, עס ברענט אַ קליין אייל־לעמפּל. אַרום גרויסן טיש זיצן פּויערים מיט פּויערטעס, מען טרינקט פלעשלאַך בראָנפן און מען בייסט צו מיט שוואַרץ ברויט. אויף די לאַנגע, גרויסע ביינק ליגט מען און מען כראָפּעט. דאָ אַ איד, אַ אידענע, דאָ אַ גויע. ס'איז נישטאָ וואו צו־צושפּאַרן זיך, וואו צו־צולייגן זיך. דער גרויסער אויוון איז אויך פאַרנומען.

נאָר די בעל־הביתטע מיט אַ מויד זיינען אויף. קומט אַריין דער בעל־עגלה און גיט אַ געשריי (ריידן שטיל האָט ער, אַפּנים, גאָרנישט געקאָנט):

— גוט נ'אָוונט. האָט איר, בעל־הביתטע־לעבן, עפּעס עסן פאַר מיר מיט מיינע פאַרשוינען!

— וואָס ווילט איר? — פרעגט בתמימות די בעל־הביתטע.

— וואָס הייסט, וואָס ווילן מיר! — פאַרהילכט די שטוב דער בעל־עגלה מיט זיינע געוואַלדן — זאָגט אָקאָרשט, וואָס האָט איר און לאָמיר פרעגן דעם עולם, וואָס זיי ווילן! איך האָב דאָ אַ גאַנצע כאַליאַסטרע אויסגעמישטע פאַרשוינען. אַנדערע זיינען „אָבאָדראַנצעס”, אָבער אַנדערע, ווייזט אויס, זיינען היפּשע בעלי־בתים, לייטישע יונגעלייטלאַך (אַ וויז אויף מיר מיטן האַנט). וואָס ווילט איר, יונגערמאַנטשיק? — קערט ער זיך אום צו מיר. די דריי רובל, וואָס איך האָב אים אומזיסט געגעבן, האָבן דאָך געהאַט אַ ווירקונג.

— טיי וואָלט איך וועלן — זאָג איך.

דערווייל האָבן זיך די אַלע „פּאַסאַזשירן” אונזערע צעלעגט, ווער אויף דער ערד, ווער אויף אַ שטיקל באַנק.

די מויד האָט געמאַכט פייער אין אויוון, און מען האָט צוגעשטעלט אַ גרויסן קרוג וואַסער אויף טיי.

דער בעל־עגלה האָט געקאָמאַנדעוועט מיט זיינע פאַרשוינען. און אַז ער האָט דערלאַנגט אַ געשריי:

— עולם, גייט עסן!

איז מען זיך געגאַנגען וואַשן צום עסן. עס איז אָבער קיין וואַסער נישט געווען. האָט ער געהייסן איינעם פון זיינע אָרימערע פאַרשוינען, וואָס האָבן ווייניגער געצאָלט פאַר דער נסיעה, ער זאָל ברענגען וואַסער אַנגראָ מיט דער מויד. באַלד איז געבראַכט געוואָרן וואַסער. איז אָבער קיין פרייער טיש נישט געווען, פּויערים מיט פּויערטעס האָבן דאָרט געשכּורט און געזונגען. גיט דער בעל־עגלה אַ געשריי צו דער בעל־הביתטע:

— אַ טיש זאָל זיין!...

וואו זאָל זי אָבער נעמען אַ טיש? באַלד איז מען געפאַלן אויף אַ פּלאַן: אַרויפלייגן אַ ברעט אויף אַ פאַס, וועט עס טויגן פאַר אַ טיש. האָט ער גלייך געהייסן די אָרימערע פאַרשווינען ברייננגען די פאַס מיט אַ פאָר ברעטלאַך, און עס איז געוואָרן אַ טיש.

אָבער נישט אַלע האָבן געקאָנט עסן. די הערינג זיינען געווען געזאַלצן און האָבן שלעכט געשמעקט. עס זיינען קיין לעפל נישט געווען צום עסן, מען האָט געוואַרט איינע אויף די אַנדערע, פאַרשמאַכטע און פאַרמוטשעטע.

נאָר איך איינער האָב גאָרנישט געגעסן. עס איז אין האַלז נישט געקראָכן. מיר האָט זיך נאָר געוואָלט טיי. טיי, ווידער, איז נישט געווען, נאָר הייס וואַסער מיט בעזים־בלעטלאַך.

אַז מען האָט זיך ווי עס איז אונטערגעלענט דאָס האַרץ, האָבן זיך אַלע פאַרשווינען ווידער אַ לאָז געטאָן צום בויד — פאַרכאַפּן אַ גוט אָרט. ווידער קריגעריי, שטופּעריי, און ווען נישט די מורא פאַרן בעל־עגלה, וואָלט מען זיך זיכער געשלאָגן מכּות רצח. איך קריך ווידער אויף די קאָזלעס, ווי פריהער, אָבער איך טו אַ קוק — עס איז שוין דאָ אַ נייער פאַרשוין, וואָס האָט פאַרכאַפּט מיין אָרט. האָב איך, הייסט עס, שוין גאָרנישט וואו צוצושפּאַרן זיך. פאַר איין ברירה בין איך געגאַנגען אויסטענען זיך מיטן בעל־עגלה:

— ר׳ יעקב, איר האָט דאָך באַ מיר גענומען דריי קאַרבן און געזאָגט, אַז מען וועט פאָרן זאַלבעפערט. זאָל שוין זיין אַכט, צען, הונדערט, טויזנט נפשות, אָבער גיט מיר כאָטש אַ שטיקעלע פּלאַץ, וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן!

דאָס מאָל האָט דער בעל־עגלה רחמנות געקראָגן אויף מיר, האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— עולם, מאַכט אַן אָרט פאַר דעם יונגענמאַנטשיק. איר מעגט אַלע די כּפּרה ווערן פאַר אים!... דריי קאַרבן האָט ער מיר געגעבן!...

און האָט פּראָסט גענומען רייסן יערערן פאַר די הענט און פיס, נישט קוקנדיג, צי אַ איד, צי אַ אידענע, צי אַ ווייבל, צי אַ מויד.

דער עולם האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן. פאַרקערט, עס איז געוואָרן אַ מהומה. אַלע האָבן אָנגעהויבן צו שרייען:

— זעה נאָר דעם יחסן, דעם זיירענעם יונגענמאַנטשיק. מען זיצט אין דערהיים, אַז מ׳איז אַ זיירענער יונגערמאַנטשיק!...

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ „בונט" אויפן נאַטשאַלניק, אויפן בעל־עגלה. מען האָט אים פּשוט געסטראַשעט, אַז מען וועט אים אויף פּיצלאַך צעטראָגן.

— וואָס נעמסטו אָן אַזוי פיל פאַרשווינען! — האָט מען זיך געריסן צו אים — האָסט דאָך נישט קיין אָרט פאַר זיי. און נעמסטו פאַרשווינען,

טאָ נעם נישט קיין יחסנים, קיין ווירענע יונגעלייטלאַך, וואָס דער מאַמעס מילך ליגט זיי נאָך אויף די ליפּן...

דערהערנדיג די זידלערייען, זאָג איך צום בעל־עגלה:

— וועל איך בעסער גיין צופוס...

דער בעל־עגלה האָט מיך אָנגעקוקט מיט שפּיציגע חוזקריגע אויגלאַך:

— כ׳לעבן — זאָגט ער — איר זענט אַ קלוגער יונגערמאַן... טאַקע בעסער גיין צופוס, איידער צו זיין פאַרדריקט אין בויד ווי אַ הערינג... גראָבע יונגען פאָרן דאָ... גלייכער צופוס...

די „פריינטליכע" עצה האָב איך נישט ווילנדיג געמוזט אָננעמען. בין איך מיר געגאַנגען נעבן בויד. איך בין געווען שווער אָנגעטאָן, איז מיר געווען שווער צו גיין באַרג אַרויף, און פון אויבן האָט גערעגנט, בין איך געוואָרן נאַס. גייענדיג איבער אַ הרעבלע, האָט זיך פאַרטשעפּעט דער אָפּצאַס אויף אַ קאָרטש. האָט זיך באַ מיר אָפּגעריסן דער אָפּצאַס מיט דער פאָרעשווע צוזאַמען. גיי איך שוין אַ באָרוועסער אויף די קאָרטשעס. דאָס איז אָבער אוממעגליך. עס שטעכן מיר די פיס. האָב איך שוין אָנגעהויבן כמעט ווי צו וויינען און בעטן, מען זאָל מיר מאַכן עפּעס אַן אָרט אין בויד. האָט דער בעל־עגלה מיט די פאַרשוינען רחמנות געקראָגן, דער עולם האָט זיך איינגעקאָרטשעט און מען האָט געמאַכט פאַר מיר אויך עפּעס אַ שטיקל אָרט אין בויד. פאָרן מיר אָפּ אַ פּאָר וויאָרסט, ליגן מיר אַזוי אויפגע־קאָרטשעטע, איינגעדריקטע, ווי די הערינג, און מיר האָפן יעדער באַ זיך, אַז באַלד וועט מען קומען אין אַ קרעטשמע, וואו דער בעל־עגלה וועט פאַשען די פערד, און מיר וועלן כאָטש אַ פּאָר שעה קאָנען אויסציהען אונזערע איינגעקאָרטשעטע פאַרגליווערטע ביינער.

העלפט אָבער דער אויבערשטער און פּלוצלינג צעבּרעכט זיך אַ ראָד פון בויד. מיר געבן זיך אַ קער איבער און מיר פאַלן אַלע אַרויס פון בויד איינער נאָכן אַנדערן. אַ נס, וואָס די בלאָטע איז דאָרט געווען זעהר גרויס. מיר וואָלטן אפשר דערהרגעט געוואָרן.

פאַלן מאַנסבּלען און ווייבער, און פאַרקערט, און מען שרייט, אַ מהומה, אַ יללה. אויף מיר איז אַרויפגעפאַלן אַ פאַרשוין מיטן קאָפּ אַראָפּ. האָט ער זיך צעשלאָגן דעם קאָפּ, און איך — דאָס האַרץ. די ווייבער האָבן געוויינט, מאַנסבּלען האָבן אָפּגעקרעכצט. דער בעל־עגלה, ווידער, האָט באַזונדער געקרעכצט אויף זיין ביטערן שאָרן. ער האָט איבערגעוואַרט ביז דער עולם האָט זיך אַביסל באַרוהיגט און זאָגט שוין מיט אַ ווייכן טאָן:

— עולם, איך בעט אייך, העלפט מיר אַראָפּנעמען די צעבּראָכענע ראָד פון בויד. פאַרריכטן דאַרף איך זי אַוועקטראָגן... אין נאָהענטן דאָרף....

קלאָגן די פאַרשוינען:

— מיר זיינען פאַרמאַטערט, צעבראָכן פון פאָרן און פון פאַלן, נישט קיין געגעסענע, נישט קיין געטרונקענע, מיר האָבן נישט קיין כח צו העלפן.

בעט זיך דער בעל־עגלה מיט תחנונים:

— האָט רחמנות, איך וועל ערשט דאַרפן זיין איבעריגע צייט אין וועג מיט דריי פערד. איך האָב מורא, אַז איך וועל שוין נישט קאָנען קומען צוריק אַהיים אויף שבת.

מילא, וואָס זאָל מען טון. האָבן מיר זיך אַלע גענומען פאַר דער ראָד. אָבער עס איז שווער. קאָנען מיר זיך קיין עצה נישט געבן. האָט דער בעל־עגלה געראָטן אַרויסשלעפן די שטאַבעס אייזן מיט אַלע שווערע משאות איינציגווייז, וועט דערנאָך זיין גרינג אַראָפּצונעמען די ראָד. האָבן מיר אַזוי געטאָן. און דער בעל־עגלה איז אַוועק מיט דער ראָד און אונז איבער־געלאָזט אין מיטן וויסטן וועג מיט דער בויר, מיט די פערד, ווי ראָבינזאָהן אויפן אינזל.

בלייבן אַ גאַנצע נאַכט אין פעלד, בעת עס איז קאַלט און פינסטער, אָהן עסן, אָהן טרינקען, ווי אין אַ מדבר, איז נישט פון די געשמאַקע זאַכן. שוין דער דריטער מעת־לעת, אַז מיר פאָרן! און די פאַרשווינען — אַ מ י ש מ אַ ש, שטימען נ י ש ט איינע מיט די אַנדערע, אַן א ו י ס ג ע מ י ש ט ע ק ר אָ ם. מיר קאָנען זיך איינער מיטן אַנדערן נישט אָנקוקן.

די נאַכט האָט אויסגעזעהן אַזוי לאַנג, ווי דער אידישער גלות. ביסלעכווייז, ווי איבער געוואַלד, האָט גענומען טאָגן, אָבער דער בעל־עגלה מיט דער ראָד איז נישטאָ. אין קול ואין עונה. דאָ האָב איך זיך אָנגערופן:

— אידן, וואָס וועלן מיר דאָ זיצן אין בויד נישט געגעסן און נישט געטרונקען. ווער גייט מיט מיר זוכן דעם בעל־עגלה.

האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט „אָכאָטניקעס“, און מיר זיינען אַוועק אינם דערבייאינגן דאָרף. פרעגן מיר, צי עס איז דאָ נישט געווען אַ בעל־עגלה מיט אַ ראָד? זאָגן זיי, אַז דער שמיד איז נישטאָ אין דערהיים, איז דער בעל־עגלה געגאַנגען אין אַן אַנדער דאָרף.

האָבן מיר זיך אויך אַוועקגעשלעפּט אַהין און, גאָט צו דאַנקען, אים דאָרט געקראָגן באַם שמיד. ערשט פיר אַזייגער פאַרנאַכט איז פאַרטיג געוואָרן די ראָד. זיינען מיר געקומען צו דער בויד, איז געוואָרן אַ געוויין פון די עלטערע אידן מיט די ווייבער: זיי חלשן עסן. שוין מער פון אַ מעת־לעת נישט געהאַט אין מויל — נישט עסן, נישט טרינקען! אַ זעקס נפשות דערשלאָגן פון אַזוינע צרות, האָבן זיך גאָר צופוס אַוועקגעשלעפּט קיין ביאַליסטאָק — אַ מייל פינף. נאָך גרויסע צרות און פיין האָבן מיר זיך אויך, ענדליך, קוים דערשלעפּט. די ליבהאַרציגע נסיעה האָט באַ אונז צוגענומען איבער פיר מעת־לעת צייט!...

איך בין געקומען צו דער מומען אַ צעבראָכענער. קיין איין גאַנצן אבר האָב איך אין מיר נישט געפילט. די מומע האָט זיך דערשראָקן. זי האָט געמיינט, אַז איך בין קראַנק.

— וואָס פעלט דיר, חאַצקעלע, — האָט זי שיער נישט פאַרבראָכן מיט די הענט — איך וועל אַריינרופן אַ דאָקטאָר.

זאָג איך:

— מען דאַרף נישט קיין דאָקטאָר, איך בין געזונט. אָבער, מומינקע, די נסיעה האָט מיר פאַרשאַדט...

איך האָב אָבער אויסגעזעהן ווי אַ שד. די מומע, זעהר אַ גוטהאַרציגע, האָט געהאַט פון מיר גרויס עגמת־נפש. צוויי טאָג בין איך אָפּגעלעגן אין בעט, אַ צעבראָכענער, אָהן איין גאַנצן אבר.

אַז איך האָב מיך עטוואָס „פּאָפּראַווועט“, האָב איך דערציילט דער מומען מכּח מיין קומען קיין ביאַליסטאָק, אַז איך וויל, זי זאָל מיר שאַפן עפּעס אַן עסק, אַז איך וויל זיך איינאָרדענען דאָ און אַז זי קאָן מיר, מיין איך, דערין זעהר פיל מיטהעלפן. ווענן דעם, אַז איך וויל זיך איבערגעבן צו השכּלה, האָב איך גאָר פאַרבאָרגן.

באַלד נעמען שיסן מיט השכּלה פאַר אַזאַ פרומער אידענע, וואָלט געווען נאַריש. געבּילדעטע מענשן האָט מיין גוטע און פרומע מומע געהאַלטן פאַרעכטעגוים און רשעים.

די מומע האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין אַזוינע ענינים פאָרט מען נישט אַרויס פּלוצלינג. פריהער, פירט זיך, שרייבט מען אָן אַ בריף און מען פרעגט זיך אָן, צי עס לוינט זיך צו קומען, צי עס קאָן זיין עפּעס אַ געשעפט. אָבער איצט, פאַרשטייט זיך, איז שוין פאַרפאַלן.

— אַז דו ביסט שוין דאָ — זאָגט זי — זיי באַ מיר און רוה זיך אויס, און מכּח אַ געשעפט איז דערווייל ביטער. וואָרום פאַר געשעפט דאַרף מען האָבן עטליכע טויזנט רובּל, האָסטו דאָס נישט. אַ שטעלע, ווירער, איז אויך שווער צו קריגן. דו ביסט אַ יונגערמאַן, נאָר וואָס פון דער גמרא. קיינער קען דיך נישט און דו קענסט קיינעם נישט. אגב קענסטו נישט — ניט קיין רוסיש, ניט קיין פּויליש. סיירן עפּעס אַ קליינע שטעלע, טויג דאָס רען פאַר דיר! נאָר נישקשה, פאַל באַ זיך נישט אַראָפּ, גאָט וועט העלפן...

מיין מומע האָט לאַנג גערערט, אָבער איך האָב מיר געטראַכט גאָר פון אַנדערע זאַכן.

נאָך זונטאָג, געדיינק איך, בין איך מיר אַוועקגעגאַנגען צום ראַבּינער מיט בערנזאָהנס בריף. איבערלעזנדיג דעם בריף, האָט ער מיך העפליך אויפגענומען און געבעטן קומען צו אים רינסטאָג. ער דאַרף איבעררירן

מיט האַלבערשטאַמען און ער פאַרהאָפט, אַז איך וועל קומען צו מיין ציל. בין איך שוין נעגאַנגען אַהיים אַ פרייליכער.

דינסטאָג בין איך פון דאָס ניי געקומען צום ראַבינער. ער האָט מיר באַלד איבערגעגעבן די גוטע בשורה, אַז האַלבערשטאַם איז גרייט מיך צו שטיצן, ביז איך וועל ענדיגן מיין שטודיום, און האָט מיך פאַרבעטן צו זיך. אַז ער וועט זיך באַקענען מיט מיר פערזענליך, וועלן מיר זיך באַראָטן ווי איינצואָרדענען מיין בילדונג. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי גרויס איז געווען מיין שמחה. האָב איך, הייסט עס, באַלד ד ע ר ג ר י י כ ט צו מיין ציל!

קום איך צו דער מומען אַ צעהיצטער פון שמחה. באַ מיר איז שוין פאַרבליבן, איך זאָל געבן דער מומען אָנצוהערעניש, אַז איך נעם זיך צו קענטעניש, וואָס איז באַ איר טריף ווי חזיר.

— נישקשה — טראַכט איך — אַז איך וועל ענדיגן מיין שטודיום, וועט זי אויך זיין צופרידן. פאַנאַטישע אידן שעצן דאָך די געענדיגטע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענערן. נאָך ווי שעצן! זיי זיינען זיי אַפילו מקנא. זיי האָבן נאָר פיינט געבילדעטע קבצנים, וואָס האָבן נישט קיין דיפּלאָמען. אַזוינע האַלטן זיי פאַר אַפּיקורסים און פאַר אַלץ אין דער וועלט.

און איך האָב איר פ ש ו ט ד ע ר צ י י ל ט, ווי אַזוי איך האָב מיך באַקאַנט מיטן ראַבינער און וואָס איך מיין מיט דער באַקאַנטשאַפט, און אַז דער ראַבינער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ היגן גביר אַ משכיל, וואָס וועט מיך שטיצן און וויזן אַ וועג צו קענטעניש א. אַז. וו.

די בשורה האָט איר געטראָפן, ווי אַ ק ו י ל אין ה אַ ר צ ן.

— אַהאַ! — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן — דער ראַבינער מיט האַלבער־שטאַמען וועלן דאָס ריר העלפן! זיי, די לייראַקעס, די אַפּיקורסים, וואָס האָבן אַלע יונגעלייט אַראָפּגעפירט פון וועג, געמאַכט אַ חורבן פון ביאַליסטאָק. איי, איי, געוואַלד געשריען!...

און זי האָט געשאָטן און געשאָטן. שבת ,ווידער, דערהאַלט איך פון מיין ווייב זעהר אַ טרויעריגן בריף, אַז דער טאַטע איז אויף איר בייז, וואָס זי האָט מיך געלאָזט פאָרן קיין ביאַליסטאָק, אַן אַפּיקורסישע שטאָט, און ער האָט זעהר מורא, אַז איך זאָל דאָרט נישט אַראָפּגעפירט ווערן פון דרך הישר. אים האָט זעהר געשראָקן דאָס האַרץ, ער איז אַרומגעגאַנגען ממש אַ צעמישטער. האָט ער שוין צוגערעדט מיין ווייב, אַז זי זאָל מיך אַראָפּ־ברייננען צוריק קיין וואַכנאָוויטש.

און ער האָט זאָגאַר גענומען צו הילף מיין מאַמען, וואָס מיט איר האָט ער זיך קיינמאָל אין קיין זאַך נישט באַראָטן. אים איז איינגעפאַלן, אַז מיט דער מ אַ מ ע ס ה י ל ף וועט ער אויספירן, אַז דאָס ווייב מיינס זאָל מיך אַראָפּברייננען פון ביאַליסטאָק אַהער אין דאָרף אַריין. ער האָט דערציילט

דער מאַמען מכּח דעם ראָזינגן האַלבּערשטאַם, „דעם גרויסן אַפּיקורס“, וואָס שיט מיט גאָלר, כּדי צו מאַכן אַלע בּיאַליסטאָקער יונגעלייט פאַר אַפּיקורסים. הונדערטער גטן זיינען שוין דעריבּער פאָרגעקומען. לכן האָט ער זעהר מורא פאַר חאַצקלען, ער זאָל קיין אפּיקורס נישט ווערן.

— דו קענסט דאָך אים, חאַצקלען — האָט ער איר געגעבּן צו פאַרשטיין — ער האָט דאָך אַלץ ליבּ צו פרעגן קשיות, אַפילו אין אַזעלכע הויכע ענינים ווי אמונה. דאַרף מען מער נישט, אַז ער זאָל זיך בּאַקענען מיט האַלבּער־שטאַמען! חאַצקל איז שוין היינט אויך אַ האַלבּער אַפּיקורס, אַ חקירהניק, און האַלבּערשטאַם זוכט טאַקע אַזעלכע ווי חאַצקל. שולדיג איז זיין ווייבּ. זי איז אַ יחסנטע געוואָרן. איר ווילט זיך נישט האַלטן אַ קרעטשמע, צי אַ פאַקט. מיר ציטערט זעהר דאָס האַרץ. מען טאָר נישט אַוועקלאָזן אַ יונגענמאַן אין אַן אַפּיקורסישער שטאָט. דאָס איז סם. מען טאָר נישט.

דאָס רעדט ער, פאַרשטייט זיך, אומישנע אַזוי, ווייל ער האָט צו טון מיט אַ אירענע.

— לכן, איז מיין עצה, דו זאָלסט אָנדריקן מער אויף זיין יונג ווייבּל, וועט זי שוין אים אַראָפּבּריינגען צוריק. נישקשה, אַז אַ ווייבּ וויל, קאָן זי פּועלן.

בּאַגיין זיך גראָבּ מיט דער שנור, האָט מיין איידעלער טאַטע נישט געקאָנט. האָט ער איצט, צוליבּ אמונה און אידישקייט, דאָס שטיקעלע אַרבּעט איבּערגעגעבּן מיין מאַמען. און מיין מאַמע, אַ ליכטיגן גן־ערן זאָל זי האָבּן, האָט זיך טאַקע צוגעסטאַרעט...

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָבּ בּאַלד געקראָגן אַ גרויסן בּריף, אין וועלכן מיין ווייבּ האָט בּאריכות בּאַשריבּן איר פּיין און צרות, וואָס זי האָט אויסצושטיין אין דערהיים.

אויף מיין נאַרישן שׂכל האָט דער בּריף אַ גרויסן רושם געמאַכט. איך בּין בּלאַס געוואָרן, אַז די מומע האָט זיך שוין דערשראָקן. זי האָט געמיינט גאָט וויים וואָס. איך האָבּ איר געגעבּן דעם בּריף, און אַז זי האָט אים איבּערגעלייענט, האָט זיך אַ שמייכל בּאַוויזן בּאַ איר אויפן פּנים. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אין דעם בּריף ליגט פאַרבּאָרגן אַזאַ פּראָשעק, וואָס וועט מיך דאַרפן טרייבּן פון בּיאַליסטאָק צוריק אַהיים.

און אָט דער בּריף האָט צעשטערט מיין האָפענונג, מיין איינציגן ציל. איך בּין געווען זעהר יונג און זעהר נאַריש און האָבּ בּאַלד האָפערדיג בּאַשלאָסן, אַז איך מוז אַוועקוואַרפן אַלע מיינע שיינע פאַנטאַזיעס, מיט מיין בּילדונג, מיט קענטעניש, מיט דיפּלאָמען. זאָל גיין, ווי ס'גייט. ס'איז פאַרפאַלן. איך קאָן נישט און טאָר נישט הרגענען אַ מענשן. מיין ווייבּ

וועט דאַרטן אויסגיין. איך מוז קומען צוריק אַהיים; איך וועל מיך שוין מער נישט זעהן מיטן ראַבינער און מיט האַלבערשטאַמען.

יאָ, איך פאָר אַהיים.

האָב איך אָנגעשריבן צום ראַבינער אַ בריף אין לשון־קודש... היות, ווי איך האָב ערהאַלטן אַ בריף, אַז מיין פאָטער איז זעהר קראַנק (ווירער אַ ליגן), מוז איך וואָס גיכער אַוועקפאָרן און האָב נישט קיין צייט אַפילו זיך געזעגענען מיט אים. איך דאַנק אים זעהר פאַר זיין גוט האַרץ און איך וועל אים קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

נאָך אָט דעם בריף ווידער האָט זיך אין מיר אָנגעהויבן אַ רעאַקציע: מיט וואָס וועל איך קומען אַהיים? און ווידער האָט מיר באַנג געטאָן אויף מיינע האָפענונגען, און ווידער האָב איך זיך דערפילט שרעקליך צעבראָכן. אַ צעבראָכענער, איז מיר פראָסט פיזיש שווער געווען צו פאָרן גלייך אַהיים.

די מומע האָט געזעהן מיין צושטאַנד און האָט מיך טאַקע אָפגעהאַלטן.

— רוה זיך אויס — האָט זי מיר געקוקט אין די אויגן אַריין אַ צופרידענע מיטן סוף — רוה זיך אויס... דערנאָך וועסטו פאָרן...

בין איך געבליבן זיצן באַ דער מומען און זיך צוגעהאָרכט צו אירע מעשיות — אַמאָליגע מעשיות מיט אַ קראָם, וואָס איז געשטאַנען אין רעכטן מיטן מאַרק, מיט אַ מאַן, זעהר אַן ערליכן, מיט אָנגעפאָרענע רבנים, וואָס פלעגן קומען אין געסט צו איר און יערערן האָט זי געבעטן צו זיך אויף אַ מיטאָג, וואָס פלעגט זיין כיר הגבירים, — פון דעם האָט זי הנאה געהאַט. און זי איז שוין געווען קלאָר אין אַלע רבנים און אין אַלע זייערע ענינים, ווען וועלכע זיי פלעגן קומען קיין ביאַליסטאָק.

איינמאָל קומט אַריין די מומע מיט אַ געוויין. ווער איך דערשראָקן:

— מומע, וואָס איז דאָס?

— ס'טייטש — וויינט זי — ר' אייזעל, דער סלאָנימער רב איז דאָ אין ביאַליסטאָק, בין איך באַ אים געווען און געבעטן אים צו זיך אויף אַ מיטאָג, האָט ער מיר אָפגעזאָגט... ס'טייטש, איך, ר' לייזער גראָדנערס טאָכטער, אַ קלייניגקייט אונזער יחוס, ר' הללס אייניקל, ר' יחזקאל, ר' זלמן, ר' חיים וואָלאָזשינער... איי, איי, איי — פאַסט אים נישט קומען צו מיר אויף מיטאָג!...

נישט קאָנענדיג צוזעהן איר צער, האָב איך געזאָגט, אַז איך בין אַ בעלן גיין פרעגן ר' אייזלען, פאַרוואָס וויל ער צו איר נישט קומען. דאָס איז איר געפעלן געוואָרן.

— ארבה, גיי, מיין קינד!...

בין איך געגאַנגען און געפרעגט, פאַרוואָס האָט ער באַליידיגט ר' לייזערס טאָכטער און זיך אָפגעזאָגט צו קומען צו איר אויף מיטאָג.

ענטפערט מיר דער רבי געלאַסן:

— זי איז טאַקע אַ בת־קדושים און זעהר אַ קלוגע, פרומע פרוי, אָבער איך גיי נישט צו קיינעם עסן מיטאָג. דאָרט, וואו איך שטיי איין, דאָרט עס איך.

— אָבער, אַז אַ פרוי — זאָג איך — קאָן אַזוי פיל באַרירן אייער נישט קומען ביז צום וויינען...

האָט ער אָנגעהויבן צו שמייכלען און זאָגט:

— ווייבער, מיין קינד, האָבן אַ גרויסן כח. מיט זייער וויינען פירן זיי אויס אַלץ באַ די מאַנסבלען. זי ווייגט טאַקע? נו, טאָ זאָגט איר, אייער מומען, זי זאָל נישט וויינען. איך וועל קומען צו איר מאָרגן אויף אָוונט־ברויט.

איך האָב דער מומען אָנגעזאָגט די בשורה, און זי האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון מיט מיר פאַר שמחה. דער גרויסער ר׳ אייזעל סלאָנימער וועט קומען!

נאָך פריהער, פאַר מיין ווייבס בריף, האָט די מומע אַוועקגעשיקט אַ בריף צו אונזערן אַ קרוב. אין דעם בריף האָט די מומע נאָכגעפרעגט, צי עס איז נישטאָ פאַר מיר עפּעס אַ שטעלע. באַלד איז אָנגעקומען אַן ענטפער. דער קרוב האָט געשריבן, אַז ער דאַרף האָבן אַ בוכהאַלטער, און ער פרעגט זיך אָן, צי איך קען בוכהאַלטעריע. אויב איך קען — זאָל איך גלייך קומען; אויך וועט ער דאַרפן אַ געשעפטס־פירער אין דריי חדשים אַרום. דער געשעפטס־פירער זיינער פאָרט אַרויס.

לעזנדיג דעם בריף, האָב איך איינגעזעהן, אַז קיין שטעלע קאָן איך נישט אָננעמען, וועגן דעם דאַרף איך נאָר אויפהערן צו קלערן. אויב איך קאָן נאָך טויגן צו עפּעס — איז עס צו אַרענדע אין אַ הויף. אָבער אַן אַרענדע פאָדערט היפּש געלט — מוז איך רינגען אַ קרעטשמע אָדער אַ פּאַקט און שטאַרבן אַ ישובניק אין דאָרף...

בקצור, איך פאָר אַהיים. דער מומען איז אַפילו איינגעפאַלן, איך זאָל פאָרן קיין וואַרשע. וואַרשע איז אַ גרויסע שטאָט. דאָרט האָבן מיר אַ פעטער, דעם זיידן ר׳ לייזערס אַ ברודער, איינער אַ ר׳ יהושע סעגאַל, אַ מענש אַ באַוואוסטער און אַ גוטער.

ער וועט מיך זיכער איינאָרדענען. ווייטער האָבן מיר דאָרט נאָך קרובים.

— אַזאַ פאַמיליע אָהן עין־הרע, לויטער גרויסע יחסנים, — זאָגט די מומע — וואָלסט באַראַרפט, חאַצקל, פאָרן אַהין. אַזוי איז מיין עצה.

זאָג איך, אַז פריהער מוז איך פאָרן אַהיים צום ווייב און מיט איר זיך מישב זיין. לאָמיך הערן, וואָס זי וועט זאָגן.

— אדרבה, אדרבה, פאָר זיך מישב זיין מיטן ווייב — האָט די מומע גערן צוגעשטימט.

די מומע האָט מיך נישט געוואָלט לאָזן פאָרן צוריק אַהיים מיט די בעלי־עגלות.

— מיט דער פאָסט וועסטו פאָרן, חאַצקל. מיט דער פאָסט פאָרן די גבירים און עס איז לייכט.

אַזוי איז געווען. זי האָט שוין אויסגעזוכט איינעם אַ פּאָראַרטשיק און מיר זיינען ביידע געפאָרן. געצאָלט האָבן מיר צו צוועלף רובל פון אַ פּאַרשוין. אין אַ מעת־לעת צייט זיינען מיר געקומען קיין בריסק. די מומע, פאַרשטייט זיך, האָט מיר מיטגעגעבן אויפן וועג פון אַלע גוטע זאַכן, און די איצטיגע נסיעה קיין בריסק, כּנגד דער נסיעה פון בריסק קיין ביאַליסטאָק, איז בּאַ מיר געווען ריכטיג, ווי דער גן־ערן אַנטקעגן דעם גיהנום, לויט מיינע מלמדים האָבן זיי געשילדערט. עס איז טאַקע געווען אַ גן־ערן. נאָר און איין פּרט איז מיר איצט געווען פיל ערגער. פאָרנדיג מיטן בעל־עגלה, האָב איך געהאַט אַ סך זיסע האָפענונגען מכּח שטודירן און אויסשטודירן, און איצט פאָר איך אָ ה ן האָפענונג און אויפן האַרצן איז וויסט און פוסט, ווי אין אָסיען אויף די פעלדער.

געקומען קיין וואַכנאָוויטש בין איך אַרום צוועלף אַזייגער בּאַנאַכט. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר. דעם טאַטנס שלאָפצימער איז געווען נעהענטער צום טיר. אַז דער טאַטע האָט דערהערט מיין קול, האָט ער נ י ש ט געוואָלט גיין עפענען, און אַז איך האָב אָבער לאַנג געקלאַפּט, האָט ער אויפגעוועקט מיין שוועסטער און געהייסן, אַז יענע זאָל אויפוועקן מיין ווייב — און מיין ווייב זאָל עפענען. איך האָב דאָס אַלץ געהערט אונטערן טיר, און עס איז מיך בּאַפאַלן עפּעס אַ מאָרנע פיינליכקייט.

דאָס ווייב האָט מיר געעפנט די טיר און תיכף אויסגעבראָכן מיט אַזאַ גרויסן געוויין, אַז איך האָב מיר גאָר דערשראָקן. דאָס איז געווען אַ דאָפּלט געוויין: אויף דעם, וואָס איך בין נישט געווען, און דערויף, וואָס זי האָט מיך ערשט דערזעהן. אַ געוויין פאַר שמערץ און אַ געוויין פאַר שמחה.

פרי אָפּצופאַרטיגן זיך מיט אירע טרערן, האָב איך איר אָנגעהויבן דערציילן ווי דער מומעס שוואָגער האָט מיך אין בריסק „אָפּגענאַרט“ און געזאָגט, אַז ווען איך וועל קומען, וועט מיר די מומע געבן אַ געשעפט, בּעת זי, די מומע, האָט מער נישט געזאָגט, אַז זי וואָלט מיך סתּם געוואָלט זעהן. זי האָט נישט קיין צייט אָפּצופאָרן פון דערהיים, וואָלט זי געוואָלט, איך זאָל קומען צו איר. זי וועט מיר אומקערן די הוצאות. דערמיט האָט זיך אויסגעלאָזט די גאַנצע רייזע מיינע. אַז מיין ווייב האָט זיך עטוואָס בּאַרוהיגט, האָב איך איר דערציילט, אַז מיין מומע ראָט מיר פאָרן קיין וואַרשע. מיר האָבן דאָרט אַ גרויסע פאַמיליע פון יחסנים, וואָס וואָלטן

מיר באַהילפיג געווען, און איך וואָלט מיך געקאָנט ראָרט איינאָרדענען א. אַז. וו.

אַזוי האָב איך געשמועסט מיטן ווייב.

דער טאַטע, וואָס איז געווען זעהר צופרידן דערפון, וואָס איך האָב פאַר־לאָזט די אַפּיקורסישע שטאָט, האָט זיך באַצויגן צו מיר בעסער. ער האָט, אַפּנים, באַשלאָסן אויפצופירן זיך מיט מיר גאָר אַנדערש. ביז אַהער איז ער געזען אַלץ פון ווייטן מיט מיר, איצט האָט ער זיך אַרומגעזעהן, אַז דאָס טויג לחלוטין נישט. און ער האָט אָנגעהויבן זיך דערנעהענטערן — גאָר אַן אַנדער טאָן, גאָר אַן אַנדער מינע, פריינטליכער, וואַרעמער, באַהאַרצטער.

— דו דאַרפסט עפּעס זעהן אַ געשעפט — האָט ער געזאָגט — אַ פּאַקט, אַ קרעטשמע, צי וואָס.

— אָבער, טאַטע, — האָב איך זיך עטוואָס געוועדט — בין איך דען בטבע אַ געשעפטס־מאַן? קאָן איך דען טויגן פאַר אַ דאָרף־עסק? מיר ווילט זיך וואַרשע, טאַטע. אין וואַרשע וועל איך זיך איינאָרדענען. אַזוי פיל קרובים.

גרויסע שטעט האָבן געשראָקן דעם טאַטן, און ער האָט מיר באַלד נישט געגעבן זיין הסכמה דערויף. ער האָט זיך מישב געווען מיטן זיידן. דער זיידע האָט סתּם געראָטן איבערוואַרטן ביז זומער, ביז יאָהאַן־צייט. דעמאָלט מאַכט מען קאָנטראַקטן אויף מאַיאָנטקעס, וועט זיך אפשר מאַכן צו דינגען אַ קליין מאַיאָנטיקל. עס וועט אַפילו צופעלן געלט, נאָר מען וועט זיך מוזן אַן עצה געבן.

בין איך פאַרבליבן אין וואַכנאָוויטש. איך האָב זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיטן טאַטנס הויף, אַוועקגעוואָרפן מיינע ביכער מיט די הקירה־ספרים, וואָס איך פלעג שטענדיג לייענען בשתּיקה, ווען דער טאַטע איז געווען פאַרנומען. און אַזוי זיינען אַוועק עטליכע חרשים. איך בין דעם טאַטן זעהר צוניץ געקומען; ער האָט שוין אָנגעהויבן צו פאָרן אָפּט קיין קאַמעניץ, אַביסל זיך דורכשמועסן מיט זיינע חסידים און דערווייל איבערגעלאָזט אויף מיר די גאַנצע אַרבעט פון הויף. מיט מיין אַרבעט איז ער געווען זעהר צופרידן. איך האָב זיך געפלייסט און געמאַכט אין הויף נייע אָרדענונגען. וואָלט ער צו דעם הויף נישט געהאַלטן קיין שותּף, וואָלט ער מיך שוין נישט אָפּגעלאָזט, דער שותּף ר׳ יעקב, אַ איד אַ גביר, אפילו אַ פּראָסטער מענש, אָהן תּורה, נאָר זעהר אַן ערליכער מאַן, האָט אַריינגעלעגט אַ היפּשע סומע געלט אין הויף, און זיינע זין און איידעמס האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרק מישן אין די הויף־ענינים. דאָס איז געווען נישט זעהר באַקוועם. אגב האָב איך שוין צוליב דעם קיין אָרט נישט געהאַט. די יונגעלייט האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן גרויסע דעות, און איך האָב אָפּגעטראָטן. דער טאַטע „אַלס זעהר אַ גוטער געשעפטס־מאַן“ האָט

מיך דערפאַר געלויבט... איך בין, הייסט עס, אַ רוהיגער מענש און קאָן אָפּטרעטן דעם וועג למען השלום. די יונגעלייט האָבן אַפילו פאַרשטאַנען וויינינגער פאַר מיר און האָבן אַפילו אַ קלענערן חלק געהאַט פאַר אונז, נאָר איך האָב איינגעזעהן, אַז ווען איך זאָל אַרבעטן מיט זיי צוזאַמען, וועט מען זיך מוזן קריגן.

צו „יאָהאַן־צייט“ איז דער זיידע אומגעפאָרן צו אַלע זיינע באַקאַנטע פריצים זוכן אַ קליין מאַיאָנטיקל פאַר מיר — און האָט נישט געפונען. דערווייל איז אַוועק דער זומער. עס איז שוין נאָט צו דאַנקען ר״ח אלול און קיין הויף פאַר מיר איז נישטאָ. דער זיידע האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז אַן אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט געדונגען אַ גרעסערן הויף, נישט קוקנדיג אויף זיין קליינעם קאַפּיטאַל, ווי אַלע אירן טוען; נאָר איך האָב באין אופן נישט געוואָלט באַלד, לכתחילה, נעמען אַ געשעפט אויף שווינדל. האָב איך זיך דערפון אָפּגעזאָגט. ווי באַלד אַז אַזוי, האָב איך אָנגעהויבן ווייטער צו רייד מכח פאָרן קיין וואַרשע... אין מיר האָט זיך געגומען דערוואַכן דער גלות־איד: וואַנדערן, וואַנדערן, וואַנדערן...

דער טאַטע האָט דאָך איינגעוויליגט. איך מעג פאָרן קיין וואַרשע. ער האָט זיך געשטיצט אויף אונזערע יחסנישע קרובים. יענע וועלן מיך היטן, נישט לאָזן אַראָפּ פון גלייכן וועג.

דעמאָלט זיינען שוין געווען צוויי באַנען באַ אונז: וואַרשע — פּעטערבורג און וואַרשע — טערעספּאָל. פון בריסק קיין וואַרשע האָט געקאָסט דריי רובל באַן־געלט. פּטור געוואָרן פון די בעלי־עגלות. איך האָב זיך אויסגעקליבן אין וועג אַריין חצי אלול און בין געווען זיכער, אַז דער טאַטע וועט שוין איצט אַביסל מקרב זיין מיין ווייב. איך פאָר דאָך מיט זיין וויסן, און ער האָט קיין מורא נישט פאַר וואַרשעווער אַפּיקורסות: די קרובים, די קרובים!...

קאַפּיטל IV

אין וועג. — דער צוג. — דער ערשטער „אוראָק". — מיין פעטער ר' יהושע. — זיין הויז. — איך זוך פּרנסה. — עס האַלט בּאַ מלמדות. — וואַרשע. — חבֿרה ש"ס. — חבֿרה שומרי שבּת. — ליטוואַקעס. — דעם פעטערס קינדער. — איך ווער אַ מלמד. — אַ מלמד זאָל גיין איבּערן גאַס אין מיטן טאָג. — ווידער אין וועג אַריין. — מאַקאַראָווצי.

איך בּין געפאָרן קיין וואַרשע אַבּיסל רוהיגער ווי קיין בּיאַליסטאָק. פון מיין שטוריום האָבּ איך זיך מיאש געווען. דאָס איז שוין מיר אינגאַנצן אַרויס פון די געדאַנקען. אין וואַרשע, האָט זיך מיר געדוכט, וועל איך געפינען נעבּן דער פאַמיליע עפּעס אַ פּרנסה.

דער צוג, נייע מענשן, נייע קליידער — דאָס אַלץ איז פאַר מיר געווען גאָר אומבּאַקאַנט, און טאַקע אין צוג ויצנדיג, האָבּ איך בּאַקומען דעם ערשטן „אוראָק" פון אַ גרויסער שטאָט. אַנטקעגן מיר אין צוג איז געזעסן אַ איד, שיין געקליידעט מיט אַ בּריליאַנטענעם רינג אויפן פינגער. ער האָט מיך געפרעגט, וואו איך פאָר.

— אין וואַרשע — זאָג איך.

ער האָט, אַפּנים, פאַרשטאַנען אָן מיר, אַז איך בּין אַ „פּריץ", אַ בּית־מדרש־אינגל, האָט זיך אים פאַרוואָלט אַבּיסל חוזק מאַכן פון מיר, פרעגט ער:

— וואָס איז אייער פאָרן קיין וואַרשע?

זאָג איך:

— זוכן געשעפט.

זאָגט ער:

— איר האָט דאָרט עפּעס אייגענע קרובים?

זאָג איך:

— אַ פעטער.

— ווער איז אייער פעטער?

— ר' יהושע סעגאַל...

— ווי, זאָגט איר, ר׳ יהושע? אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין!
און האָט זיך גראָב צעלאַכט. רעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויף דער וועלט מוזן זיין נאָך אַנדערע מענשן, גאָר נישט ענליך אין די גוטע נאַאיווע קאַמעניצער און בריסקער אידעלאַך, און אַז מען דאַרף זיין זעהר פאָרזיכטיג מיט זיי.

פאַרפאָרן בין איך אין וואַרשע צום פעטער, טאַקע צום זעלבן ר׳ יהושען, וועמען מען האָט געשאָלטן אין טאַטן אַריין. איך קום אַריין און שטעל מיך פאָר: פון קאַמעניץ בין איך, ר׳ לייזערס גראָדנער מורה־הוראהס אַן אייניקל. דער פעטער ר׳ יהושע, אַן אַלטער מאַן, גיט מיר שלום און בעט מיך זיצן און פרעגט באַ מיר, וואָס מאַכט זיין ברודער, דער קאַמעניצער רב, וואָס איז, ווי איך האָב שוין געשריבן אין מיין ערשטן טייל, געשטאָרבן אין דער גרויסער כאָלעריע אין 65־טן יאָר, דאָס הייסט מיט צוויי יאָר צוריק.

איך האָב אים נישט געוואָלט מצער זיין וועגן זיין ברודערס טויט און האָב אים אָפּגעגעבן אַ הייסן גרוס פון קאַמעניצער רב, פאַר וועמען איך האָב געלייענט, כדי ער זאָל נישט בלינד ווערן אויף זיינע אויגן. רעם פעטערס הויזגעזינד, וואָס האָט געוואוסט פון דעם רבס טויט, איז מיר זעהר דאַנקבאַר געווען פאַר מיין „גוטן“ ליגן. מען האָט מיך וואַרעם אויפגענומען.

דעם פעטערס הויז איז מיר זעהר געפעלן געוואָרן. דער פעטער אַליין, אַ איד אַ חכם, האָט זיך אָפט באַשעפטיגט מיט בוררות. די גרעסטע גבירים, מיליאָנערן, וועלכע האָבן געהאַט צווישן זיך סכסוכים, פלעגן קומען צו אים זיך אויסגלייכן, נישט ווי דער שטייגער איז, אַז יעדער בעל־רבר נעמט זיך צו איין בורר און די ביירע בוררים קלויבן אויס אַ שליש, אַז יענער זאָל מכריע זיין צווישן די ביידע, — דער פעטער פסקענט אַליין.

דער פעטער פלעגט אויך פאַרדינען פון שרוכים. ער איז געווען אַ גרויסער לאַנר־שרכן. געשטאַנען איז באַ אים אַן אייזערנער קאַסטן מיט אַ געוואַלדיגער סומע געלט —— פאַפּירן און גאָלד, וואָס ר׳ זימל עפּשטיינס קינדער האָבן ספּעציעל באַהאַלטן באַ אים, מחמת זיי האָבן זיך זעהר געקריגט צווישן זיך נאָך ר׳ זימלס טויט. זייער משפּט איז דערגאַנגען ביז פּעטערבורג, הוצאות אויפן קריג איז אַוועק מער פון הונדערט טויזנט רובל. אַז מען האָט זיך אָבער צו קיין טאָלק נישט דערשלאָגן, זיינען זיי צוגעפאַלן צו ר׳ יהושעלען, ער זאָל זיי אויסגלייכן.

איז ער געזעסן מיט זיי אין פּעטערבורג און האָט זיי „אויסגעגלייכט“. פאַר דעם שטיקל אַרבעט האָט ער גענומען פינף טויזנט רובל און אַלע זיינען געבליבן צופרידן.

אַ סך מענשן פלעגן קומען צו אים נאָך עצות. גבירים האָבן נישט געשלאָסן קיין שותפות אָהן אים. בּאַ אים האָט מען געפרעגט אַ מיינונג ווענן געשעפט, און זיי זיינען געווען זיכער, אַז קוים האָט ר׳ יהושע מסכּים געווען אויף דעם שותפות, וועט דאָס האַלטן אויף לאַנג. און אַזוי איז טאַקע געווען.

שבּת צו נאַכטס פלעגן זיך צונויפקומען צום פעטער גבירים, וואָס האָבן גאַנץ רוהיגע קעפּ, און האָבן פאַרבראַכט אין וועלט־זאַכן. ער איז געווען, ווי די מאָדע איז, אַ גרויסער פּאָליטיקער און איז געווען קלאָר אין אַלע גבירים, גרויסע סוחרים, האָט אויסגעצייכנט געוואוסט יעדנס כאַראַקטער בּאַזונדער און האָט געקאָנט פּאָראויסזאָגן, וואָס פאַר אַ סוחר וועט שטייגן אַלץ העכער און פעסטער און ווער ס׳וועט גיך פאַלן.

קיין שלעכטס האָט ער דאָס רוב אויף קיינעם נישט גערעדט. מען ראַרף היטן די צונג, האָט ער געהאַלטן.

געווען איז ער אויך קלאָר אין ש״ס און פוסקים, און אין זיינע לשון־קודש־בּריף איז געלעגן אַ סך חכמה און וויץ. דערצו נאָך איז ער געווען אַ מזל־טוב און האָט בּאַ זיך קיינמאָל קיין געלט נישט געטאָרט האַלטן. און האָט ער געהאַט בּאַ זיך עטליכע הונדערט רובּל און עמיצער איז גראָד בּעת מעשה געקומען צו אים מיט אַ קרומער מינע, האָט ער געקאָנט יענעם דאָס געלט אַוועקגעבן.

אַז ער האָט געהאַט בּאַ זיך געלט, האָט זיין ווייבּ, ווי דער שטייגער איז, שטאַרק אַכטונג געגעבן אויף אים... זי האָט אים געקוקט אויף די הענט, אָבּער שיין, שטיל און ריפּלאָמאַטיש.

בּאַם פעטער איז די ערשטע פרוי געשטאָרבּן, ווען ער איז נאָך אַ יונגערמאַן געווען. מיט דער ערשטער פרוי האָט ער געהאַט אַ זון מיט אַ טאָכטער. זיין צווייטע פרוי איז געווען דעם וואַרשעווער סופרס אַ טאָכטער. זי, דאָס צווייטע ווייבּ, האָט אים געאירצט דאָס גאַנצע לעבן פון דער חתונה אָן.

— זאָל ר׳ יהושעלע גיין עסן... זאָל ר׳ יהושעלע דאָס, יענץ...

די קינדער פון בּיידע ווייבּער זיינען געגאַנגען פאַר אים אויף די שפּיץ פינגער. האָט ער גערעדט, זיינען אַלע קינדער געשטאַנען ווי חסידים פאַרן רבּין. זיינע צוויי טעכטער, פרייל׳נס, זיינען געווען זעהר פיין ערצויגן, און עס איז געווען זעהר אַנגענעם מיט זיי צו פאַרבּרייננגען.

די עטליכע וואָכן, וואָס איך בּין אָפּגעזעסן בּאַם פעטער אין הויז, זיינען מיר טיף פאַרבּליבּן אין זכרון. איך האָב זיך געפונען ווי אין אַ גן־עדן, צווישן שיינע, גוטע מענשן. איך האָב שטענדיג געמיינט, אַז איך בּין לפּי

ערך אַן אײרעלער יונגערמאַן; אין דעם הויז אָבער האָב איך דײטליך נעזעהן, וואָס הייסט אײרלקייט, פײנקייט.

באַ דעם פעטערס פאַמיליע האָב איך געהאַט חן. זײ האָבן געהאַט קריינקונג, וואָס איך בין נישט איינגעאָרדנט, וואָס איך האָב נישט קיין באַשעפטיגונג.

איינמאָל האָט דער פעטער געזאָגט:

— איך ווייס נישט, צי האַצקל וועט טויגן פאַר סוחרות. ער האָט צופיל תמימות פאַר סוחרות. ביז עס וועט זיך וואָס געפינען, וואָלט איך אים געראָטן נעמען זיך צו מלמדות... אין וואַרשע נויטיגט מען זיך שטאַרק אין ליטווישע מלמדים. אין וואַרשע קאָן מען גאַנץ פיין לעבן פון מלמדות...

און דער פעטער האָט פאָרזיכטיג אַ קוק געגעבן אויף מיר.

אין מיין פנים האָבן זיך געביטן די פאַרבן: איך פיל, ווי עס ווערט ווייס און רויט, ווייס און רויט.

— מלמדות !... — האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ — ווײ איז מיר...

דער פעטער האָט באַלד אָנגעהויבן דערציילן מעשיות פון פיל מלמדים, וואָס זיינען אין וואַרשע גרויס געוואָרן און זיינען איבערגעגאַנגען פון מלמדות צו גרויסע געשעפטן, גרויסע פאַבריקן א. אַז. וו. פיל פון זיי זיינען היינט גרויסע גבירים. ענערגישע מענשן ווערן אין וואַרשע נישט פאַרפאַלן, נאָר שלימזלניקעס בלייבן אייביגע מלמדים. אַ מלמד — אַ מענש „שעצט“ מען הי, און עס איז זיך גישטאָ מיט וואָס צו שעמען.

אָט אַזוי האָט דער פעטער פאַרגלעט דעם שווערן איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט מיט זיין מלמדות. דערביי האָט ער מיך ווידער פאָרזיכטיג אָנגעקוקט.

עס איז אָבער געווען אַ פאַרפאַלענע זאַך. וואָרום קוים האָט דער פעטער געזאָגט, אַז מלמדות איז גוט, האָב איך געמוזט מרוצה ווערן... די נאַכט אָבער האָב איך נישט געקאָנט איינשלאָפן. איך האָב אַלץ געקלערט וועגן דעם: ווערן אַ מלמד, ווערן אַ מלמד... אָבער דער פעטער זאָגט, אַז עס איז גוט, העלפט נישט.

— פעטער — האָב איך אים אָנגעזאָגט — ווער איך אַ מלמד...

— זיי רוהיג — האָט ער געענטפערט — דיין כבוד וועט דיר נישט געמינערט ווערן, נישקשה.

און פּלוצלינג, אין אַ שבת באַטאָג, האָט מיר זיינער אַ זון אָנגעזאָגט, אַז דער טאַטעשי וויל מיך פאַרהערן אין לערנען. עס וועט קומען איינער אַ למדן, וועט ער מיך פאַרהערן. דאָס האָט מיר אויך נישט געשמעקט: פאַרהערן גאָר. אַ איינגעלע בין איך?

איירעלע מענשן אָבער קאָנען פאַרגלעטן, און מען האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען באַדאַרף וויסן, וואָס פאַר אַ תּלמידים קאָן איך אָננעמען. איך האָב מיך נישט געקאָנט ווערן און דאָס איז באַ מיר אויך רעכט געוואָרן. אין אַ שעה אַרום איז געקומען אַ „שיינער איד", אַן עלטערער מענש, און דער פעטער האָט מיך אַריינגערופן אין אַ באַזונדער צימער. מען האָט געבראַכט אַ גמרא בבא מציעא, דער איד האָט אָנגעוויזן גלייך אויפן ערשטן פּרק: שנים אוחזין בטלית, די שיטה פון ער אחר, מיט די תּוספתן און מהרש"א. האָב איך געזאָגט פאַר אין בּרירה און גאָר נישט שלעכט. ער האָט באַלד איבערגעגעבן ר' יהושען, אַז איך קען... דער פעטער איז געווען צופרידן און מיר איז אָנגעזאָגט געוואָרן:

— דו בלייבסט שוין אַ וואַרשעווער...

אַלזאָ, מלמדות.

איצט דאַרף איך פאַרבלייבן אין וואַרשע ביז איבער סוכּות. דעמאָלט איז די רעכטע צייט פון נעמען קינדער. ביסלעכווייז האָב איך פאַרגעסן אָן דעם אַרטיקל „מלמדות" און געוואָרן מונטערער.

און אַ מונטערער פלעג איך אָפט שפּאַצירן מיט ר' יהושעס זון חיים־לייזערן. דער ראָזינער חיים־לייזער האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט וואַרשע, מיט דער גאַנצער אידיש־וואַרשעווער געשיכטע, מיט די אַלע היגע מנהגים, מיט די חסידים און רבּיים. ר' יהושעלעס הויז, פאַרשטייט זיך, איז געווען מתנגדיש. ער האָט מיר אויך געוויזן אַלע היגע בּתּי־מדרשים, און געדאַווענט האָב איך מיט אים אין דער ליטווישער ערשטער חברה ש"ס אויף פראַנציסקאַנער גאַס. אין דעם ראָזינן בית־המדרש האָבן געדאַוונט אַלע אָרטאָדאָקסיש־גבירישע יונגעלייט, וועלכע האָבן גענומען צו זעכציג, אַכציג טויזנט רובל נדן. אַ מאָרנעם איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די לאַנגע קליידער מיט די שטריימעלאַך און געדרייטע פּאהלאַך. יונגעלייט, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט קיין סימן פון קיין באָרד, זיינען געווען באַהאַנגען מיט שאָקלנדיגע, גראָבע, לאַנגע פּאות, וואָס האָבן אויסגעזעהן ווי לע־בעדיגע חיהלאַך. רייכערע יונגעלייט זיינען געגאַנגען אין אַטלעסענע לאַנגע קאַפּאָטעס מיט ווייסע זאָקן און פּאַנטאָפל. אַזעלכע יונגעלייט האָט מען באַגעגנט מאַסנווייז אויף די נאַלעווקעס, פראַנציסקאַנער און גזשיבאָוו; מיידלאַך אָבער זיינען געווען טיף רעקאָלטירט.

אין דער ראָזינער חברה ש"ס, אין בית־המדרש, האָט מען שטענדיג געהאַלטן אין איין קריטיקירן די חסידים. דאָרט זיינען געווען די פאַר־ברענטסטע מתנגדים. די היץ פון די חסידים קעגן די מתנגדים איז איבער־געוואָרפן געוואָרן אַהער צו די מתנגדים קעגן חסידים. איינער, מיטן נאָמען אליהו, אַן אייניקל פון ווילנער גאון, אַ רייכער יונגערמאַן און אַ למדן,

איז געווען דער גאַנצער פירער פון דער חברה ש״ס־לייט. געטראָגן האָט ער אַ זיידענע ריפּסענע לאַנגע קאַפּאָטע, מיט ווייסע זעקעלאַך און שיינע פּאַנטאָפּל. זיינע פּאות, נישט גאָר לאַנגע, נאָר געקרייזלטע, האָבן אים צוגעגעבן אַ באַזונדער חן. און מיט דעם ראָזיגן אויסערליכן חן האָט ער צוגעצויגן אַ סך זייטיגע מענשן.

אַ מתנגד איז ער געווען אַ פייערדיגער און האָט שטענדיג געלאַכט און חוזק געמאַכט פון די חסידים מיט די רביים. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם קרייזל בין איך שטאַרק צוגיץ געקומען. איך האָב דאָך עפּעס אויך געקענט חסידים. און אַזוי איז פריילין אַוועק די צייט. אַלע טאָג פאַרן דאַוונען אין דערפריה און נאָכן דאַוונען, און דערהויפּט צווישן מנחה און מעריב, בין איך שוין געווען אין רעכטן קנויל פון די יונגעלייט און געאַר־בעט מיט דער צונג אויף וואָס די וועלט שטייט. איך בין זיי אַזוי ווי צוגע־שיקט געוואָרן מן השמים, און זיי מיר אויך דאָסזעלבע. דער עולם האָט געלאַכט פון די מופתים, פון די רביים, פון אַזעלכע גוזמאות, וואָס זיינען נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, און אַלע טאָג פלעגט מען ברייגגען צום קריטיקירן אַן אַנדער חסידישן ספר פון עפּעס אַ רבין.

נאָר ס'איז געווען איין זאַך, וואָס האָט פאַראייניגט די ש״ס־יונגעלייט מיט חסידים. דאָס איז געווען דער ענין פון שומרי שבת. געווען אַ חברה „שומרי שבת", וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל אָפּצוהיטן אידן פון חלול שבת. געוויינליך, האָט מען זיך געראַנגלט מיט די אָרימערע קלאַסן אידן — די שומרי־שבתניקעס האָבן אויף זיי געקאָנט אָנדריקן מער, ווי אויף די רייכערע.

די גרויסע חברה „שומרי־שבת" האָט געהאַט אירע טיילן אין אַלע חסידים־שטיבלאַך, און יערעס חסידים־שטיבל האָט זיך געטאָן זיין אַרבעט: מען האָט אויפגעקוקט דערויף, אַז מען זאָל נישט האַנדלען אום שבת, נישט קויפן און פאַרקויפן א. אַז. וו.

אַמאָל איז געווען נישט גאָר אַנגענעם צו צוקוקן, ווי אַ רייכער, זאַטער קעסט־איידעמל איז זיך נוקם אָן אַן אָרימער פינסטערער פּשעקופּקע, פאַרוואָס זי איז אַ רגע שפּעטער געשטאַנען מיט די קאָשיקעס.

ערב סוכּות פאַרנאַכט איז אָנגעלאָפן אליהו אין בית־המדרש חברה ש״ס אַ פאַרסאָפּעטער, ווי עס וואָלט געברענט:

— עולם, די פּשעקופּקעס זיצן נאָך אין גאַס און לייזן געלט — האָט ער אויסגעשריען — גיכער לאָמיר זיי פונאַנדערטרייבן!

האָבן זיך אַלע זיידענע יונגעלייטלאַך אַ שאָט געטאָן אויף דער גאַס. איך בין אויך אַרויסגעגאַנגען זעהן, ווי אַזוי מען טרייבט די פּשעקופּקעס. דעמאָלט איז נאָך נישט געווען קיין קאַנאַליזאַציע, זיצן ווייבער אויפן

טראָטואַר, די פיס אַראָפּגעהאַנגען אין רינשטאָק, איינע נעבן דער אַנדערער איבער דער גאַנצער לייַנג פון גאַס און פאַרקויפן די רעשטלאַך ווייַנטרויבן און אַנדערע פרוכטן, וואָס מען באַדאַרף צו יום־טוב. די סחורה, דעם אמת געזאָגט, איז שוין אַביסל צוגעפוילט, און וועט מען עס איצט נישט פאַרקויפן, וועט עס דערנאָך אַ גראָשן נישט ווערט זיין. די יונגעלייט אָבער האָבן אויסגעשאָטן די קוישן פרוכטן אין רינשטאָק אַריין. איז געוואָרן אַ מהומה, די פּשעקופּקעס ווייַנען און בעטן זיך:

— אָט שטייען דאָך סוחרטעס, וואָס ווילן דאָס אָפּקויפן, נאָר איין מינוטקעלע.

אָבער דער עולם האָט נישט געהערט.

איך האָב דאָס נישט געקאָנט צוזעהן, זאָג איך צו דעם אָנפירער:

— ר' אליהו, איר גייט גאָרנישט אַריין אין דער לאַגע פון די אָרימע פאַרביטערטע פּשעקופּקעס און טוט זיי אָן הזיק. עס וואָלט אפשר געווען גלייכער אויפלייגן זיך צווישן זיך פיל עס איז און באַצאָלן די פּשעקופּקעס פאַר זייערע רעשטלאַך, וואָס איבער יום־טוב וועט דאָס שוין גאָר קאַליע ווערן, און שיקן זיי אַהיים. גלאַט וואַרפן, שליידערן — איז עפּעס נישט שיין...

אָבער מיט מיינע עטליכע ווערטער האָב איך מיך גאָר קאַליע געמאַכט אין זייערע אויגן. זיי האָבן געוואָרפן אַ חשד אויף מיר, אַז איך בין שוין אַביסל געכאַפּט אין דער מעשה.

זיי האָבן אָפּגעטאָן זייער אַרבעט און אַוועק צוריק אין חברה ש"ס. דאָרט האָט מען אָפּגעדאַוונט מעריב און געוואָלט מיט מיר פירן אַ ויכוח מכח דעם. דאַרף מען אָבער גיין אַהיים עסן, קעסט־קינדער, האָט מען אָפּגעלעגט אונ־זער ויכוח אויף מאָרגן, יום־טוב באַטאָג. אויף מאָרגן זיינען אַלע זיך צו־נויפגעקומען אין בית־המדרש, און עס איז אַוועק באַ אונז אַ ויכוח. איך האָב זיך פונאַנדערגערעדט אויף אַ האַלבער שעה צייט און אויפגעוויזן, אַז מיט אָרימע פּשעקופּקעס קאָן מען זיך פאָרט אַזוי נישט באַגיין און אַז נישט דאָס הייסט די אמתע עבודת־הבורא. מיט דער הילף פון ויכוח האָב איך מיר צוגעצויגן אַ גרויסע פאַרטיע, וואָס האָט איינגעשטימט מיט מיר, נאָר איניגע פון די רייכערע און בתוכם דער ראש אליהו זיינען געבליבן באַ זייערס, אַז זיי זיינען גערעכט על פּי דין און אַז איך בין שוין אַביסל אַראָפּ־געקראָכן פון וועג... אויך די פאַנאַטישע האָבן זיך ביסלעכווייז אָפּגע־רוקט פון מיר. די ווירער, וואָס האָבן מיט מיר געהאַלטן, זיינען געשטאַנען פאַר מיר אייזן־שטאַרק, נאָר איך האָב פאַמעליך איינגעזעהן, אַז מיין מלמדות וועט שוין לייַדן צוליב דעם, וואָרום מיט יעדן טאָג האָט מען זיך אַלץ מער דערווייטערט פון מיר. וויפיל דאַרף מען האָבן צו אַ שלעכטן שם?... צי האָב איך עס באַדאַרפט?

און אַזוי איז טאַקע געווען. אייניגע האָבן מיר טאַקע נישט אָפּגעגעבן די קינדער צוליב דעם, און פריהער האָבן זיי עס געוואָלט.

זייענדיג אין וואַרשע, האָב איך זיך באַקאַנט מיטן האַס פון די פוילישע אידן צו די ליטוואַקעס — אַ האַס, וואָס דערמאָנט אָן צוויי קריגערישע פעל־קער און וואָס איז מיר ביז אַהער געווען לחלוטין אומבאַקאַנט. טוט אַ ליטוואַק אַן עולה, אַזוי באַשולדיגט מען גאַנץ ליטע, און די פאַר־אַכטונג צו דעם מאָגערן שטיק לאַנד, וואָס הייסט ליטע, איז גאָר אומ־באַשרייבליך.

פריהער, פאַרן אויפשטאַנד, אין 63־טן יאָר, האָט געהערשט אין וואַרשע ראָס טאָג־צעטל. יעדער פרעמדער איר, נישט קיין איינגעשריבענער אין וואַרשע, האָט געמוזט צאָלן פאַר יעדן טאָג פופצען קאָפּיקעס. עס פאַר־שטייט זיך, אַז מיט אַ יאָר זעכציג צוריק איז פופצען קאָפּיקעס געווען אַ צו גרויסע קאָנטריבוציע, און דעריבער זיינען אין וואַרשע געקומען גאָר ווייניג ליטוואַקעס. אָדעס איז דעמאָלט געווען די איינציגע שטאָט, וואו ליטוואַקעס האָבן געזוכט פרנסה, כאָטש אָדעס איז פון ליטע ווייטער ווי וואַרשע. אַן אַנדער גרויסע שטאָט, וואוהין צו פאָרן, האָבן די ליטוואַקעס נישט געהאַט. אָבער אַזאַ ווייניגע צאָל ליטוואַקעס איז אויך פאַרהאַסט געוואָרן באַ די פוילישע אידן, און קיין אַנדער נאָמען ווי ליטוואַק־חזיר האָבן זיי פאַר אים נישט געהאַט.

נאָכן אויפשטאַנד איז וואַרשע ברייט געעפנט געוואָרן פאַר אידן, קיין קאָנטריבוציע האָט מען שוין נישט געצאָלט, און אַזוי ווי אין יענער צייט זיינען די ערשטע צוויי באַנען אין רוסלאַנד: וואַרשע — פּעטערבורג, וואַרשע — טערעספּאָל פאַרבייגעפאָרן פאַרביי ליטע, זיינען, פאַרשטייט זיך, אין אַ משך פון עטליכע יאָר אָנגעקומען אַ היפּשע צאָל ליטוואַקעס, און דער האַס האָט זיך פאַרגרעסערט.

נאָר פאַרוואָס קומט דעם ליטוואַק דער נאָמען חזיר? פאַרוואָס נישט רמאי, גנב, צי עפּעס אַנדערש? ראָס דערקלערט זיך פּשוט. ליטע איז אַן אָרימע געגנט, קיין אינדוסטריע איז נישטאָ, די ערד איז אַ מאָגערע, אַ זאַמדיגע, די פּריצים אויך אָרימע, און אַז די ליטוואַקעס קומען קיין וואַרשע, לעבן זיי זעהר שלעכט, מאָגער, פינסטער, און עסן עסן זיי ברויט מיט אַ ציבעלע צי מיט רעטעך, צי מיט אַ קנאָבל און פאַרטרינקען מיט קאַלטער וואַסער. עס האָט גאָרנישט אויסגעמאַכט, צי מען האָט אַ סך פאַרדינט, צי ווייניגער. פונם אָרימען אַרט לעבן האָט זיך דער ליטוואַק נישט אָפּגע־וויינט, און אָט דערפאַר איז דער ליטוואַק געקרוינט געוואָרן פון די פוילישע אידן מיט דעם נאָמען ליטוואַק־חזיר...

און דער נאָמען איז אים פֿאַרבליבן עד היום הזה, הגם די ליטוואַקעס האָבן שוין היינט אויך שכל גוט צו עסן און טרינקען, און אין דעם ענין לוקסוס טוען זיי נאָך וואַרשע אות באות: האָבן זעהר ליב פּוץ און טעאַטער און טרענצלען געלט אויפֿן ברייטן שטיינער.

מיט דעם פּעטערס קינדער פֿלעג איך אַריינקומען אין פֿאַרשיידענע הייזער. דאָרט האָט מען נאָר געטאָן און גערעדט פֿון ליטוואַק־חזיר, דערהויפּט די פֿרויען. יערע פֿרוי האָט דערציילט אַן אַנדער מאוסע מעשה אויף די ליטוואַקעס. מיט דעם איינעם טיטל אָבער זיינען נאָך די ליטוואַקעס נישט פֿאַרטיג געווען. זיי זיינען נאָך באַקרוינט געוואָרן מיט אַ שענערן טיטל — „ליטוואַק צלם־קאָפּ". דער טיטל איז אים געפֿאַלן פֿאַר זיין שטרעבן צו בילדונג. בעת די פּוילישע אידן זיינען געשלאָפֿן, און די גרעסטע ראָליע האָט באַ זיי געשפּילט נאָר דער רבי — זיינען באַ די ליטוואַקעס אַרויסגעשפּרונגען אַ סך משכּילים מיט קלינגענדיגע באָמבאַסטישע נעמען, וואָס האָבן געוועקט די פֿאַרשלאָפֿענע אידישע וועלט צו בילדונג.

אין וואַרשע איז אויך געווען אַ טייל אידן, וואָס האָבן זיך גענומען צו קולטור. אָבער שוין דעמאָלט האָט אין זיי אַרויסגעשפּראָצט דאָס געל־טויטע גרעזל פֿון אַסימילאַציע, און זיי זיינען געווען אינגאַנצן אָפּגעטיילט פֿון די אָרטאָדאָקסן. זיי האָבן געטראָגן קורצע קליידער, די פֿרויען האָבן נישט באַדעקט דעם קאָפּ מיט אַ פּאַרוק און גערעדט האָבן זיי נאָר פּויליש, נישט קיין אידיש. די אָרטאָדאָקסן האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן דייטשן, אַ נאָמען, וואָס באַצייכנט זיי איידל פֿאַר גויים... די אָרטאָדאָקסן האָבן שטרייננג אָפּגעהיט, אַז זייערע קינדער זאָלן נישט ריידן און זיך נישט באַ־גענענען מיט די „דייטשישע" קינדער, כּדי די „דייטשן" זאָלן נישט מאַכן זייערע קינדער פֿאַר גויים.

אָבער די ליטוואַקעס זיינען אויסגעמישט. אויסערליך איז נישטאָ קיין שום אונטערשייד צווישן די אָרטאָדאָקסן מיט די אינטעליגענטן. די לאַנגע קאַפּאָטע איז נישט געווען קיין שילד פֿאַרן אָרטאָדאָקס, און דער פֿרומער איד האָט זיך געקאָט ניין גאַנץ אייראָפּייאיש געקליידט. די השכּלה מיטן דת האָבן זיך לפי ערך געבונדן. דער לאַנג־געקליידעטער קאָן זיך זיין דער גרויסער אפּיקורס, און דער קורץ־געקליידעטער קאָן זיך זיין אַ גאַנץ פֿרומער איד.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָך דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד זיינען אָנגעקומען אַ סך ליטוואַקעס פֿון כּל המינים, און די פּוילישע אידן האָבן נישט געקאָנט אונטערשיידן צווישן די ליטוואַקעס, וואָס ווער עס איז: צי אַ פֿרומער, צי אַ משכּיל, צי גאָר אַן אפּיקורס. האָבן זיי דעריבער שטאַרק מורא געהאַט פֿאַר די ליטוואַקעס, אַז זיי זאָלן נישט קאַליע מאַכן די פּוילישע אידן מיט

ווייער השכלה און אפיקורסות; רעמאָלט איז אַרויסגעשוואומען דער נאָמען „ליטוואַק צלם־קאָפּ“, כּדי מען זאָל זיך מיט זיי ווייניג חברן.

בּילדונג איז איינס, קורצע קליידער — צוויי. קורצע קליידער און בּילדונג — איז גויאיש, איז צלם־קאָפּ. דאָס איז דער מקור פונם צווייטן טיטל.

איך האָבּ שוין געזאָגט, אַז דעם פעטערס זון איז מיט מיר אָפּטער געגאַנגגען אין גאַס. און גייענדיג, פלעגט ער מיך שטענדיג קלאָר מאַכן אין קאָכינגן וואַרשעווער לעבּן און פלעגט מיר שטענדיג פאַרענטפערן מיינע פּראָווינציעלע קשיות, מיט װעלכע איך פלעג אים פאַרוואַרפן.

איינמאָל, געדיינק איך, גייענדיג מיט אים אויף די נאַלעווקעס, האָבּ איך בּאַגעגנט ישראל־חיים פרידבּערגס אַ זון, אַ בחור עפּעס יונגער פאַר מיר. געווען איז ער אָנגעטאָן רייטשמעריש. געוויינליך האָבּן מיר זיך צעקושט און זיך פונאַנדערגערעדט. ער האָט מיר דערציילט, אַז בּאַלד נאָכן אויפשטאַנד איז זיין טאַטע אַרויס קיין וואַרשע. זיי וואוינען איצט דאָ. דער יונגערמאַן האָט זיך דערפרייט מיט מיר און געבּעטן מיך גיין מיט אים צו זיך אַהיים. זיין פאַמיליע איז געווען זעהר געטריי מיין פאַמיליע.

דאָס בּאַגעגעניש האָט מיך אויך זעהר דערפרייט, איך האָבּ אים צוגעזאָגט צו קומען. אַז מיר האָבּן געענדיגט אונזער איילינגן און פריידיגן שמועס, האָבּ איך געגומען זוכן מיין קרוב. איך זוך און זוך — אָבּער ער איז נישטאָ. איך קוק אין אַלע זייטן און געפין אים נישט. פרעג איך פרידבּערגן:

— ווייסטו נישט, וואו דער יונגערמאַן איז אַהינגעקומען?

צעלאַכט ער זיך:

— ווייסטו דען נישט, אַז ווי נאָר ער האָט דערזעהן, אַז דו קושט זיך מיט אַ „רייטש“, איז ער בּאַלד אַנטלאָפן, וואו פעפער וואַקסט...

איך האָבּ עס בּשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין. איך האָבּ זיך מיט פרידבּערגן געשיידט און געגומען גיין אַהיים; ערשט דאָ איז צו מיר אונ־טערגעשפּרונגען מיין קרוב און האָט מיר קאַטעגאָריש אָנגעזאָגט, אַז אויבּ איך וועל נאָך אַמאָל, גייענדיג מיט אים אין גאַס, בּאַגעגענען אַ רייטש און זיך אָפּשטעלן רייזן מיט אים, וועט ער, מיין קרוב, מער מיט מיר נישט גיין; וואָרום עס איז אַ גרויסע חרפּה פאַר אים צו שטיין מיט אַ רייטש, און אויבּ, זאָגט ער מיר, איך וויל אָננעמען די מלמרות אין וואַרשע, זאָל איך זעהן נישט צו בּאַגעגענען זיך מיט רייטשן און נישט צו האָבּן מיט זיי קיין מגע ומשא. אַז די בּעלי־בּתּים וועלן פון דעם געוואָר ווערן, וועלן זיי בּאַלד בּאַ מיר אָפּנעמען די קינדער. איך מעג מיר אפילו זיין אַ גאון עולם.

דאָס האָט מיך מאָרגע אַראָפּגעוואָרפן פון מוט. מיין גאַנץ שטרעבּן איז, אַז איך זאָל זיך קאָנען געפינען צווישן משכּילים און זאָל עפּעס דערווערבּן

ווינסשאַפט, און דאָ דאַרף איך זיך גאָר אָפּשיידן פון יענע מענשן, צווישן וועמען איך וואָלט עס געקאָנט דערגרייכן. איך טאָר זיך נישט באַגעגענען מיט אַן אינטעליגענטן אידן.

אויף אַזאַ אופן איז דאָך מיר שוין גלייכער צו וואוינען אין דאָרף — כאשר אברתי — אבדתי, וואָס האָב איך צו טון אין וואַרשע? ווידער האָב איך אָנגעהויבן מיט ביטערניש צו קלערן, אַז איך דאַרף זיך נעמען צו דאָרפּישע געשעפטן, אַ קרעטשמע אָדער אַ פּאַקט, און אַ סוף זאָל דאָס ווערן. בעסער אין דאָרף אַ שטיקל מענש, איידער אין וואַרשע אַ גאָרנישט. אַלץ גלייכער ווי דאָ אין וואַרשע צו זיין אַ מלמד, אַ צבועניק, פירן זיך פּאַנאַטיש צווישן פּאַנאַטישע, וואָס איך קאָן דאָס גאָרנישט — איך האָב דערפון געגוג געליטן פון טאַטן.

און עס האָט מיך אָנגעהויבן פּייניגן די חרטה. איך מאַטער זיך אַלץ און זוך אַ פּרנסה אין אַ גרויסער שטאָט — צו וואָס דאַרף איך דאָס! פּאַרפאַלן, אַ מענש קאָן מיט געוואַלד קיין זאַך נישט נעמען, און באַ מיר איז פּאַרבליבן, איך זאָל פּאָרן צוריק אַהיים...

אויספירן עס די מינוט האָב איך דאָך נישט געקאָנט: פּאַר מיר איז שוין געווען צוגעגרייט אַ פּאַרטיגע שטעלע פון מלמדות. מען קאָן קיין חזיר נישט זיין, מיין פעטער האָט געאַרבעט... מוז מען מאַכן אַן אָנהויב...

אַזוי איז אַוועק דער סוכּות. צו פרידבערגן, וועמען איך האָב באמת ליב געהאַט, האָב איך נישט געקאָנט גיין — עס האָט נישט געפּאַסט... מיין מלמדות האָט זיך שוין געשטיצט, גאָט צו דאַנקען, אויף זעקס גוטע אינגעלאַך, וואָס לערנען גמרא מיט תּוספות, צו פופציג רובל אַ אינגל. פּאַר אַ פּראָווינציעלן יונגענמאַנטשיק באַ אַמאָליגע יאָרן איז דאָס שוין געווען גאָר נישקשה.

איך האָב געדונגען אַ חדר אויף פראַנצישקאַנער גאַס און רינסטאָג, באַלד נאָך סוכּות, געזעצט זיך אויף דעם מלמדישן שטול. ניין אַזייגער אין דערפריה זיינען געקומען די אינגלאַך מיט די סאַמעטענע היטעלאַך, אין ווייסע זעקעלאַך מיט לאַנגע געדרייטע פּאהלאַך און האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום טיש. איך — אויבן אָן אויף אַ שטול. איך האָב אויפגעעפנט די גמרא בבא מציעא און האָב אָנגעהויבן... נאָר בזו הרגע האָב איך זיך... פונאַנדערגעוויינט. אַ ים מיט טרערן, מיט אַ פּאַרכליפּעניש — און איך האָב געמוזט אַרויסלויפן פון שטוב. איך האָב זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון וויינען. אַז פּאַראינטערעסירטע פּאַרבייגייער האָבן געפרעגט, וואָס וויין איך, האָב איך קוים אַרויסגערערט:

— אַ קינד איז באַ מיר שטאַרק קראַנק...

לסוף האָב איך זיך פאָרט געשטאַרקט, אַריין צוריק אין חדר און גענומען לערנען. געווען אַ פּאָר אינגלאַך מיט זעהר שווערע קעפּ, און איך האָב זיך באַראַפּט גוט אָפּעסן דאָס האַרץ, אײדער איך האָב זיי אַריינגעשטאָפּט דעם עמור גמרא אין קאָפּ אַריין. ווי עס ווייזט אויס, האָט מען מיך אָפּ־גענאַרט, מען האָט מיר צופיל פאַרלויבט די קינדערשע קעפּלאַך.

דאָנערשטאָג באַטאָג בין איך געגאַנגען זיך עפּעס קויפן. דאָס האָט גע־דויערט אַ פּאָר שעה צייט. די אינגלאַך האָב איך געלאָזט אין חדר און זיי געזאָגט, אַז אין אַ שעה אַרום וועל איך קומען. און אַז איך בין באַלד נישט געקומען, זיינען די צעלאָזענע אינגלאַך אַוועק אַהיים און דערציילט די מאַמעס, אַז דער רבי איז אַוועקגעגאַנגען באַלד אין דערפריה אין גאַס אַריין „קויפן סחורה״ און איז נאָך נישטאָ. אגב האָט מיך אין גאַס באַגעגנט אַ בעל־הביתטע. דאָס איז באַ איר מסתמא געווען דאָס גרעסטע פאַר־ברעכן: אין מיטן טאָג, אין דער צייט פון לערנען. איז שוין שנעל באַקאַנט געוואָרן באַם פעטער אין שטוב, אַז איך גיי גאָר אַרום שפּאַצירן אין גאַס, איז מען דאָרט נשתומם געוואָרן:

— ס׳טייטש, אַ מלמד זאָל גיין איבער די גאַסן אין מיטן טאָג!....

דאָס איז געווען דער ערשטער שאָס אין מיין מלמדות.

אויפן האַרצן איז מיר געווען קאַלעמוטנע, וואָס צו אָנווערן האָב איך שוין סיי ווי סיי נישט געהאַט, בין איך אַוועק צו פרידבערגן און האָב אים דער־ציילט פון מיין מעמד באריכות א. אַז. וו.

— איצט בין איך, ברודערקע, אַ מלמד — האָב איך זיך געקלאָגט — פיין אויסגעפירט.

פרידבערג האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און דערנאָך אויפגע־געבן אַ גאַנצן פּלאַן. דהיינו, איך זאָל פאָרן קיין מאַקאַראָווצי, גראָדנער אויעזד, דאָרטן וואוינט מיינער אַ קרוב, אַ רייכער בחור, וואָס איז אַ פאַר־וואַלטער באַ אַ פריצטע אין די מאַיאָנטקעס. ער איז זעהר אַ גוטער מענש און אַ משכּיל, און באַ אים וועל איך זיך געוויס איינאָרדענען. דאָס איז מיר זעהר געפעלן געוואָרן. איך האָב זיך באַלד אָפּגעזאָגט פון מלמדות.

דער פעטער האָט אפילו געזאָגט, אַז דאָס איז אַ נאַרישקייט, וואָרום פיל וואוילע יונגעלייט וואַלגערן זיך אָפּ אין וואַרשע יאָרן־לאַנג, ביז זיי קריגן אַזאַ מלמדות.

— נשקשה, מלמדות איז אַ סחורה — האָט ער מיט מיר איינגעטענעט

— געריינק, אַ שאָר צו לאָזן דאָס קנעלן.

אָבער מיין פאַנטאַזיע איז שוין געווען ווייט. און דעם פעטערס ווערטער זיינען געווען אַרויסגעוואָרפן...

קאַפּיטל V

מײן פעטער חנא מטות.—גאָר אַן אַנדער הויז.—רוהיגקײט.—בענדער ראָזענבלום.—מען גיט מיר צו האָפענונגען. — די פּריצטע ליובאָוויטשאָווע. — ראָזענבלומס ענער־ניע. — זײן ליבע צו דער פּריצטע אָדער פאַרקערט. — לײט לאָבן דאָס. — מען אַרבעט. — איך בלײב אין מאַקאַראָווצי.

אין אַ שײנעם צי אַ מאוסן פריהמאָרגן האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אין גראָרנער אויעזר. אַז איך בין געקומען קײן קרינִיק, איז מיר נישט געבליבן קײן אײן גראָשן אין קעשענע צו דערפאָרן קײן מאַקאַראָווצי, אַכט וויאָרסט וועג. איך האָב זיך אַרומגעפרעגט אין קריניק אויף סענדער ראָזענבלום פון מאַקאַראָווצי. האָט מען מיר איבערגעגעבן נישט מער און נישט ווייניגער, אַז די פּריצטע האָט זיך אײנגעליבט אין אים. זי איז אַפילו אַן אַלטע, אָבער דערפאַר האָט זי אים אַוועקגעגעבן, אויסער ליבע, אַ פאַרמעגן פון אַ הונדערט טויזנט רובל. ער ווידער, האָט מען דערציילט, איז אַ גרויסער אַפּיקורס, נאָר זעהר אַ גוטער, אַן אָרנטליכער און אַ גרויסער בעל־צדקה.

רינג איך אַ פור קײן מאַקאַראָווצי. כּדי צו באַצאָלן דעם בעל־עגלה פאַר דער פור, האָב איך אין קריניק פאַרזעצט אַ מלבוש. אין מאַקאַראָווצי האָט מיך דער בעל־עגלה פאַרפירט צום פעטער חנא מטות, סענדערס פאָטער און מײן באָבע בײלע ראַשעס אַ ברודער, וואָס האָט געוואוינט אין אַ באַזונדער הויז, נעבן הויף, מיט אַ טאָכטער אַ גרושה. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז איך בין בײלע־ראַשעס אַן אײניקל און מען האָט מיך וואַרעם אויפגענומען.

דער פעטער איז אַ איד אַ למדן, אַ משכּיל, און זעהר אַ באַראַכטער, אַ געלאַסענער, וואָס קאָן זאָגן אַ גוטן וויץ, אַז יענעם זאָל אַ שטאָך טון אין דער זיבעטער ריפּ. שוין אַ פּאָר יאָר, אַז ער איז בלינד. די פּאַרע פון דער קריניקער באָר האָט אים אײנמאָל פּלוצלינג בלינד געמאַכט; רײדן איז אָבער מיט אים זעהר אַנגענעם געווען. די טאָכטער איז אַפילו זעהר אַ העסליכע, נאָר אַ קלוגע און אַ פּראַקטישע.

אויס שטאָט — ווירער פעלד און וואַלד און גוטע, אויפריכטיגע, פּשוטע קליינשטעטלדיגע אידן — און איך האָב פריער אָפּגעאָטעמט. איך האָב גאָר פאַרגעסן אָן מיינע צרות; דער פעטער, ווירער, האָט זיך באַזונדערס געפרייט מיט מיר, וואָס ער וועט האָבן מיט וועמען צו פאַרברייינגען די צייט. איך האָב אים דערציילט וועגן וואָס איך בין געקומען.

דער פעטער האָט עס איבערגעגעבן דעם זון און האָט מיר געהייסן וואַרטן.

— עס וועט זיין גוט. — האָט ער מיר צוגעגעבן גרויסע האָפענונגען.

אין אָוונט זיינען געקומען סענדער מיט דער פריצטע. איך האָב די אייגענע אויגן נישט געגלויבט. סענדער, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציג, איז געווען ווירקליך שיין, און די פריצטע, אַן עלטערע פרוי, האָט געקוקט מיט יונגע לעבעדיגע אויגן און זיך געהאַלטן גאַנץ פּראָסט, הגם אויך כיטרע.

זיי האָבן גערעדט צו מיר פּויליש, וואָס איך האָב, לײַדער, נישט פאַרשטאַנען. איך האָב זיך גוט צוגעקוקט צו זיי. פאַרבראַכט האָט מען באַ אַ שעה צייט. דער פעטער האָט זיי אַרויסבאַגלייט פון שטוב און שטילערהייט אַ טאַפּ געטאָן אין וואָגן וועגן מיר. דערויף האָט ער פון זיי אַרויסגעקריגן, אַז איך וועל זיי זיכער צוניץ קומען. זיי דאַרפן האָבן אַ יונגענמאַן. דער פעטער האָט מיר איבערגעגעבן די ווערטער. אין שטוב איז דאָ אַ סך מנוחה, אַ קלוגער און אַ געבילדעטער איד, דערביי שטייט מיר פאָר אַ גוט געשעפט — וואָס פעלט מיר נאָך?

אין די ווינטערדיגע לאַנגע אָוונטן האָט מיר דער פעטער דערציילט וועגן זיין זון. זיין זון האָט געענדיגט אַ קליינע רעגירונגס־שול. ער איז געווען זעהר אַ פייהיגער בחור צו שפּראַכן און אַ פלייסיגער, האָט ער זיך אויס־געלערנט פאָלקאָם גוט די שפּראַכן: רוסיש, דייטש און פּויליש, וואָס אין בריסק איז זי געווען די הויפּטשפּראַך. אַז דער זון איז אַלט געוואָרן צוואַנציג יאָר, האָט דער פעטער געבעטן אהרן־לייזערן, ער זאָל געבן דעם זון אַ שטעלע אין אַקציז, וואו ער האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס. דער זיירע אהרן־לייזער האָט אים געקריגן אַ שטעלע פאַר אַן אויפזעהער אין אַ ברויז באַ אַ פּריץ אין אַ הויף. ער האָט דאָרט באַם פאַרוואַלטער נושא חן געווען. און ווען דער לעצטער איז אַריבער אין גראָדנער אויעזד, האָט ער סענדערן גענומען מיט זיך און געגעבן אַ גרעסערע שטעלע. באַזונדער האָט ער זיך אין קריניקער הויף, נעבן סאַמע שטאָט, וואָס דער שליאַכטיטש ליובאָוויטש האָט דאָס געהאַלטן אין אַרענדע. ליובאָוויטש איז געווען זעהר אַ רייכער מאַן, פון אַ צוויי מאָל הונדערט טויזנט רובל, נאָר זעהר אַ פּראָסטער. אַליין פלעגט ער גיין באָרוועס אין הויף און די פריצטע אויך

ראָסזעלבע. פאָרגריג איבער די פעלדער, פלעגט ער האָבן פולע קעשענעס מיט געקאָכטן אַרבעס און עס עסן אויפן וועג.

זי, די פריצטע, איז געווען פון הויכן יחוס. איר ערשטער מאַן איז געווען אָבער־רעוויזאָר אין גראָדנער גובערניע. נאָר דער אָבער־רעוויזאָר איז קראַנק געוואָרן אויף סוכאָטע און האָט פיר יאָר געקרייענקט. געשטאָרבן איז ער זעהר אָרים. זי האָט נישט געהאַט פון וואַנען צו לעבן. אַ פרוי איז זי אָבער זעהר אַ קלוגע, און אַז דער יוסטיץ־מיניסטער איז געווען אין גראָדנע, ווען דער מאַן אירער האָט געלעבט, האָט ער בײַ זיי פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה צייט און האָט בּאַוואונדערט איר שכל. ער האָט איר צוגעזאָגט פ אָ ר צ ו ש ט ע ל ן פאַר דער קיסרין.

זי האָט לאַנג געוואַרט אויף דעם מיניסטערס צוזאָג, אָבער דער מיניסטער איז אין גיכן אַוועק אין רימיסיע. זי איז נאָכן מאַנס טויט זעהר פאַראָרימט געוואָרן און בײַ איר איז פאַרבליבן צו גיין ערגעץ אין אַ הויף פאַר אַן ע ק אָ נ אָ מ ק ע; דערווייל האָט זיך איר געמאַכט דער שרוך מיט דעם רייכן ליובאָוויטשן, אַן אַלטן מאַן, אָבער זי האָט איינגעווילינגט: פאָרט בעסער צו זיין אַ בעל־הביתטע פ אַ ר ז י ך, איידער צו דינען בײַ אַ פרעמדן. אַ קלוגע און אַ געשיקטע פרוי, האָט זי זיך איינגעאָרדנט אַזוי, אַז דער מאַן איז איר געווען געהאָרכזאַם, ווי אַ קליין קינד.

ער איז ג ע ו ו ע ן ק אַ ר ג, האָט זי זיך עפּנטליך אויך געפירט אַזוי, אויסערליך געשטימט, אָבער פאַרבאָרגענערהייט געטאָן, וואָס זי האָט געוואָלט. איבעריגנס, זי איז אויך געווען געגוג קאַרג.

סענדער איז אָנגעקומען צו איר אין הויף אַלס אויפזעהער אין בּרויז.

אין אַ צייט אַרום איז ליובאָוויטש געשטאָרבן און האָט איר געלאָזט ירושה פערציג טויזנט רובל. אַ דרייסיג טויזנט האָט זי געהאַט פון פריהער. ליובאָוויטשעס זון, אַ ראָקטאָר לויט פּראָפּעסיע, האָט איבערגענומען דעם הויף און זי האָט געדונגען מאַקאַראָוויטשי בּאַם פּריץ ראָבּראָזשינסקי, וואָס איז געווען אַ גרויסער שאַרלאַטאַן און אַ לייכטזיניגער. ער האָט איר פאַרדונגען דעם הויף אויף פיר און צוואַנציג יאָר, און דערפאַר וואָס זי האָט אים אָפּגעצאָלט מזומן געלט, האָט ער עס איר אָפּגעגעבן זעהר ביליג מיט אַ חוב פון פופצען טויזנט רובל אויפן הויף נ אָ ך ד י פ י ר א ו ן צ וואַ נ צ י ג י אָ ר. איצט איז אַלץ איבערגעגעבן געוואָרן אין אירע הענט. ראָזענבלום האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַקציז און געוואָרן איר עקאָנאָם. דאגהן וועגן אַקציז האָט ער נישט געהאַט וואָס, וואָרום סיי ווי סיי איז אין אַ קורצער צייט אַריבער דער אַקציז צו קאַזנאַ, און אַלע אידן כּמעט זיינען אָפּגעזאָגט געוואָרן.

ראָזענבלום האָט זיך גענומען פעסט צו דער ווירטשאַפט. ער האָט אָנגעהויבן צו בעלי־ביתעווען מיט אַלע כּלים. זעהר אַ טיכטיגער און אַ פייהיגער מענש, האָט ער געקאָנט ברייננגען אַ הויף אין אָרדענונג. טאָג און נאַכט האָט ער געאַרבעט. דער מענש האָט נישט גערוהט קיין איין מינוט, און כּדי צוצוגעבן די אַרבעטער מוט און קוראַזש, האָט ער געטאָן דאָס, וואָס זיי האָבן געטאָן: די פּאַראָבקעס האָבן געפירט מיסט, האָט ער אויך געפירט מיסט; געפירט היי — האָט ער אויך געפירט; געלעגט, געלאַרעוועט, געאַקערט, געבאַראָנעוועט, געזייט, גע־שניטן, געדראָשן, געשאַרט מיט דער הראַבליע אין שייער — אַלץ צוזאַמען מיט די אַרבעטער. ווינטער פלעגט ער אויפוועקן מיט דער לאַמטערנע אַלע פּאַראָבקעס, אַזיינער פיר פאַרטאָג, און גיין אין שייער אַרבעטן. ער האָט טאַקע געצאָלט די פּאַראָבקעס בעסערע פּרייזן.

דערפאַר איז באַ אים אויפגעטאָן געוואָרן אין דרייען ווי באַ אַנדערע, און באַנאַכט, נאָך דער אַרבעט, האָט ער געגעסן מיט דער פריצטע אָוונט־ברויט און געלעזן דייטשע עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטליכע זשורנאַלן.

פאַר דעם פרוכט־גאָרטן האָט ער אַראָפּגעבראַכט גוטע גערטנער און האָט אויסגערייניגט די גאָרטן־וואַסערן, וואָס זיינען פריהער גאָר פאַר־לאָזט געווען. אין די פרישע וואַסערן האָט ער אַריינגעלאָזט די בעסטע און די טייערסטע פישן און דערביי אויסגעבויט אַ שיין קינסטליך בריקעלע מיט בלומען אַרום און אַרום. עס זיינען אויך צעשטעלט געוואָרן ביינק אויף צום זיצן און האָט אַלץ באַנייט און פאַרפיינערט.

אין די שטאַלן פאַר בהמות זיינען די ווענט אינעווייניג געווען גראָב באַלייגט מיט היי, אַז קיין שום ווינטעלע זאָל נישט אַריינדרינגען. דאָרט איז געווען וואַרעם ווי אין אַ שטוב. ער האָט איינגעקויפט אַ סך קי. אין אַ צייט פון דריי יאָר האָבן די פעלדער — אָנשטאָט פינף שאָק קאָרן און ווייץ פון אַ מאָרג — אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַכט שאָק, און ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ערטערווייז האָט די ערד געגעבן גאַנצע צוועלף שאָק. דאָס אַלץ איז געוואָרן אין דריי יאָר צייט.

די פריצטע האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון זיין אַרבעט, פון זיין פייהיגקייט און פלייס. לויט איר מיינונג, האָט ער געהאַט אַלע מעלות: געשיקט, וואויל, אַרבעטספייהיג, דרייסט, מוטיג, שיין, אינטעלינענט, קלוג; ער קאָן אַרבעטן ווי אַ געבוירענער פויער און קאָן זיך האַלטן ווי אַ געבוירענער גראַף; רעדט פּויליש ווי אַ געבוירענער וואַרשעווער פּאָלאַק און רוסיש ווי אַ „מאָסקוויטש“.

די פריצטע האָט זיך אין אים פאַרליבט „איבער די אויערן“, לויט שמר'ס אויסדרוק, און האָט אים אָפּגעשריבן איר גאַנץ פאַרמעגן...

אַפּנים, אַ משוגעת אויף איר אָנגעפאַלן. נאָר צוריקגערערט, וואָס אַרט עס איר — איר „געליבּטער“ איז אַ מענש, נישט קיין שלימזול, און דאָס געלט וועט בּריינגען גענוג ריוח.

די פריצטע האָט ליב געהאַט פערד. האָט מען געהאָדעוועט די בעסטע פערד. פערד זיינען געווען איר שוואַכקייט. פאַר אירס אַ פערד האָט מען אַמאָל געצאָלט געוואַלדיגע פּרייזן. די פערד — ריינע, זוויבערע, שלאַנקע — פלעגט זי גלעטן ווי קינדער.

קאַרעטעס זיינען בּאַ איר געווען די פּיינסטע. זאָל זי מיר מוחל זיין, די קאַרעטעס זיינען געווען נישט אירע, נאָר דעם ראָבּראָזשינסקיס, זיין האָב און גוטס. איין שליטן, געדיינק איך, איז געווען אַ גרויסער, ווי אַ גאַנצע שטוב, געבּויט פון בּרעטער, אויסערליך בּאַדעקט מיט גוטן פיינעם לערער, בּאַפּוצט מיט גאָלד און זילבּער, און אינעווייניג אויסגעלעגט מיט טייערן סאַמעט און פאַרשיידענע בּאַפּוצונגען. די ראָזיגע קאַרעטע האָט געהאַט פיר ווינקלען מיט צוויי סאַמעטענע דיוואַנעס צום זיצן. צו דעם שליטן האָט מען געמוזט שפּאַנען זעקס גוטע פערד: געוויינליכע פיר פערד האָבּן קוים געקאָנט שלעפּן אַזאַ מין „אָקרענט“.

צו זיי פלעגן פאַרפאָרן אַ סך געסט, אַרומיגע פריצים פון קריניק, פון סאָקאָלקע און פון בּרעסטעוויץ. די ראָקטוירים מיט די פּאָסרעדניקעס און די מיראָוואָיע ריכטער און אַסעסערן א. אַז. וו. פון גראָרנע פלעגט דער איספּראַווניק מיט בּאַאַמטע קומען אָפּטער צו גאַסט אַמאָל מיט די ווייבער, אַמאָל אַליין און אָפּזיצן טעג און וואָכן.

די געסט האָט נישט שאָקירט ראָזענבּלומס אָפּשטאַמונג. אָדער מען האָט עס נישט געוואַגט אַרויסצווייזן. פאַר די סאַמע יחוסדיגע געסט האָט זיך ראָזענבּלום געטאָן זיין אַרבּעט. איבּעריגנס, האָט זי זיך אויך געטאָן דאָס אירינגע, פריי לאַווירנדיג צווישן אַ סך רייכע געסט. גע־טרונקען האָט מען בּאַ זיי כּמעט ווי בּאַ אידן: קליינע קעלישעקלאַך, זיסע שנאַפּסן...

איך האָב שוין געזאָגט, אַז איך בּין געווען זעהר צופרידן מיט מיין קומען קיין מאַקאַראָווצי. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט מיט האָפענונג. איך וועל דאָ נעבּן אַזאַ רייכן קרוב פאַר קיין פּרנסה געוויס נישט דאַרפן דאגהן; נאָך מער: איך וועל נאָך עפּעס דערווערבּן אויך אין דער צוקונפט. ווייטער האָב איך דערבּיי גראָרנע — אַ שטאָט מיט השכלה, מיט בּיכער און מיט ליכטיגע מענשן.

און איך בּין פאַרבּליבּן אין מאַקאַראָווצי...

קאַפּיטל VI

ראָזענבלומס נסיעות קיין גראָדנע. — די כּלה. — אַ פּלאָנטער. — דער פּריצטעס אינ־טריגעס. — דער שמיר. — די אינטריגעס שטייגן. — די כּלה וויינט. — אַוועקגעפאָרן אַהיים. — די פּריצטע האָט אויסגעפּירט.

צו דער צייט איז ראָזענבלום געווען אָפּט אין גראָדנע, פינף מייל ווייט פון מאַקאַראָווצי, און זיך ראָרטן באַקאַנט מיטן באַוואוסטן משכּיל א. ג., וואָס האָט געהאַלטן אַ זעקס־קלאַסישע גימנאַזיע. ראָזענבלום האָט זיך פאַרליבט אין א. ג־ס אַ טאָכטער, אַ שיינע פרייללין. איך ווייס נישט, צי די כיטרע ליובאָוויטשאָווע האָט גערעכנט דערפירן איר ליבע צו אַ תּכלית: חתונה האָבן מיט ראָזענבלומען. אַזאַ ווי זי האָט געווים פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז בלויז אַ שפּיל אויף עטליכע יאָר און דערנאָך, אַז זי וועט ווערן עלטער אָדער שוואַכער, וועט ראָזענבלום חתונה האָבן, מיט וועמען זיין האַרץ וועט גלוסטן. זי האָט אָבער קיינמאָל אויסערליך נישט אַרויס־באַוויזן דאָס, וואָס קומט אין איר פאָר אינערליך.

זיינע געפילן צו דעם גראָדנער מיידל זיינען איר געווען באַקאַנט, און מיט דער הסכּמה, וואָס זי האָט אים גנביש געגעבן, האָט ער צוגעזאָגט א. ג־ס טאָכטער, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן.

דאָך איז עס אָבער נישט געווען נאָרמאַל, וואָרום ווי קאָן ער חתונה האָבן און בלייבן מיט אַ יונג שיין מיידל בּאַ דער פּריצטע אין הויז, בעת די פּריצטע האָט דאָך אירע ליבע־פּרעטענזיעס... און געבנדיג אים איר הסכּמה, האָט זי שוין אין דערזעלבער צייט, וואַרשיינליך, גע־טראַכט וועגן אַזוינע פּלענער, וואָס זאָלן צעשטערן זיין עכטע ליבע צום מיידל.

ראָזענבלום, וואָס איז געווען שטאַרק צעהיצט, האָט געהייסן שפּאַנען די קאַרעטע און געזאָגט דער פּריצטע, אַז ער פאָרט קיין גראָדנע שרייבן תּנאים. נישט לאַנג טראַכטנדיג, האָט זי אַרויסגענומען איר בריליאַנטענעם בראַסלעט און שפּילקעס פאַר דריי טויזנט רובל און דאָס

אים דערלאַנגט פאַר דער כּלה אַ מתּנה... און ער איז צופרידן אַוועק־געפאָרן. נאָך די תּנאים איז ער באַלד געקומען מיט אַ מזל־טוב צו דער פריצטע און... זי האָט אים געוואונשן גליק.

אין מאַי, ווען דער עולם צעפאָרט זיך אויף דאַטשעס, האָט ליובאָ־וויטשאָווע נישט געוואַרט, ביז ער וועט זי פרעגן, צי מעג מען פאַרבעטן די כּלה אויף זומער, און האָט אים באַצייטנס אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל שיקן אַ קאַרעטע נאָך דער כּלה.

— איך וועל זיך שוין סטאַרען — האָט זי אים אָנגעוואונקען — אַז די כּלה זאָל דאָ האָבן אַלע פאַרגעניגנס.

און האָט אים געהייסן איינאָרדענען אַזוינע זאַכן, וואָס זאָלן טויגן פאַר אַ יונג פּאָר צום פאַרברייננגען, ווי אַ שיינע הוידאַווקע, אַ שיין עקיפּאַזשל א. ד. ג.

דעם פּופּצענטן מאַי איז ער געפאָרן קיין גראָדנע מיט צוויי לאָקייען און געבראַכט די כּלה צו זיך אין הויף. די פריצטע האָט זיך וואַרעם און ליבליך צעקושט מיט דער כּלה. מען האָט איר אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער מיט דינסטן, און חתן־כּלה האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג. צוליב דער כּלה האָט ער שוין ווייניגער געאַרבעט, כאָטש עס איז געווען זומער און די אַרבעט ברענט — פאָרט די קראַפט פון אַ מיידל!

די פריצטע האָט אַפילו „האַרציג“ געשמייכלט, אויף זיי קוקנדיג, אָבער אין איר שמייכל איז געלעגן פאַרבאָרגן נישט ווייניג גאַל און פאַרדראָס. פריהער פלעגט ער פאַרברייננגען מ י ט א י ר, אָבער איצט איז אַ כּ ל ה דאָ און אַ י ו נ ג ע. און ווער ווייס — וואָס וועט עס זיין, אַז אָט די כּלה וועט אַ פרוי ווערן און וועט זי גאָר אַרויסטרייבן פון הויף? איר פאַרמעגן איז דאָך איינגאַנצן אָפּגעשריבן פאַר אים!... ווי האָט זי דאָס געטאָן אַזאַ נאַרישקייט? אָט די צייט איז, וואַרשיינליך, געווען די ערגסטע אין איר לעבן.

אין הויף באַ דער פריצטע איז געווען אַ שמיד, ווי אין אַלע גרויסע הויפן; געהייסן האָט ער דוד. ווי דער שטייגער איז געווען באַ אַלע פריצים, וואָס האָבן זיך געהאַט זייער אידל באַ זיך און אים אַלץ פאַר־טרויט און געפרעגט עצות, האָט אויך ליובאָוויטשאָווע געהאַט דעם שמיד ספּעציעל צו אירע פאַרבאָרגענע ענינים און געשעפטן.

נאָר בעת ראָזענבלום איז אַ חתן געוואָרן, האָט זי געהאַלטן דעם שמיד פאַר א י ר א י י נ צ י ג ן בעל־יועץ; פאַר אים האָט זי אויסגערעדט איר גאַנץ האַרץ.

אַ מאָרגנע שוואַכקייט האָט זי געהאַט צו אידן. זי האָט ליב געהאַט פונאַנדערצופרעגן פּשוטע אידן וועגן אַלע אידישע פירונגען און מנהגים,

ווענן זייער אַרט לעבן, סאַמע אינטימע זאַכן און האָט דאָס אַלץ געוואָלט וויסן און קענען. און ווירקליך, קענענדיג אירן, פלעגט זי אַמאָל ניט מיינסטן קריטיקירן די אידישע ווייבער, וואָס זיי זיינען גרויסע שלימזלניצעס, נישט קיין בעל־הביתטעס, אָפּגעלאָזענע א. אַז. וו. איבערהויפּט זיינען זיי פויל. זי האָט געהאַט אַ גוטן מענה־לשון, אַ געשליפן צינגל און האָט אַזוי געמאַכט, אַז אַלע אירע נאָהענטע אידישע שכנים האָבן געהאָרעוועט טאָג און נאַכט.

די פּריצטע האָט אַלץ געטראַכט וועגן דעם יונגען פּאָרל, וואָס האָט איר געראַבט די רוה, און איינמאָל אין אַ פריהמאָרגן באַם פרישטיק, ווען די כלה איז נאָך געווען אין שלאָפצימער, האָט זי זיך פּלוצלינג געווענדט צו ראָזענבלומען:

— דו ווייסט, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? אַזוי ווי דו האַלסט אין באַנק צוואַנציג טויזנט רובל אויף קליינע צינזן, קאָנסטו איצט דאָס געלט אָפּ־געבן דעם מחותן א. ג. זאָל ער דאָס איבערגעבן אין זיכערע הענט אויף גרעסערע צינזן. ער קאָן נעמען זיבן, אַכט פּראָצענט. קאָנסטו זיך לייכט איינברייננגען טויזנט רובל אַ יאָר, ס'איז דאָך אַ שאָד.

געהאַט האָט זי דאָ אַ פּשוטע כונה: דער שדוך וועט דאָך צעשלאָגן ווערן. זי וועט נישט דערלאָזן. וועלן די צוואַנציג טויזנט רובל מסתמא גיין פאַרלאָרן. דאָס וועט ווירקן שטאַרק אויף ראָזענבלומען, און ער וועט שוין זיכער ווייטער נישט קריכן אין שדוכים... צוואַנציג טויזנט רובל איז אַ סומע, און ראָזענבלום וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן צו זעהן אַ כלה. זשאַלעווען דאָס געלט האָט די פּריצטע נישט געהאַט וואָס, וואָרום סיי ווי סיי איז עס שוין איצט נישט איר געלט געווען. צוליב איר נוצן מעג ראָזענבלום האָבן היזק.

דעם פאַרליבטן און צעטומלטן ראָזענבלומען איז די זאַך געפעלן גע־וואָרן און ער האָט עס באַלד געטאָן.

איצט האָט זיך ליובאָוויטשאָווע אָנגעהויבן פעסט קלעפּן צו דער כלה, האָט איר אַרויסגעוויזן גרויסע ליבע און צערטליכקייט, ווי „אַ טרייע מוטער" צו אַ בת־יחידה, האָט זי אומישנע פאַרפּיעשטשעט, געזאָגט איר, זי זאָל שלאָפן כאָטש פופצען שעה אין מעת־לעת, בעת ראָזענבלום שלאָפט נישט מער ווי פיר, פינף שעה א. אַז. וו.

זי האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פאַר אַ יונגען מענשן איז זעהר געזונט פיל צו שלאָפן... די כלה, וואָס האָט איצט גאָרנישט געהאַט וואָס צו טון, איז טאַקע געווען זעהר פויל, אגב איז זי אין דערהיים אויך געשלאָפן אַ גוטע צען שעה, האָט זי זיך גאָרנישט געלאָזט בעטן און — געשלאָפן...

די פּריצטע האָט איר געגעבן דריי רינסטן און האָט זיי געהייסן, זיי זאָלן אַלע אַרום איר אַרומטאַנצן. איינע זאָל איר צוזעהן דאָס עסן און טרינקען, איינע זאָל זיין נעבן איר גאַרדעראָב, אויסטון זי און אָנטון זי, אַז די יונגע פּאַניע זאָל נישט דאַרפן טון אַ ריר מיט קיין פינגער, און די דריטע ווידער זאָל זיין צו די איבעריגע זאַכן, וואָס זי דאַרף. אַלע דריי איז שטריינג אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז מען זאָל דער יונגער פּאַניע נישט לאָזן חלילה קיין שטרוי אויפהויבן פון דער ערד.

מען האָט איר צוגעטראָגן צום בעט אין דערפריה טיי מיט צובייסונג, און אַזיינער צען פלעגט אַריינקומען צו איר אין שלאָפצימער די פּריצטע, זי פלעגט זיך זעצן נעבן איר בעט און גלעטן זי און גלעטן, און ריידן און ציהען די ווערטער, און פאַרברייננגען מיט איר אַזוי אין שמועסן, לאַנגע, זיסע און פאַלשע, אָפּהאַלטנדיג זי אין בעט ביז צוועלף אַזייגער.

ראָזענבלום פלעגט פון ניין ביז צען אַזייגער פרישטיגן, און דערביי פלעגט אים די פּריצטע פאַרביינייענדיג, פון דער זייט, אָפּגעבן אַ גרוס פון דער כלה, אַז זי ליגט נאָך אין בעט. עס מאַכט נישט אויס אַפילו. וואָס האָט זי זיך צו איילן... נאָר זי ליגט נאָך אין בעט... אַזיינער צוועלף פלעגט ער דאָס רוב גיין צו דער כלה; יענע פלעגט, ווירקליך, ליגן אין בעט.

און אַז ער פלעגט אַמאָל אַ זאָג טון דער פּריצטע:

— ווי קאָן דאָס אַ מענש ליגן אַ האַלבן טאָג אין בעט?

פלעגט זי דערויף זיס ענטפערן:

— אַ יונג קינד... נישקשה...

דריי אַזייגער פלעגט שטענדיג קומען ראָזענבלום אויף מיטאָג, און רעמאָלט פלעגט ער אויך נישט האָבן נעבן זיך די כלה, מען זאָל קאָנען עסן צוזאַמען. וואָרום די כלה האָט זיך ערשט אָנגעטאָן און אַרומגע־וואַשן זיך אַרום צוויי דעם זייגער. באַלד נאָך דעם האָט איר ליובאָ־וויטשאָווע ווייטער געגעבן עפּעס גוטע, זיסע זאַכן, זי זאָל קיין אַפּעטיט נישט האָבן צו עסן מיטאָג און דערביי מיר אַרויסגעזאָגט:

— איך וועל זיך אַביסל צושפּאַרן באַ דיר אין שלאָפצימער. לייג זיך אויך נעבן מיר, וועלן מיר זיך ריידן אַביסל. ריידן איז אַזוי זיס...

און אַז עס איז געוואָרן פאַר דריי דעם זייגער, פלעגט די פּריצטע גיין זעהן, צי ראָזענבלום איז שוין געקומען צום מיטאָג, איבערלאָזנדיג דאָס שוואַכע נאַאיווע מיידל אין שלאָפצימער. אַז ער פלעגט פרעגן:

— וואו איז די כלה?

פלעגט ער קריגן אַ שטילן געלאַסענעם ענטפער:

— זי ליגט נאָך אויף דער סאָפע...

ראָזענבלומען פלעגט אָננעמען אַ האַס צו דעם מיידל, וואָס האָט אַזוי ליב פוילקייט. זיינע באַקן פלעגן זיך רויטלען פון האַס.

— נו, וואָס איז?.. — פלעגט די פּריצטע וויך און זיס פאַרגלעטן — אַ יונג קינד... ס׳מאַכט נישט אויס.

ראָזענבלום, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט אַרבעט און אויפטועכטסן, האָט בשום אופן נישט געקאָנט מושוה ווערן דערמיט און ביסלעכווייז האָט זיך זיין געפיל צו דער כלה געענדערט. ער האָט זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון איר, נאָך פעסטער איבערגעגעבן זיך צו דער אַרבעט.

די נאַאיווע און ליבע כלה האָט באַמערקט די פאַרענדערונג און זיך געקלאָגט וועגן דעם דער פּריצטע. די פּריצטע ווידער האָט איר געזאָגט, אַז ראָזענבלום איז אַ מענש פון פּראַצע און איז בכלל ווייט פון ליבע און פאַמיליען־גליק.

— בײַ אים — האָט די פּריצטע געמאַכט אַ פול מויל מיט אָנגע־בלאָזענע באַקן — איז נאָר אַרבעט, און אַרבעט, און אַרבעט... אַליין פירט ער מיסט פון שטאַל, ער איז אויך שרעקליך קאַרג; אויב דו זעהסט עפּעס מילדקייט אין אים, איז דאָס אַלץ מיין קאָפּ; איך דערלאָז אים נישט צו קאַרגקייט, וואָס איז אים ליבער פון אַלץ אין דער וועלט.

די כלה, וואָס האָט דאָ נעבעך גאָרנישט פאַרשטאַנען, האָט דערויף געענטפערט:

— נישקשה, נאָך דער חתונה וועט ער זיך אָנהויבן אַנדערש פירן. איך וועל אים נישט לאָזן אַזוי אַרבעטן. איך וועל נאָך אפשר פאַר דער חתונה מיט אים ריידן וועגן דעם.

די פּריצטע האָט זי נאָך מער אונטערגעוואַרעמט און דערביי מיט אַמאָל אומישנע קאַלט געמאַכט דאָס האַרץ:

— וועט דען עפּעס העלפן?... פאַרפאַלן...

און אויף אַזאַ אופן האָט זיך די פּריצטע געאַרבעט אַרום איר פּלאַן, וואָס דערמאָנט אָן די אינטריגעס פון אַ מעלאָדראַמע.

און ראָזענבלום האָט איצט מיט איר גערעדט און געפרעגט אַן עצה, צי זאָל ער אָפּלאָזן דעם שדוך, צי נישט? דאָס געפיל צו דעם מיידל איז אים קאַליע געוואָרן. ער האָט זיך אַליין קיין עצה נישט געקאָנט געבן; נאָר זי, די קלוגע פרוי, האָט אים אָפּגערעדט פון דעם, און כלומרשט געהאַלטן דער כלהס צד.

— די כלה וועט נאָך ווערן בײַ אונז אַ מענש — האָט זי אים פאַלש און כיטרע געטרייסט — זי איז טאַקע אַ שלימזלניצע, אַ פוילערקע, אַ פּעפעריין, דאָס בעט איז בײַ איר טייערער פון אַלץ. אָבער דאָס איז נאָר ביז דער חתונה. נאָר צוריקגערערט, צו וואָס דאַרפסטו האָבן די

בריה? ווערסט האַלטן רינסטן און רינער, וועלן זיי שוין אַלץ ברייננען אין אָרדענונג.

— ניין, צו רינסטן דאַרף מען אויך זיין אַ בעל־הביתטע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פון דער פּריצטעס רייד האָט ער רייטליך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פאַר אים קיין כלה נישט, נישט קוקנדיג דערויף, וואָס די פּריצטע רעדט אים צו. איר צורײדן איז ערגער איידער אַן אַנרערנס אָפּרײדן.

און דאָס ערשטע מאָל איז ער איצט אַוועק צום פאָטער, מיט אים זיך שואל־עצה זיין, כאָטש ער פלעגט קיינמאָל באַם פאָטער קיין עצה נישט פרעגן.

דער פאָטער האָט אים גאַנץ רייטליך באַוויזן, אַז די פּריצטע וועט דאָס נישט קאָנען איבערטראָגן, איבערלעבן, ווען ער וועט חתונה האָבן. און זי דאַרף עס נישט קאָנען איבערטראָגן.

— אַ פשוטע זאַך, מיין זון. באַ דיר איז דער פּריצטעס פאַרמעגן. אַליין איז זי נאָך נישט זעהר אַלט. אין שטוב — אין איר שטוב — ווערסטו אַריינפירן אַ יונגע פרוי, אַ שיינהייט, זי וועט דאָך פּלאַצן! זי מוז דאָך פּלאַצן! רעדט זי דיר איין חתונה צו האָבן — מיינט זי דאָס נישט מיט אַן אמתן. דאָס איז נאָר אַזאַ מין מאַנעוור, מיין זון. איך ווייס נישט, צי רו קאָנסט גאָר חתונה האָבן, כל זמן רו ביסט באַ ליובאָוויטשאָוען אין הויז.

אין מיטן זומער, ווען עס זיינען שוין פאַרטיג געוואָרן אַלע גרינסן אין די גערטנער און די פרוכטן אין די סערער, האָט די פּריצטע געזאָגט, אַז מען דאַרף אַוועקשיקן דעם מחותן קיין גראָדנע אַ פורגאָן מיט גרינסן און פרוכטן.

— אַ מחותן... עס פּאַסט נישט — האָט זי געגעבן אַן עצה.

האָט מען געשפּאַנט אַ גרויסן פורגאָן מיט דריי פערד און מען האָט אָנגעלעגט אַ וואָגן מיט פרוכטן, מיט פּוטער און גוטן טרוקענעם קעז, און דור דער שמיר איז מיטגעפאָרן, דאָס אַריינברייננען צום מחותן אין שטוב אַריין.

שטילערהייט האָט די פּריצטע אָנגעזאָגט דורכן שמיר, אַז ווען מען וועט באַ אים פרעגן, וואָס מאַכט די טאָכטער, ווי פאַרברייננט זי דאָרט אין מאַקאַראָווצי די צייט און ווי זעהט זי אויס, זאָל ער מאַכן אַ קרומע מינע, אַז עס איז איר, דער טאָכטער, נישט אַזוי גוט. וועט מען דאָך געוויס אים מאַטערן און וועלן אויספרעגן אַקוראַט, וואָס איז מיט דער טאָכטער, זאָל ער אַזוי ווי מיט גוואַלד אויסזאָגן, אַז עס איז איר דאָרט זעהר אומעטיג. ער, ראָזענבלום, גיט זיך מיט איר נישט אָפּ, ווי מיט אַ כלה,

באַ אים איז נאָר זי, ליובאָוויטשאָווע, און די כלה שפּילט אין הויף עפּעס נאָר אַ קנאַפּע ראָליע. קיינער האָט פאַר איר קיין דרך ארץ נישט, נאָר איין ליובאָוויטשאָווע ווייזט זיך אַרויס צו איר פריינטליך. אָבער די כלה איז זעהר אין איר געגנאַרט, זי ווייס נישט, אַז די ליבשאַפט מיט דער פריינטשאַפט איז נאָר לפנים, וואָרום אין האַרצן איז זי איר אַ דם שונא און סטאַרעט זיך אויף איר צו מאַכן כל הבולבולים. ווער ווייס אין וואָס פאַר אַן אומגליק די פּריצטע קאָן זי אַריינפירן. האָלט האָט ער ראָך די פּריצטע און נישט די כלה... קלוג איז די פּריצטע איבער נעגנוג און כיטרע נאָך מער. ווער ווייס וואָס פאַר אַ שפּיצל די פּריצטע קאָן איר אָפּטון.

— מיר רייסט דאָס האַרץ, אַז איך טו אַ קוק אויף אייער טאָכטער — ראַרף ער צו זיי טענען — נישטאָ קיינער, ווער עס זאָל איר געבן צו פאַרשטיין איר לאַגע. אַ גליק, וואָס מיר האָט זיך געמאַכט אָפּצופירן אייך די מתנה און איבערגעבן אייך פאַר איינוועגס איר צער...

באַם מחותן אין שטוב איז געוואָרן אַ יללה: אַן איינציגע טאָכטער, אַ נעראָטענע. עס האָבן זיך איר געמאַכט וואוילע שדוכים מיט ראָקטוירים, יוריסטן און אַזוי גרויסע פאַרדינערס. האָט מען דערויף נישט געקוקט. וואָרום מען האָט געמיינט, אַז די טאָכטער וועט זיין גליקליך באַ אַזאַ גביר.

אָבער דאָס האָבן זיי פאַרזעהן, אַז ראָזענבלום האָט עפּעס עסקים מיט אַ קריסטין, וואָס האָט אים דאָס גאַנצע פאַרמעגן אַוועקגעגעבן. זיין צוזאַמען מיט אָט דער קריסטין, איז דאָס אַקוראַט ווי צוויי קעץ אין איין זאַק, און ווער ווייס — אפשר איז שוין די טאָכטער אַזוי איינגעליבט אין אים, אַז מען וועט זי גאָר נישט קאָנען אָפּשיידן פון אים? אין שטוב איז געוואָרן אַ חורבן.

מען האָט זיך אָנגעהויבן ישובן, וואָס מען זאָל ערשט טון. ס'איז גע־בליבן, מען זאָל איר שרייבן אַ בריף און אָפּשיקן דעם בריף מיטן שמיר, ער זאָל איבערגעבן דער טאָכטער אין האַנט אַריין. אין בריף זאָל מען שרייבן, אַז זיי, די עלטערן, בענקען זעהר נאָך איר און בעטן זי, אַז זי זאָל קומען אַביסל קיין גראָדנע. זיי קאָנען צו איר נישט קומען צוליב דער פּריצטע. שוין אַ פּאָר חדשים, ווי זי האָט פאַרבראַכט אין הויף, באַלד איז סוף זומער, מעג זי קומען אַהיים.

און דערביי איז אָנגעזאָגט געוואָרן דעם שמיר, אַז ער זאָל זאָגן דער טאָכטער, אַז פאָטער און מוטער זיינען עפּעס אומרוהיג וועגן איר און די מוטער וויינט. שונאים רייד'ן עפּעס שלעכטע זאַכן וועגן איר שידוך.

דור דער שמיר האָט גוט אַרומגעאַרבעט די זאַך פון אַלע זייטן, ער האָט נאָך מער אָנגערעדט ווי מען ראַרף. געקומען אַהיים, האָט ער איבער־

נעגעבּן דער כּלה דעם בּריף און אויך איבּערגעגעבּן, וואָס מען דאַרף און נאָך מער צוגעגעבּן אייגענע. דערנאָך האָט ער דערציילט ליובּאָ־וויטשאָווען, וואָס ער האָט אויפגעטאָן און האָט איר איבּערגעגעבּן די בּשורה, אַז פון זייער זייט וואָלטן זיי זיך אויסגעטאָן בּיז דעם לעצטן העמד, אַבּי עס זאָל זיין אויס שידוך.

און ראָזענבּלומען האָט אויך דער שמיר, לויט דער פּריצטעס עצה, איבּערגעגעבּן אַ סוד, אַז דער מחותּן מיט דער מחותּנתטע וויינען און קלאָגן, וואָס זי איז צו אים אַריינגעפאַלן. אַפּנים, אַז די כּלה האָט געמוזט שרייבּן די עלטערן זעהר אומרוהיגע בּריף, און זיי האָבּן אים געבּעטן איבּערגעבּן דער טאָכטער, אַז פאָטער־מוטער וויינען, זיינען שרעק־ליך אומרוהיג און ווילן, אַז זי זאָל בּאַלד קומען אַהיים.

ראָזענבּלומען האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן, הגם אין האַרצן איז ער געווען זעהר צופרידן, וואָס עס האַלט בּאַ אויס שדוך.

דוד דער שמיר האָט אָפּגעאַרבּעט זיין אַרבּעט גלאַט און געפּיילט, און אַז די פּריצטע וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט זי אים פּשוט צעקושט די גלידער. אַ הונדערטער האָט זי אים געגעבּן. זי איז איצט זעהר און זעהר גליקליך געווען.

נאָך דעם שמירס צוריקקומען איז געוואָרן אַ גאַנצע בּהלה אין הויף. בּאַ יעדן בּאַזונדער האָט געקאָכט אין האַרצן, נאָר בּאַ ליובּאָוויטשאָווען האָט געקאָכט אין האַרצן פון שמחה, וואָס זי האָט אַזוי גלענצנד אויסגעפירט איר פּלאַן. די כּלה וועט איצט פאָרן אַהיים און וועט שוין צוריק נישט קומען. גאָט צו דאַנקען, געענדיגט. יאָ, צוואַנציג טויזנט רובּל האָט געליען דער מחותּן... זאָל ער דאָס אַראָפּשלינגען — אַבּי זיין טאָכטער זאָל מען מער אין די אויגן נישט זעהן.

ראָזענבּלום האָט טאַקע געזשאַלעוועט דאָס געלט און האָט שוין אָנגע־הויבּן צו קלערן, ווי ראַטעוועט מען אַרויס די צוואַנציג טויזנט רובּל. אַ העלפט פון דער סומע וואָלט טאַקע געווען אַ יושר צו געבּן דער כּלה. אייגנטליך האָט ער איר דאָך פאַרשאַפט יסורים. ער איז דאָך איר חתן געווען. איצט טוט ער אָפּ דעם שדוך. פאַר אַזאַ זאַך גיט מען אַ כּלה געלט. אָבּער ווי קריגט מען אַרויס די איבּעריגע?

ווי די מאָדע איז, איז ער געלאָפן צו דער פּריצטע נאָך אַן עצה. אין אָוונט, בּאַ טיי טרינקען, האָט ער איר, ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט פון קיין פּותר חלום נישט, דערציילט, אַז ער וויל זיך שיידן מיט זיין כּלה, אַז דאָס איז בּאַ אים אַ בּאַשלאָסענע זאַך.

— גוט וואָס מיר האָבּן זיך בּאַצייטנס אומגעקוקט און איך קאָן נאָך פאַרריכטן, וואָס איך האָבּ קאַליע געמאַכט. איך וועל דעם שדוך אָפּלאָזן.

ווי ס׳וועט אויס, ווי דור דערציילט, וועט דאָס נישט אָנקומען מיר שווער; נאָר וואָס טוט מען מיט אַזאַ גרויסער סומע געלט? פּשוט אַריינגעפאַלן. אַוועקגעליען אַזוי פיל געלט אָהן אַ באַוואָרעניש... אַ גרויסער פאַר־דראָס... ווי קריגט מען אַרויס כאָטש אַ העלפט. אַ העלפט זאָל גיין פאַרלאָרן. מילא. אָבער דאָס איבעריגע?

ליובאָוויטשאָווע האָט דערזעהן, אַז מען קאָן איצט ריידן, האָט זי געשאָטן און געשאָטן...

באַ איר האָבן געברענט די אויגן.

— דו ווייסט, האָט זי נישט געקאָנט פאַרבאָרגן איר שמחה — אַז דו דאַרפסט זיך שעצן גליקליך, וואָס דו ביסט נישט אַריינגעפאַלן מיט אַזאַ ווייב. דו וואָלסט שוין לאַנג נישט לעבן, אַזאַ צעקראָכענער שלימזול, וואָס ליגט גאַנצע טעג און נעכט אין בעט און דערצו אַזאַ שאַרלאַטאַנקע, וואָס געלט איז באַ איר בלאָטע און נאָך אַ שלעכטס, אַ גרויסע עגאָאיסטין, וואָס ווייס מער נישט, נאָר זיך און זיך. קיינער האָט באַ איר קיין ווערט נישט, נישט טאַטע, נישט מאַמע, נישט חתן און נישט מאַן. דו וואָלסט געוויס פון איר אַפּאָפּלעקסיע באַקומען. אַ גליקליכער ביסטו, וואָס דו ביסט ניצול געוואָרן פון אַזאַ פליאַגע.

און וועגן דעם געלט, האָט זי אים געזאָגט, דאַרף ער זיך נישט אָפּעסן דאָס האַרץ, נישקשה, גאָט וועט צושיקן אַנדערע.

— ביסט דאָך אָבער אַ שוואַכער — איז זי פאָרזיכטיג פאַרלאָפן דעם וועג — און וועסט אוראי נישט קאָנען זיך באַפרייען פון איר. מען דאַרף קריגן עפּעס אַזאַ קלוגן מענשן, אַ גוטן פריינט, וואָס זאָל וועגן דעם פאַרהאַנדלען מיט א. ג. אָדער אַ בריף שרייבן...

ווי אַן אָנגעשטעלטער אויטאָמאַט, האָט דער שמיר ווידער געשמועסט מיט דער כלה. ער האָט איר קודם כל געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז איר אַ גוטער פריינט, אַז ער וויל זי ראַטעווען, און אַז זי, אַ אידישע טאָכטער, דאַרף זיך דאָ נישט געפינען. גוים, גוים און גוים... ראָזענבלום איז מיט דער פריצטע אַ פּאָר און נישט מיט איר. באַ ראָזענבלומען איז ליובאָוויטשאָוועס נאָגל טייערער ווי זי — די כלה איינגאַנצן. און ווער ווייס, וואָס פאַר אַ צרות ליובאָוויטשאָווע קאָן איר נאָך אָנמאַכן אַזוי, אַז די כלה איז נישט זיכער אַפילו מיטן לעבן. מיט איין וואָרט — זי דאַרף זיך גוט מישב זיין, איידער זי גייט חתונה האָבן מיט אים. וואָרום צוויי וועגן זיינען פאַראַן: אָדער ער, ראָזענבלום, זאָל ליובאָוויטשאָווען איינ־גאַנצן אַרויסשיקן פון הויף, אַז זי זאָל גאָר קיינמאָל נישט קאָנען קומען מער אַהער, אָדער ראָזענבלום זאָל וואוינען נאָך דער חתונה אין גראָדנע. מען קאָן אַפילו אָפּגעבן דעם הויף דער פריצטע און דינגען ערגעץ אַן

אַנדער הויף; קיין געלט פעלט נישט ראָזענבלומען. ראָזענבלום, אויב ער וויל נאָר, קאָן ער זיך אַלץ פאַרשאַפן. אָבער ער, דוד דער שמיר, ווייס נישט, צי דאָס וועט אויך עפּעס העלפן, וואָרום בּאַ זיי איז אַן אַלטע ליבע...

די כּלה האָט זיך פונאַנדערגעווײנט אויפן קול, מיט ספּאַזמעס און מיט די אַלע זאַכן פון אַ פרויען־געוויין. דוד האָט געמאַכט אַ גוואַלד, עס זיינען אַריינגעפאַלן די דינסטן, די דינער, און מען האָט געשיקט נאָך ראָזענבלומען. ער איז בּאַלד געקומען צולויפן און מען האָט זי אָפּגע־ראַטעוועט. אויף ראָזענבלומען, אַ מענש מיט נישט קיין שלעכטן כאַראַק־טער, האָט עס געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. אַז די כּלה איז געקומען צו זיך, האָט זי געזאָגט, אַז זי וויל פאָרן אַהיים.

ראָזענבלום האָט אויף מאָרגן געהייסן שפּאַנען די קאַרעטע און איז אַוועקגעפאָרן מיט דער כּלה קיין גראָדנע צו אירע עלטערן. די כּלה האָט זיך שוין נישט געוואָלט קושן מיט ליובאָוויטשאָווען פאַרן אַוועקפאָרן. עס זיינען מיט אַמאָל אויפגערעקט געוואָרן די קאָרטן, און די פּריצטע האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו פאַרבּאָרגן...

קומענדיג קיין גראָדנע, האָט זיך די כּלה בּאַלד געלעגט אין בּעט אַריין און געזאָגט, אַז זי איז נישט געזונט. קיין דאָקטאָר האָט זי נישט צוגע־לאָזט. די עלטערן האָבּן פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיידל איז קראַנק פון צער.

ראָזענבלום איז געווען דערשלאָגן, מען האָט מיט אים גאָרנישט גערעדט, נעבּן דער כּלה פלעגט ער זיצן וויניג און זיי האָבּן אויך נישט געפונען קיין ווערטער וואָס צו ריידן — האָט מען געשוויגן.

אַז איר איז בּעסער געוואָרן, האָט זי געהייסן ראָזענבלומען אַוועק־פאָרן. זי איז געווען אַ ליבּ און שטאָלץ מיידל. די עלטערן ווידער האָבּן דאָס אויך געוואָלט. זיי האָבּן דאָס כּמעט ווי אַרויסגעוויזן אָפן. אַנ־גענעמס איז דאָס אים נישט געווען זעהר. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען וויל דאָ פון אים פּטור ווערן, און כאָטש ער האָט עס זיך אַליין געוואונשן, פונדעסטוועגן איז עס אים, ווי אַ ש פּ י ר ו נ ג, געווען שווער איבּערצולעבּן.

און ער איז אַוועקגעפאָרן...

דאָס איז געשען פּונקט אַ פּאָר טעג פאַר מיין אָנקומען קיין מאַקאַראָווצי.

ווי געזאָגט, האָבּן זיי געזוכט אַ מענשן, וואָס זאָל אָנשרייבּן אַ בּריף קיין גראָדנע צום מחותּן אונטער אַ פרעמדן נאָמען. פאַר אַזאַ פאַסיגן מענשן האָבּן זיי מיך אָנגענומען און בּאַשטעלט בּאַ מיר דעם בּריף. האָבּ איך „אָנגעקלאַפּט" אַ בּריף, טיילווייז ריקטירט דורך ראָזענבלומען. דער בּריף האָט אויסגענומען און מען האָט אים אַוועקגעשיקט קיין גראָדנע צוזאַמען מיט די תּנאים.

אין בריף איז געװען דערמאָנט, אַז צען טויזנט רובל גיט ער דער כּלה און צען טויזנט זאָלן זיי אים אָפּשיקן על פּי יושר. עס פּאַרשטייט זיך, אַז מיט דעם געלט האָט מען זיך שוין צוריק נישט געזעהן. נאָר מיר איז געװען בּאַשערט געהאָלפן צו װערן. „מיין" בריף האָט געמאַכט בּאַ זיי אַ גוטן איינדרוק און האָט פאַרפעסטיגט מיין פּאָזיציע בּאַ זיי.

מען האָט מיר אָפּגעגעבן אַ געשעפט — דעם פּאַקט. ליובּאָװיטשאָװע גיט מיר אַהײעק די מילך אויף פינף קאָפּיקעס אַ טאָפּ. דער מקח פון פוטער איז דעמאָלט געװען זיבּן, אַכט רובל אַ פּוד. די קרעטשמע װידער, װאָס האָט אָנגעהערט צו אַ אידן, אַ גרויס הויז מיט אַן איינפאָר, װאָס איז געשטאַנען נעבּן הויף און נעבּן פּוילישן קלויסטער, אויפן טראַקט, צװישן קריניק און גראָרנע, גיט מען מיר אויך אַװעק, און װיפיל איך װעל קאָנען, װעל איך צאָלן.

איך האָב געזאָגט, אַז איך װיל נישט אויסדרינגען בּאַ אַ אידן אַ געשעפט, אַפילו אַז איך זאָל זיצן אָהן בּרויט. אָבּער דער פעטער האָט דערויף געזאָגט, אַז ער װעט פּרוּבן רייזן מיטן אַרענדאַר, אפשר װעט יענער נעמען אָפּטריט־געלט; סיי װי האָט ער געהערט, אַז דער אַרענדאַר האַלט בּאַ קויפן אַן אייגענע קרעטשמע אין אורליאָן, פיר װיאָרסט פון מאַקאַראָװצי, אפשר װעט ער נעמען אַ פּאָר הונדערט רובל און װעט אַװעקגיין בּכי טוב?

דער פעטער האָט אים געשיקט רופן. דער אַרענדאַר האָט געזאָגט, אַז ער האַלט טאַקע בּאַם קויפן אורליאַנער קרעטשמע פאַר זעקס הונדערט רובל, נאָר אַז מען װעט אים געבּן די דאָזיגע סומע, װעט ער אַרויס פון קרעטשמע בּרצון הטוב.

און אַזוי איז געװען. מען האָט געגעבּן דעם אידן פינף הונדערט רובל, און ער איז פאַר ניי־יאָר אַרויס פון קרעטשמע.

קאַפּיטל VII

אַ פּאַקט מיט אַ קרעטשמע. — נעקומען דאָס ווייב. — עס פירט זיך אַן עסק. — קריניק. — קריניקער גנבים. — די „אחים״. — ר׳ דוד מריינע. — מיין ברית. — ניביאַנסקי. — מיינע נסיעות קיין גראָדנע. — חייטשע הורוויטש. — חייטשע מיטן גובערנאַטאָר. — די געשפּרעכן אין איר „סאַלאָן״. — דער קיסר אַלעקסאַנדער דער צווייטער. — זיין באַזוכן גראָדנע.

איך האָב איבערגענומען די קרעטשמע מיטן פּאַקט און געשריבן אַ בריוו צום ווייב, זי זאָל קומען מיט אַלע זאַכן אירע קיין מאַקאַראָווצי — מיר האָבן דאָ אַ „גוט״ געשעפט... זי איז אַרויסגעפאָרן, איך בין אַנטקעגן געפאָרן און געבראַכט קיין מאַקאַראָווצי די פרוי מיט צוויי קינדער...

די קרעטשמע האָט זיך געפונען אין אַ גוט אָרט, וואָרום פונקט אַנטקעגן איר, ווי געזאָגט, איז געשטאַנען אַ פּוילישער קלויסטער; אַרום האָבן געוואוינט פיל שליאַכטעס, פּויערים—בעלי־בתּים, וואָס האָבן נישט געטרונקען קיין פּראָסטן בראָנפן, און פון בעסערן בראָנפן האָט מען געקאָנט פאַרדינען אַ סך מער, איידער פון פּראָסטן.

נאָר די קרעטשמע איז געווען אַן אָפּגעלאָזענע, אָהן אַ טאָלק. דער אַרענדאַר איז געווען זעהר אַ פּראָסטער מענש און האָט נישט געוואוסט, ווי צו האַלטן אַ קרעטשמע פאַר שליאַכטעס, וואָס האָבן געברויכט אי בעסערע געטראַנקען, אי איידעלערע באַהאַנדלונג.

אַז איך האָב איבערגענומען די קרעטשמע, בין איך געווען זעהר צופרידן. איך האָב אָנגעהויבן איינצופירן אין קרעטשמע אַלע גוטע זאַכן און צוגעצויגן אַ גרויסן עולם פון שליאַכטעס. אין די זונטאָגן פלעגט געפּאַקט זיין אין אַלע צימערן, וואָס זיינען געווען גרויס ווי פעלדער.

פון גראָדנע האָב איך געבראַכט זיסע בראָנפנס און פון קריניק — מער און ווין, וואָס יוכבד די אלמנה פלעגט אַליין אויסאַרבעטן און וואָס האָבן געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער גובערניע. זי האָט געלייזט צו פופציג קאָפּיקעס אַ טאָפּ — און איך האָב געמאַכט טייערע געשעפטן.

ראָזענבלום האָט מיר אָפּגעגעבן אַ גוט פערד און וואָגן, און איך, אַ יונגערמאַן, פלעג מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן אַרומפאָרן, וואוהין איך האָב באַדאַרפט.

אַז איך בין געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין קרינקי, בין איך פאַרפאָרן צו יוכבדן דער ווײַנשײַנקערין. עס איז געווען אַ שײנער טאָג. צוגעבונדן דאָס פערד צום פאָרענטש פאַר די פענסטער פון דער גרויסער שטוב, קענגאיבער די קראָמען, אין מיטן מאַרק, בין איך אַרײַן אין שטוב. אַז איך האָב אין אַ ווײַלע אַרום אַ קוק געטאָן דורכן פענסטער צום פערד, זעה איך, ווי דאָס פערד שטײט מיט די ערשטע פאָר רעדער באַזונדער און דאָס װעגעלע מיט די הינטערשטע רעדער אָפּגעדרײט אָן אַ זײַט. אַפּנים, דער „סוואָרען" איז אַרויסגעצויגן.

לויף איך אַרויס און פרעג, ווער האָט דאָס אַרויסגענומען דעם סוואָרען פון וועגל. דאָס איז דאָך עפּעס אַ מאָדנע זאַך. האָבן מיך יוכבדס זין „באַרוהיגט" און געגעבן מיר צו ערקלערן, אַז עס איז טאַקע אַן אומגעװײנליכע זאַך.

די מעשה איז אַזוי: פאַראַן אין קרינקי צוויי ברידער, וואָס זײַנען די אָנפירער פון אַלע גנבים פון דער סביבה. רופן רופט מען זיי די „אחים", און אַלע סוחרים, אַלע דאָרפס־לײַט, פּאָסעסאָרן, פּאַקטאָרס און אַרענדאַרן דאַרפן זיך אומבאַדינגט קענען מיט די „אחים" און זיי באַפרידיגן. מען דאַרף זיי אויך אָפּגעבן כבוד, און אַז די „אחים" פאָרן אין פּאָוויעט, ווערן זיי אומעטום אָנגענומען בכבוד גרול. מען מוז זיך מיט זיי קענען, וואָרום דעמאָלט איז מען שוין פאַרזיכערט פון גנבות.

מאַכט זיך אָבער אַמאָל יאָ אַ גנבה, דאַרף מען זעהן דורכקומען מיט די „אחים", וועט זי צוריקגעקערט ווערן; און אַזוי ווי איך בין אַ נײַער ישובניק, האָט מען דאָס מיר געגעבן אָנצוהערעניש, אַז איך ברויך מיך מיט זיי צו באַקענען און די באַקאַנטשאַפט דאַרף געמאַכט ווערן דורך אַ „פונדע"...

בין איך נבהל ונשתומם געוואָרן. ס'טײַטש, איך זאָל זיך גאָר דאַרפן באַקענען מיט גנבים און אָנקוקן זיי אין פּרצוף אַרײַן און נאָך געבן די האַנט. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז יוכבדס זין זײַנען קלוגע און ערליכע לײַט און װעלן מיר נישט דרייען אַ קאָפּ גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן.

עס איז מיר דאָך געווען שווער צו פועלן בײַ זיך אַ באַקאַנטשאַפט מיט רבּיים פון גנבים און, קויפנדיג אַ נײַעם סוואָרען, בין איך אַוועקגעפאָרן רוהיג אַהיים, אָהן דער באַקאַנטשאַפט.

איך האָב דאָס דערצײלט ראָזענבלומען און ער האָט אויך געזאָגט, אַז אַלע צאָלן די „אחים" געלט יערליך און מען מאַכט זיי פונדעס; נאָר פאַר

אים האָבּן זיי דאָך מורא, ווייל אַלע בּאַאַמטע זיינען זיינע גוטע בּאַקאַנטע. פונדעסטוועגן שטאַרק זיך רייסן מיט זיי טאָר מען נישט. דער איס־פּראַוויניק מיטן אַסעסער קאָנען אויך אינגאַנצן נישט פאַרהיטן פון דער בּאַנדע גנבים. אַלזאָ, אַזוי ווי איך וואוין אין אַ קרעטשמע, בּאַם סאַמע טראַקט, דאַרף איך מיט זיי לעבּן גוט, און אַז זיי ווילן אַריינפאָרן צו מיר אין קרעטשמע, זאָל איך זיי שוין צונעמען, געבּן זיי און זייערע פערד עסן, טרינקען א. ד. גל.

אין קריניק פלעג איך נעמען בּראָנפן בּאַ ר׳ דוד מריינע, דעם גאון ר׳ ישראל סאַלאַנטערס אַן איידעם. ער האָט געהאַלטן קריניקער הויף מיטן בּרויז, איז געווען אַ איד אַ גביר פון אַן אַכציג טויזנט רובּל, און אַ איד אַ למדן און אַ קלוגער, נאָר אַ כּעסן — גאָט זאָל אויסהיטן! ער איז אויך בּאַ זיך געווען זעהר גדולדיג. אַז עמיצער האָט אים עפּעס פוגע בּכבוד געווען, ווי אים האָט זיך אויסגעדוכט, איז ער יענעם בּאַפאַלן מיט די גרעסטע זלזולים.

ער האָט אָבּער געהאַט אַ גוטע מעלה, אַ שיינע מעלה: ער פלעגט בּאַלד אָפּגיין פון כּעס און תּיכּף יענעם איבּערבּעטן. מעג יענער זיין אַפילו אַ קל שבּקלים. שטענדיג האָט אַזוי געטראָפן: ר׳ דוד פלעגט בּאַלד תּוך כּדי דבּור פון כּעס אָפּגיין. ער האָט נאָר בּאַדאַרפט דערפילן, אַז ער האָט יענעם בּאַליידיגט, האָט ער שוין יענעם נישט אָפּגעלאָזט. דאָס האָט אים גענומען אַפילו קאָסטן זעהר טייער. יענער האָט געמוזט זאָגן, אַז ער איז אים מוחל, און דערפאַר האָט ער זיך מיט יענעם צעקושט.

בּאַ מריינען אין קאָנטאָר זיינען שטענדיג געווען פיל מענשן, אַלע קריניקער שינקאַרעס און אַלע ישובניקעס פון די וויטעסטע דערפער. נעבּן קריניק, אַ וויאָרסט צוויי, איז אַפילו געווען נאָך אַ גרויסער בּרויז פון בּראָנפן, וואָס האָט אויך געהערט צו אַ אידן. דאָרט איז אָבּער געווען די גאַנצע דערדלפירערין דאָס חייב יענטע. דאָס איז געווען אַ גרויסע אשת־חיל, זעהר אַ שיינע און אַ קלוגע פרוי, און דער מאַן איז בּאַ איר געווען אַ פינפטע ראָד צום וואָגן. קיינער האָט פון אים נישט געוואוסט, און דער בּרויז איז נעגאַנגען אויף איר נאָמען. אַנדערע האָבּן אַפילו נישט געוואוסט, אַז זי האָט אַ מאַן. ער איז געווען נאָר נישקשה פון אַ מענשן, אַ לערנער, אַ שטיקל קענער; נאָר זי איז געווען אַזאַ שטאַרקע אידענע, „אַ אידענע אין הויזן“, אַז ווען ער איז אַפילו געזעסן אין קאָנטאָר, האָט אויך קיינער מיט אים נישט גערעדט פון געשעפט.

זי האָט געהאַלטן פיל הויפן און צוויי בּרויזן — און אַלץ אַליין געפירט. אָבּער די בּראָנפנס אירע האָט זי געמוזט פאַרקויפן אַנגראָ אין די וויטערע סביבות, נישט לאחרים, פאַר שינקאַרעס און אַרענדאַרעס פון די אַרומיגע דער־

פער, ווייל זיי אַלע האָבן בעסער געוואָלט האַנדלען מיט ר׳ דוד מריינען, צוליב זיין גרויסער ערליכקייט, צוליב זיין וואָרט, וואָס איז געווען אייזן־שטאַרק. האָט ער פאַרקויפט צי געקויפט און עס איז געוואָרן רערנאָך טייערער צי ווערלוועלער, האָט ער קיינמאָל נישט משנה געווען.

דעם אמת געזאָגט, פלעגט מען פון אים אָפטער ליירן מחמת זיין בייזער צונג, זיין אימפּעט, זיין צעכּעסטן האַסט. און האָט ער רערנאָך אַפילו איבערגעבּעטן, האָט עס ראָך נישט אינגאַנצן אַרויסגעריסן די באַליידיגונג פון האַרצן. נאָר זיין ערליכקייט, זיין ערליכקייט! זי האָט אַלעמען צוגע־צויגן; אַפילו די שיינקאַרעס, וואָס זיינען אים שולדיג געווען געלט און נישט געוואָלט באַצאָלן און פלעגן קומען קויפן בראָנפן צו יענטען, פלעגן ראָך זיך מוזן צוריקקערן צו אים, באַצאָלן, וואָס עס איז געקומען און ווייטער האַנדלען. צו אַזאַ סוחר האָט געצויגן, ווי מיט מאַגניט.

געוויינליך האָב איך אויך גענומען בראָנפן באַ מריינען. איך פלעג מיר נעמען אַ פעסל בראָנפן פון אַ צען — פופצען עמער און אַוועקפאָרן. מריינע האָט מיך גאָרנישט געקענט און אַפילו קיין צייט נישט געהאַט מיט מיר צו ריידן. קומט, הייסט עס, אַ יונגערמאַן נעמען בראָנפן, זאָל ער נעמען.

איינמאָל, געדיינק איך, האָט מיך ראָזענבּלום געבעטן איבערצוגעבּן מריינען, אַז יענער טוט אים אַן עולה רערמיט, וואָס ער נעמט נישט אָפּ די געקויפטע קאַרטאָפלעס. ראָזענבּלום האָט עס נישט וואו צו האַלטן.

פאָרנדיג נאָך בראָנפן, גיב איך אַזוי איבער מריינען ראָזענבּלומס ווערטער. אָבער אָנשטאָט צו ענטפערן, באַקוקט מיך ר׳ דוד אַ ווײַלע און פּאַלט פּלוצלינג אָן אויף מיר מיט אַזוינע זלזולים, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זיין. עס איז געווען אַ פולע שטוב מיט מענשן. איך האָב מיך געשעמט די אויגן אויפצוהויבן.

אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען, האָט אים זיין איידעם געזאָגט, אַז איך בין דאָ גאָרנישט שולדיג און אַז די זלזולים האָבן זיך דאָס מאָל גראָר נישט געפּאַסט. גלאַט באַליידיגט אַ פרעמדן יונגענמאַן. איך בין שנעל אַוועק־געפאָרן, און ר׳ דוד האָט מיך שוין צוריק נישט געקאָנט כאַפּן — איבער־בעטן מיך, ווי זיין שטייגער איז געווען.

איך האָב נאָך נישט געהאַט גענומען קיין בראָנפן. פאָר איך אַוועק צו יענטן און נעם דאָרט, וואָס איך דאַרף. איר בראָנפן איז אָבער געווען שלעכטער. איז מיר אויך געווען נישט גאָר גוט אויפן האַרצן. די מעשה מיט מריינען האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן. אגב האָב איך געוואָלט קויפן אַ פינף הונדערט עמער מיט אַמאָל, עס זאָל מיר קאָסטן ביליגער, און אַזאַ קניה מוז איך מאַכן נאָר באַ מריינען.

איך האָב נישט געוואָלט דערציילן ראָזענבלומען, אַז ר׳ דוד מריינע האָט מיך באַליידיגט. מיר האָט נישט געפּאַסט צו מאַכן „פּלאָטקעס“. האָב איך אַלץ געקלערט אַן עצה, וואָס צו טון, און געהאַט אַ סך פאַרדראָס.

אַז איך האָב גערעדט מיט אייניגע מענשן פון שטאָט וועגן מריינען, האָבן מיר אַלע אין איין קול געזאָגט, אַז פון ר׳ דודן מעג מען לייזן, מחמת אַלץ צוליב דעמזעלבן טעם: עס איז גוט מיט אים צו האַנדלען. נאָך האָט מען מיר דערציילט, אַז אים פאַרדריסט די מעשה, אַז ער עסט זיך אָפּ דאָס האַרץ, וואָס ער האָט מיך באַליידיגט און אַז ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געגעבן אַ פינף און צוואַנציגער, ווען מען זאָל מיך ברייגגען צו אים זיך איבערבעטן און מאַכן שלום.

האָב איך זיך מישב געווען און אָנגעשריבן אַ העברעאישן בריף (מיין רעמאָלדיגס געווער). ווען איך וועל פאָרן נאָך בראָנפן צו יענטען און פאַרבייפאָרן נעבן קריניקער הויף, האָב איך גערעכנט, וועל איך אים מיט עמיצן אַריינשיקן.

פאָר איך איינמאָל פאַרביי הויף, שטייט ריכטיג ר׳ דוד מיט נאָך אַ אידן נעבן טויער, באַם וועג. פאַלט מיר פלוצלינג איין איבערצוגעבן אים אייגנהענטיג דעם בריף. גיב איך אים פון ווייטן, זיצנדיג אויפן וואָגן, אַ וויז דעם בריף. לויפט ער צו, נעמט אים אין האַנט, שטייענדיג נעבן מיין וועגל, עפנט אויף און הויבט אָן לייענען. איז אים באַלד דער אָנהויב בריף אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט מיך געכאַפּט קושן און בעטן מיך מיט טרערן, איך זאָל אים מוחל זיין. ער האָט מיך נישט געקענט, געווען פאַרדרייט, צערודערט א. אַז. וו. זאָג איך אים, אַז איך בין אים מוחל און איידער וואָס, ווען, ציהט ער שוין די צוים פון פערד צו זיך אין טויער אַריין.

זאָג איך:

— ר׳ דוד, איך וועל שוין אַליין אַריינפאָרן צו אייך.

זאָגט ער:

— ניין, איך מוז אייך דעם כבוד אָנטון, אַליין פירן פאַרן צוים ביזן קאָנטאָר, אַז אַלע זאָלן זעהן, ווי איך בעט אייך איבער.

און אַז איך בין אַראָפּ פון וואָגן, האָט מיך ר׳ דוד אָנגענומען אונטערן אָרעם און אַריינגעפירט אין קאָנטאָר. דאָרט זיינען געווען פול מענשן, און ער האָט בקול רם אַרויסגעזאָגט:

— עולם, איך בעט איבער בפני כל עם ועדה דעם ראָזיגן יונגענמאַן און זאָג אייך, עולם, אַז איך בין געווען זעהר אומגערעכט, בעת איך האָב אים באַליידיגט מיט אַ וואָך זעקס צוריק...

ר׳ דוד האָט געהייסן אַריינטראָגן אַ פלעשל אַלטן בראָנפן פון אַ יאָר פופצען מיט לעקעך און מיט קיכל און מיט צוגעפּראַוועטע הערינג פאַרן גאַנצן עולם, און איצט, באַם לחיים, האָבן מיר זיך צעקושט. אין דרויסן איז שוין פאַר מיר געשטאַנען גרייט אין וואָגן אַ פאַס בראָנפן. אַז איך בין אַוועקגעפאָרן, בין איך געווען באַגייסטערט פון דעם ראָזיגן ר׳ דורן און פאַר־געסן אָן אַלע באַליידיגונגען.

אָט אַזוי האָט זיך געפירט אַן אַמאָליגער גביר פון אַ וואָסערע אַכציג טויזנט רובל.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך ר׳ דוד מריינע אין מיר „איינגעליבט". באַ אונז איז טאַקע געווען אַ מין ליבע. יערע וואָך האָבן מיר זיך געמוזט זעהן. און אין מיין לעבן האָב איך נישט וויניג גוטע שעהן געהאַט באַ ר׳ דורן.

נעבן קרינקי האָב איך אויך געפונען אַ טייערן חבר פון די אַמאָליגע העברעער שרייבער, יוסף גיביאַנסקי, אַ יונגערמאַן אין מיינע יאָרן, אפשר יונגער פון מיר מיט אַ קליינינקייט. ער איז געווען אַן איידעם באַ אַ מילנער אין אַ דאָרף. דער שווער האָט אים געגעבן פינף הונדערט רובל נדן מיט פינף יאָר קעסט.

גיביאַנסקי איז צו פופצען יאָר געוואָרן אַ חתן. דער שווער זיינער האָט פריהער געוואוינט אין קרינקי און דעם חתן גיביאַנסקי האָט ער אַראָפּגע־בראַכט צו זיך אויף פסח. דער חתן האָט געזאָגט אַ דרשה אין קרינקיער שול און האָט אויסגענומען מיט זיין דרשה נישט ווי אַ אינגל פון פופצען יאָר, נאָר ווי אַ איד פון פופציג. חתונה געהאַט האָט ער צו זעכצען יאָר. דערנאָך האָט דער שווער געדונגען אַ וואַסערמיל אין אַ דאָרף און איז אַריין אַהין וואוינען, מיטנעמענדיג מיט זיך דאָס פאָר־פאָלק אויף קעסט.

ער איז געווען מפורסם פאַר אַ גוטן העברעער, וואָס שרייבט שיין לשון־קודש. אַז ר׳ ישראל סאַלאַנטער איז געקומען צו זיין איידעם, ר׳ דוד מריינע, אין הויף אַריין זיך אָפּרוהען, איז ער געווען אין קרינקיער הויף דעם גאַנצן זומער, דאָס איז געווען אַ יאָר פאַר מיין קומען קיין מאַקאַראָווצי. די קרינקיער לומדישע יונגעלייט פלעגן אויף אַלע מיטאָגן זיין צום טיש, און גיביאַנסקי איז אויך געווען בתוכם; און דעמאָלט האָט גיביאַנסקי געשריבן אין „המגיד", וואָס ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט גערערט באַם טיש. די אידישע וועלט האָט נעקאָכט מיט ר׳ ישראלס ווערטער...

מיט דעם גיביאַנסקין האָב איך זיך גוט באַפריינדעט און פלעג אים באַזוכן אין זיין דאָרף, און ער מיך באַ מיר אין הויז.

דעם אמת געזאָגט, בין איך גאָרנישט געלעגן אין געשעפט, ווי אַלע מענשן, ר. ה. זוכן וואָס מער געלט פאַרדינען, וואָס מער פרנסה, ריוח, חניפה, כאַפּן, רייסן און נאָך אַזוינע זאַכן. אייגנטליך האָב איך דאָך געהאַט

וועהר אַ גוטע קרעטשמע, און מיט חניפה האָב איך געקאָנט באַ ראָזענבלומען זעהר אַ סך דערװערבן. נאָר איך האָב מיך נישט געסטאַרעט צו ג ע נ ע נ ע ן זיך אַפילו צו אים און צו דער פּריצטע, כּדי צו געפינען חן באַ זיי אין די אויגן. מיין קאָפּ און מיין גייסט איז נאָר געלעגן דערין, ווי אַזוי צו געפינען וואוילע, ליבע, אַנטוויקלטע מענשן, וואָס איך זאָל מיך קאָנען מיט זיי חברן, פאַרברייננגען מיט זיי אין חקירות און ופּוחים. דאָס איז געווען מיין פאַרגעניגן.

מיר האָט עפּעס געפעלט אָט דער חוש צו וועלן האָבן וואָס מער געלט, וואָס אָ ה ן ד ע ם קאָן דער מענש נישט לעבן און מ י ט ד ע ם קריגט מען אַ ל ץ. איך בין אַ גרויסער מסתּפק, איך באַנוגן זיך מיט וואָס איך האָב. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז אַ גרויסער פעלער, און עס קאָן זיין, אַז דאָס איז, פאַרקערט, אַ גרויסע מעלה. עס קאָן זיין, אַז ווען איך וואָלט געלעגן נאָר אי ן ג ע ל ט, וואָלט איך אפשר ג אָ ר נ י ש ט געהאַט. פאַראַן פיל אַזעלכע מענשן, וואָס זיי זיינען אַריינגעטאָן מיט לייב און זעלע אין געלט און ה אָ ב ן ג אָ ר נ י ש ט. ווער קאָן עס וויסן און ווער קאָן עס פאָראויסזאָגן!

ר׳ דוד האָט געהאַט אַ געראָטענעם זון, האָב איך מיט אים זיך אויך שטאַרק באַפריינדעט און זעהר אָפּט פאַרבראַכט אין חקירה און חלומות...

איך האָב אָנגעהויבן שטאַרק צו לעזן השכּלה־ביכער, וואָס צוליב דעם פלעג איך עקסטרע מאַכן נסיעות קיין גראָדנע, כּלומרשט פאַרקויפן פּוטער און קויפן זיסן בראָנפן, און געמיינט האָב איך בלויז צו קויפן ראָרט פרישע השכּלה־ביכער אָדער צו לייען, אויב מען קריגט נישט צו קויפן. פון געשעפט וועגן האָב איך גאָר נישט באַדאַרפט אַזוי אָפט פאָרן: מיט איין מאָל האָב איך געקאָנט יוצא זיין אויף אַ לאַנגער צייט.

זייענדיג אין גראָדנע גאַנץ אָפט, האָב איך ערפאַרן, אַז איך האָב דאָרט אַ קרובה, איינע אַ חייטשע הורוויטש, זעהר אַן אינטערעסאַנטע פרוי, וואָס וועגן איר איז כּדאי צו שרייבן מער באריכות.

קודם כּל איז זי געווען אַ פרוי אַ שטאַרקע, און אין גראָדנע, אין סקידלער גאַס, שטייט געשריבן אויפן בלעכל פון איר הויז — ד אָ ס ה ו י ז פ ו ן ח ײ ט ש ע ה ו ר װ י ט ש, איר פאָטערס פאַמיליע און נישט איר מאַנס. זי האָט געטראָגן די הויזן. איך האָב דאָס הויז אָפּגעזוכט, אַריין אין שטוב און זיך פאָרגעשטעלט פאַר איר. קרובים זיינען מיר אַפילו נישט קיין נאָהענטע — נאָר דאָך קרובים. זי האָט מיך זעהר העפליך צוגענומען, און איך בין זיך מודה, אַז אַן איינדרוק האָט זי אויף מיר געמאַכט זעהר אַ שטאַרקן.

באַ איר אין הויז האָבן זיך שטענדיג געפונען פיל מענשן פון אַלע קלאַסן און עלטער. יונגעלייט און דערוואַקסענע, און אַלטע, און סוחרים, און

פאָרראַרטשיקעס, און אַרוואָקאַטן, און ראָקטוירים און גלאַט קלוגע מענשן. מען פלעגט קומען צו איר עצות פרעגן וועגן מסחר, וועגן פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן — וועגן אַלץ. בּאַ איר פלעגט מען פרעגן ווי צו פירן אַ פּראָצעס, און אַז מען האָט בּאַראַרפט אָנקומען צו אַ בּאַאַמטן פון אַ סור, האָט זי שוין געלערנט ווי צו ריידן און ווי זיך צו בּאַגיין דערבּיי. אַליין פלעגט זי אויך פיל פּועלן בּאַ די בּאַאַמטע, וואָס זי האָט בּאַראַרפט. מיט איר פלעגן זיך אַפילו יוריסטן אַמאָל מישב זיין וועגן אַ פאַרוויקלטן ענין, אָדער וועגן דעם, ווי אַזוי צו שרייבּן אַ גוטן קאָנטראַקט צווישן צוויי שותפים. זי איז געווען אַ זעלטענע חכמה מיט אַ גלייכן שכל און האָט פאַרמאָגט אַ רעכט בּיסל הומאָר. זי האָט געקאָנט זאָגן שיין אַ וויץ.

זי פלעגט פאַרדינען פון די פּריזיוון און פון געריכטס־געשעפטן אַ פיר, פינף טויזנט רובּל אַ יאָר. בּאַזונדערס איז זי געווען אַ גרויסע בּעל־טובהניצע, למשל, גיין צום פּאָליצמייסטער, צום איספּראַווניק, צום גובּערנאַטאָר. טון אַ אירן אַ טובה איז זי געלאָפן און כמעט שטענדיג געפּועלט, וואָס מען האָט בּאַראַרפט. אַמאָל איינגאַנצן יענעם אַרויסגעהאָלפן פון אַן עת צרה און אַמאָל אַ בּיסל געהאָלפן, אָבער גאָר מיט ליידיגן האָט זי קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט. עפּעס האָט זי געמוזט העלפן.

בּאַ איר איז געווען „צום גובּערנאַטאָר גיין" פון די גרינגע זאַכן, און דער גובּערנאַטאָר האָט געהאַט הנאה מיט איר צו ריידן. זי האָט געקאָנט דעם גובּערנאַטאָר אויך אַריינזאָגן אַזאַ שאַרפן וויץ, אַז עס זאָל אים אַ שטאָך טון אין דער זיבּעטער ריפּ. און ער האָט אויך געמוזט לאַכן, ווייל עס איז געווען גערעכט און קלוג אַ שטאָך געטאָן.

איר מאַן איז אויך געווען אַ גאַנץ וואוילער און אַפילו אַ געלערנטער מענש, נאָר ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געקאָנט עפענען אַ מויל אין איר געזעלשאַפט. ער האָט פראָסט מורא געהאַט עפּעס צו ריידן. איבּעריגנס, די ראָזיגע מורא האָט נישט נאָר געשפּירט איר מאַן אַליין, נאָר אויך די אַלע, וואָס פלעגן בּאַזוכן איר הויז. אַ צו שאַרפן שכל און אַ צו שאַרפע צונג האָט זי פאַרמאָגט. און ווערן אויסגעלאַכט פון אַ פרוי איז נישט פון די גוטע זאַכן.

דאָס ערשטע מאָל האָבּ איך פאַרבּראַכט בּאַ איר אַ פּאָר שעה צייט אַלס גאַסט. מיט קיינעם האָבּ איך זיך נישט געקענט. איך האָבּ זיך צוגעקוקט צו חייטשען מיט אירע געסט, צוגעהערט זיך צו איר חכמה, בּאַטראַכט איר האַלטן זיך און איר אויפפירונג און בּאַשלאָסן זיצן און שווייגן. ריידן דאַרף זי — וואָרום זי איז זעהר קלוג...

זי האָט מיך בּאַקאַנט מיט די געסט און האָט מיך פאַרהאַלטן לייענגער, בּיז אַלע זיינען אַוועקגעגאַנגען. אַפּנים, אַז זי האָט מיך געוואָלט צעגלירערן,

זעהן וואָס פאַר אַ סחורה איך בין. דערנאָך האָט זי מיך פאַרבעטן אויף מיטאָג.

נאָך מיטאָג איז זי מיט מיר געגאַנגען שפּאַצירן אין גאַס. אויפן וועג האָט זי מיך געבעטן, אַז איך זאָל איר דערציילן פון מיינע ענינים, וואו, הייסט עס, האַלט איך אין דער וועלט. זי איז נאָך זעהר אַ הייסע קרובה אויך דערצו און אינטערעסירט זיך מיט אַלע קלייניגקייטן. אָט קום איך, למשל, קיין גראָדנע מיט געשעפט: איך ברייננג צו פאַרקויפן פּוטער, קעז און קויף איין בראָנפן און נאָך סחורות. דערין קאָן זי מיר באַהילפיג זיין. זי קאָן דאָס מיר אַלץ באַזאָרגן און מיר וועט זי גאָר נישט לאָזן זיך באַמיהען מכּח די אַלע זאַכן. קום איך קיין גראָדנע, דאַרף איך בעסער לעבן אַ גוטן טאָג, און מיינע עסקים וועלן שוין זיין אין אָרדענונג. דאָס וועט איר קיין סך טרחה נישט קאָסטן, זי האָט אומעטום אַריוטאַנטן, וואָס וועלן מיך די מינוט באַזאָרגן.

און דאָס איז נישט געווען קיין באַרימעריי. שפּעטער האָב איך מיך דערין איבערצייגט. איך האָב איינגעזעהן, אַז איך האָב מיך פריהער אָפּגע־נאַרט באַם פאַרקויפן פּוטער און באַם קויפן בראָנפן. טאַקע ריזעלבע חייטשע האָט עס מיר קלאָר געמאַכט. דערנאָך האָט זי שוין אויפגעזוכט די ראַיעלסטע סוחרים פון פּוטער און האָט מיר שוין נישט געלאָזט זיך פאַרנאַרן. איך האָב גענומען דעם בעסטן פּרייז פאַר פּוטער, און דעם בראָנפן האָט זי מיר איינגעקויפט אין אַן אַנדער ריסטיליאַרניע אַ סך ביליגער און בעסערע סחורה. מיט איין וואָרט, איך האָב מיט איר געטראָפן.

מיינע געשעפטן האָט זי מיר שוין שטענדיג איינגעאָרדנט אין איין טאָג, און פאַרבראַכט האָב איך באַ איר גרויסאַרטיג גוט נאָך צוויי טעג איבעריגע, אין דער שענסטער גראָדנער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך שטענדיג געפונען באַ איר אין שטוב. אָט אַזוי פלעג איך מאַכן אין גראָדנע אַכט נסיעות אַ יאָר. יערע נסיעה איז געווען אַ שטיק פאַרגעניגן, אַ גרויסער תענוג.

דער קיסר אַלעקסאַנדער דער צווייטער פלעגט אַלע יאָר קומען קיין גראָדנע אויף אַ „סמאָטר“. דער גראָדנער פּלאַץ איז אים געווען געפעלן פאַר זיין ברייטקייט און פאַר רעם, וואָס דאָס מיליטער שטייט אויף אים שיין.

געוויינליך, זומער קומען זיך צונויף פון גאַנצן אויעזד אַלע דאָרפסלייט, פּריצים און אירן — זעהן דעם קיסר מיטן סמאָטר און דעם גאַנצן פּאַראַד, וואָס גראָדנע פלעגט אים מאַכן. פלעג איך שוין אויך אַלע יאָר פאָרן קיין גראָדנע אין דער צייט, ווען דער קיסר דאַרף קומען.

דער קיסר פלעגט פאַרברייננגען אין גראָדנע אָנדערטהאַלבן מעת־לעת. אין דער צייט איז קיינער צו חייטשען נישט געקומען. יערערער איז געווען פאַרנומען מיט די פּאַראַדן און דעם קיסר. צו חייטשען פלעג איך אָבער

אויך אין דער טומלדינגער צייט אַריינקומען. חייטשע פלעגט רעמאָלט נישט זיין קיין סך אין דרויסן. דאָרטן איז געווען אַ שטופּעניש, און זי האָט עס פיינט געהאַט.

— מען שטייט מיט אַרויסגעשפּאַרטע אויגן און מען קוקט — פלעגט זי זיך קרימען.

איך בין איינמאָל געשטאַנען נעבן קיסר, ווען ער איז געזעסן אויפן פערד, און פאַרבײַ איז האָט דורכגעמאַרשירט ראָס מיליטער. טאַקע נעבן זיין פערד בין איך געשטאַנען און געקוקט אים אין פּנים אַריין. עס האָט זיך געוואָלט קוקן שטאַרק, טיף און לאַנג. געזעסן איז דער קיסר אויפן פערד פרייליך, מונטער, און עס איז געווען אַנגענעם צו קוקן אויף זיין שטאַרקער פיגור; אַז ער איז דורכגעפאָרן, האָב איך זיך אַלץ געשפּאַרט צו אים. זיין נעהענטער האָב איך געוואָלט...

איינמאָל, געדיינק איך, איז דער קיסר געקומען צופאָרן קיין גראָדנע האַלב צוויי בײַנאַכט, און אויף מאָרגן זיבן אַזייגער איז ער שוין געפאָרן אויפן סמאָטר. בין איך פינף אַזייגער אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַריין, וואו ער האָט באַדאַרפט דורכפאָרן. דער קיסר איז געפאָרן אין אַ פאַרמאַכטער קאַרעטע מיטן ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר פּאָטאַפּאָוו. דער גרויסער עולם, וואָס איז דערבײַ געשטאַנען, האָט אָנגעהויבן צו שרייען:

— קיסר, מיר ווילן דיך זעהן.

האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר געעפנט די טיר פון קאַרעט און אויסגערופן צום עולם:

— דער קיסר איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. ער וויל אָפּרוהען.

דער עולם אָבער הערט אים נישט און שרייט ווידער:

— קיסר, מיר ווילן דיך זעהן.

האָט שוין דער קיסר אַליין געעפנט דאָס טירל פון קאַרעט און געזאָגט:

— גאָספּאָדאַ, איך בין אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. גיט מיר עטוואָס רוה. פון סמאָטר וועל איך פאָרן פּאַמעליך אין אַן אָפענער קאַרעטע, וועט איר מיך זעהן.

און אַזוי איז געווען. צוריק איז ער געפאָרן אין אַן אָפענער קאַרעטע, טריט־בײַ־טריט, און אַלע האָבן אים געזעהן. איך בין געשטאַנען נעבן פּוילישן קלויסטער, וואו דער קיסר איז דערנאָך אַרויף אויפן גאַניק, באַפּוצט מיט שיינע קאָווראָרן און בלומען.

דער פּוילישער רעקאָן איז געשטאַנען דערבײַ, און דער קיסר, געבנדיג אים די האַנט, האָט געבעטן פאַרצייהונג, וואָס ער האָט נישט קיין צייט אַריינצוגיין אין קלויסטער. באַלד האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין קאַרעט, און אַזוי איז ער ווידער געפאָרן איבער דער גאַנצער שטאָט, טריט־בײַ־טריט,

ביזן גובערנאַטאָרס הויז. מען האָט זיך גערי‏כט, אַז ער זאָל זיין אויך אין רוסישן קלויסטער און אין שול, אָבער מער ווי אויפן גאַניק פון פּוילישן קלויסטער איז ער נישט געווען. די פּאָלאַקן האָבן זיך כאָטש דערמיט געפרייט. אַן איינדרוק פלעגט ער שטענדיג איבערלאָזן אַ גוטן און אַ שטאַרקן.

אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָב איך געזעהן עטליכע מאָל, און בעת איך פלעג שטיין נעבן אים, האָב איך יעדעס מאָל געהאַט אַ תענוג רוחני. גוטמוטיג פלעגט ער שטענדיג באַטראַכטן דאָס פּובליקום אַרום זיך.

אַליין איז ער געווען אַ הויכער, אַ ברייטער און אַ שיינער. ניקאָלאַיס קוק, זאָגט מען, איז געווען זעהר אַ בייזער. דער זיידע אהרן־לייזער האָט דערציילט, אַז ער איז איינמאָל געווען אין בריסק, בעת דער קיסר ניקאָלאַי איז דאָרט דורכגעפאָרן. עס האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרויסער עולם. אַלע האָבן געוואָלט זעהן דעם קיסר. דער זיידע אויך בתוכם.

באַלד האָט זיך באַוויזן דער קיסר. ער איז געשטאַנען נישט ווייט פון זיידן, און ביידנס בליקן, דעם קיסרס און דעם זיידנס, האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן.

— פון דעם קוק איז מיר איינגעפאַלן דאָס בלוט — האָט זיך דער זיידע געצאַפּלט — און איך וועל אים אייביג געדיינקען...

אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס קומען קיין גראָדנע האָט שטענדיג אַרויסגע־רופן אַ יום־טוב באַ אידן. מיר האָבן זיך אַלע געפרייט, און אין דעם טאָג, וואָס ער פלעגט זיך דאַרפן באַווייזן אין גאַס, פלעגן אַלע אַוועקוואַרפן די אַרבעט און שפּאַצירן אין פרייליכע גרופּעס איבערן שטאָט.

קאַפּיטל VIII

א געשפּרעך מיט חייטשען מכּח ווייבערשע נאַטורן, מכּח זייער חלשן און סבּאַ־מעס. — מאַקאַראָווצי. — דער רוסישער און דער פּוילישער גלח. — אונזערע שמועסן. — וועמענס רעליגיע שטייט העכער? — די אָרומיגע ישובניקעס. — ימים־נוראים־צייט. — ישובניקעס נעמען איידעמלאַך. — דאָס איינהאַנדלען שטעט אין די שולן.

איך האָב דערציילט חייטשען, אַז מיין ווייב האָט אַמאָל געחלשט דערפאַר, וואָס זי האָט געזעהן, אַז איך האָב שבת צוגענומען בּאַ אַ קריסט אַ פּערציגער מיט דער בּלויזער האַנט און נישט דורך אַ פאַטשיילקע, ווי אַלע אידן טוען אין די דערפער און קליינע שטעטלאַך.

אין די גרויסע שטעט האָט מען זיך דערצו צוגעפּאַסט אויף אַן אַנדער שטייגער.

אין די אַלע רעסטאָראַנען און בּיר־הייזער זיינען פאַראַן אַזעלכע בּלע־כענע און מעשענע קוויטלאַך, וואו עס איז אויסגעקריצט דער נאָמען פון בּעל־הבּית, און אַלע וואַרשעווער אידן, וואָס קאָנען נישט אויסקומען שבת אָהן בּיר, קויפן פרייטאָג די ראָזיגע קוויטלאַך. שבת צאָלן זיי מיט דעם פאַרן בּיר און וויין. עס פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע אידן, וואָס האָבּן געשעפטן פון געטראַנקען, אַרבּעטן דעם שבתדיגן טאָג עבודת פרך. אַ קליי־ניגקייט, וואָס עס ווערט צעטרונקען בּיר שבת בּאַ אידן אין וואַרשע!

פערזענליך בּין איך קעגן אַזעלכע היתרים, וואָס אידן מאַכן זיך. עס איז בּאַוואוסט, אַז דאָס, וואָס בּאַ אידן טאָר מען קיין געלט נישט האַלטן, דאָס הייסט, מוקצה, איז צוליב דעם, אַז מען זאָל רוהען. אָהן געלט קאָן זיך אַ מענש אין ערגעץ נישט רירן, נישט קויפן און נישט פאַרקויפן. אָבּער דאָ נעמט אַ איד און מאַכט פון רעמזועלבּן מעטאַל, צי פון מעש, צי אַפילו פון בּלעך אַ מין היתר־מטבּע און מעג שוין אַרבּעטן דעם גאַנצן שבת־דיגן טאָג ערגער פון אַ פערד. אַז זיין נאָמען איז אויסגעקריצט — מעג מען; אַז דער נאָמען פון קיסר — טאָר מען נישט.

איך האָב עס רערצײלט חײטשען. זאָגט זי מיר בזה הלשון:

— מײן ליבער יונגערמאַן! גלויבט נישט די װײַבער מיט זײער חלשן. איך װעל אײך דערצײלן, װי אַזױ איך פלעג אַמאָל כּסדר חלשן... װי נאָר עפּעס — געחלשט. האָב איך באַלד נישט געקראָגן, װאָס איך האָב באַדאַרפט — אַ פּאַל געטאָן אין חלשות...

זי האָט זיך איראָניש אַרומגעקוקט און דערצײלט װײטער:

— איך בין געװען, מײן ליבער יונגערמאַן, אַ יתומה אָהן אַ טאַטן. צו זעכצען יאָר בין איך געװען זעהר אַ שײן מײדל און פּאַר אַ קלוגע האָט מען מיך אויך געהאַלטן. איך האָב דעמאָלט געשריבן העבּרעאיש און רוסיש, בעת אידישע טעכטער האָבן אַפילו קײן אלף נישט געקאָנט אויסקריצן. זיצן אַ מײדל נאָך זעכצען יאָר איז דעמאָלט נישט געװען אין דער מאָדע, און איך האָב חתונה געהאַט און אָנגעקומען צו אַ שװער פון אַ קלײן שטעטל, אַ איד אַ גביר פון אַ פופציג טויזנט רובל. זײן זון, אַ בן־יחיד, איז געװאָרן מײן מאַן. דער שװער האָט געװאָלט נעמען פאַר זײן זון אַ װײַב פון גרויס יחוס, מיט אַלע מעלות, עס מעג אַפילו זײן אָהן געלט. בין איך דאָס געװען די באַשערטע. איך האָב געגעבן נדן אינגאַנצן דרײַ הונדערט רובל. מײן פאָטער האָט לאַנג געקרײנקט, ביז ער איז פאַראָרימט געװאָרן. עס איז נאָך אַפילו געבליבן פון טאַטן עטליכע טויזנט רובל מיט אַ סך זילבער, אָבער איך האָב נאָך צװײ שװעסטער און אַ ברודער, און די מאַמע דאַרף נאָך אויך, און אַז עס האָט זיך געמאַכט דער שדוך, װאָס פאַרלאַנגט קײן געלט נישט, האָב איך פון מײן נדן, װאָס איז געװען פאַררעכנט אויף טויזנט רובל, נאָר גענומען דרײַ הונדערט און דאָס איבעריגע אָפּגעגעבן פאַר די שװעסטער.

אַז איך בין אָנגעקומען אין שטעטל צום שװער אויף קעסט, איז מיר פינסטער געװאָרן אין די אויגן. באַם שװער איז אַ גרויס הויז, פיל צימערן, אָבער אומעטום זײנען אָנגעשטעלט פּראָסטע, הילצערנע, װײסע בײנק מיט טישן און מען עסט פון פּאָליװענע שיסל, פון גראָבע טעלער און מיט בלעכענע לעפל. עסן עסט מען גוט, עס פעלט קײן זאַך נישט, אָבער אַלץ פּראָסט. אַזױ אין עסן, אַזױ אין דער גאַנצער פירעכטס. טײ טרינקט מען פון אַ קריגל, און װאָס פאַר אַ טײ — מען קאָן אין מויל נישט נעמען.

דער רב פון שטעטל איז געװען דעם שװערס אַ פרײנט. ער איז געװען באַ אונז שבת אויף שבעה ברכות. איך בין אים, אַפּנים, געפעלן געװאָרן, האָט ער פאַרבעטן מיך מיט מײן מאַן קומען אים באַזוכן אַ צװײטן שבת. אַז איך בין געפעלן געװאָרן דעם רב און דערנאָך דער רביצין, האָב איך שױן נושא־חן געװען באַ דעם גאַנצן שטעטל און איך האָב זיך אָנגעהויבן האַלטן גרויס, געהויבן, שטאָלץ.

האָב איך איינגעזעהן, אַז איך וועל קאָנען אויספירן ביסלעכווייז, אַז מען זאָל באַ אונז עסן מיט זילבערנע לעפל, אין פאַיאַנסענע שיינע טעלער און אָנשטאָט פּראָסטע ביינק זאָלן זיין קאַנאַפּעס מיט שטולן, אַזוי ווי באַ אונז אין דערהיים.

כאָטש מיין פאָטער איז פאַראָרימט געוואָרן, פונדעסטוועגן האָט מען באַ אונז געגעסן מיט זילבערנע לעפל. איך האָב געמיינט, אַז באַ מיין שווער אין שטוב ־וועט עס זיין נאָך רייכער. אַ רייכער איד! איך האָב אַזוי ליב געהאַט רייך מעבל, שיינע טיש־געשיר, שפּיגלען אויף די ווענט, לאַנגע איידעלע כאָרניקעס אונטער די פיס... וואָס טוט מען אָבער דאָ? הייסן דעם שווער אויספּוצן די שטוב, איז געווען אוממעגליך. שוין אַן עלטערער איד, ווער קאָן דאָס אים איבערמאַכן? נאָר איינמאָל האָב איך געזאָגט דעם שווער, אַז איך קאָן דורכאויס אין אַזאַ פאַרגרעבטקייט נישט לעבן.

— רייך זענט איר, טאָ לעבט אויך ווי אַ גביר. איך קאָן נישט עסן אין אַזעלכע טעלער, מיט אַזעלכע לעפל און קאָן נישט זיצן אויף די מאָגערע פּראָסטע ביינקלאַך. איך בין געוויינט צו זיצן אויף ווייכע שטולן און קאַנאַפּעס, ווי באַ מיין פאָטער...

דער שווער האָט געזאָגט, אַז ער קאָן מיר געבן, למשל, אַ מתּנה טויזנט רובל, אָבער איבעראַנדערשן זיין פירונג, וואָס זיינע אָבות־אַבותינו האָבן זיך אַזוי געפירט, קאָן ער נישט... ווי מיר איז ליב מיין פאָטערס מעבל, אַזוי זיינען אים ליב זיינע פּראָסטע טישן און ביינקלאַך.

אָט דעמאָלט טאַקע האָב איך זיך גענומען צו מיין ווייבערש געווער. איך האָב געחלשט... איז געוואָרן אַ מהומה אין שטוב, אַלע זיינען געבליבן טויט פון שרעק. אין אַ קליין שטעטל — זיינען אַלע באַלד צונויפגעלאָפן מיך ראַטעווען... אַז מען האָט מיך אָפּגעראַטעוועט, האָט דער שווער געפרעגט:

— נו, זאָג מיר, טאָכטער, וואָס ווילסטו, איך זאָל דיר קויפן?

ווער איך באַלד מונטער און זאָג:

— גיט מיר דריי הונדערט רובל, וועל איך פאָרן קיין גראָדנע און איינ־קויפן מעבל און טיש־געשיר און נאָך אַזעלכע שטובזאַכן.

אָבער עס הויבט זיך גאָרנישט אָן. ער וויל נישט.

אַזוי איז אַוועק נאָך אַ האַלב יאָר. דער שווער מיטן מאַן האָבן מיך ליב, אָבער אויספירן באַ זיי קאָן איך נישט. האָב איך אָנגעהויבן ווייטער צו חלשן...

דעמאָלט האָט זיך דער שווער אונטערגעגעבן, און מיט מיין חלשן האָב איך אַלע מאָל דערגרייכט אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט.

אַלץ האָט אָבער אַ מאָס, און איך האָב אין מיין נצחון פאַרגעסן אָן איר.

איינמאָל, געדיינק איך, האָב איך מיר אַזוי געחלשט און דער מאַן מינ־טערט מיך. הער איך, ווי ער זאָגט בעת־מעשה:

— חייטשע, חייטשע, ס'וועט קומען אַ צייט, וואָס אַז דו וועסט חלשן, וועל איך דיך נישט וועלן מינטערן...

— ע, ע! — האָב איך מיך באמת דערשראָקן. אויב אַזוי, טויג שוין נישט. האָב איך זיך גלייך גענעבן אַ שטעל אויף און געזאָגט:

— איך בין געזונט... איך וועל שוין מער נישט דאַרפן, דו זאָלסט מיך מינטערן.

איצט האָט חייטשע חוזק געמאַכט פון די מאַנסבלען, וואָס די ווייבער פירן זיי פאַר די נעזער און קאָנען מיט געמאַכטע חלשות אויספירן בּאַ זיי אַלץ אין דער וועלט. די מאַנסבלען האָט זי גערופן שמאַטעס.

די מאַנסבלען, וואָס זיינען געזעסן בּאַ מיר אין שטוב, האָבן געלאַכט, בעת איך האָב דערציילט מיין ווייב פון חייטשעס חלשן און ווי אַזוי זי האָט עס אויסגעטייטשט, האָט שוין מיין ווייב אויך, דוכט זיך, אויפגעהערט דאָס צו טון...

געלעבט האָט זיך מיר דעמאָלט נישט שלעכט, איך האָב פאַרדינט איבער געגוג. אין די ווינטערדיגע לאַנגע אָוונטן האָב איך געלעזן חקירה־ספרים, וואָס שטענדיג האָב איך צו זיי געהאַט אַ גרויסע תשוקה, און מיט וועמען צו פאַרברייינגען איז אויך געווען.

מיין ווייב האָט אַפילו געוואָלט, איך זאָל מיך דרייען מער אַרום ראָזענ־בלומען, וועל איך האָבן אַ טובה דערפון. איך האָב עס נישט געוואָלט. חניפה ליגט נישט אין מיין גבול. און מאַלע וואָס דאָס ווייב זאָגט... ווייבער ווילן דאָך איינשלינגען די גאַנצע וועלט. איין גוטער ספר איז בּאַ מיר טייערער געווען פון אַלע ראָזענבלומס מיט אוצרות געלט.

איך האָב יערעס יאָר געהאַט אָפּגעשפּאָרטע עטליכע הונדערט רובל און דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען ווייטער. אַמאָל פלעג איך אַ שמועס טון מיטן פּוילישן גלח, מיין שכן, זעהר אַ געלערנטער קריסט און אַ פרומער. רייידן פיל האָט ער נישט ליב געהאַט.

דער רוסישער גלח איז שוין געווען פּראָסטער, האָט ווייניג געקענט, דערפאַר האָט ער אָבער מער האַרץ געהאַט, און מיר האָבן גוט געלעבט צווישן זיך.

געווען איז דער רוסישער גלח אַ הויכער, אַ דיקער, אַ געזונטער און אַ לעבּ־קינד. ער פלעגט קומען צופאָרן אויף דריי פערד און אָפּזיצן בּאַ מיר עטליכע שעה צייט.

פרומקייט האָט בּאַ אים געשפּילט אַ קנאַפּע ראָליע און אויף אַן עבירהלע איז ער געווען אַ גרויסער בעלן...

דער פוילישער גלח, ווידער, פלעגט מיך סטראַשען, אַז איך וועל קיין גן־עדן נישט האָבן.

— חאַצקל, אַ איד לאָזט מען נישט אַריין אין גן־עדן... אַ איד האָט מען ראָרטן פיינט...

און ער פלעגט אַ ווייז טון מיטן פינגער אויפן הימל.

— מיט וואָס ביסטו זיכער, אַז דיך האָט מען אויפן עולם־האמת ליב?

— פלעג איך אים אַ פרעג טון.

אָט אַזוי האָבן מיר זיך געאַמפּערט.

איינמאָל, געדיינק איך, האָט ער מיר באַוויזן, אַז אין ענין מופתים איז קריסטוס געווען גרעסער פאַר משהן. משה האָט עס נישט געקאָנט מאַכן. דהיינו, אַז קריסטוס פלעגט קומען אין אַ שטאָט, זיינען אויפגעשטאַנען אַלע מתים פון בית־עולם, וואָס זיינען שוין הונדערטער יאָרן געווען טויט, און געגאַנגען אים מקבל פנים זיין. דאָס האָט משה נישט באַוויזן. האָב איך אים אויף דעם געענטפערט, וואָס רבינו סעדיה גאון האָט געזאָגט ערגעץ באַ אַן אַנדער ענין.

ווען מען דערציילט, למשל, אַז אַ מענש האָט אויסגעטרונקען אַ פאַס וואַסער פון צען עמער, אַ צווייטער, ווידער, האָט אויסגעטרונקען אַ גאַנצן ברונים מיט וואַסער, אַ דריטער האָט אויסגעטרונקען אַ גאַנצן טייך, אַ פערטער — דעם ים אוקינוס, און מען פרעגט דערביי — ווער האָט דאָ באַוויזן אַ גרעסערן וואונדער, דאַרף מען איינגעפינען, אַז אַלע גלייך, וואָרום אַז אַ מענש, וואָס קאָן מער נישט אויסטרינקען ווי אַ גלאָז וואַסער, האָט אויס־געטרונקען צען עמער וואַסער, איז דאָס דער אייגענער וואונדער, ווי דעמס, וואָס האָט אויסגעטרונקען דעם גאַנצן ים אוקינוס; וואָרום ווי עס איז אוממעגליך אויסצוטרינקען דעם ים, אַזוי איז אוממעגליך אויסצוטרינקען צען עמער וואַסער.

און שפּאַלטן אַ ים קאָן אַ מענש? און געבן וואַסער פון אַ שטיין קאָן אַ מענש? און געבן עסן מן פאַר ששים רבוי אידן אין אַ מדבר קאָן אַ מענש? דאָס קאָן קיין מענש נישט באַווייזן און יענץ קאָן אויך קיין מענש נישט באַוויזן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן איינער דעם אַנדערן נישט געקאָנט מנצח זיין.

און איינמאָל פרעגט ער מיך:

— ווי קאָנט איר זאָגן אין אייערע תפילות: אתה בחרתנו מכל העמים, אהבת אותנו ורצית בנו ורוממתנו מכל הלשונות און אַזוי ווייטער — דו, גאָט, האָסט אונז אויסגעווילט פון אַלע פעלקער, דו האָסט אונז ליב,

באַגערסט אונז און האָסט אונז דערהויבן איבער אַלעמען? ס'טייטש — פרעגט דער גלח — ווי קאָנט איר זאָגן פאַר גאָט אַזאַ מאוסן ליגן? מ'הרגעט דאָך אייך, מ'שעכט דאָך אייך, מ'בראָט דאָך אייך, מ'שענדט אייך, מ'רייסט אייך און מ'טרעט אייך מיט די פיס און דערנאָך קומט איר זיך צו גאָט מיט אַזאַ גראָבן ליגן? דאָס איז דאָך אַן אומפאַרשעמטע זאַך!...

— פריצל, — האָב איך אים געענטפערט — ווען דאָס וואָלט געווען נישט אַזוי, טאָ פאַרוואָס איז אייער קריסטוס געבוירן געוואָרן בּאַ אידן? איז דאָך אַ סימן, אַז גאָט האָט דאָך אויסגעוויילט די אידן פון אַלע פעלקער!...

דאָס האָט בּאַ אים אַביסל אָפּגענומען דעם קוראַזש.

בּאַ מיינע שכנים, די ישובניקעס, בּין איך געווען אַ שטיקל יחסן. איך קען, צום בּיישפּיל, אַביסל לערנען, וואָס דאָס רוב פון זיי קענען דאָס נישט. און אַז איך פלעג קומען אַלע שבּת צום מנין אין בּיאַלע־קאָזע בּאַם מילנער, פלעגט מען מיך בּעטן שטיין בּאַם ספר און טיילן די עליות.

די ישובניקעס האָבן נישט געוואוסט, וואָס צו טון מיט מיר, וואָס פאַר אַ טשין מען זאָל מיר געבן. דעמאָלט איז בּאַ זיי פאַרבּליבּן, אַז אַלס טשין, זאָל מען בּאַ מיר מאַכן דעם מנין צום דאַוונען.

אַז דער מנין איז געוואָרן בּאַ מיר, האָט זיך אַלע שבּת פאַרגרעסערט דער עולם דאַוונער. עס האָבן אָנגעהויבּן וואָס ווייטער צוקומען מער ישובניקעס פון אַרום און אַרום.

פאַרן מנין איז בּאַ מיר געווען גאָר אַ בּאַזונדערע מעלה. איך האָב אַבּאָנירט דעם „המליץ“ און דעם „המגיד“. דאָס איז געווען אַ קוואַל פון נייעס, נאָך וואָס דער עולם האָט אַזוי געגאַרט. מיט דער צייט זיינען מיינע ישובניקעס געוואָרן גרויסע „וועלט־פּאָליטיקער“. זיי האָבּן געשעפּט פון די צייטונגען און זיך געטיילט, ווי מיט אַ בּיסן פון מויל.

ראָזענבּלום, ווירער, האָט געהאַלטן אַ וואַרשעווער טעגליכע צייטונג, און אויף אַזאַ אופן האָבּ איך זיי מפּי ראָזענבּלום געקאָנט געבּן נאָך אַ מינדליכע בּיילאַגע מיט נייעס און פּאָליטיק אַזוי, אַז זיי האָבּן געקאָנט אין פּאָליטיק פאַררוקן אַ בּיסמאַרקן הינטערן אויוון... גאָט זאָל אָפּהיטן, וואָס בּאַ מיר האָט זיך צעטאָן אין דעם זיבּעציגטן יאָר בּשעת דער פּרייסיש־פראַנצויזישער מלחמה. עס האָט געהורושעט ווי אין אַ בּינשטאָק, און אַלע זיינען געווען פאַרשמייעט.

אַפילו אין מיטן וואָך פלעגן די ישובניקעס אויך קומען נאָך נייעס. אַ קלייניגקייט — אַ איר נייעס.

די וואָך, וואָס פאַר ראש־השנה, האָבּ איך שוין אָנגעהויבּן מסדר צו זיין ווי אַרויסצופאָרן מיטן ווייבּ און קינדער און מיטן גאַנצן האַק־און־פּאַק קיין

קרינִיק אויף ראש־השנה. צוליב שבת האָט באַראַרפּט זיין דריי טעג יום־טוב. ראָזענבלום איז געפאָרן אויף ראש־השנה און יום־כפּור קיין וואַרשע און אָנגעזאָגט אין היים, אַז מען זאָל געבן צוויי גרויסע פורגאָנען צו צוויי פערד פאַר מיינעטוועגן אויף ראש־השנה קיין קרינִיק.

אַז עס קומט פאַר ראש־השנה, גרייטן זיך שוין צו אַלע ישובניקעס צו פאָרן אין שטאָט אַריין מיטן גאַנצן געזינדל און מיט די קיך־געשיר און טיש־געשיר. קיין איין איד בלייבט נישט איבער אין דאָרף אויף ראש־השנה. דער ישובניק מעג זיין ווי קראַנק, דאָס ווייב מעג זיין אַ קינפּעטאָרין — פאָרט מען אין שטאָט. מען פאָרט מיט עופהלאַך, מיט קליינע קינדערלאַך, מיט קראַנקע און שוואַכע. מאַכן אין דער צייט אַ מנין אין דאָרף, האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן. יעדער איד מוז קומען אין שול צום יום־הדין.

אַז עס ווערט נעהענטער צו ראש־השנה, פאָרן די מאַנסבלען מיט די ווייבער אין שטאָט אַריין קויפן סחורה אויף מלבושים פאַר זיך און פאַר די קינדער. און ווער רעדט, פאַר די גרעסערע בתולות, וואָס שטייען שוין אין שרוכים, מאַכט מען מלבושים מיט אַלע „שיקן".

רייכע ישובניקעס פלעגן אַראָפּברייננגען צו זיך אַ שניידער מיט אַ פּועל און מען פלעגט אים אָפּהאַלטן בּאַ אַ חורש צייט. אַז די ישובניקעס קומען אין שטאָט אויף ראש־השנה, גייען זיי אין נייע קליידער, וואָס קנאַקן.

די שטאָט־לייט זיינען מקרב די ישובניקעס, האָבן אויף זיי מיטלייד: זיי וואוינען נעבעך דאָס גאַנצע יאָר אין דאָרף צווישן גויים, אָהן אַ בית־המדרש, אָהן אַ באָד און אָהן אַ מקוה...

די ישובניקעס שטעלן זיך אַרויס ראש־השנה ברייט און האָבן באַזונדער הנאה, וואָס די שטאָטישע מענשן רייִדן מיט זיי און חברן זיך מיט זיי. דאָס רוב פלעגן ראש־השנה געשלאָסן ווערן שרוכים. די אָרימערע, געפאַלענע שטאָט־מענשן, זיינען זיך מחתּן מיט די בעלי־בּתּישערע ישובניקעס, וואָס האָבן שטענדיג זייער שטיקל ברויט. זיי לעבן אַפילו פּראָסט, אָבער ברויט האָבן זיי כמעט אַלע; ווער רעדט, די נגידישע ישובניקעס — די לעבן דאָך זעהר גוט.

אַמאָליגע ישובניקעס פלעגן דאָס רוב נעמען לערנערס פאַר איידעמס. זיי פלעגן בעטן אין שטאָט באַ זייער פאַמיליע און גוטע פריינט, אַז מען זאָל אויסזוכן פאַר זייערע טעכטער אַ חתן פון די בית־המדרש־אינגלאַך, וואָס דאָס רוב קומען פון פרעמדע שטעט לערנען, ווי איך האָב שוין געשריבן פריהער. מען האָט דעמאָלט געכאַפּט לערנערס ווי מצה־וואַסער.

דער רעכטער מאַרק אויף חתנים פלעגט זיך שטעלן פאַר די ימים־נוראים. פאַר ראש־השנה פלעגט זיך יעדער ישובניק אויסקלייבן אַ בחור

— אַ לערנער, לויט זיין מצב, וויפיל ער קאָן געבן נדן, און דאָס רוב פלעגט ראש־השנה געשלאָסן ווערן אַן אָפּמאַך צווישן די מחותנים מיטן אינגל דעם לערנער, וואָס זיינע עלטערן וואוינען ערגעץ נישט הי. דאָס אינגל מיט דער כלה האָבן נישט געטאָרט ריידן צווישן זיך. מיט הייסע און פאַרבאָרגענע בליקן האָט מען זיך פון דערווייטנס אָנגעקוקט, און דאָס האַרץ האָט געטיאָכקעט, געטיאָכקעט, געטיאָכקעט...

נאָך ראש־השנה שרייבט דאָס עלנטע אינגל אַ בריף צו זיינע עלטערן, אַז ער איז געפעלן געוואָרן אַ ישובניק, אַ פיינעם בעל־הבית אָדער אַ נגיד, וואָס וויל אים נעמען פאַר אַן איידעם. באַלד פלעגט אַזאַ אינגל באַקומען פון די עלטערן אַ כח הרשאה, אַז זיי זיינען מסכים צום שדוך און באַלד פלעגט מען שרייבן די תנאים. האָבן דעם בחורלס עלטערן געקאָנט — זיינען זיי געקומען צו די תנאים, אויב נישט, איז געווען רעכט אָהן זיי...

ביי אַזעלכע לערנערס יונגעלייט טרעפט, אַז זיי זיינען גאָר קנאַפּע לערנערס. איינער האָט חן מיט זיין אויסזעהן, איינער מיט זיין צינגל. און אַז די ראָזיגע „לערנערס" קומען אָן צו די שווערס אין די ישובים אויף קעסט, גיט מען אָפּ דעם פּאָר־פּאָלק אַ באַזונדער חדר, און ער „לערנט" מיט דעם שיינעם ניגון. עס קאָן זיין, אַז ער קוקט גאָר בעת מעשה אין ספר נישט אַריין, ער זינגט נאָר די גמרא, און שווער און שוויגער שעפּן נחת...

צו זייער פרייד איז קיין גלייכן נישטאָ. טיף אין האַרצן זיינען זיי זיכער, אַז צוליב דעם איידעם — דעם לערנער וועלן זיי האָבן אייביגן גן־עדן. עס פאַרשטייט זיך, אַז געשען איז עס הויפּטזעכליך מיט די אָרימע ישובניקעס.

דאָס ערשטע יאָר טוט דער יונגערמאַנטשיק נישט אַריין קיין פינגער אין קאַלט וואַסער. ער עסט נאָר דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, שלאָפט אַ סך און זינגט די גמרא.

גייט אָפּ אַ שטיקל צייט, זאָגט דאָס איידעמל, אַז ער דאַרף שוין האָבן אַן אַנדער גמרא. די האָט ער שוין אויסגעלערנט. לייט דער שווער בּאַ די נגידישע ישובניקעס אַ גמרא — די נגידישע ישובניקעס האָבן כמעט אַלע געהאַט ש״ס׳ן — און דער שווער פרייט זיך. אין אַ קורצער צייט אַרום זאָגט דער איידעם דעם שווער, אַז ער האָט שוין די מסכתא אויך אָפּגע־לערנט און ער דאַרף שוין ווידער אַן אַנדער מסכתא. פירט אָפּ דער שווער די מסכתא מיט גרויס שמחה און ברייגגט פון דאָס נייַ אַן אַנדערע — און פרייט זיך נאָך מער ווי פריהער.

די יונגעלייט האַלטן פאַררייסן דעם קאָפּ אין שטוב, קוקן אויף אַלעמען מיט גאוה, און וואָס זאָל מען זיך נאַרן, — די פּויערים, וואָס קומען אַריין אין

קרעטשמע טרינקען שנאַפּס, האָבן אויך דרך־ארץ פֿאַר די ראָזינגע בעלי־בּיתלאַך.

— זיי זיינען געלערנטע... — מורמלען די פּויערים מיט דרך־ארץ.

ישובניקעס האָבן זיך אויך ליב מתחתן צו זיין מיט אַנדערע ישובניקעס, זייערע שכנים, וואו די מיידלאַך מיט די אינגלאַך קענען זיך. צו די אינגלאַך פלעגן זיי אַפילו האַלטן מלמדים. מיידלאַך האָט מען גאָרנישט געלערנט.

אַמאָל פלעגן עטליכע ישובניקעס נעמען צוזאַמען אַ מלמד פֿאַר די אינגלאַך; לערנען פלעגט מען בּאַ איין ישובניק. דער ראָזיגער ישובניק פלעגט דעם מלמד בּאַקעסטיגן און פֿאַר די איבּעריגע אינגלאַך פלעגט דער מלמד נעמען געצאָלט. אַ מלמד פלעגט מען צאָלן, געוויינליך, אַ דרייסיג, פערציג רובּל אַ זמן. פופציג רובּל פֿאַרן זמן איז שוין געווען אַ גוואַל־דאָוונע סומע.

די דאָרפישע מלמדים האָבן אָבער דאָס רוב נישט געקענט לערנען און די ישובישע אינגלאַך פלעגן אַרויסקומען קאַליקעס.

רייכע ישובניקעס האָבן ווירקליך געהאַט גרויסע לערנערס פֿאַר איידעמס. מיט געלט קאָן מען אַלץ דאָקאַזשען. פֿאַר ניקאָלאַיס צייטן זיינען בּכלל וויניג ישובניקעס געווען, און שיינע אידן האָבן דאָס אודאי נישט געוואָלט זיין. זיי האָבן דאָס געהאַלטן פֿאַר אַ מאוסע זאַך. אידן האָבן נאָר גע־האַלטן אין אַרענדע קרעטשמעס אָדער פּאַקטן.

נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד אָבער, ווען אַ סך אידן האָבן זיך בּאַזעצט אין די פּוילישע מאַיאָנטקעס און אין די וועלדער, האָבן שוין איידעלע יחוסדיגע אידן געדונגען קרעטשמעס און פּאַקטן בּאַ די אידן־פּריצים. דע־מאָלט האָט די גאַנצע אידישע אַריסטאָקראַטיע אַרויסגעוואַנדערט אין דאָרף אַריין, און די ישובישע טעכטער האָבן זיך געקליירט מיטן גרעסטן שיך. זיי האָבן שוין בּאַלד אַראָפּגענומען אָדער שיטער געמאַכט דעם שלעכטן שם פון ישובניקס עם־הארצות, וואָס איז דאָך פֿאַרבּליבּן עד היום הזה. די ישובניקעס פון די זעכציגסטע יאָרן האָבן שוין געלערנט זייערע מיידלאַך, ווי די אינגלאַך, און מלמדים האָט מען געהאַלטן אויס־געצייכנטע.

טאַקע אין דער ראָזיגער צייט האָב איך געהאַלטן מאַקאַראָווצי. דאָס איז שוין געווען אַ יאָר זיבּן, אַכט נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד. כּמעט די שענסטע און די פיינסטע און די רייכסטע אידן האָבן זיך בּאַזעצט אין די דערפער. אין מיין צייט זיינען שוין די ישובניקעס געווען גאַנצע מיוחסים. זיי פלעגן אַריינפאָרן אין שטאָט אויף ראש־השנה מיט גרויס פּאָמפּע, און זייערע שטעט אין די שולן און בּתי־מדרשים זיינען געווען פון די שענסטע.

פאַר ראש־השנה בין איך געפאָרן קויפן שטעט. געווען אין קריניקער שול גאָר אַ גרויסאַרטיגע שטאָט, סאַמע נעבן אָרון־קודש, וואָס דאָרט שטייט אומעטום און שטענדיג דער רב.

איך האָב געדונגען די שטאָט און האָב מיך געפילט מיוחסדיג, געהויבן. אָבער דאָס רוב ישובניקעס, ווי געזאָגט, האָבן געדונגען „שיינע“ שטעט, און איך ווייס נישט, צי מיין תענוג האָט אַריבערגעוואויגן זייערן...

די קאָנקורענץ אויף כבוד איז געווען זעהר גרויס.

קאַפּיטל IX

דאָס לעבן פון אַמאָליגע ישובניקעס. — ליובאָוויטשאָוועס נביאות. — פאַן דאָבראָזשינסקי. — פאַן דאָבראָזשינסקיס מעשיות. — זיין שבֿרות. — דאָס פערדעלע. — גענעראַל קיבלאַוויטשקי. — זיינע אָריגינעלע ניינג. — די תאווה צו מוזיק. — יאָסל לידער. — אַן אייזערנער מענטש, נאָר אָהן א הארץ. — זיינע שפּיצלאַך. — יאָסל לידער מיטן גובערנאַטאָר. — ראובן, ויברח!

אין מיין צייט האָבן די ישובניקעס און די וואַלד־סוחרים געלעבט גרויס־אַרטיג. די שטאָט־לייט האָבן כמעט געלעבט פון די ישובניקעס, אַלע תּבֿואה־סוחרים און האָלץ־הענדלער האָבן אַלץ געקויפט באַ אירן. די פּאָסעסאָרס האָבן געפירט אַ פּריציש לעבן. די קינדער האָבן זיך געפילט, ווי פּריצישע קינדער. די בעסטע מלמדים האָבן די פּאָסעסאָרס גענומען פאַר זייערע קינדער, און די, וואָס האָבן געוואוינט נאָהענט פון די גרויסע שטעט, האָבן אַריינגעגעבן די קינדער אין גימנאַזיעס. דעמאָלט זיינען אָפּן געווען אַלע לער־אַנשטאַלטן פאַר אירן. אויסערדעם, זיינען די גרעסטע לומדים געווען ישובֿישע איידעמס, און דער יחוס, ווי געזאָגט, האָט זיך אַריבערגעפּעקלט פון שטאָט אין דאָרף.

און אַז די ישובניקעס זיינען אַריינגעפאָרן אין די שטעטלאַך אויף ראש־השנה, האָבן זיך אויף די גאַסן באַוויזן שיינע בריטשקעס מיט שיינע שפּאַנען און שיינע אירן אין שיינע קליידער. מען האָט געבראַכט מיט זיך זילבערנע טיש־געשיר מיט גרויסע זילבערנע לייכטער, און יעדערער האָט זיך געסטאַרעט איבערשטייגן דעם צווייטן מיט גרעסערער פּירונג, מיט אַ ברייטערן לעבן, מיטן קויפן די פיינסטע עליות, מיט די טייערסטע מאכלים, און פון זיי האָט זיך דאָס גענומען די מאָדע מכבד זיין מיט פּירעשקעס. אויסערדעם, האָט מען נישט געקאַרגט קיין זיסע שנאַפּסן און ווייגען.

בנוגע צו מיר האָט ליובאָוויטשאָווע שוין געהאַט צו ריידן און צו קריטיקירן פאַר אַ סך זאַכן: פאַרוואָס איך בין פויל, לויט איר מיינונג, פאַרוואָס באַ מיר איז אַ גראָשן אַ ממזר, פאַרוואָס איך לייען ביכלאַך און נאָך און נאָך.

— ער וועט שוין קיינמאָל אַ גראָשן נישט האָבן !...

אַזוי האָט זי אַפילו געזאָגט מיין ווייב. אַז אַ מענש האָט אַ גראָשן, דאַרף ער דאָס אַוועקלייגן, באַהאַלטן. אַ גראָשן צו אַ גראָשן — ווערט אַ רובל. אַ רובל צו אַ רובל — ווערט צוויי, און הונדערט, און מער. איך האָב אָבער אַזעלכע שיטערע פינגער. אַ רובל איז באַ מיר בלאָטע און אַרבעטן וויל איך נישט, בין איך דאָך שוין געווים אַ פאַרפאַלענער.

די קרעטשמע, ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט, האָב איך אַוועקגעשטעלט גוט. באַ מיר זיינען געווען פאַרשיידענע גוטע וויינען, אַלערליי בראָנפנס און קאָניאַקן, טייערע בירן, און צו מיר האָבן זיך געצויגן שליאַכטעס און פּויערים פון דער גאַנצער אַרומיגער געגנט. אין די זונטאָגן און אין אַלע גויאישע ימים־טובים איז געווען געפּאַקט באַ מיר די קרעטשמע מיט מענשן. די פּויערים זיינען באַ מיר געווען אין דער גרויסער שטוב, און די שליאַכטעס — אין די איבעריגע צימערן. אין די טעג האָב איך, פאַרשטייט זיך, אויך שטאַרק געאַרבעט, נישט ווי ליובאָוויטשאָווע זאָגט. איך האָב אַפילו געהאַלטן צוויי מענשן צום דערלאַנגען, און מען האָט געמוזט גוט אָפּהיטן די אָרדענונג.

אין די געוויינליכע וואָכעדיגע טעג זיינען געווען ווייניג געסט, און איך האָב דערביי גאָרנישט געהאַט וואָס צו טון. איך האָב נאָר גוט איינגעפירט, געבראַכט די קרעטשמע אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג, וואָס די פריהערדיגע אידעלאַך האָבן אויף דעם קיינמאָל נישט געקוקט. איך האָב געהאַט צייט אויף אַלץ, נאָר די פּריצטע האָט סתּם פיינט געהאַט, אַז אַ מענש האָט צייט...

האָט זי געהאַלטן אין איין קריטיקירן מיך. זי האָט אַלץ געזאָגט, אַז איך פּאַסט מיך בעסער פאַר אַ רב אָדער, להבדיל, אַ גלח אין אַ גרויסער שטאָט. אַ רב און, להבדיל, אַ גלח זיינען באַ איר געווען מענשן, וואָס האָבן געמעגט נישט האָרעווען...

— נאָר ער טוט און פילאָזאָפירט. ער איז דאָך עפּעס אַ איר אַן אָריכאַן. פאַרוואָס זאָל ער נישט זעהן קומען צו אַ תּכלית? יאָ, ער וועט שוין קיינמאָל קיין לייט נישט זיין, צו קיין געלט וועט ער קיינמאָל נישט קומען, און וואָס טויג אַ מענש אָהן געלט ?...

דאָס רוב פלעגט זי דאָס איינטענען מיט מיין ווייב. זי האָט אויך געהאַט דעם איינענעם טעות, וואָס דער טאַטע, וועלכער האָט געמיינט, אַז מיין ווייב וועט מיך מאַכן פאַר אַ חסיד, קוים וועט ער נאָר אויף איר ווירקן. די פּריצטע האָט אויך געמיינט, אַז מיין ווייב וועט מיך מאַכן פאַר אַ קאַרגן, פּוסטן און האָרעפּאַשנעם פאַרשווינדל, קוים וועט זי איר נאָר געבן גוט צו

פאַרשטיין. און איך וועל גיין אין שייער און שאַרן מיט דער גראַבליע די זאַנגען, ווי ראָזענבלום טוט.

אויף מיין ווייב האָט ליובאָוויטשאָווע שטאַרק געווירקט, אָבער קיין טובה איז דערפון נישט אַרויסגעקומען. מיין ווייב האָט נאָר געהאָרעוועט איבער די כחות, וואָס מען האָט עס גאָרנישט באַדאַרפט.

איך האָב אָבער געטראַכט: צו וואָס דאַרף מען זיך איבערהאָרעווען, פון די כחות אַרויסגיין, בעת מען קאָן לעבן גאַנץ פיין אָהן אַזאַ אוממענשליכער גראָבער האָרעוואַניע?

צו וואָס פאַרפויערן זיך, פאַרגרעבט ווערן, קאַליע מאַכן די אייגענע נשמה?... און ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, בין איך געווען גערעכט. נאָר וועגן דעם ווייטער.

דער פריץ ראָבראָזשינסקי, וואָס האָט פאַררונגען זיין מאַיאָנטעק ליובאָוויטשאָווען, האָט געוואוינט טאַקע באַ איר אין הויף און דאָרט געגעסן און געטרונקען. ער האָט נאָך געהאַט פאַר וואָס צו טרינקען. ער האָט נאָך פאַרמאָגט אַ גרויסן וואַלד אינם הויף באַרקע, וואָלקאָוויסקער אויעזד. פלעגט ער געבן די מאַקאַראָווצער פויערים, וואָס זיינען געווען זיינע אַמאָליגע לייב־קנעכט, קוויטלאַך אין באַרקער וואַלד צו זיין וואַלד־שומר, אַז יענער זאָל זיי אַרויסגעבן צו עטליכע פורלאַך האָלץ. דערפאַר האָבן די פויערים אים געקויפט בראָנפן און האָבן צוזאַמען מיט אים געטרונקען באַ מיר אין קרעטשמע. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער פאַן ראָבראָזשינסקי האָט זיך אַרומגעוואַלגערט שטענדיג שכור. באַם טרינקען האָט ער זיך מיט די פויערים און פויערטעס געקושט. פאַרבייסן האָט ער ליב געהאַט מיט קעז. און אַזוי האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרפויערט.

אין האַרצן איז ער אָבער געווען זעהר אַן איידעלער מענש מיט אַ גוטן כאַראַקטער. געוואַקסן איז ער פון גרויסן יחוס.

זיין זיידע איז געווען אויבער־מאַרשאַלאָק פון ווילנער אָקרוג. דער דאָזיגער זיידע איז איינמאָל אַרויפגעגאַנגען אין ביאַלע־קאָזע אויף אַ הויכן באַרג, וואָס אַז מען שטייט אויפן שפּיץ, קאָן מען זעהן אויף אַ ווייטן מהלך די אַרומיגע פעלדער און דערפער, און האָט געזאָגט, אַז אַלץ, וואָס זיין אויג זעהט, מוז זיין זיינס.

און אַזוי איז טאַקע געווען. באַ אַזאַ מאַכט און באַ אַמאָליגע יאָרן איז דאָס נישט געווען שווער צו פאַרווירקליכן...

די דריי קינדער, וואָס זיין זיידע האָט געהאַט, זיינען אַלע געווען צעלאָזענע און שאַרלאַטאַנעס. בעת דער זיידע איז געווען יונג, האָט ער זיי נאָך געהאַלטן פעסט און נישט געלאָזט שאַרלאַטאַנעווען. אָבער אויף דער עלטער האָט ער שוין קיין כח נישט געהאַט זיי איינצוהאַלטן, האָבן זיי

אָנגעמאַכט גרויסע חובות. זיי האָבן זאָגאַר נאָכגעפּעלשט דעם פּאָטערס אונטערשריפטן און מען האָט דערנאָך געמאַכט ליציטאַציעס אויף אַ סך הויפן. דער זיידע איז פון צער און חרפה קראַנק געוואָרן און אַוועקגעשטאָרבן... די דריי ברידער מיט איין שוועסטער האָבן זיך צעטיילט מיט די מאַיאָנטקעס און מיטן מזומן: סך־הכל אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט רובל. דער טאַטע זיינער האָט געהאַט אויף זיין חלק זעקס מאַיאָנטקעס: דריי נעבן מאַקאַראָווצי און דריי אין וואָלקאָוויסקער אויעזד צוזאַמען מיט אַ גרויסן וואַלד און מיט אַ דריי הונדערט טויזנט רובל מזומן.

דעם טאַטנס ברידער האָבן אינגאַנצן פאַרשאַרלאַטאַנעוועט זייערע מאַיאָנטקעס מיטן געלט. דער טאַטע איז אָבער געווען אַביסל אָפּגעהאַלטענער; די ראָזיגע מעלה איז נישט אַריבערגעגאַנגען צום זון, דעם פאַן ראָבראָזשינסקי, און ער האָט געמאַכט אַ חורבן פון דעם טאַטנס אייגנס. די מאַיאָנטקעס האָט ער פאַרקויפט און אים איז געבליבן נאָר דער הויף מאַקאַראָווצי מיטן באַרקער הויף און וואַלד און מיטן גאָלד־און־זילבער־געשיר און די צירונג, וואָס ער האָט דערנאָך אויך פאַרקויפט.

ער איז געווען אַ קלוגער. לייען געלט האָט ער פיינט געהאַט, נאָר ער האָט פאַרקויפט כסדר אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט. פאַרקויפט און געמאַכט געלט צום שאַרלאַטאַנעווען!...

„איך האָב אויך אָנגעהויבן צו מאַכן חובות, האָט דער געוועזענער פּריץ דערציילט — דער טאַטע האָט געזען, אַז איך וועל אויך פון דעם ביסל געבליבענעם מאַכן אַ תל, איז ער אַוועקגעשטאָרבן... דאָס איז געווען אַ צוויי יאָר נאָך מיין חתונה. די מוטער איז אויך אין דעם יאָר געשטאָרבן. איז מיר געבליבן ירושה די צוויי מאַיאָנטקעס מיט צוואַנציג טויזנט רובל מזומן. איצט האָב איך אָנגעהויבן רעכט צו לעבן! איך האָב ליב מוזיק, האָב איך געדונגען אַן אָרקעסטער פון פערציג טשעכן, זיי זאָלן מיר שפּילן צום מיטאָג און אין די אָוונטן. געוואוינט האָב איך אין באַרקע. אויך האָב איך ליב פערד, האָב איך געהאַט דרייסיג פערד צו מיינע שפּאַנען; מוזיקאַנטן און לאָקייען האָב איך געהאַט ביז אַ זעכציג מאַן, און איך האָב נאָר כסדר געטאָן און געהוליעט, געמאַכט בעלער, פאַרבעטן צו זיך אַלע אַרומיגע פּריצים, געטאַנצט און געשכורט...

„לייען געלט האָב איך אַפילו אויסגעמיידט. נאָר אַז מען האָט באַדאַרפט, האָב איך נישט געקוקט דערויף. אַ בטוח בין איך געווען אין דער ערשטער צייט. קיין צינזן האָב איך נישט געזשאַלעוועט, וויפיל איך האָב געוואָלט, האָב איך געקראָגן געלט צו לייען און איך האָב אַזוי אָפּגעהוליעט אַ יאָר דריי. שפּעטער אָבער האָבן די בעלי־חובות אָנגעהויבן צו וועלן מאַכן ליציטאַציעס אויף מיינע הויפן. האָב איך געקראָגן באַ ליובאָוויטשאָווען

אַ היפּשע סומע געלט און גערעגולירט מיט מיינע שטאַרקערע בעלי־חובות אויף פערציג פּראָצענט. אַ סך האָב איך אָבער נישט אָפּגעצאָלט...

„מיין פרוי האָט געזעהן, אַז איך האַלט שלעכט, אַז איך גיי פאַרלאָרן און וועל קיינמאָל נישט אַרויסקריכן, האָט זי מיט צוויי קינדערלאַך אָפּגעטראָטן פון מיר. זי האָט זיך באַזעצט אין איר מאַיאָנטעק, וואָס איר פאָטער האָט איר געגעבן אין נדן, און איצט, ברודער־לעבן, וואַלגער איך מיך... אַ שכּור“...

יאָ, ער האָט נאָך אַ דרייסיג־רובלדיג פערדעלע, אַ קליינס, אַן אָרימס, אויף וועלכן ער פאָרט אַמאָל רייטנדיג.

אַזוי האָט ער מיר איינמאָל אין אַ ווינטערדיגן אָוונט דערציילט און פאַר זיין מעשה האָט ער געבעטן האָנאָראַר: אַ פלעשל שנאַפּס... איך האָב אים געגעבן, און ער האָט עס באַלד אויסגעליידיגט. ער איז געוואָרן שכּור, און אַז ער פלעגט זיין שכּור, פלעגט ער זיך נאָר כאַפּן קושן מיט וועמען עס מאַכט זיך: פויערים, פויערטעס — מיט אַלעמען. מיר זאָגט ער בעת מעשה, אַז ער האָט מיך אַזוי ליב, זאָל גאָט היטן, און כאַפּט מיך אויך קושן; געווען איז ער אָבער זעהר אַ געזונטער, האָט ער מיך בעת מעשה אַזוי צוגעשטיקט באַם קושן, אַז איך האָב נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם און זיך בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון אים, כאָטש איך בין אויך נישט געווען קיין שוואַך אינגל. ער האָט מיך אַזוי געהאַלטן צוגעשטיקט דאָס מויל צום האַרץ עטליכע מינוט, ביז איך האָב אָנגעהויבן... חלשן.

צום גליק איז אַריינגעקומען דוד דער שמיר. האָט ער באַלד דערזעהן, ווי איך בין אוממעכטיג און האָט מיך אַרויסגעריסן פון אים אַ געחלשטן. ער האָט געמאַכט אַ גוואַלד, מען איז זיך צונויפגעלאָפן און אָפּגעראַטעוועט מיך. ווען דער שמיר פאַרזוימט זיך אַ פּאָר מינוט, וואָלט איך זיכער געבליבן אַ טויטער פון ראָבּראָזשינסקיס ליבע. דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעזעהן, וואָס ער האָט דאָ געטאָן. ער האָט זיך שוין אַביסל אויסגעניכטערט. איז ער געפאַלן אויף די קני, האָט מיר געקושט די פיס, געוויינט מיט שכּורע טרערן און געטענעט, אַז דאָס איז נאָר פון גרויס ליבע צו מיר...

אָט אַזוי האָט זיך ראָבּראָזשינסקי אָפּגעלעבט פאַר מיר באַ אַ יאָר צייט. ער פלעגט טרינקען כּסדר בראָנפן, און אַז ער פלעגט שוין ווערן גוט שכּור, פלעגט ער זיך זעצן אויפן קליינעם דרייסיג־רובלדיגן פערדל און אַוועקרייטן. ער איז געווען זעהר אַ גוטער רייטער און האָט זיך געקאָנט האַלטן שכּור־ערהייט אויפן פערדל. אַמאָל פלעגט ער אָבער אַראָפּפאַלן אויך. נאָר ער פלעגט זיך נישט שטאַרק צעשעדיגן, מחמת דאָס פערדל איז געווען אַ קליינס און דער רייטער גרויס, הויך, אַז זיינע פיס פלעגן זיך כמעט שאַרן איבער דער ערד.

אַזוי פלעגט ער זיך פאָרן קיין קריניק. זיין נסיעה איז געווען קריניק. זונטאָג פלעגט ער אַרומרייטן איבער דעם שטעטל, אַרום די קראָמען, אַלע פּויערים און אירן נאָך אים, אָבער קיינער האָט אים נישט געטאָן קיין רשעות, קיין שלעכטס, ווייל אַלע האָבן אים, אייגנטליך, ליב געהאַט.

אַזוי פלעגט ער מאַכן זונטאָג פרייליך דעם מאַרק. אַמאָל פלעגט ער אַריינפאָרן מיטן פערדל צום אַסעסער גלייך אין שטוב אַריין, צוביוגנדיג דעם קאָפּ צו דעם פערדלס האַלז. אַריינגעקוועטשט זיך מיטן פערדל אין שטוב אַריין, פלעגט ער זיך האַלטן באַם בויך לאַכנדיג. אַ גבורה האָט ער באַוויזן. דערנאָך איז ער פּלוצלינג פאַרשוואונדן געוואָרן און איך וויים עד־היום נישט, וואו ער איז אַהינגעקומען. מסתּמא געשטאָרבן ערגעץ אין גרוים עלנט.

צוליב ראָזענבלומען האָב איך זיך אויך געקענט מיט אַלע אַרומיגע פּריצים. איך האָב, דעם אמת זאָגנדיג, געקאָנט מאַכן מיט זיי געשעפט, אָבער איך האָב גאָר וועגן קיין שום זאַך נישט געקלערט. אַלץ חקירה־ספרים, ביכלאַך און וכּוחים מיט מיינע עטליכע גוטע פריינט. פּרנסה האָב איך אַריבער און אַריבער. טאָ וואָס פעלט מיר?

געווען, געדיינק איך, איינער אַ גענעראַל קיסלאַוווסקי, וואָס האָט געוואוינט אין אוסנאַרזש, פיר וויאָרסט פון מאַקאַראָווצי. ער האָט געקויפט דעם מאַיאָנטעק צוזאַמען מיט נאָך אַ גרעסערן פּולוואַרק, וואָס האָט געהייסן ליבאַוויטש, באַלד נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד פאַר זיבן הונדערט רובל. דעם הויף ליבאַוויטש האָט ער פאַרדונגען אַ אירן פאַר דריי טויזנט רובל אַ יאָר, און אין אוסנאַרזש האָט ער אַליין געוואוינט. ער איז געווען אַ גענעראַלס אַן איידעם; דער שווער זיינער איז געווען פון קיסרס סוויטע, נאָר ער האָט זיך איינגעליבט אין גראָרנע אין אַ אידיש מיידל, וואָס איז געווען זעהר אַ שיינע און האָט מיט איר חתונה געהאַט. זיי האָבן געהאַט אַ טאָכטער, וועלכע זיי האָבן חתונה געמאַכט מיט קיסלאַוווסקין, אַ יונג פון קאַוואַלעריע און אַ שיינער.

דער שווער, דער גענעראַל, האָט שוין אַזוי געפירט, אַז קיסלאַוווסקי איז געוואַקסן אַלע דריי יאָר גרעסער און גרעסער אין זיינע טשינען, ביז ער האָט באַקומען דעם טיטל גענעראַל, כאָטש בטבע איז ער געווען זעהר אַ פוילער און האָט פיינט געהאַט אַרבעט.

דערנאָך האָט אים דער שווער געקויפט די אויבנדערמאָנטע מאַיאָנטקעס, ער איז אַרויס פון מיליטער און געוואָרן אַ פּריץ. דער שווער איז געשטאָרבן און די שווינגער, די אידישע טאָכטער, האָט זיך אויפגעהאַלטן באַם איידעם. געלעבט האָבן זיי גוט מיט ראָזענבלומען און ליובאָוויטשאָווען און פלעגן פאָרן צו זיי אין געסט. ער איז געווען זעהר אַן אייגנאַרטיגער מענש מיט

מאָרנע אומפאַרשטענדליכע קאַפּריזן און אַנשויאונגען. דעם פויער, וואָס פלעגט קומען צו אים אויף דער אַרבעט, פלעגט ער אַריינרופן צו זיך אין זאַל אַריין און דערקלערן, אַז זיין ווייב שפּילט זעהר שיין פּיאַנע... בעת מעשה האָט ער אַריינגערופן דאָס ווייב און געהייסן שפּילן. און זי האָט געשפּילט. קיסלאַוסקין איז געווען זעהר טשיקאַווע דער איינדרוק אויפן פויער און ער פלעגט לאַנג קוקן אויף אים און נאָכזוכן אויף דעם פויערס אויגן דעם· איינדרוק פון ראָיאַל... און אַז דער פויער האָט הנאה געהאַט פונם שפּילן, איז קיסלאַווסקי געווען איבערגליקליך.

אַזאַ טבע האָט ער געהאַט.

ווי מיינער אַ שכן, האָבן מיר זיך גוט געקענט. אַז ער פלעגט פאָרן פון ראָזענבלומס הויף, איז כמעט נישט געווען דאָס מאָל, ער זאָל נישט אָפּ־שטעלן די פערד נעבן מיין קרעטשמע, אַריינגיין זעהן זיך מיט מיר. זיין קוק, זיין גיין, זיין וואָרט — דאָס אַלץ איז געווען מאָרנע, און עס האָט זיך געדוכט, אַז אין דעם מענשן איז געלעגן עפּעס שטאַרקס און אומבאַ־גרייפליכס.

איינמאָל, זומער, בין איך פאַרבייגעפאָרן פאַרביי זיין הויף. ער איז גראָד געשטאַנען באַם טויער. געוויינליך, האָט ער מיך פאַרבעטן צו זיך און מיר תיכף ומיד געוואָלט מכבד זיין מיט זיין ווייבס מוזיק...

מיט מוזיק האָט ער, אַפּנים, געוואָלט פּרובן דעם מענשנס נשמה.

איך האָב אָבער קיין צייט נישט געהאַט און זיך אָפּגעזאָגט דערפון. וויל איך נישט קיין מוזיק, פירט ער מיך ווייזן זיין מאַיאָנטעק. ער וויל מיר אויך ווייזן זיינע פערד און בהמות; אָבער אָנשטאָט צו ווייזן מיר דאָס אַלץ, טוט ער זיך מיט אַמאָל אַ דריי אויס, כאַפּט אָן אַ הון, וואָס איז דערביי געגאַנגען, און זאָגט פלוצלינג אַרויס:

— אָט באַלד לייגט די הון אַן איי... פאַרשטייסט? — אַן איי...

און דער שיינער, מאָרנער און אומפאַרשטענדליכער פּריץ מיט די אומ־באַגרייפליכע, אויסטערלישע און משונהדיגע קאַפּריזן, האָט זיך בעת מעשה שטאַרק פאַרטראַכט...

צו דעם פּעקל אַמאָליגע פאַרשוינען און טיפּן געהערט אוראי יאָסל לירער, אַ איד פון קריניק.

דער יאָסל האָט געהאַלטן די קריניקער קאָראָבקע, וואָס דאָס וואָרט אַליין, אַז מען דערמאָנט עס, נעמט דורך ווי מיט קעלט דאָס לייב. און יאָסל איז געווען דער ערגסטער, דער מערדערישסטער פון זיי. אַז מען זאָל צופּאַסן צו אים די פאָלקס־לירער, און וועלכע עס ווערט אַזוי העסליך באַזונגען דער בעל־קאָראָבקע, וועלן זיי זיין צו שוואַך פאַר אים.

אַ ישובניק, ווי רי מאָרע איז, קווילעט זיך אַ בהמה צי אַן אָקס אָדער עטליכע ישובניקעס נעמען זיך צוזאַמען און קווילען אַ פּאָר אָקסן פאַר אַמאָל, דערנאָך זאַלצט מען דערפון איין גאַנצע פעסלאַך פלייש. ווערט ווייניגער אין די פעסלאַך, קויפט מען ווייטער, דאָס רוב בשותפות און מען זאַלצט ווידער צו. עסט מען אַ גאַנץ ווינטער פלייש אויפן דאָרף, אַזוי ווי די וועלף. עס קאָסט אַ פונט פלייש אפשר אַ גראָשן; אַמאָל פאַרדינט מען נאָך פונם פלייש. מען פאַרקויפט די פויערים די פעל, דעם הינטערשטן טייל. קוילען קווילעט מען, געוויינליך, די גאַנץ מאָגערע בהמות, וואָס געבן ווייניג מילך, אָדער גאַנץ יונגע. דאַרף מען דאָך אָבער צאָלן קאָראָבקע־געלט, קומט מען דורך מיטן קאָראָבעטשניק פאַר פינף, צען רובל אַ יאָר און מען איז פראַנק און פריי דאָס גאַנצע יאָר. קווילעט מען שוין וויפיל מען וויל.

עס זיינען אָבער געווען אַ סך ישובניקעס, וואָס האָבן דעם קאָראָבעטשניק נישט געוואָלט געבן קיין געלט. פלעגט מען גנבענען באַ אים, און אַז ער איז געקומען מיט דעסיאַטניקעס מאַכן אַ רעוויזיע אויף די דערפער באַ די ישובניקעס און זוכן גענגבעט פלייש, פלעגט מען באַהאַלטן דאָס פלייש אין אַ גוט אָרט, אַז מען זאָל נישט געפינען. האָט ער אָבער אַמאָל דאָס גענגבעטע פלייש יאָ געכאַפּט, פלעגט ער מיט דעם מאַכן שלעכטע געשעפטן. ער האָט דאָס פשוט נישט געהאַט וואו אַהינצוטון, וואָרום אין שטאָט וויל מען נישט עסן אַלט־געזאַלצן פלייש, וואָס די יויך פון דעם איז שאַרף ווי „ליאָק" פון אַ פעסל הערינג.

אָרימע־לייט פלעגן דאָס קויפן פאַר גראָשנס. עס פאַרשטייט זיך, אַז פאַר דעם בעל־קאָראָבקע איז געווען גלייכער צו נעמען יאָר־געלט פון ישובניק.

מיט יאָסלען אָבער איז געווען אַנדערש. אַז ער איז געקומען מאַכן אַ רעוויזיע אויף פלייש, איז געווען נאָך ערגער ווי דער רעוויזאָר אויף פאַטענטן. אַז ער האָט געכאַפּט באַ עמיצן פלייש, האָט ער צוגענומען פון שטוב פאַרשיידענע חפצים, אַלס אַ משכּן, אַז מען זאָל אים גוט באַצאָלן. ער האָט קיין מורא נישט געהאַט נישט פאַרן אַסעסער און נישט פאַרן איספראַווניק. און קיין מורא האָט ער נישט געהאַט, ווייל זיי האָבן אַלע פאַר אים מורא געהאַט, פאַר זיין רשעותדיגן אימפּעט און, איבערהויפּט, פאַר זיינע מסירות: ער האָט זיי געקאָנט פאַרמסרן, וואו מען באַדאַרף. ער האָט געקאָנט אַ גובערנאַטאָר פאַרמסרן, וואָרום ער האָט געוואוסט, וואָס, ווי און וואו צו מסרן.

און יאָסל לידער איז געווען בוכשטעבליך אַ הערשער. ער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר קיין טשינאָווניק. ער האָט געקאָנט צונעמען חפצים און פעסלאַך בראָנפן — און טו אים עפּעס.

דער ישובניק האָט שוין געמווט באַצאָלן יאָסלען, וויפיל יענער האָט זיך געהייסן, און אויף ווייטער האָט ער אים דערפאַר געמווט צאָלן נאָך מער — איבער דער נאָרם.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, אויך געקווילעט בשותּפות מיט מיינע שכנים, נאָר איינזאַלצן אַזוי ווי זיי אויף עטליכע חדשים, צי אַ האַלב יאָר, האָב איך נישט געקאָנט. איך האָב אויך, ברוך השם, גענעסן איינגעזאַלצן פלייש, אָבער אַמהעכסטן פון אַ חורש צייט . צאָלן יאָסלען, האָב איך נישט געצאָלט און — מוחל זאָל ער מיר זיין — איך האָב אויך גענגבעט... אַ צו גרויסע סומע האָט ער געוואָלט.

איך האָב נישט געקאָנט איבערטראָגן זיינע רציחות און איבערהויפּט — די אימה, די אימה !... אַז מען האָט דערהערט, אַז יאָסל פאָרט שוין איבער די דערפער אויף רעוויזיע, זיינען אַלע טויטע געוואָרן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מיך אויך גענוג געשראָקן פאַר אים, הגם איך האָב געהאַט אַ גוטן צר — ראָזענבלומען. מיין „גענגבעט" פלייש פלעג איך האַלטן פאַרשלאָסן באַ ראָזענבלומען אין הויף און האָב יאָסלען אַ גראָשן נישט געצאָלט.

יאָסל האָט אויך געהאַלטן אַ ברויז פון בראָנפן און גענגבעט אַקציז, וויפיל ער האָט געוואָלט. דער איספּראַווניק, וואָס האָט נישט זעהר ליב געהאַט יאָסלען, האָט שטענדיג געזוכט אַ געלעגנהייט זיך נוקם זיין אָן אים. עס איז אָבער געווען אַ מורא אָנצוהויבן זיך. אַ מסור — כאָטש אַ איר, איז דאָך אַ כח.

נאָר איינמאָל האָט דער איספּראַווניק פּשוט דערציילט דעם גובערנאַטאָר, אַז לירער גנבעט זעהר פיל אַקציז אין זיין ברויז, אַז אַלע אַקציזניקעס האָבן מורא פאַר אים, ווייל ער איז אַ גרויסער יאַבערניק און אַ מסור, און אַז מען מוז, ענדליך, אַריינשיקן עטליכע אַקציזניקעס מאַכן באַ אים אַ פּלוצלינגע רעוויזיע.

דער גובערנאַטאָר האָט געשיקט אַ קאָמיסיע פון זעקס מענשן, וואָס זיינען געקומען באַטאָג אין ברויז און געכאַפּט דרייסיג צען־עמערדיגע פעסלאַך שפּירט, וואָס זיינען געלעגן פאַרבאָרגן אָהן אַקציז.

נאָר דער געשיקטער לירער האָט געכאַפּט אַ האַק און פאַר זיי אין די אויגן צעהאַקט די פעסלאַך. דער שפּירט איז צערונען געוואָרן. דערנאָך האָט ער שנעל זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ געשפּאַנטן וועגל, איז אַוועקגעפאָרן מיטן וועג צו סאָקאָלקע צו און, אָפּפאָרנדיג עטליכע וויאָרסט, האָט ער זיך פאַרקירעוועט צו אַ דערבייאיגן דאָרף, צעהאַקט מיט דערזועלבער האַק די ראָד פון וואָגן און איז אַזוי אַריינגעפאָרן אין דאָרף. געווען איז דאָס זונטאָג. אַלע פּויערים זיינען געשטאַנען אויפן פּלאַץ פאַר דער קרעטשמע.

יאָסל האָט זיך אַריינגעריסן אין דער מחנה מיט זיין צעבראָכענער ראָד און זאָגט די פויערים מיט אַ נעבעכדיגן קול, אַז ער פאָרט ערשט פון סאָקאָלקע, אַז אויפן וועג איז אים צעבראָכן געוואָרן די ראָד און ער בעט, זיי זאָלן אים לייען אַ ראָד צום וואָגן. ער מוז נויטיג פאָרן אין ברויז אַריין: עס דאַרפן קומען אַקציזניקעס מאַכן אַ רעוויזיע אין ברויז. אָהן אים — וועט ער האָבן היזק. בעת מעשה נעמט ער אַרויס דעם זייגער, גיט אַ קוק דער־רויף און זאָגט, ווי פאַר זיך, נאָר הויך:

— שוין דריי אַזייגער!...

אין דער שעה דאַרפן זיי קומען, האָט ער מורא, אַז ער זאָל נישט פאַרשפּעטיגן.

— דריי אַזייגער! דריי אַזייגער! דריי אַזייגער! — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ אַ צעמישטער — גיט מיר אַ ראָד, ס'איז דריי אַזייגער.

מען האָט אים געגעבן אַ ראָד און ער איז אַוועקגעפאָרן אין ברויז. געווען איז אָבער דעמאָלט פיר אַזייגער!

די קאָמיסיע האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל מיט אַ פּרעטענזיע אויף צוויי און צוואַנציג טויזנט רובל און דערביי פאַרפירט אַ קרימינעלע ריעלע פאַרן צעברעכן די פּעסלאַך פאַר זיי אין די אויגן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט דער סודיאַ אַרויסגעפאָדערט צום סוד לידערן מיט זיינע עדות — דאָס גאַנצע דאָרף פויערים (ער האָט זיי אָנגע־געבן פאַר עדות) און זיי האָבן אַלע געשוואָרן, אַז פּונקט דריי אַזייגער איז יאָסל געווען בײַ זיי אין דאָרף, פאָרנדיג פון סאָקאָלקע מיט אַ צעבראָכענער ראָד; זיי האָבן אים דעמאָלט פון מיטלייד געליען אַ ראָד. און... יאָסל איז אַרויס פריי פון געריכט.

דער איספּראַווניק, דערהערנדיג, אַז לידער איז אַרויס פריי, האָט באַקומען אַפּאָפּלעקסיע. אַ ריקער מענש איז ער געווען, און ער איז אויפן אָרט אַנידערגעפאַלן. דעם גובערנאַטאָר האָט עס זיך אויך נישט געוואָלט פאַרשווייגן. האָט ער געשיקט נאָך לידערן, ער זאָל קומען צו אים. יאָסל האָט פאַרשטאַנען, אַז דער גובערנאַטאָר וועט אים געוויס אַרעסטירן און ער וועט זיך אַזוי אָפּזיצן אין טורמע מי יודע ווי לאַנג און עס וועט אַפילו קיין האָן נישט אַ קריי טון. דאָך איז ער אַוועק צום גובערנאַטאָר.

דער גובערנאַטאָר האָט אים באַלד פון אָנהייב צערייצט אַ זאָג געטאָן:

— דו וועסט בײַ מיר פאַרפוילט ווערן אין טורמע!... מאַשעניק!...

יאָסל האָט זיך אָנגעשטעלט אַ קאַלט פּנים און דערויף געענטפערט:

— און איך וועל דיך פאַרמסרן, אַז דו ביסט געווייזן אַ שותּף בײַם גנבענען גאָלד פון סיביר... געגנבעט צוזאַמען מיט אַ פאַרשוין, וואָס יענער זיצט שוין פיר יאָר דערפאַר אין טורמע... איך וויס, איך וויים אַלץ!... און

ריינע הויפן, וואָס דו האָסט אין גראָרנער אויעזד, האָסטו נישט געקויפט, נאָר גענומען כאַבאַר בײַ די און די פּריצים.

דאָס איז געווען נישט זעהר ווייט פון אמת, און דער גובערנאַטאָר האָט זיך פאַרלאָרן, צעמישט געוואָרן אויף אַ רגע, און יאָסל האָט זיך אַרויס־גערוקט...

אין אַ פערטל שעה אַרום, אַז דער גובערנאַטאָר איז געקומען צו זיך, האָט ער אויפגעהויבן די גאַנצע גראָרנער פּאָליציי אויף די פיס — מען זאָל זוכן לירערן. אָבער ער איז שוין נישט געווען. ווי אין וואַסער אַריינ־געפאַלן.

און דער גובערנאַטאָר האָט זיך בּאַלד אָנגעגעבן אין רימיסיע.

אַז מען האָט דערנאָך נעפרעגט יאָסלען, ווי שטעלט ער זיך איין צו רייזן אַזוינע זאַכן אַ גובערנאַטאָר, און נאָך בײַ אים אין שטוב, האָט ער זיך קאַלט געענטפערט:

— דער, וואָס טראָגט איינגעשמוצטע מלבושים, זאָל קיינמאָל נישט גיין זוכן פליאַמעס אויף יענעמס קליידער. ער מעג זיך זיין אַפילו אַ גובערנאַטאָר.

און ער איז געבליבן דערזעלבער גזלנישער בעל־קאָראָבקע, וואָס פריהער.

און נאָך אַ מעשהלע געדיינק איך וועגן דעמזעלבן יאָסלען.

די שטאָט קריניק האָט געהאַט אַ גרויסן קרימינעל־פּראָצעס. איך געדיינק שוין נישט אויף קלאָר, אין וואָס דאָ האָט זיך געהאַנדלט. רוכט זיך, אַז מען האָט עמיצן בּאַגראָבן אָהן אַן ערלויבעניש, בעת מען האָט גאָר דעם נפטר בּאַראַרפט פּאַלמעסן. נאָר דאָס ווייס איך, אַז צוועלף בעלי־בּתּים, די שענסטע פון די שטאָט־גבאים און פון דער חברה־קדישא בּראש מיט יאָסל לירער, האָבן געזאָלט פאַרשיקט ווערן אין סיביר.

אין קריניק איז אַראָפּגעקומען די סעסיע פון אָקרוזשנאָי סוד, די גאַנצע שטאָט איז געווען אויף די פיס. עס האָט געקאָכט און געטומלט. מען האָט מורא געהאַט פאַר איין עדות — אַ קברות־מאַן, וואָס אויף אים האָט זיך איינגנטליך געשטיצט דער גאַנצער באַשולדיגונגס־אַקט.

וואָס טוט מען מיט אים? ער וועט דאָך געוויס אומגליקליך מאַכן די שטאָט. פּאַקן אים פריהער איז געווען שווער. די פּאָליציי האָט אים שוין פריהער פאַרהאַלטן און געבראַכט אין סוד אַריין. די פּאָליציי האָט אים געהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן דער משפט און עס איז געקומען צו דעם דאָזינן קברות־מאַן, האָבן אַלע אַ ציטער געטאָן. אָט וועט ער אַלעמען אומגליקליך מאַכן. יאָסל לירער איז געווען שרעקליך רויט און אויפגע־רעגט, און פּלוצלינג האָט ער אָנגעהויבן שרייען מיט מאוימדיגע קולות, אָנכאַפּנדיג זיך פאַר די ציין:

—ראובן ויברח, ראובן ויברח, ויברח, ויברח!...

פרעגט דער פּאָרזיצענדער, וואָס שרייט ער אַזוי, הויבט זיך אָן יאָסל צו בויגן און צו קנייטשן, דריקן מיט די הענט די באַק און שרייען ווי אַ וואַלד־חיה:

— אוי, די ציין... ראובן ויברח!... די ציין, נישט פאַר אייך גערעכט... ראובן ויברח... פון די ציין קאָן איך גאָר נישט לעבן... ראובן ויברח... פליטה, פליטה... פליטה...

דערזעהן אַ מענש פייניגט זיך מיט די ציין, איז מען געלאָפן נאָך עפּעס אַ מיטל, און ראובן דער קברות־מאַן, וואָס האָט פאַרשטאַנען דעם טייטש פון די ראָזיגע געשרייען, האָט זיך אין דערגיך אַרויסגערדרייט. אַז יאָסל, וואָס האָט קלוג און גנביש נאָכגעהיט ראובנען אין די סאַמע שרעקליכע געשרייען, האָט באַמערקט, אַז די סכּנה האָט געמידן, איז אַנטרונען געוואָרן, האָט ער צוגענומען די האַנט פון באַק און האָט רוהיג אַרויסגעזאָגט:

— מיר איז בעסער געוואָרן...

און דער סוד האָט אַלעמען באַפרייט. עס האָט געפעלט דער סאַמע וויכטיגסטער עדות, אויף וועלכן עס האָט זיך געשטיצט דער באַשול־דיגונגס־אַקט...

קאַפּיטל X

ראָזענבלומס וואלד. — מיין וואלד־שטעלע. — אַ שטיבעלע אין וואלד. — „ער וועט זיין אָן אָריכאָן"! — אַרוואָקאַטן. — דאָבראָזשינסקי. — מלבושים מעשה־דייטש. — מיין טאַטנס בריף. — מכנסים. — מיין בריף. — אַ נייער זכות מיטן טאַטן.

צו דער צייט האָט ראָזענבלום געקויפט אַ וואַלד, אַ וויאָרסט צען פון אונז, פאַר אַ קליינע סומע געלט — אַכט הונדערט רובל. דאָס איז געווען אַ געדיכטער וואַלד פון מער ווי אַ האַלב וויאָרסט די לייִנג און אַן ערך אַ פערטל וויאָרסט די ברייט — ברען־האָלץ און מאַטעריאַל־האָלץ. האָט ער מיך גענומען, איך זאָל פאַרקויפן דעם וואַלד די אַרומיגע פּויערים אויפן שטיק. מיר האָבן באַשלאָסן, איך זאָל דריי טעג אין וואָך: דינסטאָג, מיטוואָך און דאָנערשטאָג פאַרקויפן וואַלד. פלעג איך אַרומפאָרן אין די מאַרק־טעג אין די אַרומיגע דריי שטעט, קרינעק, אַמדור און סאָקאָלקע, מיט צוויי רעסיאַטניקעס: איין רעסיאַטניק האָט געפּויקט מיט אַ האַמער אין אַ מערניצע, און דער צווייטער האָט אויסגעשריען פאַרן געזעמל פון פּויערים, אַז דריי טעג אין וואָך ווערט פאַרקויפט אַרטשעקיער וואַלד אויף האָלץ.

פּויערים מיט פורן, מיט העק, זיינען שוין געווען אין וואַלד. איך האָב זיי פאַרקויפט די בוימער און זיי האָבן אויסגעהאַקט. דעם ערשטן טאָג איז נאָך מיט מיר געווען ראָזענבלום, דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן.

דער וואַלד, ווי אַ געשעפט, איז מיר געפעלן געוואָרן. איך האָב איינגעזעהן, אַז מען קאָן דאָ מאַכן אַ גוט געשעפט. אַז מען זאָל רינגען זעגערס, אויסהאַקן די בוימער און שניידן ברעטער פאַר פאַרשיידענע בוי־הייזער, קאָן מען אַרויסנעמען אַ שטיק געלט פון אים. און איך האָב דאָס געזאָגט ראָזענבלומען. ער האָט זיך מישב געווען מיט ליובאָוויטשאַווען; אָבער זיי האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרדרייען מיט אַזאַ מין עסק. זיי האָבן געהאַט געגוג אַרבעט אָהן דעם. דערוויַיל איז באַ זיי פאַרבליבן, אַז מען זאָל פאַרקויפן די ערגערע בוימער, דערנאָך וועט מען זיך מישב זיין.

איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז ליובאָוויטשאָוועס קאָפּ, אַז זי האָט מורא, טאָמער וועל איך מיך דאָ מאַכן אַ פאָרדאַר פאַר פאַרגעניגנס, פאַר ליידיג גיין, ווי זי פלעגט זיך ליב האָבן אויסצודריקן וועגן מיר. נאָר פאַרפאַלן.

פלעג איך פאָרן דריי טאָג אין וואָך אַלע אין דערפריה אין וואַלד אַריין און אַ גאַנצן טאָג פלעג איך מעסטן וואַלד. יעדער פויער האָט זיך פריהער אויסגעקליבן אַ בוים, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן. דערנאָך איז ער געגאַנגען צו מיר, איך זאָל אים פאַרקויפן. אויף דעם געקויפטן בוים האָב איך געלעגט אַ שטעמפּל: מיט אַ גוטן שטאָלענעם, שווערן האַמער פלעג איך אויסקריצן די פאַמיליע ראָזענבלום. און דער פויער האָט אים אויסגעהאַקט. די פויערים פלעגן מיך כסדר אַרומשלעפּן פון איין עק וואַלד אין אַ צווייטן. דער האָט מיך געשלעפּט אין מזרח, יענער אין מעריב, אָהן אַ סוף.

די היצן זיינען דעמאָלט געווען גרויס. מיר פלעגט זעהר דורשטן, קיין וואַסער איז אָבער נישט געווען. פלעג איך ברייגנען מיט זיך אַ פעסעלע וואַסער, אָבער דאָס פלעגט באַלד ווערן וואַרעם, און מען האָט עס נישט געקאָנט טרינקען. איך האָב געהייסן אויסגראָבן אַ טיפן גרוב, אַריינשטעלן אַהין דאָס וואַסער — האָט עס אויך נישט געהאָלפן.

דעמאָלט איז מיר איינגעפאַלן אַ מאָרגנער פּלאַן אין קאָפּ. ווינטער, למשל, וועל איך דאָך אויך דאַרפן זיין אין וואַלד און פאָרן צוריק אויף דער נאַכט אַהיים איז כמעט ווי אוממעגליך: פרעסט, וועלף, אומעט. איז כדאי שוין אייגנטליך אויפצובויען דאָ אַ קרעטשמע, מיט אַ גוטן ברונים, און איך וועל זיין געזיכערט פון אַלץ: פון קעלט, פון הונגער און פון דורשט. בוי־מאַטעריאַל קאָן מען נעמען פון וואַלד און די אַרבעט וועלן מאַכן די פויערים. אָנשטאָט געלט פאַר דער אַרבעט, וועל איך זיי געבן בוימער. דאָס אַלץ וועט אַ גראָשן נישט קאָסטן, אויסער דאָרטן ציגל, קאַכעל צו די אויוונס.

די קרעטשמע וועל איך פאַרדינגען אַ אידן, און איך וועל מיר דאָרט האָבן מיין קאָנטאָר, און אַז איך וועל באַם אידן דאָס ערשטע יאָר קיין אַרענדע־געלט נישט נעמען, וועט ער שוין מיך גוט צוזעהן. ער וועט מיר מאַכן דעם סאַמאָוואַר, קאָכן עסן און איך וועל דאָס לעבן אַ טאָג אויף צעפּיקעניש דער פריצטע.

מיין פּלאַן איז ראָזענבלומען געפעלן געוואָרן און ער האָט איינגעשטימט. אייגנטליך, פאַרוואָס זאָל ער זיין דאַגעגן? ווינטער איז דאָך דאָס אוראי נויטיג.

איך בין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, און אין דריי חדשים אַרום האָב איך אויסגעשטעלט אַ קרעטשמע — אַ ליאַלקע, אַ גרויס הויז מיט צוויי

צימערן און מיט אַ קאָנטאָרל פאַר מיר באַזונדער און מיט אַ סטאָראָלע און מיט אַ טיפּן ברונים, וואו מען האָט געטראָפן גוט וואַסער.

אַז עס איז פאַרטיג געוואָרן, איז ראָזענבלום געקומען מיט דער פריצטע באַקוקן די קרעטשמע. זיי איז געפעלן געוואָרן. זיי האָבן מיר אַפילו באַראַנקט, אָבער איך האָב געקוקט אין דער פריצטעס אויגן און אַרויס־געלייענט דאָרט, אַז זי פאַרגינט מיר נישט דעם תענוג...

אויפן וועג, צוריקפאָרנדיג, האָט די פריצטע, ווי איך האָב זיך דערוואוסט, אָנגערערט אויף מיר פאַר ראָזענבלומען. איר טענה איז געווען, אַז מען טאָר מיך נישט צולאָזן צו אַ געשעפט. איך וועל נאָר שמייסן מיט געלט און ווייטער גאָרנישט.

— אַ קרעטשמעלע וועט ער זיך אויסשטעלן... צו דעם טויג ער... — האָט זי געוואָרטשעט.

איך האָב נאָך אַמאָל געזאָגט ראָזענבלומען, אַז מען קאָן דאָ מאַכן אַ גרויס געשעפט, אַז מען קאָן דאָ פאַרדינען שיין געלט.

אָבער די פריצטע האָט אים נישט געלאָזט. מען האָט מיר געהייסן פאַרקויפן די בוימער זעהר ביליג אַזוי, אַז אין אַ יאָר צייט זאָל זיין פאַר־קויפט איננאַנצן; איך האָב פאַרלאָרן דעם מוט.

אין די גרויסע נעכט בין איך פאַרבליבן אין וואַלד מיט מיין פערדל און בריטשקע. איך האָב מיר געהאַט מיט זיך אַ גאַנצן טיי־סערוויז. די קרעטשמע האָב איך פאַרדונגען אַ אידן דאָס ערשטע יאָר אומזיסט.

דעם גאַנצן ווינטער האָב איך פאַרקויפט וואַלד, אָבער אַזוי ביליג, אַז אַלע האָבן געלאַכט פון מיר, און פאַרטאָג פלעגן אָנקומען מיט פורן אַ פּאָר הונדערט פּויערים און שליאַכטעס. איך האָב געאַרבעט די דריי טעג אין וואַלד זעהר אַ סך: פון פינסטער ביז פינסטער. דער ווינטער איז געווען נאָר אַ שווערער, גרויסע פרעסט, גרויסע שנייען, און די קונים האָבן מיך אין די גרויסע שנייען, זאַווערוכעס, אומגעשלעפּט כסדר איבערן וואַלד.

אין קאָנטאָר פלעג איך רעמאָלט אַריינפאַלן זעהר אַ פאַרמאַטערטער, אָבער דער סאַמאָוואַר איז שוין געשטאַנען גרייט, און דאָס האָט מיך דערקוויקט. איך האָב געטרונקען און געגעסן, דערנאָך געלעזן עטוואָס און געטראַכט זיך פון מיינע זאַכן.

איך האָב זיך געמוזט מאַכן נייע קליידער פאַרן וואַלד, למשל, אַ האַלב פעלצל, אַ גוטן, וואַרעמען פוטער, שטיוול מיט וואָליקעס, טיפע קאַלאָשן, אַ וואַרעמען, אַ גוטן הוט, הענטשקעס — דאָס אַלץ מוז מען האָבן צו אַ וואַלד. שכירות האָב איך גענומען זעכציג רובל אַ מאָנאַט.

נאָר אַז איך בין געקומען ראָנערשטאָג באַנאַכט פון וואַלר אַהיים אין מאַקאַראָווצי און בין אין די נייע „וואַלר־קליידער“ אַריינגעגאַנגען אין הויף צו ראָזענבלומען, האָט די פּריצטע געפּלאַצט, צוזעהענדיג.

— ער וועט זיין אַן אָרימאַן, זאָל איך שוין אַזוי לעבן!... — האָט זי געשיפּעט ווי אַ שלאַנג.

און טיילווייז, מען מוז מודה זיין, איז אפשר ליובאָוויטשאָווע גערעכט געווען...

הנאה האָב איך געהאַט אין די שיינע ווינטער־אָוונטן, באַ אַ גוטן שליט־וועג, פאַר דער לבנה, אַריבערפאָרן אויף מיין קליין שליטעלע קיין סאָקאָלקע, אַ וויאָרסט צען. דאָרט האָב איך געהאַט מיינע צוויי חברים, פּאָליאַקעוויטש און ברוך־לייבס זון. מיין פאָרן די צען וויאָרסט האָט קיין האַלבע שעה נישט געדויערט. מער בין איך געפלויגן ווי געפאָרן. אַמאָל האָב איך זיך איבערגעקערט מיטן שליטן אין שניי, אָבער ס'איז אָהן סכנה — אַריין צוריק אין שליטל און הייראַ ווייטער.

אין סאָקאָלקע פלעג איך פאַרברייינגען אַ צוויי שעה, און אַזיינער ניין בין איך שוין געווען צוריק אין קאָנטאָר. דער סאַמאָוואַר איז געשטאַנען פאַרטיג, און אַזוי האָב איך דורכגעשטופּט דעם ווינטער.

דעם וואַלר האָב איך כמעט אינגאַנצן פאַרקויפט, אָבער זעהר ביליג; לויזן פלעג איך אַכציג, נייַנציג רובל אַ טאָג. ראָזענבלום האָט פאַרדינט פון וואַלר שיינע עטליכע טויזנט רובל, און נאָך פסח האָב איך געזאָגט, אַז איך וויל שוין מער נישט די שטעלע.

דער וואַלר איז שוין שיטער; איך האָב געקראָגן אַ סוחר, וואָס האָט געגעבן פאַרן ביסל שיטערע בוימער פינף הונדערט רובל און הונדערט פופציג פאַר דער קרעטשמע.

יענער איר האָט אויך פאַרדינט אַ טויזנט רובל. איך האָב קיין טעות נישט געהאַט. וואָרום אַז ראָזענבלום האָט זיך דערנאָך געזעהן מיט נאָך אַ אירן, אַ פּראַקטישן וואַלר־סוחר, האָט יענער געזאָגט, אַז אָן דעם וואַלר האָט מען געקאָנט פאַרדינען באַ אַ פופציג טויזנט רובל. דעמאָלט האָט שוין ראָזענבלום אויך חרטה געהאַט, וואָס ער האָט נישט געפאָלגט מיין עצה.

פאַן ראָבראָזשינסקיס בעלי־חובות האָבן אָנגעהויבן פאָרערן באַ אים דאָס געלט דורכן געריכט. זיי האָבן געוואָלט צונעמען באַ ראָזענבלומען דעם הויף מאַקאַראָווצי און פאַרקויפן אויף אַ ליציטאַציע.

ראָזענבלום האָט גענומען צום משפט דריי אַדוואָקאַטן פון גראָדנע, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען ישראל־חיים פרידבערג, דער קאָמעניצער שרייבער, וואָס דאַרף זיין באַקאַנט מיינע לעזער פונם ערשטן טייל. די משפטים זיינען אַוועק אין סענאַט; דאָס האָט אָפּגעקאָסט ראָזענ־

בלומען אַ סך טוויזנטער. דריי יאָר האָט עס זיך געצויגן. אָבער ראָזענ־בלום האָט געוואונען.

דערווייל האָב איך זיך באַקאַנט מיט די אַרוואָקאַטן, וואָס ראָזענבלום האָט גענומען. בעת ראָזענבלום האָט קיין צייט נישט געהאַט, בין איך געפאָרן צו זיי. רעמאָלט בין איך נאָך געגאַנגען לאַנג געקליירט. אַז איך בין איינמאָל אַזוי אַריין צום אַרוואָקאַט קנאַריזאָווסקי, בעת באַ אים איז געווען פאַרזאַמלט די גראָרנער אינטעליגענץ, האָט ער מיך אויפגענומען נישט זעהר העפליך.

געוויינליך, האָב איך זיך באַלײדיגט און באַלד אַוועקגעפאָרן אַהיים. ראָזענבלומען האָב איך געזאָגט, אַז איך האָב קנאַריזאָווסקין נישט איבער־געגעבן אַלץ וועגן זיין ענין און אַז איך וועל מער צו אים נישט פאָרן.

— ער איז אַ בעל־גאוה און האָט מיך שלעכט אויפגענומען.

ראָזענבלום האָט אים געשריבן אַ בריף וועגן דעם. דער אַרוואָקאַט האָט זיך פאַרענטפערט און דערביי מוסף געווען, אַז אַ לאַנגע קאַפּאָטע פאַר געסט איז נישט איבעריג שיין...

ראָזענבלום האָט איינגעפונען, אַז דער אַרוואָקאַט איז גערעכט און ווילנריג־נישט־ווילנריג (נייִן, ניכער ווילנריג), האָב איך זיך אָנגעטאָן קורץ געקליירט, מעשה־דייטש, די הויזן אַריבער די שטיוול. גייענריג אַזוי מעשה־דייטש אין גאַס, אין גראָרנע, באַגעגן איך אַ קאַמעניצער אירן פון דעם זיירנס גוטע פריינט. דערפרייט ער זיך מיט מיר און איך בעט אים, ווי די מאָרע איז, ער זאָל אָפּגעבן אַ הערצליכן גרוס דעם טאַטן און דעם זיירן מיט דער גאַנצער פאַמיליע.

אין עטליכע וואָכן אַרום באַקום איך אַ בריף פון טאַטן מיט דער מאַמען. באַנאַכט, אַז איך בין שוין געלעגן אין בעט, האָב איך געלעזן דעם טאַטנס בריף. שרייבן שרייבט ער מיר אומגעפער בזה הלשון:

„מיין זון, אין קאַמעניץ האָט מיר שלום בעקער אָפּגעגעבן אַ גרוס פון דיר. פרעג איך, וואָס מאַכט מיין זון, ווי זעהט ער אויס? זאָגט ער: ,עט! ער גייט שוין די הויזן איבער די שטיוול'. איז מיר ממש פרחה נשמתי, ס'האָט מיר געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרצן, ווי מיט אַ קויל, און איך בין געוואָרן צעמישט. אין מיין גאַנץ לעבן ווייס איך נישט פון קיין גרעסערן אומגליק, ווי דאָס, און איך האָב פון צער דריי טעג נישט געגעסן. איך בין געקומען אַהיים אין פאַסעקי, האָב איך געטראָפן אַ גאַסט — דיין שווע־גערין הרס, דעם רבס שנור, האָבן זיי אָן מיר דערקענט, אַז איך בין שטאַרק פאַרמרה־שחורהט, און איך האָב זיי געמוזט דערציילן פון שלום בעקערס גרוס און עס איז געוואָרן אַ געוויינעריי, און דיין מאַמע מיט הרסן האָבן לאַנג, לאַנג געוויינט.

„זאָג איך דיר, מיין זון, אַז איך וואָלט בעסער געוואָלט הערן פון דיר אַ גרוס, אַז דו גייסט אין אַ צעריסענער קאַפּאָטע, איידער די הויזן איבער די שטיוול, און איך שרייב דיר קורץ: אויב דו וועסט מיר נישט שרייבן, אַז דו האָסט אַריינגעטאָן די הויזן אין די שטיוול, אַזוי ווי דיין טאַטע גייט און אַזוי ווי אונזערע אָבות אבותינו גייען, וועל איך דיר נישט זיין קיין טאַטע".

דער בריוו האָט מיך אויפגערעגט. עס האָט מיך געגומען טרייסלען, אין בעט ליגנדיג. פאַר יענער צייט פון השכלה און צוזאַמען דערמיט אויך פאַר מיין יענעם נאַרישן שכל איז דאָס געווען אַ בריוו פון סאַמע „פאַנאַטיזם און פינסטערניש"...

— און וואָס איז, אַז ער איז אַ טאַטע? האָב איך מיט רציחה געטראַכט: — וואָס איז דאָ אַזוינס? קיין גרויסער קענער איז ער נישט, העברעאיש קען איך בעסער פון אים, קיין ירושה האָב איך אויך נישט צו נעמען בײַ אים. און ער זאָגט זיך דאָס אָפּ פון אַ טאַטע?

און בײַ מיר איז געבליבן, איך זאָל אים שרייבן אַ גרויסן צו־להכעיס־בריוו, וואו איך וועל אים זאָגן אָפן, אַז אַריינטון די הויזן אין די שטיוול וועל איך דאָך נישט, אַז איך גיי שוין איצט אינגאַנצן קורץ געקליידט און — פאַר־פאַלן. אַזוי וויל איך.

די מאַמע ווידער האָט שוין געשריבן, ווי אַן אמתע אידענע. דער בריוו איז געווען נישט קיין בריוו, נאָר אַ גרויסע מגילה, מיט געוויינען און געוואַלדערײַ:

„חאַצקעלע, דו גייסט שוין אין לאַנגע מכנסים? דיין טאַטע, דיינע זיידעס גייען נישט אין לאַנגע מכנסים. און וואָסער ערליכער איד גייט אין לאַנגע מכנסים? בעט איך דיך, מיין ליבער און טייערער זון, אַז דו זאָלסט שוין נישט גיין מער אין לאַנגע מכנסים". אַזוי האָט זי מיר אָנגעמכנסימט, אַז מיר האָט פאַר די אויגן געגומען פינטלען.

דעם טאַטן האָב איך דאָך נישט געשריבן דעם בריוו. באַרוהיגט האָב איך זיך דערויף, וואָס איך וועל מיט אים קיינע געשעפטן נישט האָבן מער. אַז ער איז אויס טאַטע, בין איך אויס זון.

אַזוי זיינען אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר חדשים. ביסלעכווייז האָט מיר דאָס האַרץ געגומען וויי טון. איך האָב זיך דערמאָנט אָן מיין טאַטנס צער. אַזאַ ליבער איד, אַזאַ טייערער מענש, אַזאַ האַרציגער טאַטע. נו, וואָס איז ער שולדיג, אַז ער קאָן פאָרט נישט צוזעהן, ווי מען טראָגט קורצע קליידער? דערויף איז ער דאָך אַ פרומער און אַן איבערגעגעבענער איד פון אַלטן דור? אגב, איז ער דאָך זיכער, אַז זיין זון וועט פאַר די קורצע קליידער פאַרפאַלן ווערן אין כף הקלע אויף אייביג. ער ווייס, אַז איך בין אַן „אויפגעקלערטער", און ער האַלט דאָך מיט אַן אמת, אַז איך בין

נעכאַפּט אין דער מעשה, וואָרום איך שרייב דאָך שוין אַזוינע העברעאישע בריף מיט הויכע מליצה...

מילא, אַז איך בין נאָך נעגאַנגען לאַנג נעקליירט, האָט דאָס אים געדינט פאַר אַ שטיקל סימן, אַז איך האַלט זיך נאָך באַ אידישקייט, אָבער איצט, אַז איך האָב דאָס שטיקל סימן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, האָט ער מורא, זעהר מורא פאַר מיר. וואָס וועט ווערן פון מיר?

היינט וואָס־זשע טוט מען?

שרייבן אים, אַז איך וועל שוין גיין די הויזן אין די שטיוול, וויל איך נישט. צו וואָס זאָל איך לייגן? טון ווידער צוליב דעם טאַטן, האָב איך אויך נישט געקאָנט: די לאַנגע קליידער זיינען מיר שוין לאַנג דערעסן געוואָרן. איך האָב זיך געשעמט מיט זיי...

נאָך אַ לאַנגען ישוב הדעת איז באַ מיר געבליבן, איך זאָל אים שרייבן, אַז פאַר מיר דאַרף ער קיין מורא נישט האָבן, אַז ער דאַרף זיך דאָס האַרץ נישט אָפּעסן, וואָרום איך בין נישט פון די מענשן, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף יענעמס שכל, אַז קיין אַפּיקורס וועל איך נישט ווערן, אַז איך בין אַ טרייער איד א. אַז. וו. א. אַז. וו.

האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן און בין פאַרקראָכן גאָט ווייס וואוהין: אין דעת, אין אמונה און אין פילאָזאָפיע מיט חקירה צוזאַמען — און „אָנגעקלאַפּט" אַכט בויגן פּאַפּיר. גאַנצע צוויי חדשים האָט באַ מיר געדויערט דאָס שרייבן!

צום בריף האָב איך צוגעגעבן אַ מין הקדמה מיט אַ שטיק פון רבינו סעדיה גאון, דהיינו:

וואָס איז דער אונטערשייד פון דעם, וואָס האָט דת אָהן דעת, ביז דעם, וואָס האָט דת מיט דעת? דער ערשטער איז געגליכן צו אַ בלינדן מענשן, וואָס האַלט זיך אָן אָן אַ צווייטן בלינדן, און דער צווייטער אָן אַ דריטן בלינדן א. אַז. וו. אַ גאַנצן תחום שבת גייען אַלע בלינדע, האַלטן זיך אָן איינער אָן דעם צווייטן, נאָר פירן פירט זיי אַ זעהענדיגער מענש. ווייסן די בלינדע, אַז דער ערשטער זעהענדיגער וועט זיי ברייננען אין שטאָט אַריין, וואו זיי גייען; אָבער דער לעצטער בלינדער איז נישט זיכער אין זיין גיין. עס דוכט זיך אים אַלץ, אַז ער קאָן געשטרויכלט ווערן אָן אַ בוים, צי אָן אַ שטיין אויפן וועג. דער צווייטער, וואָס האַלט דעם דת מיט דעת, איז געגליכן צו אַ בלינדן, וואָס האַלט זיך אָן דירעקט אָן אַ זעהענדיגן מענשן און בעת מעשה האָט ער נאָך אַ שטעקן אין האַנט. דער איז שוין בטוח, אַז ער וועט קומען אין דער שטאָט, וואו ער גייט און וועט נישט געשטרויכלט ווערן.

אַזוי האָב איך דעם טאַטן „דערווייזן“, אַז איך האָב קיין מורא נישט פאַר קיין שטראָף. מיין אויפגעקלערטקייט פאַרהעלפט מיר בלויז און מאַכט מיך נישט קאַליע.

אַוועקגעשיקט דעם טאַטן דעם בריף, האָב איך אָבער גאָר פאַרגעסן, אַז עס איז אַמאָל נאָר אומזיסט מיין אַרבעט. וואָרום אַז דער טאַטע וועט דערזעהן אַזוי פיל פאַרשריבענע פאַפּירן מיט חקירות און „פילאָזאָפיע“, וועט ער מורא האָבן צו לייענען. און וועט ער דאָס נעמען לייענען, וועט עס אים אויך זיין נישט אינטערעסאַנט. און אַזוי איז טאַקע געווען: ער האָט דאָס באַלד פאַרברענט.

פון דעמאָלט אָן האָט ער מיר שוין געשריבן אַ פּשוט שלום־ידידי־בריוועלע פון זיין געזונט און פון אַלעמענס געזונט.

קאַפּיטל XI

ווידער ליובאָוויטשאָווע. — איר איינטענגען מיט מיין פרוי. — עס הויבן זיך אָן מיינע צרות. — איך לויף נאָך רעצעפּטן. — אַ ביטערער עסק מיט אַ פערד. — דאָקטוירים. — איך קלער שוין ווידער וועגן וואַנדערן. — איך פאָר קיין קאַמעניץ. — באַם זיידן אין פּרוסקע. — אַקציז־גנבות. — מען מסרט. — פּאַפּירענע מטבעות. — מיינער אַ חבר. — טונקעלע קונצן.

ליובאַוויטשאָווע האָט וואָס ווייטער, אַלץ מער געווירקט אויף מיין ווייב. זי האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט כמעט אָהן אַן אויפהער, און דאָס האָט מיר פאַרשטערט דאָס לעבן.

מיין ווייב האָט געבוירן אַ טאָכטער. אויפן צווייטן טאָג איז געקומען די פּריצטע באַזוכן מיין פרוי און האָט איר געזאָגט, אַז זי זעהט אויס זעהר שיין און, ווי איר דוכט זיך, וואָלט מיין ווייב געקאָנט אויפשטיין פון קינפּעט אויפן דריטן טאָג. עס פּאַסט נישט פאַר איר, זי זאָל ליגן אין קינפּעט אַכט טאָג, ווי אַלע אידישע טעכטער...

דו ביסט דאָך — האָט זי צוגעשמייכלט — אַזאַ בריה, שטיי אויף שנעל...

מיין ווייב האָט זיך צוגעהערט און — נישט אויפן דריטן, ווי עס האָט זיך געוואָלט ליובאַוויטשאָווען, נאָר אויפן פינפטן טאָג איז זי אויפגעשטאַנען פון קינפּעט און האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַלע שווערע, פּאַק־טאָרשע אַרבעטן: מאַכן פון זויער־מילך — קעז, פון דער סמעטענע — פּוטער, מעלקן די בהמות און נאָך אַזעלכע שווערע אַרבעטן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פון אַזאַ מין בריהשאַפט האָט זי נאָר אָנגעהויבן שטאַרק צו הוסטן און געקראָגן אַ ווייטאָג אין האַרצן. איך האָב געבראַכט אַ דאָקטאָר, און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אָנהויב פון שווינדזוכט.

איצט האָב איך שוין געקאָנט אויספירן, זי זאָל נישט אַרבעטן, און איך בין געפאָרן מיט איר קיין גראָדנע צו אַ צווייטן דאָקטאָר.

אוראי איז זי געווען ערנסט קראַנק. און איצט, אַ קראַנקע, האָט זי געקאָנט זעהן דעם גאַנצן פעלער, וואָס זי איז באַגאַנגען. וואָרום אויסער וואָס זי איז קראַנק געוואָרן פון אַרבעט, האָט זי נאָך געבראַכט שאָדן דערמיט, וואָס זי האָט אָפּגעוויינט די רינסטן פון אַרבעט. די רינסטן האָבן שטענדיג ווייניג געאַרבעט — מיין ווייב האָט אַלץ אַליין געטאָן. און איצט איז נישט געווען ווער עס זאָל אַרבעטן. די רינסטן האָבן דערצו קיין חשק נישט געהאַט... עס איז מיט אַמאָל אַלץ קאַפּויר אַוועק, און איך בין נאָר אומגעלאָפן גאַנצע טעג צו דאָקטוירים און נאָך רעצעפּטן.

פאַר דעם קינד האָב איך געמוזט נעמען אַן אַם. די קרעטשמע און דער פאַקט זיינען פאַרלאָזט געוואָרן. ראָזענבלום האָט אָפּגענומען פון מיר דעם פאַקט, ער האָט נישט געקאָנט וואַרטן — און עס איז געווען חושך.

אין דער קרעטשמע האָבן אויך פאַרפעלט מערן און וויינען. איך האָב קיין צייט נישט געהאַט צו קוקן דערויף, און אַ דערבייאיגער רייכער אַרענדאַר האָט אָפּגעצויגן פון מיר די גאַנצע פּרנסה.

דאָס ווייב ווערט וואָס ווייטער קראַנקער און איך האָב נאָר אַן עסק מיט דאָקטוירים און רעצעפּטן.

איינמאָל, באַנאַכט, איז געווען, געדיינק איך, דער דאָקטאָר. ער האָט פאַרשריבן אַ רעצעפּט און געהייסן אומגעזאַמט מאַכן דעם רעצעפּט. איך האָב גענומען באַ ראָזענבלומען אַ פערד און אַוועקגעפאָרן רייטנדיג קיין קריניק אין אַפּטייק אַריין. אַהיים בין איך געקומען אַזייגער איינס נאָך האַלבער נאַכט. פאַרן שטוב שטעל איך אָפּ דאָס פערד און הויב אָן אַראָפּ־צוקריכן פון זאָטל. פאַרטשעפּע איך אָבער אַ פוס אין קלאַמרע פון זאָטל. דאָס פערד, וואָס איז געווען זעהר הויך, לויפט זיך דערווייל אַזוי ווי אין הויף אַריין. איך בין געפאַלן אויף דער ערד, מיט איין פוס פאַרטשעפּעט אין זאָטל, און דאָס הויכע פערד שלעפּט מיך אַזוי איבערן וועג. דעם פערד איז, אַפּנים, אויך פריקרע געוואָרן, וואָס עמיצער באָמבלט זיך אים פון הינטן אַ פאַרטשעפּעטער, האָט ער אָנגעהויבן צו קלאַפּן און בריקן מיט די הינטערשטע פיס. און דאָס איז געווען זעהר אַ מאוסער צוגאָב.

איך האָב אָנגעהויבן שטאַרק שרייען, פון וואָס דאָס פערד האָט זיך דערשראָקן. באַ אַ פאַרקאַן האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ סלופּ און וויל אַרויסרייסן דעם פוס, אָבער איך קאָן נישט. אַזוי ראַנגלענדיג זיך, האָב איך, מעשה־איה, אויפן אָרט געחלשט...

פון פערד בין איך פּטור געוואָרן: דער שוך האָט זיך מיר אַליין אַראָפּגעשלעפּט און איז פאַרבליבן אין זאָטל. באַ אַ האַלבער שעה האָב איך געמוזט ליגן אַ געחלשטער. דערנאָך בין איך אַליין געקומען צו זיך. איך האָב אָנגעהויבן שרייען, עס איז געווען געבן שטוב, האָט מען

מיך, פאַרשטייט זיך, אויפגעהויבן, מחיה געווען, אויסגעריבן מיט שפּירט ראָס לייב, און אַז איך בין זיך דורכגעשלאָפן, בין איך אויפגעשטאַנען אַ געזונטער.

אַז איך האָב איינמאָל אַראָפּגעבראַכט אַ באַרימטן דאָקטאָר אַהיים, האָט ער באַטראַכט מיין קרעטשמע, אַ טאַפּ געטאָן די ווענט. די ווענט זיינען געווען דיק באַצויגן מיט ווילגאָטש. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז פון די ווענט, פון ווילגאָטש, הייסט עס, איז ראָס ווייב קראַנק, און אַז אויב זי וועט זיך נישט אַרויסציהען פון דער קרעטשמע, קאָן זי נישט לעבן.

איך האָב, דעם אמת זאָגנדיג, דעמאָלט גאָר קיין באַגריף נישט געהאַט פון ווילגאָטש, אַז ראָס איז עפּעס אַ סכנה. ווער האָט זיך דאָס אומגעקוקט אויף ווילגאָטש? אויך מיר אַ זאַך. געווען באַ מיר אַ טרוקענער צימער, האָב איך אַהין איבערגעטראָגן מיין ווייבס בעט און ביסלעכווייז האָט זי אָנגע־הויבן קומען צו זיך, ביז זי איז אינגאַנצן געזונט געוואָרן.

דעם פאַקט האָט מיר דאָזענבלום צוריק אָפּגעגעבן, אָבער די קרעטשמע איז שוין נישט געווען דאָס, וואָס פריהער. די פאַרלאָזענע געסט האָב איך שוין צוריק נישט געקאָנט אומקערן.

און איך האָב פון ראָס נייע אָנגעהויבן קלערן מכּח — — — וואַנדערן... מאַקאַראָווצי איז סתם פאַר מיר קיין אָרט נישט: ליובאָוויטשאָווע וועט אומברייינגען מיין ווייב מיט אירע חקירות, אַז מען דאַרף האָרעווען איבער די כּחות און קאַרגן, קאַרגן, קאַרגן...

איך האָב געשריבן דעם זיידן אַ בריף וועגן דעם. ער האָט מיר געענטפערט, אַז איך זאָל קומען קיין קאַמעניץ, וועט ער שוין קריגן פאַר מיר אַ הויף. נאָך סוכּות בין איך אַוועקגעפאָרן קיין קאַמעניץ. פון אונזער פאַמיליע האָט דאָרט געוואוינט דער פעטער מרדכי־ליב מיט זיין בן־יחיד. דער זיידע האָט געוואוינט, ווי איך האָב שוין געשריבן, אין פּרוסקע.

פון קאַמעניץ האָב איך זיך געלאָזט צום זיידן אין פּרוסקע. באַ אים איז דעמאָלט געווען די רעכטע צייט פון ברויז, די רעכטע צייט פון אַרבעט.

אין יענער צייט זיינען אין גראָדנער גובערניע אַלע ברייזער געלעגן באַ אידן אין די הענט. אין יערן ברויז איז געווען אַ זייגער, וואָס פלעגט ווייזן, וויפיל טראָלעס שפּירט עס גייט אַרויס יערן טאָג. און פאַרן עפענען דעם ברויז פלעגן קומען אַקציזניקעס און האָבן פאַרפלאָמבירט מיט קאַזיאָנע פלאָמבעס אַלע קאַדן און קעסלען. די פלאָמבעס זיינען געווען פון אָנפאַנג וויינינג. שפּעטער אָבער האָט מען זיך געכאַפּט, אַז מען קאָן שוין צופיל גנבענען שפּירט, זיינען צוגעקומען נאָך פלאָמבעס. וויניג פלאָמבעס אָבער זיינען אין אָנהויב געווען נישט דערפאַר, ווייל מען האָט פריהער נישט גע־וואוסט די ערטער, וואו מען דאַרף פאַרפלאָמבירן, נאָר פּראָסט ווייל די

אַקציזניקעס האָבן גענומען גרויס כּאַבּאַר און האָבן זיך געמאַכט נישט וויסן. בּיסלעכווייז זיינען צוגעקומען בּיז דריי הונדערט פלאָמבּעס אויף אַלע אַפּאַ־ראַטן, וואָס געהערן צום בּרויז.

האָבן זיך אָבּער אָנגעהויבּן נייע גנבות מיטן ויינער, און די אַקציז־ניקעס גופא האָבן אויסגעלערנט, ווי אַזוי מען זאָל גנבענען פון ויינער, ווי אַזוי מען זאָל אויסצאַפּן שפּירט, נאָך איידער ער קומט אַריין אין ויינער. די אַקציזניקעס האָבן געשעפּט גאָלר צוזאַמען מיט די בּראָנפן־פאַבּריקאַנטן. די אַקציזניקעס האָבן דאָ פשוט געהאַט אַ קוואַל פון גאָלר.

בּאַ אונז אין קאַמעניץ איז געווען אַ ויינערמאַכער מ., וואָס איז געווען אַ נאון אין הלכות פאַלשע פלאָמבּעס און פאַלשע חתימות; ער האָט געקאָנט מאַכן אַזוי גלאַט אַ שטיקל אַרבּעט, אַז עס איז נישט געווען צו דערקענען.

ער האָט, איינגנטליך, געקאָנט נאָכמאַכן זעהר גוט פאַלש געלט, זילבּער און גאָלר, האָט ער אָבּער נישט געוואָלט איינשטעלן זיין לעבּן אין סכּנה. נאָר דאָ, אין די בּרייזער, פלעגט ער נאָכמאַכן אַלע אַקציז־חתימות און פלאָמבּעס, און די אַקציזניקעס האָבּן דערפון געוואוסט.

ער האָט געקאָנט זיין זעהר רייך, נאָר ער פלעגט פאַרשפּילן אין קאָרטן מיט די אַקציזניקעס. אין קאָרטן איז אים גראָר נישט געגאַנגען. ער איז אויך געווען אַ לעבּ־קינד, און אין בּריסק, וואוהין ער פלעגט אָפּט אַריינ־פאָרן אויף עטליכע טעג, פלעגט ער פאַרלעבּן אַ פיינע סומע געלט.

ער פלעגט אויך פאַרלייען די אַקציזניקעס זעהר פיל געלט.

מען פלעגט אים אומשלעפּן איבּער גאַנץ גראָרנער גובּערניע, אין אַלע בּרייזער, און ער האָט שוין געהאַט פאַרשיידענע עצות, ווי אַזוי צו מאַכן, אַז מען זאָל קאָנען גנבענען שפּירט. דאָך האָט ער אַלץ געטאָן מיט דער ידיעה פון די העכערע אַקציזניקעס, ווייל ער האָט געוואָלט לעבּן זיכער, נישט דאַרפן מורא האָבּן פאַר קיינעם.

בּאַם ויידן אין פּרוסקע האָט ער דורכגעפירט אַזאַ מין קונץ. ער האָט געמאַכט אַ לעכל אין קופּערנעם „שלאַנג". דאָס איז אַזאַ מין קופּערנע, נעדרייטע רער, וואָס האָט געוואוינן בּיז צען פּוד. געהייסן האָט עס שלאַנג, ווייל דאָס איז נעווען נעדרייט ווי אַ שלאַנג. דורך דער רער איז נעגאַנגען דער הייסער שפּירט אין ויינער אַריין.

דאָס לעכל איז געווען געמאַכט זעהר קונציג. אַהין האָט מען אַריינגע־זעצט אַ רערל און געצאַפּט מאַסן שפּירט אַלע טאָג. אַזוי איז אַוועק אַ חודש צייט. דער ויירע האָט געמאַכט נישט קיין שלעכט געשעפּט, כאָטש ער האָט נעהאַט אַ סך הוצאות. בּאַ גנבה האָט מען שטענדיג אַ סך הוצאות. אַזוי,

למשל, האָט ער דעם סמאָטריטעל געגעבן פופציג רובל אַ מאָנאַט, דעם אָביעזרנעם — פינף און זיבעציג און דעם פאַרוואַלטער מיטן געהילף — דריי הונדערט רובל אַ מאָנאַט. די פויערים, וואָס האָבן געצאַפּט דעם שפּירט, האָבן אויך גענומען געלט. אַרום און אַרום האָט געקאָסט ביז זיבן הונדערט רובל אַ חודש.

לאַנג האָט עס אָבער נישט געדויערט. מען האָט געמסרט אין גובערניע. איז געקומען אַ קאָמיסיע פון אַקציזניקעס. געקומען שטילערהייט און גלייך באַפאַלן די שלאַנג און ריכטיג געפּאַקט, ווען די גוים האָבן געצאַפּט דעם שפּירט. אַ זעקס עמער שפּירט איז געווען אַרויסגעצאַפּט. די גוים האָבן אָבער נאָך אויספייעט צו אַנטלויפן.

מען האָט באַלד פאַרחתמעט דעם ברויז מיט דער שלאַנג און געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. עס איז אָבער געווען באַנאַכט, זיי האָבן נישט געקאָנט גוט באַטראַכטן, ווי אַזוי דאָ גייט צו דאָס גנבענען. האָבן זיי אַוועק־געשטעלט דריי רעסיאַטניקעס היטן, מען זאָל נישט אָפּרייסן די חתימות. די קאָמיסיע צוזאַמען מיטן אַסעסער האָבן גענעכטיגט אין הויף — מאָרגן וועלן זיי באַטראַכטן ווי געהעריג.

דער זיידע האָט באַלד געבראַכט דעם מעכאַניק. די רעסיאַטניקעס האָט מען געגעבן אין יד אַריין, האָבן זיי זיך געמאַכט, אַז זיי שלאָפן, מען האָט אַרויסגענומען די שלאַנג און אינעווייניג אַריינגעזעצט אַזאַ מין לאַטקע. דאָס לעכל איז געבליבן דאָסזעלבע, אָבער קיין שפּירט איז נישט דורכגעגאַנגען. דער זייגערמאַכער האָט שוין געקאָנט מאַכן שנעל אַן אָפּעראַציע, אַז מען האָט באַדאַרפט.

אויף מאָרגן, אַזייגער צוועלף נאָכן פרישטאָג, איז געקומען די קאָמיסיע אויספירליכער באַטראַכטן, ווי מען גנבעט דעם שפּירט. אָבער עס גייט קיין טראָפּן נישט. דער שפּירט איז אינגאַנצן דורכגעגאַנגען דורכן זייגער. דערביי האָט מען ווידער געגעבן אין יד אַריין, וויפיל מען דאַרף, און מען האָט פאַרריבן די גאַנצע מעשה. די קאָמיסיע איז אַוועקגעפאָרן בשלום, און דער זיידע האָט ווידער געטריבן זיין עסק בשלום. אין גיכן האָט מען עפּעס געמאַכט אַן אַנדער קונץ, נאָר איך געדיינק שוין נישט וואָס.

געווען אַ פּאָר ברייזער אין בריסקער אויעזד, וואָס פּריצים האָבן גע־האַלטן, זיינען זיי אין אַ קורצער צייט געוואָרן עשירים: זיי האָבן געגנבעט גאָר אָהן רחמנות.

אַז עס איז געקומען צו רייד וועגן דעם געניאַלן פעלשער דעם זייגער־מאַכער, וואָס איז געווען אַזוי טיפּיש פאַר די אַמאָליגע צייטן, איז כּדאי צו דערציילן אַ מעשהלע פון זיינע אינגל־יאָרן.

ער איז געווען מיינער אַ חבר. מיר האָבן געלערנט צוזאַמען בײַ מאָטע דעם מלמד. אין יענער צייט איז, צוליב מאַנגל אין קליין־געלט, געווען ערלויבט פון דער רעגירונג יעדערן צו מאַכן אייגענע פּאַפּירענע מטבעותלאַך, דראָבנע געלט, נישט העכער פון פינף און צוואַנציק קאָפּ.

האָבן אַ סך בעלי־בתּים געמאַכט פּאַפּירענע מטבעותלאַך צו איין, צוויי, דריי, פינף, צען, פופצען, צוואַנציק און פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס. כּדי די פויערים זאָלן אויך פאַרשטיין אויפן געלט, האָט מען געמאַכט סמנים מיט פּאַסקעלאַך: פויערשער אלף־בית. יעדעס פּאַסעקל האָט באַטראָפן אַ קאָפּיקע. וויפיל פּאַסקעלאַך — אַזוי פיל קאָפּיקעס. נאָר אויף די מטבעותלאַך פון פינף ביז פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס זיינען געווען גרעסערע פּאַסקעס, וואָס האָבן שוין אָנגעוויזן אויף דער צאָל צענערלאַך. דערבײַ איז געווען אונטערגעשריבן דער נאָמען מיט דער פאַמיליע פון דעם מטבעות־אַרויסגעבער.

אַזעלכע קוויטלאַך זיינען אומגעגאַנגען אין די שטעט און אין די דערפער אין גאַנץ גראָדנער גובערניע (וואַרשיינליך אין אַנדערע שטעט אויך). קליינע מטבעות, ווייניגער פון אַ האַלב רובל, זיינען סתּם נישט געווען במציאות. זיי האָט מען ווייניג געזעהן. האָבן אַלע פויערים גענומען די קוויטלאַך פאַר די פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן געבראַכט צו פאַרקויפן. ציילן פלעגן זיי דאָס געלט לויט די פּאַסקעלאַך, וואָס איז דאָך פאַר זיי געווען נישט פון די גרינגע זאַכן, וואָרום אַ פויער איז אַפילו פּאַסקעלאַך אויך שווער צו ציילן!

אַז זיי פלעגן אויספאַרקויפן די גאַנצע סחורה, האָבן זיי פאַר די קוויטלאַך געקויפט סחורה אין די קראָמען אָדער פאַרשכורט, און אַז בײַ זיי זיינען נאָך פאַרבליבן קוויטלאַך, האָבן זיי פאָרגעלעגט די אידן אויסבייטן די דאָזיגע קוויטלאַך. דערפון האָבן זיי געהאַט עפּעס היזק און אידן פלעגן אויסבייטן.

פאַר די פויערים זיינען די קוויטלאַך־מטבעות נישט געווען פּראַקטיש. ערשטנס, איז זיי געווען שווער דאָס צו ציילן, צווייטנס, פלעגן זיי אָפּט פאַרלירן די קליינע קוויטלאַך, וואָס האָבן געהאַלטן אַ צאָל די לייגג און, דריטנס, פלעגן זיי ליידן פון אויסבייטן און נאָך ענליכעס.

מיין זיידע איז אוראי געווען דער ערשטער, וואָס האָט געמאַכט די קוויטלאַך, אָבער שפּעטער איז עס אים דערעסן. אַלע בעלי־בתּים האָבן עס פאַבריצירט.

פאַר קליינע קרעמלאַך זיינען די דאָזיגע קוויטלאַך געווען ווי אָנגעמאָסטן. זיי האָבן זיך געקאָנט דורכקירעווען אין „געשעפט" און קיין געלט האָט שוין נישט געפעלט. און טאָמער האָט געפעלט אַ הונדערטער צי צוויי, האָט

מען אַ פּאַבּריציר נעטאָן „געלט“ און מען האָט עס באַלד אַרויסגעשטופּט. אַזוי האָבן די קוויטלאַך געדרייערט אַ פּאָר יאָר צייט, ביז עס איז פאַרוועדט געוואָרן, אויך עפּעס דורך אַ אידישער מסירה... אַז די קוויטלאַך זיינען בטל געוואָרן, האָבן פיל געמוזט באַנקראָטירן, אָבער אָהן בזיונות.

אין אָט דער צייט, געדיינק איך, האָט דאָס צען־יאָריגע אינגל געמאַכט אין טרינקאָווסקים קוויטלאַך אַזאַ מין קונץ: ער האָט גענומען אַ קוויטל פון פינף קאָפּיקעס און צוגעשטעלט איינינגע פּאַסקעלאַך, איז געוואָרן פינף און צוואַנציג, דערביי האָט ער עס אַזוי געראָטן געמאַכט, אַז מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט געפינען עפּעס אַ פעלשונג. אַרום און אַרום איז דאָס געווען זעהר גוט אָפּגעאַרבעט.

אַז צו טרינקאָווסקין זיינען אָנגעקומען אַזעלכע קוויטלאַך, וואָס מען האָט געטוישט אויף געלט, האָט ער זיך, פאַרשטייט זיך, נישט געכאַפּט. אָבער אַז עס האָבן זיך אויפגעקליבן אַ היפּש ביסל מטבעותלאַך אַזוינע, האָט ער זיך אַרומגעזועהן, אַז די פינף און צוואַנציג־קאָפּיקענע קוויטלאַך זיינען עפּעס אין אַ צו גרויסער צאָל. צופיל, הייסט עס, אַזוי פיל האָט ער גאָר נישט געמאַכט, און פון דעם האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז פאַראַן אַ פעלשונג. אנגב האָט נאָך דאָס קליינע אינגל געבּרויכט אַריינ־קלעפּן אין מיטן פון קוויטל אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס אַז מען האָט שוין גענומען נאָכקוקן, האָט מען דאָס פּאַר איינוועגס אויך געפּאַקט.

די ראָזיגע פעלשונג האָט אויפגעהויבן אַ מהומה מיט אַ קאָך אין שטעטל און נאָך גרויסע חקירות ודרישות איז מען דערגאַנגען דעם מזיק דערפון. דער רבי מאָטקע האָט געגעבן דעם זייגערמאַכער פינף און צוואַנציג שטאַרקע שמיץ — אַ רמז קעגן די פינף און צוואַנציג פאַלשע קאָפּיקעס. בעת מעשה האָבן אַלע אינגלאַך געמוזט ציילן און באַ יערן שמיץ האָט מען געשריען: איין קאָפּיקע א. אַז. וו.

אויף מאָרגן, נאָכן שמייסן, רופט ער זיך אָן צו מיר:

— חאַצקעלע, דו ווייסט, אַז איך הויב שוין אָן צו קלערן עפּעס מכח אַ נייעם קונץ אין די קוויטלאַך. איצט וועל איך שוין דאָס מאַכן גלאַטער...

— משה, — זאָג איך אים — דו האָסט דאָך געשוואָרן, אַז דו וועסט שוין מער דאָס נישט טון?

באַ די שמיץ האָט ער פּאַר אַלעמען מיט גרויסע קולות געשוואָרן.

— עט! — האָט ער זיך צעלאַכט, ווי אַ גרויסער, — ביסטו דאָך אויך אַ בהמה. מילא, אַז דער רבי איז אַ בהמה, איז דאָך דאָס דער רבי! איך האָב דאָך אַלץ געשריען, אַז איך וועל דעם קונץ נישט מאַכן, אָבער אַן אַנדערן מעג איך דאָך!

ווירקליך, בּאַ אים איז דאָס געווען בּלויז אַ קונץ און נישט מער, וואָרום אין אמתן האָט ער זיך נאָכן געלט נישט געיאָגט. אים איז געווען, ווי אַלע קינסטלער, טייער דער איינפאַל. ער האָט אויך געקאָנט גרויסאַרטיג צייכענען.

דער זייגערמאַכער האָט דאָך נישט געקאָנט בּ ל י בּ ן בּאַ זיינע קונצן.

לסוף זיינען אַוועק גרויסע מסירות, און די אַקציזניקעס האָבּן אים אָנגעוואונקען, ער זאָל מאַכן פּליטה. און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

קאַפּיטל XII

דער זיידע. — דער פּריץ שעמעט. — קושעליעווע. — דער פּאַן שעמעט אָפּנענארט דעם זיידן. — געדונגען פאַר מיר אַ הויף. — ארויסגעפאָרן פון מאַקאַראָווצי. — איך ווער אַן עכטער פּאָסעסאָר. — באַם טאַטן. — דאָס ארויספאָרן אין קושעליעווע. — צרות ווי האָלץ. — אַ געשעפט מיט גויים. — וועלף. — „הו־הו! הו־הו!“ — אַ פּחד. — זומפּן. — חרטות. — אַנטאָן.

דער זיידע איז געווען זעהר פאַרנומען אין בּרויז און געוואָלט האָט ער פאָרן צום מאַרשאַלאָק שעמעט, וואָס האָט אַ סך הויפן אין פּ ר ו ז ש אַ נ ע ר אויעזר. ער אַליין האָט געוואוינט אַ מייל דרייצען פון קאַמעניץ. דער זיידע האָט שוין איינמאָל געדונגען בּאַ אים אַ הויף בּ אַ בּ י ט ש, נעבּן קאַמעניץ, פאַר זיין זון יאָסלען. בּאַ אים האָט מען בּיליג גענומען אַ הויף, און די אירן, וואָס זיינען געזעסן בּאַ אים אין אַרענדעס, האָט ער קיינמאָל נישט אַרויסגעזעצט.

פאַרמאָגט האָט ער סך הכל בּאַ אַ פ י נ ף מ י ל י אָ ן ג י ל ד ן ריין געלט, וואָס איז געלעגן אין אַ וואַרשעווער בּאַנק. אַליין אַן אַלטער מאַן, האָט ער געהאַט נאָך אַ יונגע פרוי און אַן איינציגע טאָכטער פון פופצען יאָר.

קאָנטראַקטן האָט ער פיינט געהאַט. זיין וואָרט האָט ער נישט געבּיטן. מען דאַרף נאָר צאָלן דאָס אַרענדע־געלט, אַפילו נישט אין דער צייט, איז אויך קיין בּייז נישט, שעמעט טוט נישט קיין שלעכטס.

דער זיידע האָט דעריבּער געוואָלט צום ערשטן פאָרן צו אים, ער האָט זיך אָבּער אַלץ נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון בּרויז, און איך האָבּ געמוזט דערווייל זיצן אין פּרוסקע. ערשט אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז דער זיידע געפאָרן צו שעמעטן.

בּאַ שעמעטן, וואָס האָט זיך מיט אים דערפרייט, ווי דאָס רוב פּריצים, איז ער געוואָר געוואָרן, אַז אַלע מאַיאָנטקעס זיינען בּאַ אים שוין פאַרנומען. פאַראַן נאָר איין קליין מאַיאָנטעקל, ק ו ש ע ל י ע װ ו ע הייסט עס, וואָס האָט אינגאַנצן אַ הונדערט און פופציג מאָרג ערד צום זייען. קיין ווייץ

וואַקסט ראָרט נישט, ווייל די ערד איז מאָגער, נאָר היי איז דאָ זעהר אַ סך, בלאָטע־היי — עס וואַקסט אויף בלאָטע. פאַראַן אויך היי אין וואַלד.

— אפשר זאָלסטו עס נעמען — האָט דער פריץ געזאָגט דעם זיירן — ריינעם אַן אייניקל גיב איך דאָס אָפּ פאַר זעקס הונדערט רובל. דיין אייניקל קאָן זיך איינאָרדענען. ער קאָן האָבן אַ פיר הונדערט פורן היי. די פויערים וועלן אים אָפּאַרבעטן די גאַנצע פעלד־אַרבעט פאַר היי. וועסטו דאָס דינגען, זאָל קיינער דערוויל דערפון נישט וויסן, וואָרום די פויערים דאַרפן זייען די זומער־תבואה. אַז זיי וועלן געוואָר ווערן, אַז דו האָסט עס געדונגען, וועלן זיי אַזוי שלעכט זייען, אַז עס וועט נישט ווערט זיין אַ גראָשן. על כן פאָר אַהיים מיט אַן אַנדער וועג, נישט דורכן דאָרף מיכאַלקע. מיכאַלקע איז צו נאָהענט צו קושעליעווע.

דער שעמעט איז נאָך אַלעם געווען אַ גרויסער שווינדלער. זיין וואָרט איז טאַקע געווען אייזן, אָבער אַז ער האָט געקאָנט גלאַטיג עמיצן אָפּנאַרן, האָט ער זיך דערויף נישט געפוילט.

און האָט אים עמיצער געזאָגט אַמאָל:

— פריץ, דו האָסט מיך אָפּגענאַרט.

פלעגט ער דערויף זאָגן:

— ווי שעמסטו זיך נישט אויסצוזאָגן, אַז דו ביסט אַ גרויסער נאַר. וואָרום אָפּנאַרן קאָן מען נאָר אַ נאַר... ס׳איז אַ בושה, אַז אַ מענש זאָל זיך אַזוי קאָנען פאַרנאַרן. אַ נאַר, זאָג איך דיר, דאַרף נישט פאָרן מאַכן מסחרים.

אָט אַזוי פלעגט ער יענעם אויסלאַכן.

נאָר אַז יענער האָט אים פאָרט אַריינקראָגן אין יר אַריין און דערביי אָנ־געוויזן שוואַרץ אויף וויים, אַז שעמעט האָט דאָ צו רייטליך פאַרנאַרט, פלעגט זיך דער אַלטער פריץ אויך נישט אָפּעסן דאָס האַרץ דערפון און מיט אַ באַזונדער גאוה פלעגט ער דערויף ענטפערן:

— ערשט וועסטו שוין זיין אַ קלוגער. פונדעסטוועגן אָבער זאָלסטו זיך ווייטער נישט אָפּנאַרן...

דעם קלוגן זיידן האָט ער אויך אָפּגענאַרט. ער האָט אים אומישנע נישט געהייסן פאָרן צוריק מיט דעמזעלבן וועג, כדי דער זיידע זאָל נישט באַקוקן דעם הויף. וואָרום ווען דער זיידע זעהט דעם הויף, וואָלט ער דאָס אודאי נישט געדונגען. דעם זיידן איז גאָר אויפן זינען נישט געקומען, אַז זיין אייניקל וועט דאָ דאַרפן שטענדיג פירן אַ מלחמה מיט די פויערים און זיין אין אַ וואַלד פאַרוואָרפן און איינזאַם. נאָך מער אָבער האָט דאָ געפעלט די טייערע באָבע. זי וואָלט אודאי און אודאי נישט דערלאָזט צו אַזאַ מין פאָסעסאָריי...

דער זיירע האָט געגעבן אַ הונדערטער האַנט־געלט און באַקומען אַ קוויטל, אַז ער האָט געדונגען דעם הויף קושעליעווע פאַר זעקס הונדערט רובל אַ יאָר. דערביי איז נישט געווען אָנגעוויזן אויף וויפיל יאָר. דאָס איז איין זאַך. צווייטנס, איז אין קוויטל געווען געשריבן, אַז איך מוז אַליין די פעלדער פאַרזייען און נישט אָפּגעבן צו די פויערים, אַז זיי זאָלן די פעלדער באַ־אַרבעטן, וואָס דערפאַר געבן זיי דעם בעל־הבית צוויי־דריטל סנאָפּעס און זיך איין דריטל. אָט דער פונקט, וואָס ווערט שטענדיג אויסגענוצט און איז דאָ גאָר אונטערן האַנט אַוועקגעמאַכט געוואָרן, איז פאַר מיר געווען אַן אומגליק.

דער זיירע האָט געפרעגט שעמעטן, ווי קומט דאָס, וואָס דאָס גאַנצע דאָרף גויים האָבן קיין לעק פאַשע נישט, בעת נאָכן אויפשטאַנד איז אומ־געפאָרן אַ קאָמיסיע, וואָס האָט באַטיילט יעדן פויער מיט פעלדער. צו די פעלדער מוז מען דאָך האָבן פאַשע און היי. ווי קאָן דאָס זיין איינס אָהן אַנדערן?

— בין איך קליגער פון זיי... האָט שעמעט מיט נצחון געשמייכלט, —אַז די קאָמיסיע איז צו מיר געקומען, האָב איך געגעבן די טשינאָווניקעס פאַרזוכן מיין אַלטן בראָנפן — און גענוג... מיט בראָנפן קאָן מען פאַרדרייען אַ קאָפּ, מיט אַלטן אוראי. און די קאָמיסיע האָט געשריבן, ווי איך האָב געוואָלט. איך האָב נאָך בעסער געטאָן — איך האָב איבערגעלאָזט פאַר מיר אַ שטיק לאָנקע, וואָס באַם סאַמע דאָרף. און אָט די שטיק לאָנקע, וואָס קאָן געבן באַ אַ פופציג פורן היי, דינט מיר פאַר אַ בייטש פאַר די פויערים. וואָרום די בהמות מוזן אַרויפטרעטן אויף דער לאָנקע נישט ווילנדיג. און ווען איך פאַרנעם זיי, קומט מיר פון יעדן שטיק אַ האַלב רובל... אויף אַזאַ אופן קאָן מען באַ זיי די הויט אַראָפּציהען. אַז דיין אייניקל וועט זיין אַ מענש, וועט ער פון זיי קאָנען ציהען פיל געלט. זאָג אים... זאָג אים...

דער זיירע, וואָס איז פאַרביי קושעליעווע נישט פאַרבייגעפאָרן, איז געקומען קיין פּרוסקע צופרידן. לויט זיין מיינונג, האָט ער געדונגען פאַר מיר אַ גוטן מאַיאָנטעק און ביליג, מיט אַ גוטן פּריץ.

— אַז חאַצקל וועט דאָרט אַריין, וועט ער שוין דאָרט זיצן — האָט דער זיירע געריבן די הענט פון תענוג — שעמעט נעמט נישט קיין הוספות, מישט זיך נישט אַריין אין פּאָסעסאָרס געשעפטן. יענער באַאַרבעט דעם מאַיאָנטעק אַזוי ווי באַ זיך אַליין. שעמעט קוקט אַפילו נישט אין יענעמס זייט.

איך בין באַלד אַוועקגעפאָרן אַהיים קיין מאַקאַראָווצי אויך אַ צופרי־דענער. ווי דער זיירע — אַזוי איך. אַז דער זיירע איז צופרידן — מעג איך דאָך דאָס אויך זיין. איך האָב מודיע געווען ראָזענבלומען, אַז פאַר פסח פאָר איך אַרויס פון דאַנען אין מיין מאַיאָנטעק, וואָס איך האָב גענומען

אין אַרענדע, און ער קאָן שוין פאַרדינגען די קרעטשמע מיטן פּאַקט אַ צווייטן.

און בּיסלעכווייז האָבּ איך אָנגעהויבּן קלערן וועגן אַריינציהען זיך אין קושעליעווע. קאָנען וועל איך עס אַרום שבועות. איך וועל אָבּער דאַרפן אָנקויפן אַ סך זאַכן און גאָר נישט קיין קליינע: בּהמות, אָקסן, פערד, שפּאַנען מיט אַלע מכשירים, וואָס ווערן געבּרויכט צו אַ מאַיאָנטעק.

מען מוז אָבּער אָנהויבּן איינקויפן וואָס פריהער. ס'איז זומער, אין פעלד איז דאָ גענוג אַרבּעט, און אַז איך וועל אָנהויבּן אַלץ איינקויפן און איינריכטן נאָך מיין קומען אין קושעליעווע, וועט אַוועקגיין דער גאַנצער זומער, און די פעלדער וועלן נישט זיין בּאַאַרבּעט.

אַלע פּאָסעסאָרן, אַז זיי דינגען אַ נייעם הויף, ציהען זיי זיך אַריין ווינטער, צו ניי־יאָר, ווען די פעלדער זיינען בּאַרעקט מיט שניי. גרייטן זיי זיך צו דערווייל און צו פּסח־צייט קאָנען זיי אַלץ פאַרטיג מאַכן. אָבּער אַזוי ווי איך וועל זיך קאָנען אַריינציהען דוקא זומער, מוז איך אַלץ צוגרייטן דאָ, פריהער, וואוינענדיג אין אַן אַנדער הויף.

איך האָבּ זיך צונויפגעשריבּן מיטן טאַטן, אַז איך וועל קומען צו אים אין פּאַסעקי אין מערץ, וועל אַלץ איינקויפן און האַלטן בּאַ אים אין הויף, און סוף מאַי וועל איך אַריינפאָרן מיטן גאַנצן קלאַפּערגעציינג אין קושעליעווע.

אין מאַקאַראָווצי האָבּ איך דערווייל אַלץ פאַרקויפט און געשיקט אויס־רופן אין אַלע בּתי־מדרשים אין קרינקי, אַז ווער עס האָט עפּעס צו מיר טענות, זאָל קומען צו מיר, וואָרום איך פאָר אַרויס פון מאַקאַראָווצי.

איינגנטליך, איז דאָס אויסרופן אין בּתי־מדרשים געווען אַן איבּעריגע זאַך, וואָרום קיינער האָט צו מיר קיין טענות נישט געהאַט און קיינעם בּין איך קיין גראָשן שולדיג נישט געווען, נאָר דאָס האָט זיך געפּאַסט צום רומפּל, ווי מען זאָגט אין ליטע, און ריכטיגער — דאָס איז געווען אַ מין פּוסטע גאוה, וואָס איך האָבּ אומשולדיג עטוואָס געגאַשט פון זיירן.

האָט מען אויסגערופן אין די בּתי־מדרשים און... קיינער איז נישט געקומען...

אַזוי בּין איך אַרויסגעפאָרן פון מאַקאַראָווצי. כּאַנכע האָבּן געוויינט בּאַם געזעגענען זיך און העכער פאַר אַלעמען — דער ארליאַנער פּאָפּ. ער האָט גאָרנישט געקאָנט לעבּן אָהן מיר און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ווען איך וועל קומען צו אים בּעטן הילף, זאָל גאָט היטן, וועט ער אויסטון פון זיך דאָס לעצטע העמד און מיר אַוועקגעבּן.

און מיר האָט אויך שטאַרק געריסן דאָס האַרץ. וואָס איך פאַרלאָז אַלע מיינע שכנים און גוטע פריינט, מיט וועלכע איך האָבּ זיך אַזוי איינגעלעבּט. נאָר וואָס זאָל מען טון, אַז מען מוז וואַנדערן. אַזוי איז שוין בּאַשערט.

אַז איך בין דערנאָך אַריינגעקומען צום טאַטן קורץ געקליירט, האָט ער מיך נישט קאַלט אויפגענומען. ער האָט געשמייכלט מיט זיין שמייכל און האָט מיר, אַפּנים, אַלע מיינע עבירות מוחל געווען. צי איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז עס איז גלייכער צו שווייגן, מוחל זיין, איידער דרייען אַ ספּאָדיק מיט די הויזן?

די פאַמיליע מיינע, דער טאַטע, דער פעטער יאָסל און דער בן־יחיד אריה־ליב, האָבן אַלע מיר געהאָלפן איינקויפן די בעלי־בתּישקייט, וואָס מען באַדאַרף האָבן צו פעלד־אַרבעט. איך האָב מיר באַשטעלט נייע וועגנס אויף פירן שאָקן תּבואה און אויף פירן מיסט, געקויפט סאָכעס, און בראָנעס, און גראַבלעס, און פערד, און אָקסן, און בהמות. אַלץ, אַלץ, אַלץ.

איינגעקויפט האָבן מיר אַלע זונטאָג צו ביסליק, און אויפן טומלדיקן יורי־יריד, וואָס שטעלט זיך אין קאַמעניץ זעהר גרויס, האָבן מיר דער־קויפט דאָס לעצטע, וואָס מען האָט נאָך באַדאַרפט — און גענוג!

דעם פּופּצענטן מאַי זיינען מיר אַרויסגעפאָרן אין קושעליעווע...

אַז מיר זיינען געקומען אין קושעליעווער וואַלד, פיר וויאָרסט פון הויף, האָט אונז אַ פּחד אָנגענומען: גרויסע וויסטע בלאָטעס און זומפּן, אָהן אַן אָנהויב און אָהן אַ סוף, און מיר האָבן זיך געשלעפּט די פיר וויאָרסט אפשר צוויי שעה. מיר איז באַלד געוואָרן ווייער אויפן האַרצן.

איך האָב געזעהן וועלדער. ס'איז טרוקן, אַ מחיה, און דאָ גייען שרעק־ליכע זומפּן מיט בלאָטעס, אין וועלכע עס דאַרפן זיך פּאַשען די בהמות. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ מין פּאַשע טויג נישט פאַר בהמות. זיי וועלן זיך איינקנעטן אין בלאָטעס און אין זומפּן און וועלן נישט קאָנען אַרויסקריכן. איך האָב שוין, זייענדיג אין מאַקאַראָווצי, געהאַט אַ שטי־קעלע באַגריף פון פעלד־אַרבעט. אָבער וואָס איז די פּעולה? מען מוז שווייגן. פאַרפאַלן.

קוים דערשלעפּט זיך צום הויף — איז אונז געוואָרן נאָך פינסטערער אין די אויגן. אַזאַ יתומדיגער הויף, נישט אַרומגעצוימט, גריבער, לעכער, שטיינער, וויניג באַוואַקסן מיט גראָז.

אינעווייניג, אין הויף, שטייט אַ חושכדיג הויז, לאַנג ווי דער גלות, שוואַרץ, אַלט, אָפּגעלאָזט, און אויף אַלץ ליגט אַ וויסטעניש מיט אַ טוכלער קאַלט־קייט. פּויערים־באַטראַקעס, ווי איך האָב מיך דערנאָך דערוואוסט, האָבן דאָרט געוואוינט פון אַ יאָר דרייצן...

און נאָך אַ צרה:

אַ סך בהמות האָבן זיך געפּאַשעט אין די קאָרן נעבן הויף — פּיינע פּאַ־ראָנדקעס! די פּאַסטוכער, דערזעהענדיג אונזער אָנפאָרן, זיינען זיך צע־

לאָפן, און איך מיטן ווײַב האָבן אויפן ערשטן ברוך־הבא גענומען אַראָפּ־טרײַבן די בהמות פונם קאָרן. מיר האָבן זיי פאַרטריבן אין דער אָבאָרע און צוגעציילט: צוויי און נײַנציג שטיק זײַנען זיי געווען... מיר האָבן פאַרמאַכט די טיר און פאַרשטעקט די קליאַמקע מיט אַ העלצל.

אין אַ האַלבער שעה אַרום זײַנען געקומען אין הויף אַרײַן כּמעט דאָס גאַנצע דאָרף גויים. זיי זײַנען געקומען בעטן, איך זאָל זיי אַרויסגעבן די בהמות. אַליין אַרויספירן זיי פון אָבאָרע, וואָס איז נישט געווען צוגע־שלאָסן, האָבן זיי דאָך נישט געוואַגט.

איך האָב כּלומרשט אָנגעהויבן בעטן אַ רובל פון שטיק און זיי געמסורט, ווי קאָנען זיי דאָס פּאַשען די בהמות אין פרעמדן קאָרן... ס׳איז דאָך אַן עבירה פאַר גאָט. נאָר זיי האָבן מיך איבערגעבעטן, און איך האָב זיי אַרויסגעגעבן די אַרעסטאַנטן...

איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך גיב זיי צייט צו פּאַשען זייערע פי באַ מיר אין וואַלד ביז זונטאָג. דעמאָלט וועלן מיר שליסן אין דאָרף־קאַנצעלאַריע אַ קאָנטראַקט, אין וועלכן זיי וועלן זיך פאַרפליכטן צו געבן מיר זומער־אַרבעטער פאַר דער פּאַשע.

דער סטאַרשינאַ האָט געוואוינט אין דאָרף מיכאַלקע, וואָס געהערט, ווי געזאָגט, צום הויף קושעליעווע. האָב איך אים געשיקט רופן.

— פּאַניע סטאַרשינאַ — האָב איך אים געזאָגט, — אויף זונטאָג זאָלסטו צונויפרופן דעם גאַנצן עולם פון דאָרף, זיבן און צוואַנציג געזינדן, זיי זאָלן קומען צו מיר איבעררײַדן וועגן דער פּאַשע, וואָס איך וועל זיי געבן אין מײַן וואַלד. אויב זיי וועלן זונטאָג מיט מיר נישט מושוה ווערן און נישט שליסן קיין קאָנטראַקט, לאָז איך זיי ווײַטער נישט פּאַשען באַ מיר זייערע קי.

זונטאָג פריה איז געקומען דאָס גאַנצע דאָרף גויים מיטן סטאַרשינאַ און מען האָט געפּרעגט, וויפיל וויל איך פאַר מײַן פּאַשע.

האָט מען זיך געדונגען עטליכע שעה צײַט, ביז מיר זײַנען דורכגעקומען, אַז פאַר יעדער בהמה, אָדער אַ פערד, אָדער אַפילו אַ קעלבל, זאָל מען מיר געבן צו דער אַרבעט אויף אַ טאָג צייט צוויי אַרבעטער מיט אַ שפּאַן, דאָס הייסט מיט אַ פערד.

דאָס האָבן מיר געשמועסט באַ מיר אין הויף. דערנאָך זײַנען מיר אַלע אַוועק אין קאַנצעלאַריע. דאָרט איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דער קאָנ־טראַקט, אין וועלכן איך האָב מוסף געווען, אַז ווען איך וועל רופן עמיצן צו דער אַרבעט, — אַן אַרבעטער אַזוי אָדער מיט אַ פערד צוזאַמען, — מוז ער באַלד קומען; און אַז איך וועל רופן צוויי מאָל און מען וועט נישט קומען, דאַרף איינגעצאָלט ווערן דריי רובל שטראָף.

ווייטער איז געווען נאָך אַ וויכטיגער פּונקט:

צו שניט־צייט, איידער מען הויבט אָן שניידן תּבואה, דאַרפֿן זיי מיט דריי טעג פֿריִהער שניידן בײַ מיר, און דערנאָך אַ טאָג איבער אַ טאָג: איין טאָג שניידן בײַ זיך און איין טאָג בײַ מיר, און אין אַ צײַט פֿון צוויי וואָכן מוז צו מיר אין שייער אַרײַנגעפֿירט ווערן די גאַנצע תּבואה.

פֿאַר איין פֿינף־רובלדיקע האָט מיר דער שרײַבער אָנגעשריבן דעם קאָנטראַקט; ער איז געוואָרן אַזוי נאָכגיביק, כאָטש נעם און קויף בײַ אים אָפּ אַלע פּויערים. און דער סטאַרשינאַ האָט זיך גלאַט צו מיר געחנפֿעט, האָפֿנדיק, אַז ער וועט האָבן פֿון מיר טובֿות. מען האָט געלעגט דעם שטעמפּל און זיך אונטערגעחתמעט. פֿאַרטיק, הייסט עס.

איך האָב אָפּגערעדט, אַז מאָרגן פֿריִה, אַזייגער זעקס, וועל איך קומען אין דאָרף און פֿאַרשרײַבן, וויפֿל בהמות יעדער בעל־הבית האָט, צו וויסן וויפֿל אַרבעטער דאַרף מיר יעדערער געבן.

אויף מאָרגן פֿריִה בין איך געקומען אין דאָרף, גענומען דעם סטאַרשינאַ מיטן סטאַראָסטאַ און געגאַנגען פֿון הויז צו הויז ציילן די שטיקלאַך.

איך האָב אײַנגעזען, אַז די גויים ווילן מיך אָפּנאַרן און דערבײַ פֿאַרמסרט מען דעם צווייטן...

יעדערע האָט, געדרייט איך, געזאָגט, אַז אַנדערע גויעס האָבן פֿאַרגנבעט קעלבלאַך אונטער אַ שטאַל, איך זאָל נישט זעהן. האָב איך זיך אָנגעגורט די לענדן און געמאַכט אַ גוטע רעוויזיע, אונטערוואַרעמענדיק דעם סטאַר־שינאַ. און אַז איך האָב געכאַפּט אַ קעלבל, וואָס מען האָט באַהאַלטן, כּדי מען זאָל פֿאַר זיין ביסל אומשולדיק גראָז, וואָס עס עסט אויף, נישט דאַרפֿן אָפּאַרבעטן, האָט דער סטאַרשינאַ געמאַכט אַזעלכע גוואַלדן: „ר ו ג נ ב!“, פּונקט ווי מען וואָלט טאַקע בײַ מ י ר ג ו פ א געגנבעט דאָס קעלבל.

איך האָב פֿאַרשריבן מער ווי זעקס הונדערט שטיקלאַך. האָב איך, הייסט עס, זעקס הונדערט פֿור־אַרבעטער און זעקס הונדערט פֿוס־אַרבעטער. אַן ענין איז דאָס אַ היפּשער, אַ נישקשהדיקער.

די לאָנקע, וואָס געבן דאָרף, האָבן זיי אָפּגעקויפֿט בײַ מיר פֿאַר הונדערט רובל און ז י ב ן און צ וו אַ נ צ י ג שניטער. מכּח בלאָטע־היי האָב איך מיט זיי אָפּגעמאַכט אויף דער העלפֿט: אָפּקאָשען אַ העלפֿט און אַרײַנפֿירן צו מיר אין שייער און אַ העלפֿט צו זיי.

די גויים האָבן מיר אָפּגעאַרבעט די גאַנצע פֿעלד־אַרבעט פֿון אלף ביז תּו פּינקטליך, שיין און מיט טאָלק. פֿאַר אַ פּאָסעסאָר איז דאָס אַן אוצר. מען דאַרף נישט דאַנגען זומער פֿאַר קיין אַרבעטער. אַ שפּאַס, וואָס עס טוט זיך אָפּ, אַז עס קומט שניט־צײַט און גאָט העלפֿט, עס איז אַ טרוקענער זומער און די זאַנגען ווערן גיך צייטיג און עס הויבן זיך אָן באַלד אויס־

צעשיטן די קערנער; אָדער פאַרקערט, ווען די שאָקן שטייען אין פעלד און עס מאַכן זיך רעגנס און מען דאַרף זיי וואָס גיכער אַריינפירן אין שייער אַריין. וואָרום אַז נישט — הויבן זיי אָן פוילן; אָדער אָנהויב וויעסנע, מען דאַרף פאַרזייען די זומער־תבואה און עס שטייען וואַסערן מיט גרויסע רעגנס, קאָן מען נישט פאַרזייען. טוט אָבער פאָרט באַלד אַ שיין די זון, קאָן מען שוין זיך נעמען צו דער אַרבעט, מוז מען דעמאָלט האָבן אַ סך הענט, ווייל עס איז שפּעטליך און מען דאַרף זיך צו־איילן. אַקערט מען שנעל, בראָנעוועט מען שנעל, זייט מען שנעל. טאָמער פאַרשפּעטיגט מען דאָך, האָט שוין די תבואה קיין צייט נישט פאַר זיך צו וואַקסן — ווערט אַ צרה מיט אַ מהומה; דאָס לעבן איז דעמאָלט נישט ניחא. מיט איין וואָרט, מען מוז האָבן וואָס מער אַרבעטער. זאָל גאָט אויסהיטן, טאָמער פעלן דעמאָלט אויס אַרבעטער — מען איז ממש פאַרפאַלן. די פּאָסע־סאָרס לויפן דעמאָלט אַרום, ווי פאַרסמטע מייז, זוכן מיט ליכט אַרבעטער, און גרויסע טראָפּנס שווייס שטייען זיי אויפן פּנים.

אין דעם פּרט וואָלט מיר געווען אמת גוט, ווען נישט די גרויסע חסרונות פון קושעליעווע גופא.

קודם כל דער וואַלד פון קושעליעווע. ער האָט געהאַלטן אַכצען הונדערט מאָרג און האָט זיך געגרעניצט מיט טעמרער וואַלד, נאָך אַ גרעסערער; דער טעמרער, ווירער, מיט נאָך וועלדער, אַזוי אַז עס איז דורכאויס אַרום און אַרום געווען וואַלד. מיין קליין הויפל איז געשטאַנען אין מיטן קושעליעווער וואַלד, ווי אַ פאַרוואונדעטער פויגל, עלנט, איינזאַם און פאַר־לאָזט, — אַן אמתע ווויסטעניש. די ערד איז מאָגער, און דאָרט, וואו עס איז נישט מאָגער, ליגן שרעקליכע זומפּן, בלאָטעס, געמויזעכטסן, פאַר שרים אויף צו וואוינען. אין וואַלד איז נישטאָ קיין וועג, וואָס זאָל זיך ציהען, ווי עס טרעפט דאָס רוב, פון איין שטאָט אין אַ צווייטער. נישטאָ, נישט קיין וועג, נישט קיין שטעג.

אין וואַלד זיינען געווען זעהר פיל וועלף. דער גראָדנער גובערנאַטאָר פלעגט אַרויסשיקן איין מאָל אין צוויי יאָר אַן אָבלאַווע אויף וועלף. די דאָזיגע וועלף האָבן זיך נישט געשראָקן צו כאַפּן באַ מיר סאַמע אין הויף אַ גאַנז. איינמאָל, געדיינק איך, האָבן פּויערים, אַקערנדיג די פעלדער, נעבן הויף, דערזעהן אַ הינקעדיגן וואָלף. האָבן אַלע אַ וואָרף געטאָן די אַרבעט אין מיטן און זיך אַוועקגעלאָזט מיט דראָנגען דערהרגענען דעם וואָלף, און דערביי האָבן זיי געמאַכט אַזוינע גרויסע געוואַלדן, אַז עס האָט געגרוילט.

עס זיינען אויך געווען ווילדע חזירים, וואָס פלעגן אויפעסן די קאַר־טאָפלעס פון פעלד.

בעת די קי פּאַשען זיך אין וואַלד, קאָנען די פּאַסטוכער נישט צונויפ־קלייבן זיי אין איין אָרט, אַוועקצוטרייבן אַהיים. יעדער פּאַסטוך שרייט און הוקעט צו זיינע בהמות און טרייבט זיי איינציגווייז. אַ בהמה קאָן זיך אַמאָל פאַררוקן אונטער אַ בוים, און דער פּאַסטוך דערזעהט זי נישט. אַלע בהמות פלעגן זיך צעשפּרייטן אונטער די בוימער, און מען האָט באַראַרפט האָבן אַ סך פּאַסטוכער.

יעדער פּויער האָט געהאַט אַ באַזונדער פּאַסטוך, אָבער עס איז דאָך געווען כמעט ווי אוממעגליך, אַז אַ פּאַסטוך זאָל ברייננען אַהיים אַלע זיינע בהמות פאַר אַמאָל. באַ יעדערן פלעגט טיילמאָל פאַרבלייבן אין אָוונט אַ בהמה נעכטינגן. דאָס האָט די גויים זעהר געשראָקן. וואָרום עס איז גאַנץ מעגליך, אַז די בהמה זאָל איבער נאַכט אויפגעפרעסן ווערן פון די וועלף. אין אַזוינע נעכט פלעגן די פּויערים אומלויפן איבערן וואַלד ווי משוגעים און זוכן זייערע בהמות. דערביי האָבן זיי שרעקליך געשריען, כּדי די בהמות זאָלן דערקענען דאָס קול פון בעל־הבית און די וועלף זאָלן זיך דערשרעקן...

שוין דעם ערשטן אָוונט האָב איך דערהערט די צעצויגענע טרויעריגע אויסגעשרייען פון די פּויערים, וואָס זיינען אַרומגעלאָפן אין וואַלד:

— הו־הו!.. הו־הו!..

אַ שוידער גייט דורך איבערן לייב: וואַלד, נאַכט, וועלף און פּויערים, וואָס דאַרפן מיר קיין גוטע פריינט נישט זיין...

די קולות שטאַרקן זיך, קומען אַלץ נעהענטער און נעהענטער.

— הו־הו!.. הו־הו!..

און אַז מיר האָבן אין דער ערשטער צייט דערזעהן עטליכע פּויערים מיט ביקסן אין די הענט (די פּויערים האָבן אַלע געהאַט ביקסן) נאָך די שרעקליכע געשרייען, זיינען מיר געבליבן טויט, סאַמע מתים.

אָבער אַז זיי האָבן אַראָפּגעכאַפּט די היטלען און געזאָגט דעם גרויסן דאָברי־װעטשער און געפרעגט מיט גוטע, פאַרצווייפלטע שטימעס, צי זייערע בהמות זיינען נישט פאַרנומען באַ מיר אין שאָרן, איז אונז עטוואָס לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן.

אַזאַ מין פּאָרציע האָבן מיר אויך געהאַט באַלד אין דער ערשטער נאַכט פון אונזער קומען קיין קושעליעווע. עס האָט אונז געטרייסלט אַ צאָן אָן אַ צאָן. דערנאָך, אַז מיר האָבן דערזעהן די פאַרצווייפלטע גויים, האָב איך זיך מיטן ווייב פאַלש געטרייסט, אַז פאַר די פּויערים האָבן מיר גאָרנישט וואָס צו מורא האָבן — גוטע גויים...

אין זין פון אָרדענונג און געזעץ זיינען די פּויערים דעמאָלט נישט שלעכט געווען אַוועקגעשטעלט. עס איז דאָך געווען נאָך דער פּויערים־

באַפרייאונג. די פויערים האָבן געהאַט אַן אייגענעם סור, וואָס האָט געהאַט גרויסע פּאָלמאַכטן.

אָט דער סור, וואָס איז באַשטאַנען פון פיר פויערים, האָט געקאָנט צומשפטן פופציג שמיץ אַפילו. די טעטיגקייט פון סור האָט זיך באַצויגן נאָר צו פויערים. האָט אַ איד אָבער געהאַט אַ משפט מיט אַ פויער, האָט דאָס שוין געהערט צום מיראָוואָי סוריאַ. אַז דער איד האָט געוואָלט, האָט ער געקאָנט איבערטראָגן זיין משפט מיטן פויער אין פויערשן סור.

דער ראָזינגער סור איז געווען העכסט אומפּאַרטייאיש. מען האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן אַ איד און אַ קריסט. מען האָט געמאַכט גערעכט דעם, וואָס איז געווען גערעכט, און, פאַרקערט, פאַרמשפּט דעם, וואָס איז געווען אומגערעכט. דער איד האָט נאָך דערצו געהאַט אַ פּריווילעגיע: אויב דער פסק־דין פון פויערים־סור איז אים נישט געווען צום האַרצן, האָט ער געהאַט אַ ברירה נישט צו הערן אים און איבערטראָגן דעם פּראָצעס אין מיראָוואָי סור.

אין יענער צייט האָבן די פויערים בכלל געהאַט אָפּשיי פאַר אידן און זאָגאַר געהאַלטן זיי פאַר גרעסערע יחסנים. דעמאָלט האָט מען נישט געהערט, אַז פויערים זאָלן באַגיין געוואַלטטאַטן איבער אידן. טאָמער האָט עפּעס אַזוינס געטראָפן, איז עס געווען אַ זעלטענער פאַל. די קאַנצעלאַריעס האָבן אויך גוט אַכטונג געגעבן אויף זיי.

ביסלעכווייז האָבן מיר זיך איינגערוהיגט, הגם זייער הוקעניש און שרייעניש אַלע נאַכט האָט געריסן באַם האַרצן.

גרויס עגמת נפש האָב איך געהאַט פון די בהמות, וואָס פלעגן איינזינקען אין די וואַלד־זומפּן. עס איז נישט אַוועק אַ טאָג, וואָס אַ בהמה זאָל זיך נישט איינקנעטן אין אַ זומפּ. אַ זאַך איז דאָס געווען אַ געפערליכע. אַ בהמה איז בטבע אַ „שוואַך וועזן", און אין אַ פּאָר שעה צייט, ווען זי ליגט אין זומפּ, פאַרקילט זי זיך און פגרט גאָר אַוועק דערנאָך.

אַלע טאָג איז דער פּאַסטוך געקומען צולויפן מיט רעמזעלבן:

— כאָזיאַאין, אַ בהמה זיצט אין זומפּ!..

האָט מען געמוזט באַלד צונויפרופן גויים, אַז זיי זאָלן אַרויסהויבן די בהמה פון זומפּ. צוזאַמען מיט די פויערים פלעג איך אַליין אויך מוזן קריכן אין טיפע בלאָטעס, וואָס האָבן צוגענומען דאָס געזונט, אַריינגעקראָכן מיט איין פוס און קוים אַרויסגעשלעפּט, גאָט צו דאַנקען. אַרויסגעשלעפּט — און דער צווייטער פוס איז שוין טיף פאַרזונקען.

פיל מאָל פלעגן מיר געפינען די בהמות כמעט ווי געפּגרטע. פלעגן מיר מאַכן אַ פייער פון טרוקענע צווייגן און וואַרעמען זיי נאָכן אַרויסנעמען פון זומפּ, ביז זיי האָבן זיך געקאָנט אויפהויבן און גיין אַהיים.

אַזוי האָב איך געהאַט אַלע טאָג אַן עסק מיט בהמות.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיטן פאַרקויפן איינציגע שטיקלאַך לאָנקעס, אַן ערך פערציג שטיק, וואָס זיינען געלעגן צעוואָרפן אין דער נאַסער זייט פון וואַלד. פלעגן קומען פויערים פון די אַרומיגע דערפער קויפן שטיקלאַך לאָנקע. האָט מען מיך אַרומגעפירט איבערן נאַסן וואַלד: איין פוס אַריין — דער אַנדערער פוס אַרויס, אַזוי כסדר, נאָכאַנאַנד, לאַנג, און איך פלעג קומען אַהיים כמעט אַ טויטער.

פון אַזאַ קריכעניש בין איך קראַנק געוואָרן, מיר האָט אָנגעהויבן ווי צו טון אין האַרצן, און אַז איך פלעג קומען אַהיים, פלעג איך פאַלן אויף דער קאַנאַפּע. קוים וואָס איך האָב געלעבט, און דאָס ווייב האָט אָפּטער צוגעוואָרפן:

— לאָמיר איבערלאָזן די גאַנצע קושעליעווע און אַנטלויפן מיטן לעבן.

טיילמאָל האָב איך באַדאַרפט צופאָרן אין די אַרומיגע שטעטלאַך איינצוקויפן אויף די מערק נויטיגע זאַכן, וואָס מען באַדאַרף אָפּטער האָבן אין אַ בעלי־בתישקייט. צוריק אַהיים פלעגט מיר אויסקומען פאָרן באַנאַכט, אַרום מיר פלעגן וואָיען הונגעריגע וועלף, און כדי צו פאַרטרייבן די אומעטיגע רעיונות, פלעג איך שרייען, קלאַפּן און קלינגען מיט אַ גלעקל. דער העק, די פאַרוואָרפנקייט האָט מיך אינגאַנצן דערשלאָגן.

באַ לייטן אויף די דערפער פאָרט מען אין געסט אין דער פרייער צייט. באַ לייטן אויף די דערפער איז נישטאָ אַזוי פיל וואַלד, אַרום איז מער פריי, מען פאַרברייגגט ביז שפּעט אין די אָוונטן איינער באַם צווייטן און דערנאָך פאָרט מען זיך אַהיים; אָבער דאָ קומט קיינער נישט צו מיר און נישט איך צו קיינעם. דער פאַרשאָלטענער וואַלד האָט פאַר אַלעמען פאַר־צוימט דעם וועג.

איך האָב אינגאַנצן פאַרוואָרפן מיינע חקירה־ספרים און בין געוואָרן אַן אמתער העק־ישובניק מיט אַלע פּיטשעווקעס און אין די זונטאָגן אָדער חגא־טעג פלעג איך פאַרברייגגען מיט די פויערים. אויפן האַרצן איז מיר געווען שווער, זויער, נישט ניחא. מיר האָבן באַנג געטאָן מיינע קינדער, וואָס וועלן פאַרגרעבט ווערן אין אַזאַ מדבר.

און אַז איך פלעג זיך דערמאָנען אָן די מאַקאַראָווצער פאַרגעניגנס מיט די פרייהייטן, מיט די טייערע האַרציגע פריינט און באַקאַנטע, פלעגט מיר אויפקאָכן דאָס בלוט פון פאַרדראָס, אַז איך וואָלט זיך אַליין צעריסן אויף שטיקלאַך.

צו וואָס האָב איך אַרויסגעוואַנדערט פון דאָרט אַהער?

שלעכט מיט די קושעליעווער פויערים האָב איך נישט געלעבט. איך האָב זיי קיינמאָל נישט באַשטראָפט, ווען זייערע בהמות פלעגן גיין צו

מיר אין שאָרן. פונדעסטוועגן בין איך געווען אַ איד, אַ פאַרוואָרפענער איד און זיי — אַ סך, אַ סך גוייִם...

איך האָב זיי אַלץ געשיינקט, געליען זיי געלט, ווען זיי האָבן נויטיק באַראַרפט, איך האָב זיי אָפט מאָל טובות געטאָן און זיך לפי ערך איינגעלעבט מיט זיי. אָבער דער פויער איז מיר דאָך פאַרבליבן פרעמר. און אַפילו מער ווי פרעמר... נישט קוקנדיק דערויף, וואָס פויערים געדיינקען אַ טובה, מענשליכע גוטסקייט.

איך בין איינמאָל אין אַ חגא געגאַנגען באַקוקן מיינע פעלדער אין וואַלר. דערזעה איך, ווי צוויי אָקסן פאַשען זיך אין קאָרן, און דער פאַסטוך אַנטאָן, אַ יונג פון אַ יאָר 20, דער גרעסטער גבור אין דאָרף, זיצט זיך גלייכגילטיג מיטן פייפעלע, ווי נישט אים מיינט מען. נעם איך און שנייד אויס אַ רוט פון אַ בוים און הויב אָן צו טרייבן די אָקסן צו זיך אַהיים. אָבער אַנטאָן טרייבט זיי צו זיך אין דאָרף אַריין. איך טרייב זיי אין הויף, און ער — אין דאָרף. האָב איך דערציילט דעם סטאַרשינאַ, אַז אַנטאָן האָט מיך נישט געלאָזט פאַרנעמען זיינע אָקסן, וואָס זיינען געגאַנגען אין שאָרן. האָט מען זונטאָג געמאַכט אין קאַנצעלאַריע אַ משפט אויף אַנטאָנען און מען האָט אים צוגעמשפט 20 שמיץ.

דער פאָסעסאָר — אַ גוטער, למאי איז אָנטון שאָרן?... איז צו מיר געקומען אַנטאָנס פאַמיליע, בראש מיט זיין ברודער פ אַ וו ע ל דעם סטאַראָסטאַ, און מען איז מיר געפאַלן צו די פיס, איך זאָל אים מוחל זיין. און אַז איך האָב אים מוחל געווען, איז דאָס באַ זיי זעהר אָנגעלעגט געווען. אָ ב ע ר ג אָ ר א י נ ג אַ נ צ ן ז י י ן צ ו מ י ר ג ו ט, האָבן זיי דאָך נישט געקאָנט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיי טראַכטן שטענדיג איין זאַך: וואָס טו איך דאָ צווישן זיי? ווי קום איך אַהער? וואָס פאַרנעם איך זייערע פעלדער? וואָס באָמבל איך זיך, אַ איד, צווישן זייערע שוואַרצע, האָריגע פּנימער און בייזע, כמאַרנע, הונגעריגע אויגן?..

שניט־צייט האָט דאָס גאַנצע דאָרף זיך גענומען צו מיין תבואה. זיי האָבן מיך פ ר י ה ע ר געוואָלט אָפּפּטרן און דאָס איז געווען אַ גרויסע זאַך. די תבואה איז געוואָרן טרוקן און מען האָט באַראַרפט וו אָ ס ג י כ ע ר אָפּשניידן און גלייך אויף מאָרגן אַריינפירן די שאָקן אין שייער, בכדי די קערנער זאָלן זיך נישט אויסשיטן אין פעלר. אין צען טעג צייט איז שוין געווען באַ מיר אָפּגעשניטן דאָס גאַנצע קאָרן און אַריינגעפירט אין שייער.

די זומערדיגע תבואה איז דאָס יאָר געווען אַזוי געראָטן, אַז אַלטע גוייִם האָבן געזאָגט, אַז זיי געדיינקען שוין נישט נאָך אַזאַ געראָטן יאָר אויף קאָרן. גערשטן, האָבער, קאַרטאָפלעס, אַרבעס, גריקע און אַלע גערטנער־

גרינסן זיינען געווען זעהר שלעכט: פון פערציג מאָרג פאַרזייטן האָבער האָב איך אַפילו נישט געהאַט פאַר מיין פאָר פערד צו געבן עסן. מאָגערע שוואַרצע קערנער — און אויף זייען איבער אַ יאָר האָב איך געמוזט אַלץ דערקויפן.

נאָר היי האָב איך געהאַט זעהר פיל. אפשר 400 פורן היי.

אָבער וואָס איז די פעולה, אַז עס איז שלעכט, אומעטיג און נורנע, אַז איך קאָן מיר קיין אָרט נישט געפינען?

און נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל האָב איך פאַר זיך אין דערשטיל אזן מיט ווי דערמאָנט די גוטע, די ליבע און היימליכע מאַקאַראָווצי...

קאַפּיטל XIII

דער וואַלד ברענט. — אַ שרעקליכע שׂרפה. — איך בין צעמישט. — מיר ראַטעווען די שטוב־זאַכן. — אָפּגעברענט אַ פופציג דעסיאַטין וואַלד. — דער וואַלד ברענט ווידער. — איך לויף העגדוס־פּענדוס זוכן לעשער. — דער סטאַראָסטע. — איינגער־לאָשן. — מיינע אַגראָנאָמישע פּלענער. — אַ נייער אומגליק. — אַ דאַך איינגעפאַלן. — נאָך גרעסערע צרות. — דאָס קינד פון ווינעלע אַרויסגעפאַלן. — מיין ווייבס קראַנק־הייט. — די קינדער קראַנק געוואָרן. — לויף אַהין־לויף אַהער. — יעקב־יאָסל. — אַ אידענע מיט אַ חלום. — געוואַלד!!! — די צוואה מיט די האָר. — מיין נגונדל.

איינמאָל, באַם שניידן האָבער, בין איך מיר אַזוי געשטאַנען נעבן די שניטער פאַרטיפט אין מיינע רעיונות. צווישן די שניטער איז געווען אַ פּויער טעאָדאָר, זעהר אַ בייזער, אַ שלעכטער, אין וועלכן איך האָב געפילט שטענ־דיג אַ באַזונדער שנאה צו מיר. און אָט גיט זיך דער ראָזיגער טעאָדאָר פלוצלינג אַ דריי אום און לאָזט אַרויס אַ פריילֹיכן געשריי:

— דער הויף ברענט!...

איך בין בלאַס געוואָרן. פון דער זייט פון הויף שטייגט אַרויס אַ רויך אין הימל אַריין. מיט די לעצטע כּחות בין איך אַוועקגעלאָפן צוזאַמען מיט נאָך אַ פינף פּויערים צום הויף. וואָס ווייטער איך לויף צום הויף, אַלץ מער, זעה איך, גרעסערט זיך דער רויך און פאַרשפּרייט זיך איבערן גאַנצן וואַלד, ווי אַ טונקעלער טוך. אַז איך קום צום הויף, לויפט מיר דאָס ווייב אַנט־קעגן מיט פאַרבראָכענע הענט:

— דער וואַלד ברענט!...

דאָס פייער דערנעהענטערט זיך צום הויף און אָט וועלן אוראי איינגע־שלונגען ווערן די שטרויענע דעכלאַך פון פייער...

און איך ווייס גאָרנישט, וואָס מען טוט און ווי מען לעשט אַזאַ גרויס פייער אין וואַלד. און איך ווייס גלאַט נישט. אויף וואָסער וועלט איך בין. די פּויערים האָבן געזאָגט, אַז דער הויף איז אין סכּנה, וואָרום דער וואַלד איז פול מיט טרוקענע צווייגן. שוין פיר יאָר, אַז מען האַקט אין

וואַלד בוימער, וואָס דאַרפֿן גיין קיין דאַנציג. אַ פּאָר חדשים, אַז קיין רעגנס זיינען נישט געווען. דאָס גראָז מיט די צווייגן זיינען טרוקן: גאָלדן ברען־מאַטעריאַל!

מיט פּופּצן יאָר צוריק איז אויך אָפּגעברענט געוואָרן דער הויף. דאָ זיינען געווען צוויי ברייזער, אַ בראָנפֿן־ און אַ ביר־ברויז. דאָס אַלץ איז אומגעקומען פון דער שרפה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין וואַלד. כדי איינצולעשן אַזאַ גרויסן שטח פייער, מוז מען האָבן אַ פּאָר הונדערט מענשן.

ערשט איצט האָב איך געזעהן, ווי די פאַרבאָרגענע שנאה פון די פּויערים צו מיר וויל גיפטיג און שטיל אַרויסטרעטן פון אויבן...

אַ פּרעמדער בין איך זיי. איינגאַנצן אַ פּרעמדער. פּרעמד בלוט איז אין מיר.

דעם ווייב האָב איך געהייסן, זי זאָל דערווייל מיט די פּויערים אַרויס־ראַטעווען אין אַ פורגאָן די שטוב־זאַכן, און אַליין כאַפּ איך אַ פערד און לויף נאָך גוויים צו לעשן דאָס פייער. אָבער עס איז זומער, קיין שפּור פון אַ פּויער איז נישטאָ אין די דערפער. די קליינע פּאַשען, די גרויסע שניידן תּבואה באַ זיך און באַ די פּאָסעסאָרס.

לויף איך מיט אַ טרויעריגן גאַלאָפּ ווייטער און טרעף אויפן וועג פּויערטעס, וואָס שניידן תּבואה. שריי איך צו זיי און בעט זיך, אַז זיי זאָלן אַוועקוואַרפן דאָס שניידן און וואָס גיכער לויפן לעשן דאָס פייער אין וואַלד.

דערפאַר וועל איך זיי שיינקען די שניטער, וואָס זיי זיינען מיר שולדיג פאַר די בייטן קאָנאָפּליעס, וואָס זיי האָבן באַ מיר גענומען. יערע פּויערטע נעמט באַ מיר אַ בייט אויף צו זייען קאָנאָפּליעס, און פאַר יעדער בייט גיט מען מיר פינף שניטער אָדער אַנדערע אַרבעטער.

אַזוי בין איך געלאָפן אַ וויאָרסט אַכט צווישן די פעלדער און אַלעמען געבעטן רחמים: לויפן העלפן לעשן דעם גיהנם. און לויפנדיג, קוק איך מיך אַלע מאָל אום אויף הינטן... זעה איך, ווי דער רויך איז אַזוי גרויס, ווי דער וואַלד, קיין פייער זעהט מען נישט, נאָר אַ געדיכטן, רויטן רויך, אויסגעמישט מיט פייער, וואָס דערגרייכט ביזן הימל.

דאָס האַרץ האָט אין מיר געצאַפּלט. מיך האָט שוין נישט געאַרט, וואָס איך ווער דאָ אַן אָרימאַן, נאָר איך האָב איבערגעלאָזט אַליין מיין ווייב מיט צוויי קליינע קינדער אין אַזאַ גרויסער שרפה, צווישן שונאים, און זי וועט דאָרט אוראַי חלשן, און עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל זי מינטערן. מיר האָט זיך דאָך איינגעגעבן איינצובעטן אַלע פּויערים און פּויערטעס, וואָס איך האָב געטראָפן אויפן וועג, אַז זיי זאָלן לויפן לעשן, און אַליין בין איך געפאָרן ווייטער.

אַז איך בין געקומען אַהיים, האָב איך געטראָפן דעם רויך קלענער. מען האָט, אַפּנים, געלאָשן.

די פּויערים האָבן געוויס נישט צוגעלענט צו דער שׂרפֿה. איך וועל זיי דאָך שיינקען זייער אַרבעט, וואָס מיר קומט!

עס האָט אָפּגעבערענט אַ פּופֿציג רעסיאַטין וואַלד, נישט ווייט פֿון מיין הויף; אַנדערע בוימער האָבן שטיל געטליעט. געלאָשן האָבן די גויים מיט לאַנגע ריטלאַך אין די הענט; מיט די ריטלאַך האָט מען געשמיסן דאָס גראָז, איינגעקלאַפּט דאָס פֿייער.

טרוקענע צווייגן ברענען אַרום די בוימער שנעל, אָבער די בוימער גופֿא ברענען נישט. איך בין שוין נישט אַוועקגעגאַנגען ביז מען האָט אינגאַנצן נישט איינגעלאָשן. צוזאַמען זיינען געווען עטליכע הונדערט מאַן, פּויערים און פּויערטעס.

נאָך דער סכּנה בין איך אַוועק אַהיים און אָפּגערעכנט די פּויערים באַ אַ פיר הונדערט אַרבעטער. די פּרעמיע האָב איך צוגעזאָגט געבן יערן צו פּאָר פֿור היי.

דערמיט האָט זיך עס אָבער נישט געענדיגט. אַ וואַלד קאָן מען נישט איינלעשן פּאַר אַמאָל. אויף מאָרגן האָט ביסלעכווייז ווייטער געכאַפּט ברענען דער וואַלד. איך האָב געמוזט ווידער לויפֿן נאָך אַרבעטער, זיי זאָלן לעשן דאָס פֿייער.

אַזוי האָט כּמעט אַלע טאָג געברענט. איך האָב געמוזט פֿאַרלאָזן מיין ווירטשאַפֿט און לויפֿן יערן טאָג ברייננגען אַרבעטער. איינגנטליך האָב איך געוואוסט, אַז ווען מען רופֿט פּויערים אויף צו לעשן אַ שׂרפֿה, מוזן זיי גיין. אָבער מען קאָן זיי דאָך נישט נויטן, און זייער הילף מוז קאָסטן געלט.

בכלל איז פֿייער אַ געוואַלדיגע סטראַשירלע אין דאָרף. מיט פֿייער מוז מען דאָרט זיין זעהר פֿאָרזיכטיג.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איינמאָל בין איך אַזוי געזעסן אויפֿן גראָז, באַ די שניטער, און פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. איך האָב אַוועקגעוואָרפֿן דאָס ברענענדיגע שוועבעלע, און דאָס גראָז האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז איך האָב קוים מיט די טריט געקאָנט איינלעשן. און ווען איך וואָלט באַלד נישט איינגעטראָטן דאָס פֿייער, וואָלט עס זיך אפשר פֿאַרשפּרייט אין אַ קליינער ווילע אויף וויאָרסטן ווייט.

דערפֿון האָב איך אויך איינגעזעהן, אַז יערער שנעק, אַ פּאַסטוך צי ווער, קאָן אין אַ רגע אונטערצינדן מיין הויף.

דעם אַנדערן האַלבן זומער ביז אין מיטן אָסיען האָבן מיר געלעבט אין טויט־שרעק. עס איז געוואָרן פֿון מיר אַ תּל. קיין טראָפּן בלוט איז אין מיר דעמאָלט נישט געבליבן. אין מיר האָט שטענדיג געקאָכט דאָס האַרץ. אומגליקליך בין איך געוואָרן פֿון די וואַלד־שׂרפֿות.

איך האָב שוין צוגעזאָגט געבן דעם סטאַרשינאַ אַ גוטע מתּנה — פינף פורן היי, און דעם שרייבער אַ פינף־און־צוואַנציגער, אַז טאָמער וועל איך קומען בעטן הילף, זאָלן זיי מיר באַלד אַרויסשיקן פון די דערפער די פויערים.

אויסערדעם האָב איך געטאָן און געטיילט בראָנפן...

איינמאָל, אין אַ פרייטאָג באַטאָג, האָט גענומען פון דאָס גיי ברענען דער וואַלד. דאָס פייער האָט זיך שנעל און שטאַרק פאַרשפּרייט. צו מיין גליק איז דאָס געווען אַ חגא־טאָג. בין איך געלאָפן אויף אַ וועגל גלייך אין קאַנצעלאַריע צום שרייבער. דער סטאַרשינאַ, וואָס וואוינט באַ מיר אין דאָרף, איז נישט געווען. איך קום אין קאַנצעלאַריע — דער שרייבער איז נישטאָ. זאָגט מען מיר דאָרטן, אַז דער שרייבער געפינט זיך אַ צווייווערסט פון דאַנען — באַ זיין געליבטער.

בין איך געלאָפן אַהין. די טיר איז פאַרמאַכט. איך קלאַפּ און קלאַפּ — קיינער רופט זיך נישט אָן. פרעג איך די שכנים, צי דאָ איז נישט געווען דער שרייבער, זאָגן זיי, אַז ער איז דאָ מיט זיין געליבטער און וויל נישט עפענען. האָב איך אָנגעהויבן זעצן און האַקן שטאַרק אין טיר, האָט ער זיך אַרויסגעקאַפּט פון שטוב און זיך געוואָלט וואַרפן שלאָגן, נאָר אַז ער האָט דערפילט אין האַנט אַ צען־רובלריגע, וואָס איך האָב אים גיך אַריינגעשטעקט, האָט ער אָפּגעהאַלטן די הענט. אים האָט זיך זעהר נישט געגלוסט אַוועקצוואַרפן די געליבטע און לויפן צונויפרופן די פויערים.

— איך בין קראַנק... — האָט ער געלייגט.

מיט צרות און מיט מילדע סטראַשונקעס האָב איך אים קוים איינגעבעטן. אויפן וועג האָבן מיר אויפגעקליבן אַ דריי הונדערט פויערים, און איך האָב געקויפט צוואַנציג טעפּ בראָנפן מיט הערינג און קעז...

ביז איך בין געקומען צוריק, אַזוי אין אָוונט, האָט זיך שוין דאָס פייער פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן וואַלד אין דער לייננג און, צו מיין גליק, האָט זיך דאָס פייער געריסן אין דער צווייטער זייט, נישט צום הויף. די פויערים האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען נישט בכּח צו לעשן אַזאַ גרויס פייער, נאָר זיי וועלן אַלע היטן דעם הויף, אַז דאָס פייער זאָל נישט צוקומען.

פויערים האָבן געראָטן, מען זאָל שיקן צו די ווייבער נאָך די לייוונטן, וואָס זיי וועבן אויס. די לייוונטן זאָל מען ווייקן אין וואַסער און באַלעגן די דעכער פון הויף.

צוגעזאָגט גוט צו באַפרידיגן, האָט מען אָנגעבראַכט פעסער און עמער און קאַרעס פון אַלע אַרומיגע דערפער און מען האָט געווייקט לייוונטן. דריי הונדערט פויערים האָבן געמאַכט אַ שנאַפּס און זיך צעלעגט אויפן גראָז וואַרטן, ביז דאָס פייער וועט קומען נעהענטער צום הויף...

פון זייער וואַרטן אַליין האָט אָנגענומען אַ שווידער.

אַרום איז אַ גיהנם פון פייער, און די פויערים ליגן זיך רוהיג און וואַרטן אויפן שנאַפּס גאָכן פייער. איך זעה, אַז עס געגעהענט זיך — און די פויערים שווייגן. עס פּלאַצט אין מיר דאָס האַרץ. דער קאָפּ ברענט. משוגע ווער איך.

— זאָלסט וויסן — האָב איך פאַרצווייפלט אַ געשריי געטאָן צום סטאַר־שינאַ — אַז איך גיי אַוועק אינגאַנצן פון הויף און איך לאָז אים איבער אויף דיין אחריות. געדיינק, אַז דו וועסט אין טורמע פאַרפוילט ווערן, און שעמעט וועט דיינע קינדס־קינדער אויסרייסן !...

דער סטאַרשינאַ האָט זיך, ענדליך, באַוועגט און אַ געשריי געטאָן צום עולם :

— לאָמיר גיין לעשן !...

מען איז אַריין אין וואַלד, אויסגעשניטן לאַנגע ריטער און אַ מחנה פון דריי הונדערט מאַן האָבן זיך צעשטעלט אין דער ברייט באַם פייער און געשמיסן, געשלאָגן מיט די ריטער. לאַנגזאַם רוקט זיך די מחנה פאָראויס און טוט דאָס איריגע : שמייסט, שמייסט דאָס פייער...

אַזוי איז מען די גאַנצע נאַכט געגאַנגען און געשמיסן מיט די ריטער, ביז מען האָט איינגעלאָשן דאָס גאַנצע פייער, וואָס איז ווייט פאַרלאָפן.

דאָס פייער איז געווען אַזוי גרויס און אַזוי הויך, אַז אין די אַלע שטעטלאַך אַרום האָט מען עס געזעהן, און קיין איין מענש פון די דאָזיגע אַרומיגע שטעטלאַך איז די נאַכט נישט געשלאָפן. מען איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף די גאַסן, ווי מען האָט מיר דערציילט, און געקוקט אויף דעם ים פייער. אַ סך האָבן געוואוסט, אַז דאָס ברענט אַ איר און האָבן באַוויינט זיין אומגליק.

אַזייגער זעקס אין דערפריה האָט מען איינגעלאָשן דאָס פייער, האָב איך ווידער געשיקט נאָך בראָנפן און נאָך הערינג. דער עולם האָט לוסטיג געטרונקען און געגעסן.

אַזייגער אַכט אין דערפריה איז געקומען דער ברעזער אַסעסער מיט זעקס הונדערט פויערים. ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טון, אָבער געלט האָט ער באַ מיר יאָ גענומען. ווי קאָן מען אַרויסלאָזן אַן אַסעסער אָהן געלט אין האַנט ? אָדער פאַרקערט : ווי קאָן אַן אַסעסער אַרויסלאָזן אַ אידן אָהן געלט...

די גויים האָבן מיך געטרייסט, אַז מער וועט שוין נישט ברענען, וואָרום דאָס גראָז האָט שוין אָפּגעברענט. קוים איז נישטאָ קיין גראָז — איז שוין מער נישטאָ קיין געפאַר פאַר אַ שרפה.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

געענדיגט מיט די וואַלד־שרפות, וואָס האָבן מיך פּאַר דער צייט אַלט געמאַכט, האָט מען זיך דאָך גענומען צוריק צו דער אַרבעט. איך האָב באַשלאָסן שטעלן בײַ מיר אין אָבאָרע אַ סך בהמות, ווארום קיין היי פעלט מיר נישט. וועל איך האָבן אַ סך מיסט, און אַז איך וועל גוט מיסטיגן און באַאַרבעטן די ערד, קאָן איך האָפן, אַז עס וועט זיין גוט. איך האָב אַזוי געטאָן.

איך האָב זיך גענומען אויסצופירן מיין פּלאַן: שאַפן אַ סך מיסט און אויסצובעסרן מיינע פעלדער. איך האָב געגעבן סוף זומער צו וויסן אין אַלע שטעטלאַך אַרום, אַז איך נעם צו פּי אויף ווינטערן. פאַר פינף רובל וועל איך אויסהאַלטן ווינטער אַ בהמה צי אַן אָקס. האָט מען אָנגעבראַכט פון די אַרומיגע שטעטלאַך אַ זיבעציג שטיקלאַך.

אויך איז צו מיר געקומען אַ פּריץ, וואָס האָט געהאַט אָפּצוגעבן פערציג אָקסן אויף ווינטערן. האָב איך מיט אים געמאַכט אַ קאָנטראַקט צו פינף רובל פון שטיק. ער האָט מיר תיכּף געגעבן צוויי הונדערט רובל דערויף. אין קאָנטראַקט איז געווען געשריבן, אַז טאָמער וועט פּגרן אַ שטיק, איז עס מיין שולד; דאַרף איך באַצאָלן דערפאַר פופציג רובל. צוזאַמען האָב איך געהאַט הונדערט מיט צען שטיקלאַך, אויסער מיינע אייגענע, וואָס זיינען געווען בײַ עטליכע און צוואַנציג.

אָבער שוין אין אָנהויב ווינטער האָב איך זיך געכאַפּט, וואָס פאַר אַ נאַר־רישקייט איך האָב דאָ אָפּגעטאָן. ווארום אָנהויב ווינטער האָט דער פּרייז פון היי געשטיגן ביז דרייסיג קאָפּיקעס אַ פור. וויפיל־זשע וועט מיר קאָסטן אַ פור מיסט? איך וואָלט בעסער פאַרקויפט דאָס היי און נישט אָננעמען אַזוי פיל מיילער אויף צו עסן, וואָלט איך געהאַט גאַנץ גרינג אַ פּאָר טויזנט רובל פאַר היי. די האָפענונג אויסצובעסרן די פעלדער מיטן מיסט קאָן זיי ווי סיי ערשט מקוים ווערן אין עטליכע יאָר אַרום.

אַ פּלאַן איז דאָס אפשר פּאַר אַזאַ ראָזענבלומען, וואָס וואוינט אין אַ פּירשטליכן הויף. אָבער איך, וואָס איך לעב אַ ביטער לעבן אין דעם גרויסן מדבר צווישן פייער, וועלף און פּויערים — שונאים, וועל מסתּמא אויף לאַנג דאָ נישט בלייבן. וואָס האָט עס מיר געלוינט? אָבער דאָס איז שוין געווען פאַרפאַלן, ווי אַלע מיינע נאַרישקייטן, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן. און עס האָט געשטאָכן דאָס האַרץ.

אַז מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצופירן דאָס מיסט פון אָבאָרע, האָט מען געפונען אונטער דעם מיסט שרעקליכע גרויסע שלאַנגען. די פּויערים האָבן זעהר מורא פאַר אַ שלאַנג, איז געוואָרן אַ געשריי, מען איז זיך צוזאַמענגעלאָפן מיט דראָנגען און דערהרגעט די שלאַנגען. עס זיינען

געווען מער פון זעכציג גרויסע שלאַנגען. אַנדערע האָבן בערך געהאַלטן אָנדערטהאַלבן אַרשין די לייגג.

די שלאַנגען האָבן אויף מיר אויך שלעכט געווירקט.

ווינטער, בעת אַרבעט איז געווען ווייניג און די נעכט זיינען גרויס, האָב איך אָנגעהויבן פון דאָס ניי צו טרינקען נאָך ביכער, און מיך איז באַפאַלן אַ גרויסע מרה־שחורה.

די נעכט זיינען גרויס, באַטאָג האָב איך אויך נישט וואָס צו טון, כאָטש ווער משוגע, בין איך געפאָרן קיין קאָברין, זעקס מייל, צו ר' יאָשעס זון — לייען באַ אים אַ בוך. ליי איך איין בוך, צווי ביכער, פאַר אַ פאָר טעג לעז איך זיי איבער און האָב שוין ווייטער נישט וואָס צו טון. אָבער גאָט האָט מיך מיט צרות נישט פאַרלאָזט.

חנוכה־צייט דערהער איך פלוצלינג, אין שטוב זיצנדיג, ווי עס האָט עפּעס אַ קלאַפּ געטאָן, אָבער שטאַרק און שווער, אַזוי ווי אַ דונער. לויפן מיר אַלע צו צום פענסטער, זעהען מיר, צו אונזער גרויסן שרעק, אַז דער דאַך פון דער גרויסער אָבאָרע, וואו אַלע בהמות שטייען, איז איינגעפאַלן. איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי זיינען מיר אַלע דעמאָלט נישט אויסגע־שטאָרבן פון שרעק.

זיינען מיר העגדום־פּעגדום אַריינגעלאָפן אין אָבאָרע. דאָס האַרץ טיאָכקעט, טיאָכקעט. אָבער אַלע בהמות זיינען געווען גאַנץ... אַפּנים, די בהמות האָבן אינסטינקטיוו זיך געדריקט צום וואַנט, בעת זיי האָבן דערהערט, אַז דער דאַך ברעכט זיך, איינגעבראָכן האָט ער זיך אין דער מיט. גע־שטאָרבן זיינען מיר נישט. אָבער מיין ווייב איז טאַקע דעמאָלט קראַנק געוואָרן פון שרעק.

דער דאַך האָט זיך איינגעבראָכן פון דער גרויסער שניי־משא. דעמאָלט זיינען געווען גרויסע שנייען, און איך האָב נישט געוואוסט, אַז מען דאַרף די שנייען אַראָפּוואַרפן פון די דעכער...

האָט דער דאַך נישט געשעדיגט קיין בהמות, האָב איך פון אים אַזוי געגוג געהאַט; וואָרום די בהמות קאָנען נישט פאַרטראָגן קיין קעלט. האָב איך זיי געמוזט געבן בעסער עסן, כמעט דורכאויס היי, וואָס איז באַ מיר אַוועקגעגאַנגען דאָפּעלט און וואָס האָט, מיר אויף צו להכעיס, געשטיגן ביז זעכציג קאָפּיקעס אַ פוד.

אַלע פויערים האָבן געמוזט פאַרקויפן זייער פי, זיי האָבן נישט געהאַט מיט וואָס זיי צו קאָרמען. בהמות האָט מען געקאָנט קויפן ממש בחצי חנם. אַ בהמה, וואָס האָט פריהער געקאָסט דרייסיג, פערציג רובל, האָט מען דאָס יאָר געקויפט פאַר אַכט, ניין רובל, און אַ קאַלב פון אַ פּאָר וואָכן אַלט האָט מען פאַרקויפט פאַר אַכט גילדן...

פאַר פּסח זיינען געקומען די אַרומיגע פּויערים קויפן באַ מיר היי. איך האָב זיי אָפּגעזאָגט. קיין היי האָב איך נישט, נאָר אין ווינקל שייער ליגט באַ מיר פאַרפוילט, פאַרפרוירן היי פון די סטייגעס. איז דאָס באַ זיי אויך געווען אַ סחורה. האָבן די פּויערים מיר געצאָלט פינף און צוואַנציג קאָפּיקעס אַ פור... אַזאַ נישטיג היי.

איך האָב אָפּגעלייזט דערפון הונדערט און פופציג רובל.

ווען נישט מיין נאַרישקייט מיטן מיסט, וואָלט איך דאָס יאָר גליקליך געוואָרן. אַן אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט זיך אויפגעגעסן אַ לעבעדיגער פאַר עגמת נפש, וואָס ער האָט בידים אָנגעוואָרן אַזאַ גרויס פאַרמעגן. איך האָב אָבער געהאַט צער נישט פון דעם געלט, וואָס איך וואָלט דאָ געקאָנט פאַרדינען, נאָר פון מיין שלימזול, פון מיין „מיט דער פּוטער אַראָפּ“, וואָס עס גייט מיר קאַפּויר, שלעכט, נאַריש, וואָס איך רעכן זיך נישט גוט אויס, וואָס איך ווער באַגראָבן אין אַלץ...

נישט האָבנדיג וואָס צו טון און קלערנדיג, ווי קומט מען איבער דעם גרויסן ווינטער אָהן אַ שטאָך אַרבעט, בעת קיינער קומט צו מיר נישט און איך צו קיינעם נישט, האָט דאָך גאָט אויף מיר ווידער רחמנות געקראָגן, זיך דערבאַרעמט, הייסט עס, און צוגעשיקט אַ נייע צרה, אָבער גאָר אַ גרויסע.

מיין ווייב איז קראַנק געוואָרן אויף אַ טיפוס, נאָך דעם ווי זי האָט אָפּגעפּרעגלט אַכצען גענז שמאַלץ און איינגעזאַלצן אַ סך פלייש. גלייך נאָך איר האָבן זיך אַוועקגעלעגט די אַלע דריי אינגלאַך מיינע.

אויב דאָס איז אָבער געווען ווייניג, פאַלט נאָך אַרויס דאָס קלענסטע קינד פון וויגעלע, וואָס איז געהאַנגען אונטערן סופיט, לויטן אַמאָליגן שטייגער, אויף שטריקלאַך.

דאָס וויגעלע איז געהאַנגען הויך איבער דער פּאָדלאָגע און דאָס אינגעלע איז אַרויסגעפאַלן און זיך צעשלאָגן דאָס שטערנדל, נעבן די אויגעלאַך. עס איז הויך אָנגעשוואָלן געוואָרן. דאָס טיפאָזנע קינד האָט געהאַט מאַוימדיגע שרעקליכע יסורים.

אין שטוב האָט זיך באַ מיר געפינען אַ מלמד מיט אַ רינסט. זיינען זיי אַנטלאָפן פון הויף צו זיך אַהיים, מורא האָבנדיג פאַרן טיפוס. בין איך גאָר געבליבן א י י נ ע ר אַ ל י י ן. טאָמער האָט זיך באַ מיר געפונען אַ פּאַסטוך מיט זיין ווייב, האָבן זיי געהאַט גענוג אַרבעט אַרום די בהמות, און איך האָב זיי אין די אויגן נישט אָנגעזעהן.

אין די אַלע אַרומיגע שטעטלאַך איז קיין דאָקטאָר נישט געווען, נאָר פעלדשערס — קאַליקעס. אַ דריי מייל פון קושעליעווע, אין ב ר ע ז ע, איז אַפילו געווען אַ פעלדשער אַ מומחה, איינער אַ יעקב־יאָסל. אים פלעג.

איך ניצן. און אַז איך פלעג פאָרן אים ברייננגען, פלעג איך מוזן איבער־לאָזן אַלע מיינע חולאים אויף אַ קליין, נאַריש שיקסעלע.

אַ בעל־בכי בין איך, פלעג איך, פאָרנדיג נאָכן פעלרשער, באַגיסן דעם גאַנצן וועג מיט ביטערע טרערן.

גוט איז נאָך געווען, אַז איך פלעג טרעפן דעם פעלדשער אין דערהיים. און איינפאַלן פלעגט מיר מיין הארץ, ווען מען פלעגט מיר זאָגן, אַז ער איז אויפן וואָקזאַל, וואו באַם נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע איז געלעגן קראַנק אַ שוועסטער.

לויף איך אַ פאַרסאָפּעטער צום וואָקזאַל.

— יעקב־יאָסל, — וויין איך מיט גרויסע טרערן פאַר אים — האָט רחמנות און לאָמיר שוין פאָרן אין קושעליעווע. מיין ווייב און קינדער זיינען פאַרביי! האָט, יעקב־יאָסל, רחמנות!

אָבער יעקב־יאָסל רירט זיך נישט פון אָרט. ער מוז, זאָגט ער, וואַרטן ביז צוועלף אַזייגער. עס דאַרף קומען אַ דאָקטאָר פון ערגעץ. און ער מוז זיין, בעת דער דאָקטאָר וועט קומען. הויב איך אָן וויינען אויפן קול — העלפט עס עפּעס? דער נאַטשאַלניק לאָזט אים נישט אָפּ פון זיך ממש ווי אַן אוצר.

וואָס טויגן אָבער טרערן... האָב איך טעלעגראַפירט נאָך דאָקטוירים, און איינמאָל אַוועקגעשיקט אַ בעל־עגלה קיין קאָברין נאָך אַ דאָקטאָר, וואָס מיט אים צוזאַמען זאָל אויך קומען יעקב־יאָסל. איך האָב אויך אויפגעזוכט עפּעס אַ אירענע, וואָס זאָל אַרומגיין אַרום די קראַנקע.

קריגן אַ אירענע, וואָס זאָל מסכים זיין פאָרן מיט מיר, איז מיר אָנגעקומען מיט גרויס מאַטערניש, ווייל אין אַלע אַרומיגע שטעטלאַך איז געווען באַוואוסט, אַז אין קושעליעווע הערשט צוליב די זומפּן דער טיפוס.

די אירענע זעץ איך אַריין אין וועגעלע און דערווייל לויף איך עפּעס דערקויפן אין קרעמל. ווערט די אירענע איינגעשלאָפן אין וועגעלע און עס חלומט זיך איר נישט מער און נישט ווייניגער, אַז זי איז געשטאָרבן אין קושעליעווע...

אויפגעשטאַנען איז זי נישט טויט, נישט לעבעדיג, און איז באַלד אַוועק־געלאָפן צו זיך אַהיים. איך קום צו דער בריטשקע — נישטאָ שוין די אירענע! פאָר איך אַהיים אָ ה ן אַ פעלרשער און אָ ה ן אַ אירענע.

איך קום אַהיים, טרעף איך דאָס ווייב מיט די קינדער ל י ג ן א י ן ה י ץ, א ון דאָס קליינע קינד ליגט מיט אַ געשוואָלענעם פּנים און „יענטשעט" מוראדיג. אויפן טיש בלייבט עפּעס אַ פּאַפּיר. וואָס איז דאָס? דאָס ווייב האָט אָנגעשריבן אַ צוואה מיטן סאַמע ו ו י י ב ע ר ש ן סטיל און לשון...

איך האָב אַריינגעקוקט דערין.

— געוואַלד !!! — האָב איך געוואָלט שרייען.

אין דער צואה — נישט מער און נישט ווייניגער — האָט זי מיר אָנגע־וויזן, מיט וועמען איך זאָל חתונה האָבן...

— געוואַלד !!!

אויסער דער צואה, האָט נאָך דאָס ווייב באַוויזן אָפּצושערן זיך די האָר. זי האָט געשיקט נאָך עמיצן און יענער האָט איר אָפּגעשאָרן די האָר, וואָרום זי וויל נישט שטאַרבן ווי אַ זינדיגע. אַן אשת איש טאָר נישט טראָגן קיין האָר...

בלייבט אויפן טיש די צואה און נעבן מיין ווייבס בעט וואַלגערן זיך אירע שיינע, שוואַרצע האָר...

איך האָב זיך אַרומגעדרייט ווי אַ צעמישטער, ווי אַ משוגענער.

וואָס וועט עס זיין? — האָט מיר געבּרענט דער מח.

אין צרות, אין נויט האָב איך מיר אויסגעקלערט אַ נגונדל, אַ טרויער־ריגס, אַן אומעטיגס, און מיט אים פלעג איך וויגן דאָס קינד, וואָס איז געלעגן אין טיפוס, געהאַט היץ און איז אַרויסגעפאַלן פון וויגל. אָט דאָס נגונדל, אַז עס קומט מיר היינט אויפן זכּרון, נעמט מיר דורך, ווי מיט קעלט, דאָס לייב.

אַזוי האָב איך זיך געוויגט דאָס קינד און געזונגען דאָס נגונדל און אַלע מאָל געלאָפן צו די איבעריגע חולאים, וואָס האָבן געקרעכצט פון די ערטער יערערער באַזונדער.

פאַרנאַכט איז געקומען דער פעלדשער יעקב־יאָסל מיטן פרוזשענער דאָקטאָר, און אין אַ פּאָר שעה אַרום איז אָנגעפאָרן אַ דאָקטאָר פון קאָברין.

אָבער די דאָקטוירים האָבן גאָרנישט געהאַט צו טון. וואָס קאָנען זיי טון צו אַ טיפוס? זיי האָבן פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה, אָפּגעגעסן גריבענעס, געטרונקען טיי, נו, וואָס נאָך? איך האָב געגעבן צו פערציג רובל יעדן פון זיי, און זיי זיינען בשלום אַוועקגעפאָרן. נישט רופן קיין דאָקטאָר — האָט דאָס האַרץ געציטערט. אַז איך האָב גערופן, האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צו טון, זיינען זיי אַזוי גוט ווי איבעריג געווען.

זיי האָבן גאָרנישט פאַרשריבן פאַר די קראַנקע. עפּעס נאָר קליי־ניגקייטן האָבן זיי געהייסן געבן, איך געדיינק שוין נישט וואָס. נאָר דער סאַמאָוואַר, געדיינק איך, האָט נישט אויפגעהערט צו קאָכן. איך האָב כּסדר אַרומגעטאַנצט אַרום די חולאים און געוויגט דאָס קינד מיט מיין נגונדל...

איך האָב אייגגעזעהן, אַז אויסער מיר איז קיינער נישטאָ, וואָס זאָל העלפן די קראַנקע. איך בין אַליין. דאַרף איך עסן, טרינקען, היטן

די כחות, כדי איך זאָל זיך קאָנען האַלטן אויף די פיס. האָב איך זיך געמאַכט האַרץ, געגעסן, געטרונקען...

אויפגעגעסן די פּאָר צענדליג איינגעזאַלצענע גענז, מיט די צוויי גרויסע שיסלען גריבענעס. געגעסן מעכאַניש, ווי אַ מאַשין. איך טאָר נישט אַוועקפאַלן. אָבער געשלאָפן בין איך גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט. דאָס קינד האָט מיך נישט געלאָזט. עס האָט כסדר געקרעכצט און געיענטשעט. בין איך די גאַנצע נאַכט געזעסן און געוויגט דאָס קינד און שרעקליכע געדאַנקען האָבן מיר געלעכערט דעם מח.

דאָס ווייב האָט געהאַט גרויסע היץ. פלעגט זי אַראָפּלויפן באַנאַכט פון בעט און שרייען:

— איך וועל גיין אין וואַלד אַריין!

איך פלעג זי דאַרפן אָנכאַפּן פאַר די הענט און זי פלעגט זיך רייסן מיט כח אין וואַלד אַריין. מיט גרויסע אָנשטריינגענישן פלעג איך זי אַריינלייגן אין בעט אַריין, צוהאַלטן מיט איין האַנט — זי זאָל נישט אַראָפּלויפן, נישט אויסרייסן זיך און מיט דער אַנדערער פלעג איך וויגן דאָס וויגעלע.

איך האָב אָבער דאָך נישט געקאָנט אויסהאַלטן. צו שווער געווען. צו שרעקליך.

און איך האָב דעפּעשירט אין קיעוו. קיינער איז אָבער נישט געקומען צופאָרן פון דאָרטן. פון קאַמעניץ אויך נישט. מען האָט מיך פאַרוואָרפן. מען האָט זיך פאַרגעסן אָן מיר. און איך האָב מיט ווײ געטראַכט וועגן דער באָבען. אַז די באָבע ביילע־ראַשע וואָלט געלעבט, וואָלט זי געווים באַלד געקומען צו פליהען. קיין זאַך אין דער וועלט וואָלט זי נישט אָפּגעהאַלטן, און אוראי וואָלט זי מיטגעבראַכט אַ פּאָר קינדער צו הילף און וואָלט מיך מחיה געווען.

קאַפּיטל XIV

עס בעסערט זיך עטוואָס. — געסט. — דער טאַטע מיט דער שוועסטער. — דער זיידע. ציגאַרן. — עס רודערט זיך. — אַ קאָנטראַקט מיט פּויערים. — „ברידער, מען גייט!“. — טשערנאָקאָווע. — דעם פּריצס הונט. — פּאַן שעמעטס פרוי. — די טאָכטער. — די טאָכטער אַנטלויפט מיט אַ געליבטן. — ווי אַזוי פּאַן שעמעט האָט זיך געמאַכט דאָס פאַרמעגן. — דער סקאַנדאַל מיט דער טאָכטער. — זי בעט זיך אַהיים. — אַ שווערע סצענע באַם פּאַרקאַן. — דער סוף פון שעמעטן, פון זיין פאַמיליע און פאַרמעגן.

איך פאַרשטיי ביז היינט נישט, ווי האָב איך געקאָנט לעבן באַ אַ חודש צייט אין אַזאַ שרעק, אָהן שלאָף, צווישן אַזוינע מחלות, אין אַ וויסטן וועלף־העק.

די וויטליכע, אָבער די איינציגע, שכנים האָבן מורא געהאַט צו קומען אין מיין הויז מבקר־חולה זיין די קראַנקע; אַפילו די גוים האָבן זיך אויך דערווייטערט פון מיין הויף. וואָס איז אַזוינס טיפוס, האָבן זיי, אַפּנים, יאָ פאַרשטאַנען. און עס איז געווען שאַ, און אַרום איז געשטאַנען אַ שווערע, אַ געדריכטע שטילקייט, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה.

דעם ווייב און די קינדער איז עטוואָס בעסער געוואָרן, אָבער דערנאָך האָבן זיי ווייטער באַקומען היץ, און דער קלייניטשקער האָט מיך גאָר צעבראָכן מיט זיין יענטשען.

נאָר דער קלייניטשקער איז גיך געשטאָרבן, און נאָך גיכער האָט מען עס צוגענומען... די קראַנקע זאָלן נישט זעהן. די קראַנקע זאָלן נישט וויסן.

אַז די קראַנקע איז בעסער געוואָרן, האָט מען זיך אָפּגערופן אויף מיין טעלעגראַם, זיינען ערשט געקומען צו מיר געסט. ראָס הייסט אַקוראַט רעמאָלט, ווען זיי זיינען מיר גאָרנישט אַזוי נויטיג געווען. געקומען דער טאַטע און מיין שוועסטער און מיין ברודער. זאַלבעדריט איז מען געקומען. אָבער איך בין געווען אַזוי מיד, אַז מיר איז געווען טונקל אין

די אוינן, און איבערלאָזנדיג אַלץ אויף די געסט, האָב איך נאָר געטאָן און געשלאָפן.

דער טאַטע איז באַלד אַוועקגעפאָרן און די איבעריגע זיינען געבליבן אויף אַ פּאָר וואָכן. דערנאָך איז געקומען דער זיידע אין געסט, און ער היום פאַרדריסט מיך, וואָס איך האָב אים דעמאָלט נישט צופרידנ־געשטעלט מיט די ציגאַרן, וואָס איך האָב אים געקויפט.

דער זיידע האָט גערויכערט מילערס ציגאַרן, צען שטיק — צען קאָפּיקעס. דעמאָלט זיינען דאָס געווען כמעט די טייערסטע ציגאַרן. דאָס האָבן שוין גערויכערט גבירים. זיי זיינען געווים געווען בעסער ווי די היינטיגע. וואָרום די טאַבאַק־בלעטער, וואָס האָבן דעמאָלט געקאָסט אַכציג רובל אַ פּוד, קאָסטן היינט באַ אַ פיר הונדערט רובל. אויך איז דעמאָלט דער אַקציז געווען נאָר אַ קליינער.

האָט מיר מיין קרעמער איינגערעדט, איך זאָל קויפן הונדערט ציגאַרן פּאַר אַ רובל. דאָס זיינען, זאָגט ער, גאָר פּרימאַ שבפּרימאַ, פיל בעסער פאַר מילערס. איך האָב זיך געלאָזט אַריינרייידן און געקויפט די ציגאַרן. אָבער דער זיידע האָט פּראָסט פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ, ווען ער האָט פאַרזוכט דעם ערשטן ציגאַר...

דאָס האָט מיר עפּעס זעהר טיף און זעהר שווער באַנג געטאָן: דער זיידע איז באַ מיר — איך בין שוין אַ באַווייבטער — דאָס ערשטע מאָל צוגאַסט, און איך האָב אים שלעכטע ציגאַרן געקויפט!...

דערנאָך זיינען אַלע מיינע געסט אַוועקגעפאָרן, און איך בין ווידער געבליבן באַם פריהערדיגן שאַ, באַ דער פריהערדיגער שטילקייט. אָבער איצט האָט זי שוין מיר נישט געאַרט. אדרבה, די שטילקייט איז מיר געווען זיס און אַנגענעם, וואָרום מיר האָט זיך זעהר, זעהר געוואָלט רוהען, און זיבן, אַכט אַזייגער אין אָוונט פלעג איך זיך לייגן שלאָפן, און געשלאָפן מיט טעם און מיט איין אָטעם, ביז אויף מאָרגן אַכט, ניין אַזייגער.

איך האָב נאָך אַלץ נישט געקאָנט קומען צו די כחות.

אין עטליכע וואָכן אַרום האָט זיך שוין אָנגעהויבן די אַרבעט אין פעלד. איך האָב באַדאַרפט קויפן אַלע זוימען צום זייען; מען מוז דאָך זיין אַ פּאָסעסאָר. עס העלפט דאָך נישט. מען דאַרף אַקערן און בראָנעווען און דערנאָך אַרויספירן דאָס מיסט. אָבער דאָ בין איך פּראָסט בדלות געוואָרן. הונדערט פורן האָט מען באַדאַרפט האָבן צום פירן דאָס מיסט, אַזוי אַז מיט וואָס צו זייען תבואה האָב איך נישט געהאַט.

די קראַנקהייט, דער הויז־שפּיטאָל האָט באַ מיר צוגעשלעפּט אַ פינף, זעקס הונדערט רובל. שווינדלען און דרייען אין געלט־זאַכן, ווי אַנדערע אידן טוען אין זייער נויט, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געפּרובט. איך

האָב אַפּילו נישט געוואוסט, ווי אַזוי מען בעט בײַ עמיצן לײַען אַ גמילות־חסד, און דאָ דאַרף איך קויפן האָבער און גערשטן און אַרבעס און קאַרטאָפּל — און נישטאָ מיט וואָס צו קויפן...

צו די טויזנטער קושעליעווער מכּות מײַנע איז דאָס געווען נאָך אַ מכּה.

סוף ווינטער האָבן זיך אָנגעהויבן קעלבן די בהמות, און צוליב דער טײַערקייט פון היי זײַנען בהמות געוואָרן אַזוי ביליג, אַז אויף קיין קעלבער זײַנען גאָר קיין קונים נישט געווען. ווער דאַרף איצט קעלבער? כאַטש נעם און גיב אַוועק בחצי חנם. האָב איך אַלע קעלבער אַליין געמוזט קוילען און נאָך ערגער: אַליין אויפעסן. אָך און ווײ איז צו אַזאַ עסן.

ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז איז אַוועק דער ווינטער. שווער און פויל האָט ער זיך גערירט, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט, ווי ער וואָלט זיך געראַנגלט. אָבער ווערסנע האָט אַ כּח — און ער איז אַוועק, ווי אַ שווערער חלום, נאָך וועלכן עס האָט זיך פרײַ אויפגעאָטעמט.

נאָך פּסח האָב איך אויף דאָס נײַ געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיטן גאַנצן דאָרף פּויערים, ווי פאַראַיאָרן. נאָר דאָס גרויסע שטיק לאָנקע, וואָס איז געווען נעבן סאַמע דאָרף, האָב איך זיי פאַר רעמזועלבן פּרײַז, ווי פאַר אַ יאָרן, נישט געוואָלט אַוועקגעבן. איך האָב געוואָלט הונדערט און צוואַנציק רובל אָנשטאָט הונדערט, וואָס איך האָב גענומען פאַר אַ יאָרן, און מיר זײַנען נישט מושוה געוואָרן.

האָב איך געהאַט אַ גרוס, אַז די פּויערים טרײַבן אַלע בײַנאַכט זייערע פערד אויף דער לאָנקע און מען פּטרט מיר דאָס היי. בין איך איינמאָל, צוועלף אַזייגער בײַנאַכט, געפאָרן אַ קוק טון, צי דאָס איז אמת. היטן דאַרף מען, וואָרום דאָס שמעקט מיט גרויס היזק.

און אַז איך בין געקומען, האָב איך געטראָפן דאָס גאַנצע דאָרף פּויערים מיט זייערע פערד... מען פּאַשעט אויף וואָס די וועלט שטייט, און דערזועלבער טעאָראָר, דער שלעכטער גוי, וואָס איך האָב שוין פון אים פריהער געשריבן, האָט אַ געשרײַ געטאָן איבער דער גאַנצער נאַכט:

— ברידער, מען גייט!

האָבן זיך אַלע אַ זעץ געטאָן אויף די פערד און שנעל צעלאָפן געוואָרן.

בין איך געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסענער. נאָר אויף מאָרגן בין איך געפאָרן קיין פּרוזשאַן, אַ מייל פינף פון קושעליעווע, צום מיראָוואָי סודיאַ און אָנגעגעבן אַ תּביעה אויפן גאַנצן דאָרף, זיבן און צוואַנציק בעלי־בתּים, אַז זיי פּאַשען אַלע נאַכט אויף מײַן לאָנקע.

די פּויערים האָבן באַלד באַקומען פּאָוויעסטקעס: שטעלן זיך אין פּרוזשאַן צום געריכט. זײַנען שוין אויף מאָרגן געקומען צו מיר אַלע גווים מושוה ווערן פאַר דער לאָנקע. נאָך אַ לאַנגען רינגען זיך, האָבן זיי מיר

געגעבן הונדערט און צען רובל מיט זיבן און צוואַנציג שניטער. איך ווייס נישט, וואו האָט זיך גענומען אין מיר אַזאַ מוט, ווער האָט פון מיר אַוועקגענומען דעם פּחד, די אימה פאַר דער גרויסער, בייזער און פרעמדער מחנה גויים? מאַנכע האָבן מיר שפּעטער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אַזאַ מין שפּיל איז אַפילו געפערליך. וואָרום אַזאַ, ווי טעאָראָר, קאָן פּשוט דערהרגענען באַלד אויפן אָרט. מיט איין אימפּעט. מיט איין האַס. מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג.

די זומער־אַרבעט איז דאָס מאָל אַוועק בעסער. עס איז מער אָרדענונג געווען, ווי פאַר אַ יאָרן.

עס האָט מיר נאָר אַ שיין געטאָן אויף אַ רגע, און איך האָב ווידער גענומען ביינקען נאָך השכלה, נאָך ביכער, און עס האָט מיר ווידער אָנגענומען אַ רחמנות צו מיינע יונגע יאָרן, וואָס גייען פאַרפאַלן צווישן גויים.

נו, וואָס וועט זיין, אַז איך וועל שוין דאָ האָבן פּרנסה אין מדבר. וואָס וועט דעמאָלט זיין? איך וועל לעבן פאַרגרעבט און די קינדער וועלן בלייבן פאַרגרעבט, פּויעריש, האַמעטנע... און שטילערהייט האָב איך באַ זיך באַשלאָסן צו בלייבן בעסער אַן אָרימאַן אין שטאָט, איידער אַ גביר אין מדבר צווישן וועלף...

אויף צו להכעיס איז באַ מיר אַוועק דער זומער כּשורה, און איך בין זיך מורה, אַז איך האָב געהאַט עגמת־נפש דערפון... אַזוי ווייט עגמת־נפש, אַז איך האָב שוין אַפילו חרטה געקריגן, וואָס איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון מלמדות אין וואַרשע. געוואַלד, אַ גרויסע שטאָט !...

איך האָב געטראַכט אַלץ וועגן דעם — און אויפגעהערט צו טון דאָס, וואָס זאָל זיין לטובת פון דער קושעליעווער צוקונפט. קושעליעווע איז באַ מיר אַרויס אינגאַנצן פון קאָפּ. יאָ, מען דאַרף וואָס גיכער אַרויס פון דאַנען...

אין טשערנאָקאָווי, צום מאַרשאַלאָק שעמעט, פלעג איך קומען פיר מאָל אין יאָר צאָלן אים די ראַטעס פאַרן הויף. באַם פּריץ נעבן פּאַלאַץ, וואָס האָט אויסערליך אויסגעזעהן פּשוט, אָבער אינעווייניג זעהר רייך און שיין, איז געלעגן זעהר אַ בייזער הונט. אַז עמיצער פלעגט דאַרפן האָבן צום מאַרשאַלאָק, פלעגט ער גיין צום פאַקטאָר, אַ איד, און יענער האָט שוין מיטגעשיקט זיינס אַ קינד באַגלייטן דעם גאַסט ביז טיר פון „פּאָקאָי״. וואָרום מען האָט זעהר מורא געהאַט פאַר דעם דאָזיגן הונט.

קום איך אַזוי איינמאָל צום פּריץ און פאַרגיי פריהער צום פאַקטאָר — מען זאָל מיך באַגלייטן צום פּריץ, האָב איך אָבער באַם פאַקטאָר קיינעם נישט געטראָפן אין דערהיים. וויל איך אָבער אָפּפּטרן מיין נסיעה און

פרוב גיין אַליין; דעם הונט האָב איך גראָר נישט באַמערקט. נאָר אַז איך בין געקומען נאָהענט צום פּאַלאַץ, איז ער פון ערגעץ אַרויסגע־שפּרונגען און אַריינגעכאַפּט די האַנט מיינע אין זיין גרויסן מויל אַריין. די נידעריגע פענסטער פון פּאַלאַץ זיינען געווען בעת מעשה אָפן, שפּרינג איך אַריין אין פענסטער און פאַל אַרויף אויף אַ טיש.

אויף מיין געשריי איז די פּריצטע אָנגעקומען. דער פּריצטע, אַ יונגער, שיינער און רירעווודיגער פרוי, איז געפעלן געוואָרן מיין באַריהשאַפט: אַרויסכאַפּן די האַנט פון דעם הונטס מויל איז געווען אַ נס מיט אַ העל־דישקייט צוזאַמען, און זי האָט באַלד געהייסן דערלאַנגען טיי מיט גוטע זאַכן און האָט מיך לאַנג אָפּגעהאַלטן באַ זיך.

פון דעמאָלט אָן פלעגט שעמעטס פרוי, פאָרגדיג שפּאַצירן, פאַרפאָרן צו מיר אין הויף, און איך האָב באַ איר גרויס „לאַסקע" געהאַט.

אָט די יונגע פרוי האָט געהאַט זעהר אַ שיין טעכטערל, וואָס האָט אויסגעזעהן צו זיין ניכער אירס אַ שוועסטערל איידער אַ קינד.

ווי דאָס רוב פון די דעמאָלטיגע פּריצים, האָט שעמעט געהאַט אַ וויסטן סוף. און אָנגעהויבן האָט זיך דער סוף פון דעם דאָזיגן טעכטערל.

כאָטש דאָס טעכטערל איז געווען יונג, דאָך האָט מען זיך שוין גע־שדכנט צו איר, און שטאַרק. האָט צו דער צייט אָנגעהויבן קומען צו זיי אין געסט אַ יונגער פּריץ פון סלאָנימער אויעזד. רייך איז דער דאָזיגער יונגער פּריץ נישט געווען, אָבער דערפאַר אַ לעבקינד, און טיילווייז אויך אַ פאַרדינער: פּאָרדאַרן פלעגט ער אָנגעמען אין פּעטערבורג.

פלעגט ער ברייגגען דעם טעכטערל פון פּעטערבורג טייערע קינדער־צאַצקעס, ווען זי איז נאָך אַלט געווען אַ יאָר צוועלף, דרייצן. די דאָזיגע אַנטיקן־צאַצקעס פלעגן אָנטרעפן גרויס געלט און מיט דעם האָט ער ביס־לעכווייז צוגעצויגן דאָס האַרץ פון דער יונגער פּאַניע.

אַז זי איז שוין אַלט געוואָרן פופצען יאָר און איז געווען וואונדערליך שיין, האָבן די גרעסטע פּריצים זיך געשדכנט צו איר. אָבער דער יונגער פּריץ, וואָס האָט געהייסן ליזאַנסקי, האָט געקויפט דאָס האַרץ אירס פון קינדרווייז אָן מיט זיינע רייכע און וואונדערליך־שיינע צאַצקעס, וואָס ער פלעגט איר ברייגגען פון פּעטערבורג. און איצט, אַז זי איז געוואָרן עלטער, האָט ער איר געבראַכט אַ נייע מתנה — פיר קליינינטשקע פערדלאַך, וואָס האָבן געקאָסט זעקס טויזנט רובל, און אַ קליין קאַרעטקעלע מיט אַ זיל־בערנעם און גאָלדענעם שפּאַן. די יונגע פּאַניע האָט זעהר ליב געהאַט פערד. די פערדעלאַך מיט דער קאַרעטקע האָבן זי ממש באַצויבערט.

דער אַלטער שעמעט וואָלט אַזאַ יונג פּאַר אָן איידעם נישט געוואָלט. דער אַלטער האָט געזוכט יחוס, אוצרות מיט געלד און גדולה. דער יונגער

טאָכטער אָבער איז זעהר געפעלן געוואָרן די לעצטע מתּנה, און ביידע האָבן אָפּגערעדט צו מאַכן פּליטה... אַרויסגנבענען זיך, אַנטלויפן. דערנאָך — איז דערנאָך: אַן אָפּגעטאָנענע זאַך. קיינער וועט זיי שוין דעמאָלט נישט קאָנען צעשיידן...

און איינמאָל, אַ פרייטאָג, איז ער געקומען אין געסט צו שעמעטן און פאַרבראַכט גאַנץ שפּעט. אין דער צייט האָט ער אָפּגערעדט מיט אַלע רינער, געגעבן יעדערן צו הונדערטער, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ שוויג, זיך מאַכן נישט וויסן, ווען ער וועט אַרויסגנבענען בײַנאַכט די יונגע פּאַניע.

אַזוי איז געווען.

אַזייגער צוויי בײַנאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן, איז שוין זיין קאַרעטע געשטאַנען אויף יענער זייט טויער, און ער האָט זיך מיט איר אַרויסגע־גנבעט און אַוועקגעפאָרן קיין סלאָנים. זי האָט איבערגעלאָזט אַ בריף צו די עלטערן, אַז מאָרגן צען אַזייגער אין דערפריה זאָלן זיי קומען קיין סלאָנים טאַקע גלייך צו זייער חתונה...

דער אַלטער איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, ווי שטענדיג, און האָט זיך געטרונקען טיי. אַזייגער צען איז אויפגעשטאַנען שעמעטאָווע. אָבער אַז עס איז געוואָרן שפּעט, און די טאָכטער האָט זיך נישט באַוויזן פון שלאָף־צימער, איז דאָס זיי געוואָרן קשה, און דעמאָלט האָט מען זיך געכאַפּט.

אויפן טיש האָט מען געפונען דעם בריף.

שעמעטאָווע האָט געחלשט און געוויינט. ליזאַנסקי איז פאַר זיי קיין איידעם נישט. דערצו איז ער נאָך געווען, ווי די מאָדע איז בײַ יונגע פּריצים, פאַרטונקט איבערן קאָפּ אין חובות. דאָס איז זיי געווען אַ שרעק־ליכער פּאַטש אין פּנים.

דער אַלטער שעמעט, וואָס איז געווען אַן אָפּגעהאַרציגער פריינט פון אַמאָ־ליגן שניט, האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט „געמאַכט" געלט. ער פלעגט זיינע לייב־קנעכט פאַרדינגען אין וואַרשע און אומעטום פאַר אַכט רובל אַ חודש, און דאָס געלט פלעגט ער קלייבן אין אַ קאַסע. אַז ער האָט פאַרדונגען אַ צאָל פויערים, צום בײַשפּיל, אין וואַרשע אין ציטאַדעל, האָט ער נאָך צוגעגעבן אַ פויער אַ שמייסער, וואָס זאָל שמייסן די פויערים, ווען זיי וועלן זיך פוילן צו אַרבעטן.

— פאַר וועמען האָב איך דאָס געזאַמלט דאָס געלט? — האָט ער זיך געקלאָגט — פאַר אַ קינד... פאַר אַ קינד...

ווי דער שטייגער איז, האָט ער אַריינגעשיקט אַ בריף צו ליזאַנסקין, אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון אַ טאַטע, און די ירושה וועט ער אָפּשרייבן זיין ברודערס קינדער. דער טאָכטער — איין גראָשן נישט...

ליזאַנסקין האָט עס נישט געשמעקט. ער האָט קיין געלט נישט געהאַט. בּאַ די אַרומיגע אידן האָט ער זעהר פיל אָנגעליען און בּעת מעשה אָנגעוויזן, אַז ער האָט חתונה מיט שעמעטס בּת־יחידה, וואָס איר פאָטער איז זעהר אַלט און זעהר רייך. דאָס גאַנצע געלט וועט איבּערגיין צו איר אין האַנט אַריין.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אידן האָבּן געליען ווי ווייט מען האָט געקאָנט. אָבּער אַז דער בּריף איז בּאַקאַנט געוואָרן אין דער סביבה, האָט מען אויפגעהערט צו לייען, און ליזאַנסקי איז געבּליבּן אָהן אַ גראָשן געלט.

ענדליך, האָט די טאָכטער אָנגעשריבּן אַ בּריף צום פאָטער און אין אַ פאַרצווייפלטן טאָן געבּעטן, מען זאָל איר מוחל זיין. דער מוטער האָט זי בּאַזונדער געשריבּן אַ בּריף. זי האָט געוואוסט, אַז ווען די מוטער וועט לעזן דעם בּריף, וועט זי זיך געוויס צעווייינען, וועט נישט קוקן אויפן אַלטן איינגעשפּאַרטן טאַטן און וועט קומען צופאָרן צו איר און זיך איבּערבּעטן מיט איר, אַ מוטער איז דאָך אַלע מאָל נאָכגיבּיגער.

אָבּער די בּת־יחידה האָט געהאַט אַ גרויסן טעות. דער פאָטער האָט גאָרנישט געוואָלט הערן פון איר און די מוטער איז אויך נישט ווייכער געוואָרן.

די מוטער האָט אייגנטליך נישט אַזוי געדאגהט וועגן דעם, וואָס די טאָכטער האָט אַ קבּצן אַ מאַן, ווי דאָס, וואָס זי האָט פאַרלאָרן אַ שטיק פאַרגעניגן. איר איז געווען אַ שאָד די פּאָמפּע, דער שיק, וואָס עס וואָלט געווען, ווען איר טאָכטער וואָלט חתונה געהאַט מיט אַ כראַבּיע. דעמאָלט וואָלט זי איבּערגעקערט אַ וועלט! זי וואָלט, צום בּיישפּיל, בּאַראַרפּט פאָרן מיט דער טאָכטער אין די גרויסע אייראָפּייאישע שטעט: וואַרשע, בּערלין, פּאַריז, לאָנדאָן, ווין, וואָלט דאָרט געגייט דער טאָכטער אַ גאַרדעראָבּ און וואָלט אַזוי געקאָנט אָפּהוליען אַ קיילעכדיג יאָר אין אויסלאַנד. אגבֿ, וואָלט זי אַליין זיך אויך געמאַכט טייערע קליידער און קאָקעטירן אַרום דער טאָכטער מיט יונגעלייט.

דער טאָכטערס בּריף האָט אויף אַזאַ אופן קיין ערפאָלג נישט געהאַט. מען האָט זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף אים.

אָבּער אַז די בּת־יחידה האָט אָנגעהויבּן צו לייךן נאָך מער מאַנגל אין געלט, אַז זי האָט פּשוט נישט געהאַט אויף צום לעבּן, אַז זי האָט זיך דערזעהן אין אַ שרעקליכן דלות, האָט זי אַריינגעשיקט אַ צווייטן בּריף, אַז זי וועט קומען צופאָרן אַהיים, און פון טויער וועט זי קריכן אויף אַלע פיר בּיז דער טיר פון שטוב און וועט קושן די פיס דעם פאָטער און מוטער. זיי מוזן איר מוחל זיין דעם גרויסן חטא.

באַקומענדיג דעם דאָזיגן בריף, האָט שעמעט שטריינג אָנגעזאָגט די דינער, אַז ווען די טאָכטער וועט צופאָרן צום הויף, זאָל זיך קיינער נישט דערוועגן צו עפענען דעם הויף־טויער און מען זאָל זי נישט אַריינלאָזן אין הויף. אַזוי האָט ער אויך געגעבן צו וויסן דער טאָכטער, אַז ער וויל זי מער נישט קענען, און אויב זי וועט קומען אַהיים, וועט זי נישט אַריינגעלאָזט ווערן אין שטוב.

דאָס יונגע טעכטערל, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוואוסט פון נויט, האָט סיי ווי מער נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם עלנט און רחקות און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים. זי איז געווען זיכער, אַז דער טאַטע וועט איר דאָך מוחל זיין.

אַז זי איז צוגעפאָרן צום הויף, האָבן איר די דינער נישט געוואָלט עפענען דעם טויער. האָט זי זיך געבעטן רחמים בײַ די דינער, אַז מען זאָל זי אַריינלאָזן אין הויף און געוויינט מיט טרערן פאַר דעם אַלטן דינער, וואָס האָט זי אויס־געהאָדעוועט, געטראָגן אויף די הענט, ווען זי איז נאָך אַ פּיצל קינד געווען און האָט פאַר איר פריהער גרויס דרך־ארץ געהאַט. איצט אָבער האָט ער אויך מיטגעוויינט מיט איר און דאָך נישט אַריינגעלאָזט.

עס איז שטריינג אָנגעזאָגט געוואָרן:

— ניין !...

דאָך האָט ער געשיקט זאָגן שעמעטן, אַז די טאָכטער גייט אויס פון טרערן און בעט זיך רחמים אַריינלאָזן. דערויף האָט שעמעט געשיקט זאָגן, אַז אויב דער לאָקיי וועט אַריינלאָזן די פּאַניע, וועט ער אים מיטן שטעקן דעם קאָפּ צעשפּאַלטן.

פון יאוש האָט זי באַשלאָסן אַריבערקריכן דעם פּאַרקאַן. מיט די דינער קאָן זי סיי ווי סיי גאָרנישט מאַכן.

האָט זי אָנגעהויבן קריכן אויפן הויכן פּאַרקאַן אין אירע לאַנגע קליידער. עטליכע מאָל איז זי אַראָפּגעפאַלן, אָבער דערפון האָט זי זיך אָנגעזאַפּט נאָך מיט מער גיפט און יאוש און, דראַפּנדיג זיך מיט אַלע כחות און צערייסנדיג זיך דאָס קלייד, די הענט און די פיס אָן די טשוועקעס פון פּאַרקאַן, איז זי דאָך אַרויפגעקראָכן אויפן שפּיץ.

אָבער דאָס איז נאָר אַ האַלבן וועג דורכגעמאַכט. איצט דאַרף מען אַראָפּקריכן פון שפּיץ אויף דער ערד און דערויף האָט זי קיין כחות נישט געהאַט. זי איז געווען פאַרמאַטערט און צעבראָכן. דאָס איז געווען אַ שרעקליכע סצענע, וואָס נאָר אַ קאַרגער און צעווילדעטער פּריץ האָט עס געקאָנט צוזעהן.

און אַז זי האָט נישט געקאָנט אַראָפּקריכן, האָט זי זיך אַ ר אָ פּ ג ע־וו אָ ר פ ן פון דער הייך אויף דער ערד...

און ווען נישט די פויערים, וואָס זיינען געקומען קוקן, ווי די פּאַניענקע קריכט אַ צעבלוטיגטע אויפן פּאַרקן און האָבן אינסטינקטיוו אויסגעשטרעקט די הענט אין דער הייך זי צו כאַפּן, טאָמער וועט זי זיך אַראָפּוואַרפן, וואָלט זי אפשר דערהרגעט געוואָרן.

ראָך האָט זי זיך גוט צעשלאָגן, און פון שרעק האָט זי געחלשט. עס איז געוואָרן אַ גוואַלד און באַלד איז געקומען די מוטער. מען האָט זי אָפּגעראַטעוועט און אַריינגענומען אין הויז. די טאָכטער האָט מען אַריינ־געלעגט אין בעט; אַזוי האָט מען אויך געטאָן מיט דער מוטער. די לעצטע איז צערודערט געוואָרן.

אָבער שעמעט איז זיך געזעסן מיטן ציגאַר אין מויל און האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט געזאָגט, אַז ווען די טאָכטער זאָל אַפילו שטאַרבן, וועט ער נישט גיין צו איר לויה. און ער וואָלט געוואָלט, זי זאָל שטאַרבן.

אַז דער טאָכטער מיט דער מוטער איז לייכטער געוואָרן, האָבן ביידע באַשלאָסן אַריינגיין צום פאָטער אים איבערבעטן. זיי זיינען אַוועק, און די טאָכטער איז געפאַלן צום פאָטערס פיס מיט אַ שרעקליכן געיאָמער. זי האָט לאַנג, לאַנג געוויינט, אָבער ער איז זיך געזעסן און גערויכערט זיין ציגאַר.

ראָ האָט אָבער שוין די מוטער אויך אָנגעהויבן צו וויינען און האָט געזאָגט, אַז אויב ער, שעמעט, וועט זיך נישט איבערבעטן מיט דער טאָכטער, וועט זי אויך אָפּטרעטן פון אים. זאָל ער זיין אַליין. מיט אַ גזלן וויל זי נישט לעבן. און האָט אַזוי לאַנג אַיינגעטענעט מיט אים, ביז ער האָט זיך געלאָזט איבערבעטן און האָט זי אויפגעהויבן פון דער ערד. עס איז געוואָרן שלום...

אין אַביסל צייט אַרום איז די מוטער מיט דער טאָכטער געפאָרן קיין וואַרשע און האָט איר ערשט געמאַכט אַ גאַרדעראָב פאַר אַ צען טויזנט רובל. דעם מאַן האָט מען ראָך אין הויף נישט צוגעלאָזט. דערויף איז שעמעט בשום אופן נישט איינגעגאַנגען, און די טאָכטער פלעגט פון צייט צו צייט פאָרן קיין סלאָנים.

אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז שעמעט געשטאָרבן. די מוטער איז משוגע געוואָרן און אויך גיך אַוועקגעשטאָרבן. פאַר דער טאָכטער איז איבער־געבליבן דאָס גרויסע איינגאַרטיגע שעמעט־פאַרמעגן, וואָס דער מאַן האָט עס אין אַ קורצער צייט צעפּטרט, צעדרענדרעלט און צעשלייערט, ווי דער שטייגער איז. אַ סוף האָבן מסתמא ביידע געהאַט נישט קיין גוטן. ווייער סוף איז מיר אַפילו אומבאַקאַנט, נאָר איך בין זיך אַזוי משער.

און איך וועל געוויס קיין טעות נישט האָבן.

קאַפּיטל XV

דער סעלצער „גובערנאַטאָר". — אַ מלמד. — מען גיט מיר אַ „פיינעם" מלמד. — ער קאָן קיין עברי נישט. — אַנטאָפּאָליע. — דער צווייטער מלמד. — דער ערשטער פּילט זיך אויעקצופאָרן. — דער עקזאַמען. — שלמהלע. — אַ גמרא־ניגון דערפרייט מיך. — איך הויב אָן לערנען. — שרעק פאַר תוספותן. — וועגן לערנען בכלל. — דער קאָנטאָרשטשיק. — ווי אַזוי מען באַדאַרף לערנען. — מיין ליבע צו שלמהלען. — דער מאַלטשער רב. — זומער אין פעלד. — שלמהלע קומט צו די פּחות. — הערבסט. — שלמהלע פאָרט אוועק. — מיין בייַנקשאַפט נאָך שלמהלען.

גראָד דאָס צווייטע יאָר איז געווען אַ נאַס יאָר און היי איז ווידער געווען לרוב. איך האָב שוין אויפן ווינטער נישט אָנגענומען קיין בהמות ווי פאַראַיאָרן; אָבער אַזוי ווי איך בין דאָך אַ גרויסער בעל־מזל — האָב איך דאָס יאָר געלייזט צו צען קאָפּיקעס אַ פּוד היי און געמאַכט קנאַפּע גליקן פון דעם עסק.

חל־המועד סוכות בין איך געפאָרן קיין סעלץ צום „גובערנאַטאָר". שרעקט זיך נישט, דאָס איז נישט געווען קיין גובערנאַטאָר, נאָר אַ פּשוטער איד, וואָס האָט אַזוי געהייסן צוליב זיין חכמה און תקיפות און ברייטקייט. צו אים בין איך געקומען, ער זאָל מיר גאַראַיען, ווי מען זאָגט אין ליטע, עפּעס אַ גוטן מלמד, וואָס זאָל קאָנען גוט תנ"ך און דקדוק.

איך האָב געוואָלט באַלד אין אָנפאַנג אַוועקשטעלן דאָס לערנען מיט די קינדער, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

דער „גובערנאַטאָר" האָט אַוועקגעשיקט זיין איידעם אין בית־המדרש אַריין און דאָרטן אויפזוכן מיט מיר צוזאַמען אַ גוטן מלמד. קומען מיר אין בית־המדרש מנחה־צייט. ווי, געוויינליך, אין אַ קליין שטעטל, וואו מען זעהט קיינמאָל קיין אורח נישט אָן אין די אויגן און בפרט, אַז עס איז געקומען דעם „גובערנאַטאָרס" איידעם מיט אַן אורח, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט מיט גרויס דרך־ארץ, אַרומגעקוקט אונז פון אַלע זייטן

און אָנגעשטעלט מויל און אויערן — צו הערן, וואָס דאַרף דאָ האָבן דער אורח.

צווישן דעם עולם האָב איך באַמערקט שיינע יונגעלייט מיט ברענענדיגע אויגן, וואָס זיינען, קענטיג, ווי אַמאָליגע יאָרן, שטאַרק פאַרטון געווען אין לערנען.

איך האָב דערציילט, אַז איך ברויך אַ מלמד, וואָס זאָל קענען תנ"ך און דקדוק. אַן אַלטיטשקער דיין, וואָס האָט זיך אויך געפונען צווישן עולם, האָט זיך אָנגערופן, אַז ער האָט פאַר מיר אַזאַ מלמד, ווי איך פאַרלאַנג.

— אָט דער יונגערמאַן — האָט אָנגעוויזן דער דיין אויף איינעם פון עולם — קאָן זיין באַ אייך אַ מלמד. אַ וואוילער, זעהר אַ וואוילער יונגערמאַן... נעמט אים, נעמט אים...

איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן יונגענמאַן. אויפן קוק איז ער מיר נישט געפעלן געוואָרן: שרעקליך הויך, ברייטבייניג, מיט גרויסע גראָבע הענט — ממש אַ בעל־עגלה...

אָבער אַז דער דיין רעקאָמענדירט אים, בעת איך האָב דעם דיין דייטליך געזאָגט, אַז איך וויל נעמען אַ מלמד — אַ גוטן לערנער און אַ משכיל, וואָס קאָן תנ"ך און דקדוק, מסתמא מוז דאָס זיין אַזוי.

רייד איך אין דערגיך איבער מיטן יונגענמאַן און ווער מיט אים מושוה: פערציג רובל אַ זמן אויף אַלעם פאַרטיגן. און איך בעט דעם דיין מיטן מלמד גיין מיט אונז צום „גובערנאַטאָר" מאַכן אַ שנאַפּס לכּבוד דעם „געשעפט", וואָס מיר האָבן געשלאָסן.

באַם „גובערנאַטאָר" אין שיינק האָב איך געהייסן דערלאַנגען גוטן שנאַפּס מיט קיכל און געגעבן דעם דיין אַ דריי־רובלדיגע פאַר זיין מעקלעריי.

זאָגט דער דיין, אַז ער וויל קיין געלט נישט, נאָר אַזוי ווי ער האָט אַ בהמה, וואָלט ער געוואָלט, אַז מיט דער פור, וואָס איך וועל שיקן נאָכן מלמד באַלד נאָך סוכּות, ווי מיר האָבן פריהער אָפּגערעדט, זאָל איך אים שיקן מעקענע פאַר דער בהמה...

— אַ בהמה דאַרף עסן... — האָט ער געשמייכלט.

איך האָב צוגעזאָגט צו שיקן מעקענע, כאָטש דאָס באַטרעפט שוין פינף רובל, נאָר אַ איר אַ דיין, מהיכא תיתי.

נאָך סוכּות האָב איך אָנגעלאָדן אַ פור מעקענע און באַגינען אַוועקגעשיקט קיין סעלץ צום „גובערנאַטאָר" מיט אַ בריף, אַז דער מלמד זאָל קומען מיט דער פור קיין קושעליעווע.

דער מלמד איז באַלד געקומען, און בעת איך בין אין אָוונט אַריין אין שטוב, האָב איך געהאַט די זכיה צו הערן דעם ערשטן דעביוט פונם מלמד. ער האָט געלערנט מיט מיינע קינדער.

אָבער פון זיין ערשטן דעביוט איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. דער „מלמד" קאָן פּראָסט קיין חומש נישט. ער האַלט אַ גרויסן חומש מיט ע ב ר י־ט ײ ט ש און לערנט פון דאָרטן...

וויל איך זיך דאָך איבערצייגן, שטיי איך שוין נעבן טיש און הער, ווי ער לערנט מיט דעם אינגל די סדרה נח. נאָר דערזועהענדיק, אַז איך שטיי נעבן טיש, איז דער מלמד גאָר צעטומלט געוואָרן. פּינטלט ער מיט די אויגן אינם עברי־טייטש, מורמלט עפּעס מיט די ליפּן און מישט איבער אַ בלאַט. מישן זיך איבער אומגערן צוויי בלעטער, אָבער ער לערנט ווייטער און פילט גאָרנישט, אַז דער אינהאַלט איז דאָ איבערגעריסן געוואָרן. דאָס האָט מיך שוין שטאַרק פאַרדראָסן.

מאַך איך אָבער דערווייל אַ פּראָבע. נעם איך און מיש אויף אַקוראַט אין בראשית און כאַפּ אָן דעם פּסוק ה', קאַפּיטל ב'. גיב איך אים דאָס, ער זאָל מיר פאַרטייטשן. דער פּסוק הויבט זיך אָן אַזוי: ואדם אין לעבוד את האדמה — און עס איז נישטאָ קיין מענש צו באַאַרבעטן די ערד. טייטשט ער מיר עס אַזוי:

— ארם — אַ מענש, אין — אַן אויג א. אַז. וו....

— ע, ביסטו גאָר פון די לייט!.. — האַלט איך מיך קוים איין פון לאַכן.

פאַלט מיר איין צו פרעגן אים פון קאַפּיטל י"ד. דאָרט ווערט דערציילט וועגן דעם, ווי אברהם האָט איינגענומען אַלע פינף מלכים, וואָס האָבן מלחמה געהאַלטן מיט סדום. זיינען אַרויס אַנטקעגן אברהמען דער מלך פון סדום און דער מלכי־צדק, דער מלך שלם. און דער לעצטער, דער מלכי־צדק, האָט געבענטשט אברהמען מיט די ווערטער: ברוך אברהם לאל עליון.

פרעג איך אים, ווער איז ער געווען, דער ברוך, צי פון א ב ר ה מ ס גוטע פריינט, צי פון לוטס?

ווייס ער נישט וואָס צו ענטפערן?

קוקט ער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צום טיש און זייט קוים אַרויס דורך די ציין:

— פון אברהמס גוטע פריינט...

נו, האָב איך שוין צוגעמאַכט דעם חומש. וואָס האָב איך שוין מיט אים וואָס צו ריידן ווייטער?

עס האָט מיך נאָר שטאַרק פאַרדראָסן אויפן דיין, וואָס האָט אַריינגערוקט אַ „גראָבן ישובניק" אַ מלמד אַן עם־הארץ. אַ פיינער דיין, נישטאָ וואָס צו ריידן. בלייבט בײַ מיר, איך זאָל פאָרן קיין אַ נ ט אָ פּ אָ ל י ע, אַ באַקאַנט לומריש און נגידיש שטעטל.

געקומען בין איך אין אַנטאָפּאָליע פאַרנאַכט און אַריין, ווי דער שטייגער איז, אין בית־המדרש. זיצן האָרט יונגעלייט און לערנען. דערציילט איך זיי, נאָך וואָס איך בין געקומען, און די צרה מיינע מיט יענעם מלמד.

— אַ מלמד וואָס קאָן קיין עברי נישט...

לאַכן זיך אַלע פונאַנדער.

זעה איך באַם טיש שטייט אַ יונגערמאַן, אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט איבער אַן אָפענער גמרא, אויף וועלכער עס ליגט אַ טיכל — אַ סגולה, אַז די שדים זאָלן נישט כאַפּן לערנען דערוויילי אין דער אָפענער גמרא.

אַז איך האָב שוין אַלץ דערציילט, פאַרבעט מיך דער דאָזיגער יונגערמאַן אין ווייבער־שטיבל. אַ סוד האָט ער מיר צו זאָגן. און אויג אויף אויג, אין ווייבער־שטיבל, זאָגט ער מיר, אַז ער איז אַ קאַמעניצער, אַז הייסן הייסט ער שלמה און איז דעם בריסקער דיינס אַן איידעם און האָט אַ שם פאַר אַן עלוי.

נאָר דאָס איז אייגנטליך דער סוד:

ער איז אַ בן־יחיד און דאַרף זיך שטעלן צום פּריזיוו. האָט ער אָבער מורא, עס זאָל נישט דערגיין צו לגאָטניקעס, באַהאַלט ער זיך דערווייל פון פּריזיוו. דאָ, אין אַנטאָפּאָליע, לערנט ער מיט אַ רייכן יונגנמאַן און נעמט זיבן גילדן אַ וואָך מיט שבתים. ער האָט אַפילו געקאָנט קריגן אַ מלמדות אין אַ דאָרף באַ אַ רייכן ישובניק פאַר אַכציג רובל אַ זמן און אויף אַלעם פאַרטיגן, נאָר ער וויל אין קיין דאָרף נישט זיין באַ אַ ישובניק.

מיין פאַמיליע איז אים אָבער באַקאַנט און ער וואָלט מרוצה געוואָרן באַ מיר צו באַזעצן זיך. אויף אַ דאָרף איז דאָך זיכערער.

— איך דאַרף אייך נאָר פרעגן — האָט ער זיך מיט אַ באַזונדער ערנסטקייט אָנגעבויגן צו מיר — האָט איר אין דערהיים אַ ש״ס?

— איך האָב.

— רוהיג איז באַ אייך?

— רוהיג.

— אויב אַזוי — האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט — פאָר איך מיט גרויס תענוג צו אייך.

און באַם יונגענמאַן לייכט אויף דאָס געזיכט.

זעהר אַ סימפּאַטיש געזיכט. קענטיג אין זיין יעדער באַוועגונג, אַז דאָס איז אַ וואויל־לערנער — און איך האָב מיך אויך שטאַרק געפרייט.

ערשטנס, וועל איך האָבן אַ גוטן מלמד, צווייטנס, וועט זיין מיט וועמען צו פאַרברייגגען אין די לאַנגע שווערע ווינטער־אָוונטן אין דעם

גרויסן מדבר. און איך גיב אים די האַנט און מיר ענדיגן און גייען צוריק אין בית־המדרש אַריין.

אין בית־המדרש האָט מען שוין געדאַווענט מנחה. אַן אומעט האָט אַרויסגעפלאָסן פון נגון און פון די ווערטער, און איך האָב זיך נישט ווילנדיג דערמאָנט אָן מיינע גוטע, זיסע, זאָרגלאָזע קינדער־יאָרן.

נאָך מעריב בין איך אַוועק צו זיך אין קרעטשמע. שלמה איז שוין דאָרט געווען מיט די זאַכן (עס האָט אים געטריבן) צוזאַמען מיט נאָך יונגעלייט, וואָס זיינען געקומען מיך באַגלייטן.

איך האָב געשפּאַנט דאָס פערד, אַריינגעזעצט זיך אין בריטשקע און גענומען די לייצעס אין האַנט. די לייצעס אָבער האָבן זעהר אימפּאָנירט מיין מלמד. ער האָט זיי אַרויסגענומען פון מיין האַנט און גענומען אַליין „פּראַווען“ מיטן פערד. דאָס האָט אים, קענטיג, פאַרשאַפט גרויס הנאה. ער האָט זיך אַנטציקט, ווי אַ קינד. דאָס ערשטע מאָל האָט ער געהאַלטן לייצעס אין האַנט...

די יונגעלייט האָבן אונז אַ היפּשע שטרעקע באַגלייט און האָבן אונז אוראי מקנא געווען. די קנאה האָט זיך גיכער באַצויגן צום פאָרן, צום בייטן דאָס אָרט, וואָס איז אַזוי זיס אַ יונגען מענשן.

אין קושעליעווע זיינען מיר געקומען שפּעט באַנאַכט.

אָבער דאָרט איז נאָך געזעסן דער ערשטער „מלמד“, און איך האָב אים באַדאַרפט אויסריכטן, וואָס איז געווען נישט פון די גרינגע זאַכן. דערווייל אָבער האָב איך שלמהלען, ווי אַ בן־יחיד, איינגעלעגט שלאָפן און דערנאָך האָב איך זיך גענומען שרייבן אַ בריף צום „גובערנאַטאָר“.

אין בריף האָב איך אים גוט אויסגעזידלט פאַר דער מתנה, וואָס ער האָט מיר אַריינגעשיקט. אַ מין האַרצווייטאָג דאָס איז. ווי טוט מען דאָס אַזוי. דאָס איז אַן אמתע מערדעריי.

אָנגעשריבן דעם בריף, בין איך אויך אַוועק שלאָפן מיט דעם געדאַנק, אַז מאָרגן מוז ווערן אַן עק.

אויף מאָרגן אין דערפריה האָב איך געהייסן שפּאַנען אַ פערד — אָפּצושיקן די מתנה צוריק קיין סעלץ צום „גובערנאַטאָר“ צוזאַמען מיטן בריף...

דער „מלמד“ האָט אָבער נישט געוואָלט פאָרן און האָט מיט טרערן אויף די אויגן געבעטן רחמים, איך זאָל אים לאָזן „קנעלן“ מיט מיינע קינדער.

— ווי אַזוי וועל איך אַוועקפאָרן? — האָט ער געטענעט.

— ווי אַזוי וועט איר דאָ פאַרבלייבן? — האָב איך געטענעט.

רייד אָבער אַהין, רייד אַהער — אַ נעכטיגער טאָג, מען קאָן זיך מיט אים נישט אויסטענען.

אַז איך האָב געזעהן, אַז איך קאָן מיר דאָ קיין עצה נישט געבן, האָב איך אים פאָרגעלעגט, ער זאָל פאָרן מיט מיינעם אַ בריף קיין מ אַ ל ט ש צום רב. וואָס יענער וועט פסקענען, וועל איך מקיים זיין.

דער נאַר איז דערויף באַשטאַנען. ער איז געווען זיכער, אַז איך בין קענן אים אומגערעכט. האָב איך צוגעשריבן צום מאַלטשער רב עטליכע ווערטער, טאַקע וועגן דער אייגענער מעשה, און ער איז אַוועקגעפאָרן מיט גרויסע האָפענונגען.

אַמאָליגע רבנים האָבן געהאַט אַ סך צייט, האָט דער מאַלטשער רב אַלערערשטנס עקזאַמענירט מיין העברעאיש (דער בריף איז געווען גע־שריבן אין לשון־קודש). און אַז מיין העברעאיש איז אים געפעלן געוואָרן, און אַפילו זעהר, האָט ער זיך דערמאָלט גענומען צום ענין גופא.

נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת האָט דער רב געפסקענט, אַז מען זאָל „עפנטליך" פאַרהערן דעם מלמד אין שול, וועט מען זעהן, צי קאָן ער חומש. דער מלמד איז אויך דערויף מרוצה געוואָרן... אין אַ קליין שטעטל זיינען קיין סודות נישטאָ, און מיין בריף איז מפורסם געוואָרן אין שטעטל. צום עקזאַמען פונם מלמד זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע שטעטלשע אידן.

דער נאַר, דער מלמד, איז געגאַנגען אין שול זיך לאָזן פאַרהערן. אים איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז ער קאָן דאָ האָבן אַ מאוסע מפלה. צום עקזאַמען איז אָבער גאָרנישט געקומען. וואָרום שוין דער אָנהויב איז געווען אַ ביטערער. גייענדיג אין שול אַריין, האָבן אים שטעטלשע יונגאַטשעס פאַרוואָרפן מיט בלאָטע און געשריען:

— קושעליעווער מלמד!.. קושעליעווער מלמד!..

אין אַזאַ מין אָנהויב איז שוין אויך דער סוף געלעגן.

וואָרום ווער וועט אים איצט גיין פאַרהערן?

איז ער אַוועק צוריק צום רב, יענער זאָל אים מיטגעבן אַ בריף צו מיר. עס פאַרשטייט זיך, אַז פון שעמעריי איז ער געווען ווייט.

דער יונג איז געקומען צו מיר מיטן בריף. שרייבט דער רב, אַז לויטן דין קומט דעם יונג פון אייך נ אָ ר פ ע ט ש — אַן עם־הארץ טאָר זיך נישט אונטערנעמען צו לערנען מיט אינגלאַך חומש, נאָר אויב איר ווילט אים געבן געלט, קאָנט איר געבן, וויפיל אייער האַרץ גלוסט. מילא, איך האָב דעם יונג אַריינגערוקט אַ צען־רובלדיגן און געענדיגט דעם קאָמישן עסק.

דער קאָמישער עסק האָט מיר איצט קיין האַרצווייטאָג נישט פאַרשאַפט. וואָרום געענדיגט האָט ער זיך מיט של מהלען, זעהר אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן און אַ וואויל־לערנער, וואָס האָט מיך פּשוט דערקוויקט אין אַזאַ „פּוסטקע״.

איך האָב אים אָפּגעגעבן אַ גרויסע שטוב, „ווי אַ פּעלד״, ער זאָל דאָרט לערנען און שלאָפן. און טאָג און נאַכט פלעגט זיך גיסן זיין קול, וואָס פלעגט אונז וואונדערליך ווייך מאַכן דאָס האַרץ, און איך געדיינק, אַז איך פלעג אים מקנא זיין.

אַ קליינינגקייט, דער תענוג — קאָנען לערנען און וועלן לערנען.

ער אַליין איז אויך געווען זעהר צופרידן. אַ שטילע, אַ געראַומע שטוב, אַ גוטע באַהאַנדלונג און עסן לרוב.

עסן איז אַן ענין. פריהער האָט ער אַזוי ווייניג געגעסן!

אויסער דער הנאה, וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפט מיטן לערנען, הערנדיג באַ זיך אין שטוב דעם זיסן גמרא־נגון, האָט ער מיר אויך אָפטער דערמאָנט אָן מיינע גוטע פריילעכע בחורשע יאָרן, בעת איך האָב אַליין געלערנט טאָג און נאַכט און „געקליבן רענדלאַך״ און געבויט פּאַלאַצן אויף יענער וועלט...

— וואו איז דאָס היינט?

דאָס אַלץ איז עפּעס געווען אַזוי זיס, אַזוי גוט, אַז איך פלעג מיך טיילמאָל צעוויינען פון זיסקייט און פון וואַרעמען בטחון.

איך האָב געהאַט אַ גרויסן גאָט און אַ שיינע יענע וועלט און אַ ציל, צוליב וואָס צו לעבן. איך וועל זיין אַ רב, איך וועל זיין אַ צדיק, איך וועל טאָג און נאַכט לעבן מיט גאָט. אַלע וועגן זיינען פאַר מיר זיכערע און ליכטיגע און לאָמיך נאָר אויסוואַקסן.

— יאָ, לאָמיך נאָר אויסוואַקסן.

נאָר נאָך אַמאָל: וואו איז דאָס היינט?

אַ איד בין איך היינט, אַ איד — אַ טאַטע מיט זאָרג, מיט יאָך, מיט אַ קושעליעווע, און אָט דאַרף איך צו דרעשן די תבואה, פונאַנדערלייגן זי אין די שפּייכלערס און גויעווען, און גויעווען...

נאָר שלמהלע האָט אין מיר דערוועקט אַ חשק צום לערנען, איבערחזרן פון דאָס ניי יענע טייערע אינגלשע יאָרן, און איך האָב באַשלאָסן אָפּפּטרן שנעל מיינע אַרבעטן, ווערן פרייער און צוטרעטן צו דער גמרא.

איז נאָר אַזוי באַשלאָסן געוואָרן, האָב איך באַלד געדונגען מער דרעשער, געצאָלט טייערער און געטריבן די אַרבעט. פאַר אַ פּאָסעסאָר איז דאָס נישט זעהר פּראַקטיש...

אָבער איך וויל דאָך לערנען.

שלמהלע, ווידער, האָט מיך אַלץ געמוסרט, פאַרוואָס איך לערן גאָר־נישט... ער האָט נאָך גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס הייסט יאָך און „מאַכן אַ לעבן“.

— ס׳טייטש — האָט ער זיך געוואונדערט — איר דאַרפט דאָך קענען גוט לערנען. אין קאַמעניץ האָט איר אַ גוטן נאָמען געהאַט. איך זעה עפּעס נישט, איר זאָלט נעמען אַ גמרא אין האַנט...

היינט גיי קלער אים אויף, אַז פאַר אַ פּאָסעסאָר איז דאָס גאָר קיין ענין נישט, אַז פאַר אַ פּאָסעסאָר איז אַ סך וויכטיגער צו הויבן דעם פּרייז אויף תּבואות, ביליגער אָנדינגען טאָג־אַרבעטער, שטעלן בהמות אויף מיסט און דעסגלייכן.

באַ מיר איז געווען אַ פּראַגע, וואו איך זאָל לערנען. לערנען באַ זיך אין חדר אַליין — איז לאַנגווייליג. לערנען מיט אים — איז אַ מורא...

איך האָב שוין אַכט, ניין יאָר קיין גמרא אין האַנט נישט געהאַלטן, און ווען איך זאָל מיך אין איין חדר מיט אים זעצן לערנען, קאָן איך זיך אַמאָל דערפירן צו גרויסע בזיונות... אַ קשיא אויף אַ מעשה, איך האָב שוין אַלץ אַוראַי פאַרגעסן.

די ראָזיגע פּראַגע האָט מיך אַ היפּש ביסל געפּייניגט.

דערנאָך בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז איך זאָל ערגעץ קריגן אַ קליין גמראלע און זיך אַליין עקזאַמענירן שטילערהייט באַ זיך אין צימער. צום עקזאַמען וועל איך אַקוראַט נעמען יענע מסכתּא, וואָס ער לערנט. און דאָ וועל איך זעהן, ווי גייט עס באַ מיר און זיך אַליין אַרויסגעבן אַן אַטעסטאַט...

שלמהלע האָט געלערנט זעכצן שעה אין מעת־לעת. געלערנט האָט ער אָהן תּוספותן און דריידלאַך, נאָר גלייך און גלאַט. פון בלאַט צו בלאַט איז ער געגאַנגען ווי אַ גוטער פּאָלקאָווניק אין שלאַכט־פעלד, און אין עטליכע וואָכן האָט ער דורכגעמאַכט נדרים, נזיר, סוטה, גיטין און געהאַלטן באַ דער מסכתּא קדושין.

געקראָגן, וואָס איך דאַרף — אַ קליין גמראלע, האָב איך זיך שטילער־הייט אַריינגעגנבעט צו מיר אין צימער און מיך גענומען מיט גרויס שרעק צום עקזאַמען...

גיי איך מיר פּאָרזיכטיג דורך איין בלאַט, אַ צווייטס — עס גייט, ווי איך בין אַ איד. ווער איך שוין מוטיגער און פאָר ווייטער, ווייטער איז נאָך בעסער. גיי איך נאָך ווייטער — נאָך בעסער. ווי באַלד אַזוי, בין איך שוין באַ זיך גאָר דערהויבן געוואָרן, קער איך מיר אָפּ פון גלייכן וועג און פאָר אַריין אין די שווערע תּוספותן.

די ראָזיגע תּוספותן האָב איך אַמאָל ליב געהאַט, הגם מיט גרויסער פּשטות און קלאָרקייט צייכענען זיי זיך נישט זעהר אויס.

אין זיי ליגן, ווי שאָטנס, באַהאַלטן די שווערע סורות פון גמרא. עס איז אָבער זעהר אַנגענעם אַרויסצוגראַבלען די ראָזיגע סורות, אויפרעקן זיי, קלאָר מאַכן, פונאַנדערפּלאָנטערן, ווי מען פּלאָנטערט פונאַנדער אַ גרויסן געדריכטן קנויל.

— נו — קלער איך — באַ די תּוספותן וועט זיך מיין ווענעלע פּאַר־האַלטן.

אָבער ווי איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב זיך איבערצייגט, אַז מיין ווענעלע לויפט איבער די פּאַרפּלאָנטערטע תּוספותן גלאַט און לייכט, ווי אויף אַ שפּיגלדיגן שניי־וועג. עס גייט!

אין איין אָרט אָבער איז עס פאָרט געבליבן שטיין, ווי צוגעשמידט. איך שטופּ און שטופּ — עס גייט נישט. וואָס טוט מען? קנייטש איך דעם שטערן אַהין — אַהער און וויל מיט אַלע כּחות טרעפן דעם תּוספות. אָבער עס קומט גאָרנישט אַרויס. זעה איך, אַז מיין מיה איז אומזיסט. און דאָ פּלוצלינג בין איך זיך מישב, וואָס וועל איך זיך דאָ שעמען. „ולא הבּישן למד", הויב איך זיך אויף, גיי אַוועק צו שלמהלען און פרעג:

— זאָג מיר, מלמד מיינער, דאָס און דאָס.

קוקט ער זיך איין, וואָס איך פרעג און הויבט מיר אָן ערקלערן. אָבער איך זעה, אַז ער וויל מיר דאָ דעם ענין מער פאַרדרייען, איידער קלאָר מאַכן. פּשוט ער פּלפּולט, ער פאַרדרייט.

צווישן ליטווישע לומדים איז פאַראַן אַזאַ מין דרך: פריהער לערנען זיי דורך דעם ש"ס גאַנץ אויבערפלעכליך. דערנאָך, אַז זיי ווערן שוין באַהאַוונט אינם ש"ס, הויבן זיי ערשט אָן צו לערנען טיפער, „גרונטאָווגער", און אָנשטאָט פּלפּול און פאַרדרייענישן געפינען זיי אין יעדן ענין דעם אמתן זין.

אַפּנים, אַז מיין שלמהלע האָט דעמאָלט געהאַלטן באַ דער מדרגה פון בקיאות. ער וויל, הייסט עס, פריהער ווערן אַ בקי אין ש"ס, און דערנאָך וועט ער קומען צו חריפות.

איצט האָט זיך שלמהלע געמאַטערט צו פאַרדרייען מיר דעם קאָפּ מיט סברות און פּלפּול. איך האָב זיך אָבער נישט געלאָזט און דריי שעה צייט נאָכאַנאַנד האָבן מיר זיך געראַנגלט באַ דעם תּוספות. עס איז געווען קלאָר, אַז זיין תּירוץ פאַרענטפערט נישט די קשיא, וואָס איך האָב אים געפרעגט, און ער האָט זיך כּמעט ווי אונטערגעגעבן.

— אוי, שלמהלע, אחינו אתּה, — האָב איך אים פרייליך אָנגעפּאַטשט אין פּלייצע.

— ניין, וואַרט נאָך — האָט ער פרייליך געלאַכט.

נאָר איך בין געווען צופרידן פון צוויי זאַכן: ערשטנס, וועל איך זיך איצט נישט דאַרפן שעמען פאַר אים, און, צווייטנס, וועל איך טאַקע האָבן אַ שטיקעלע פעולה: ער קאָן פאָרט אַ סך און איז וואונדערליך קלאָר אין גאַנץ ש״ס.

דאָס שטיקעלע תוספות, וואָס מיר ביידע זיינען אים נישט דורכגעקראָכן, האָט מיר זעהר אימפּאָנירט, און איך בין אַ בעלן געווען אַ פּאָר טון צום מאַלטשער רב וועגן דעם. ווי באַלד אַז עס גייט אין וויסן, דאַרף מען זיך נישט פוילן.

און אויף מאָרגן בין איך טאַקע געפאָרן קיין מאַלטש צום רב. דער רב האָט מיר פאַרענטפערט די קשיא, אָבער אויך נישט גאָר קלאָר, דאָס הייסט, האַלב פאַרענטפערט, און איך בין אַוועקגעפאָרן אַהיים אויך האַלב צופרידן.

ווייניג מענשן לערנען פונדאַמענטאַל. דאָס רוב לויפט דורך דעם ש״ס אויבערפלעכליך, האַסטיג.

פאָרנדיג פון מאַלטשער רב אַהיים, בין איך פאַרבייגעפאָרן דעם וואַלד־קאָנטאָר. דער קאָנטאָרשטשיק איז געווען אַ פוילישער איד, אַ חסיד.

דער ראָזינגער קאָנטאָרשטשיק האָט נישט לאַנג חתונה געמאַכט אַ טאָכטער פאַר אַ וואויל־לערנער. שטעל איך אָפּ דאָס פערדל און כאַפּ מיך אַריין צום יונגענמאַנטשיק. טרעף איך אים, ווי ער זיצט און לערנט.

זעה איך, אַז ער האַלט אויך גראָד באַ דער גמרא קרושין סאַמע אין אָנהויב. אַז אַ מענש האַלט אין אָנהויב, איז דאָך אומזיסט מיין טרחה מיט אים זיך מתוכח צו זיין, פאָר איך אַוועק.

אין עטליכע וואָכן אַרום, פאָרנדיג צום מאַלטשער רב, בין איך ווידער אַריין צום יונגענמאַן, אפשר וועל איך פאָרט קאָנען מיט אים אַ שמועס טון מכח רעמזועלבן ענין.

זעה איך אָבער, אַז פאַר די עטליכע וואָכן צייט האָט ער מער נישט אָפּגעלערנט, ווי פיר בלאַט גמרא, מיין איך, אַז ער האָט עפּעס אַנדערש געלערנט, און אַז איך פרעג אים וועגן דעם, זאָגט ער:

— ניין. איך לערן נאָר די מסכתא קרושין.

— וואָס הייסט? — וואונדער איך זיך — איין בלאַט גמרא אַ וואָך לערנט איר?

ענטפערט ער:

— איך זיץ און קלער קשיות צו פרעגן. איך לערן דורך אַ קלייניגקייט און פרעג זיך גופא קשיות...

ווער איך נאָך מער פאַרוואונדערט:

— וואָס הייסט, איר זיצט און קלערט וועגן קשיות? איר קאָנט דאָך אַזוי אָפּזיצן יאָרן און דאָס לערנען וועט גיין באַ אייך לאבור? פריהער דאַרף מען דורכלערנען גאַנץ ש״ס און דערנאָך זיך מער אַריינדרינגען אין קשיות.

— באַ אונז אין פוילן לערנט מען אַזוי... — ענטפערט ער גאַנץ געמיטליך.

איך האָב אַ דריק געטאָן מיט די אַקסלען און אַוועקגעפאָרן.

אויך אַ לערנען. אַזאַ דרך איז געווים אַ שלעכטער און נישט קיין פּראַקטי־שער. און איך האָב זיך גאָר מיאוס געוועזן אין די פּוילישע וואויל־לערנער.

די פּוילישע וואויל־לערנער שלעפּן זיך לאַנג און אָהן טעם, אָבער די ליטווישע לויפן שוין צו האַסטיג דורך דאָס ערשטע מאָל דעם ש״ס.

אָנשטאָט האַסט — מער באַדאַכטונג, מער פאַרטיפונג, וואָלט געווים אַרויסגעקומען מער פעולה.

מיין פעטער ר׳ ליפּאַס אַ זון איז צו פופצען יאָר געוועזן אַזוי קלאָר אין זעקס הונדערט בלאַט גמרא, אַז ער פלעגט פיל מאָל איבעראַשן די גרעסטע לומדים. דער מחותן, צום ביישפּיל, האָט אים פאַרהערט אויף אַזאַ אופן: ער האָט אַריינגעשטאָכן אַ נאָדל אין גמרא און געפרעגט באַ וואָס פאַר אַ ענין דאַרף האַלטן דער שפּיץ. דאָס אינגל האָט זיך גוט צוגעקוקט, פאַרקנייטשט דעם שטערן, גערעכנט, גערעכנט און געטראָפן אַקוראַט.

ער איז געוועזן אַ שרעקליכער מתמיד און פלעגט לערנען אַכצן שעה אין מעת־לעת. אַ זכרון האָט ער געהאַט אַן אומנאַטירליכן, אַ געוואַלדיגן.

פונדעסטוועגן האָט ער די גמרא פאַרשטאַנען אויבערפלעכליך, נישט „גרונטאָוונע״, נישט קוקנדיג דערויף, וואָס ער האָט זי געקאָנט אינגאַנצן אויסווייניג. און אַז ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער געמוזט פאָרן צום באַליסטאָקער רב, ר׳ ליפּאלע — פרעגן באַ אים אַן עצה ווי צו לערנען איצט. ער איז געוועזן קלאָר אין ש״ס און האָט אים אָבער גרינדליך נישט פאַרשטאַנען, און ר׳ ליפּאלע האָט אים אָנגעוויזן, ווי אַזוי צו דערווערבן די מידה פון פאַרטיפונג, פון משיג זיין אַן ענין.

אַ דאַנק ר׳ ליפּאלען, איז דער יונגערמאַן דערגאַנגען צו זיין ציל.

און אָט אַזוי האָב איך זיך ביסלעכוויז אַריינגעצוינגן אין לערנען אונטער דער ווירקונג פון מיין ליבן שלמהלען.

קיין מאַלטש צום רב בין איך שוין געפאָרן דעם גאַנצן ווינטער צוויי מאָל אין וואָך. איך האָב געהאַט אַ היפּשע פעולה. אָבער אין דערזעלבער צייט בין איך אויך נעקומען צו דער טרויעריגער איבערצייגונג, אַז איך

בין נישט קיין למדן און נישט קיין משכיל, נישט דאָס און נישט יענץ. אויף אַ מיטן וועג שטיי איך — נישט אַהין, נישט אַהער. עס פאַרשטייט זיך, אַז זייטיגע האָבן געמיינט, אַז איך בין גאָט ווייס וואָס פאַר אַ למדן. און אָט דער טעות פלעגט מיר טיילמאָל טיף איינבייסן דאָס האַרץ...

און ווי אַלע מאָל מיט מיר — איז דאָס געווען פאַרפאַלן...

נאָר אַזוי, צי אַזוי — דער ווינטער האָט מיר נישט ווייניק תּענוג פאַרשאַפט. איך האָב זיך געפילט צופרידן. פרנסה איז בּאַ מיר, ווי שטענדיג, געוואָרן אַ בּייזאַך, אַ בּייגעראַנק, און מיין מח האָט בּעסער אַרומגעשוועבט אין די הויכע סברות פון גמרא.

דער דאָזיגער שלמהלע איז מיר שטאַרק איינגעבּאַקן געוואָרן אין האַרצן. זעהר אַ ליבער יונגערמאַן, זעהר אַן ערליכער, זעהר אַן אַרבּעטסזאַמער, זעהר אַ שטילער, און שטיל און גאָר אומבּאַמערקט האָט ער געקאָנט ווירקן אויפן צווייטן. און נאָך איצט אפילו בּיינק איך נאָך אים טיילמאָל.

פּסח, געדיינק איך, האָב איך אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, וואָס מיך האָט דערנאָך פאַרדראָסן. מיר זיינען געזעסן בּאַם סדר. מען האָט אָנגעקאָכט און אָנגעבּאַקן פון כל טוב. אויף די ערשטע טעג האָב איך געקוילעט דריי גרויסע קעלבּער, אויסער אַן ענדיק, וואָס דאָס ווייבּ האָט אויסגעהאָדעוועט.

מיין שלמה האָט זיך, קיין עין־הרע, גוט אָנגעפּאַקט. זיין חלק אפיקומן האָב איך גוזמאדיג פאַרגרעסערט, און ווען מיר האָבן עס בּאַראַפּט עסן, האָב איך געזעהן, אַז דאָס איז אים איבּער די כּחות...

ער איז אָבּער געווען זעהר פרום און האָט זיך געסטאַרעט אויפצועסן. זעה איך, אַז ער האָט שוין בּאַלד מנצח געווען דאָס גרויסע שטיק מצה, רוק איך אים אומבּאַמערקט צו נאָך אַ שטיקל, נאָך אַ שטיקל — אַלץ, הייסט עס, זיין אפיקומן. שלמהלע האָט געגעסן, געגעסן, בּיז ער איז בּלאַס געוואָרן און איז מיט אַמאָל אַרויסגעלאָפן אויפן גאַניק...

דאָרט האָט ער געבּראָכן.

איך ווייס נישט, וואו איז היינט מיין ליבּער, מיין גוטער שלמהלע. זאָל ער עס מיר אָבּער מוחל זיין דאָרט, וואו ער איז. גאָט איז מיין ערות, אַז איך האָב רעמאָלט פון אהבה און פון תּענוג צופיל וויין געטרונקען... אַ איך — בּאַלד שכּור געוואָרן.

געענדיגט זיך דער ווינטער, האָט זיך אָנגעהויבּן די פעלד־אַרבּעט. די זון, דער וואַלד, די פרייע לופט — האָבן אויך שלמהלען אָפּגעריסן פון דער גמרא. מיר האָבן שוין בּיידע נישט געלערנט. מיר זיינען אומגעגאַנגען אין פעלד, זיך געקוויקט מיט דער זון, אַרומגעפאָרן רייטנדיג,

גאָר מעשה־פּריצים. איבעריגנס, אין הלכות רייטן איז ער געווען גאָר אַ קליינער קנאַקער. ער האָט, נעבעך, זעהר מורא געהאַט פאַר פערד... כאָטש עס האָט אים געצויגן צו זיי, ווי אַלע שוואַכע — צו שטאַרקע און געזונטע.

אַזוי איז אַוועק דער גאַנצער זומער. שלמהלע איז איצט געווען מ ע ר אי ן פ ע ל ד, איידער באַ דער גמרא. די זון האָט דערוואַרעמט זיינע פאַרגליווערטע בלוטן. ער האָט גאָר אָפּגעלעבט. ער האָט איינגעזעהן, אַז זון, לופט און וואַלד און פעלד־אַרבעט איז אויך אַ שטאַרקער ענין.

און אַ דאַנק שלמהלען, האָב איך גאָרנישט באַמערקט, ווי דער זומער איז זיך איבערגעלאָפן. אָט איז שוין באַלד הערבסט, עס שמעקט מיט אלול. בלעטער פוילן, בלעטער פאַלן.

און אַקוראַט פאַר ראש־השנה איז שלמהלע, צו מיין גרעסטן האַרצ־ווייטאָג, אַוועקגעפאָרן אַהיים. מען האָט אים גערופן זיך שטעלן צום פּריזיוו. זיין פאָטער האָט איבערגעמאַכט דעם פּריזיוו אויף היי־יאָר. נאָך זיין אַוועקפאָרן איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ שרעקליכע מרה־שחורה, און איך האָב מיך אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט באַרוהיגן. דער יונג האָט מיר דאָס האַרץ געבלוטיגט.

אין אַ צייט אַרום נאָך זיין אַוועקפאָרן האָב איך איינמאָל געלעזן אַ קאָרעספּאָנדענץ פון גראָדנע אין דעם רעמאָלטיגן „המליץ“, וועלכן איך האָב אַבאָנירט, אַז מען האָט אָפּגעגעבן דעם קאַמעניצער עילוי שלמה פאַר אַ זעלנער, און ער שטייט אין גראָדנע. גאַנץ גראָדנע סטאַרעט זיך פאַר אים.

די ידיעה האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. איך בין אָבער באַלד געטרייסט געוואָרן: שלמהלען האָט מען דאָך באַפרייט. די גראָדנער קהלה האָט אים צופיל געשעצט און געזשאַלעוועט.

קאַפּיטל XVI

איך וויל שוין ווידער וואַנדערן. — דער קאָנטראַקט מיט שעמעטן. — מיין שוואָגער פון קיעוו. — איך גיב צום טרינקען פערד. — א פּלאַן מכּח ארויספאָרן קיין קיעוו. — דער זיידע. — בּא שעמעטן. — דעם זיידנס מוסר. — איך פאַרקויף האַק און פּאַק. — נאָר קיעוו. — די רייזע. — דער ערשטער ברוך־הבא. — אָבלאַוועס. — איך ליג אונטער א בעט. — אימה. — געוויין. — יאוש און חרטה. — דאָס ערגסטירטע אידל:

נאָך שלמהלעס אָפּפאָרן האָב איך אָנגעהויבן שטאַרק צו קלערן מכּח פאַרלאָזן דעם העק. בּאַם פריץ שעמעט האָב איך געהאַט אַ קאָנטראַקט אויף דריי יאָר. זיצן האָט מען אייגנטליך געקאָנט בּאַ אים אייביג. נאָר בּאַ אים איז געווען אַזאַ טראַדיציע אַרויסצוגעבן יערן פּאָסעסאָר זיינעם אַ קוויטל אויף דריי יאָר און דערנאָך, אַז מען האָט געוואוינט לייננער, האָט ער קיינעם קיין הוספות נישט געגעבן.

האָב איך, הייסט עס, געקאָנט זיין אין קושעליעווע אַזוי פיל, וויפיל איך וואָלט נאָר געוואָלט, אַפילו בּיז נאָך שעמעטס טויט. זיין טאָכטער וואָלט אויך נישט געענדערט די טראַדיציע. פאַרשטייט זיך, אויב זי וואָלט דעם גוט נישט פאַרקויפט. פּרנסה וואָלט איך אויך געהאַט.

שפּעטער וואָלט איך זיך פאָרט איינגעלעבט, וואָלט אפשר בעסער געוואָרן. אַקוראַט צו דער צייט, בּעת איך בּין געווען פאַרנומען מיט די געראַנקען, ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון קושעליעווע, איז מיין שוואָגער אהרן צייטלינגאָלד אַרויס פון פּינסק קיין קיעוו. די ראָזיגע שטאָט האָט דעמאָלט אָנגעהויבן שטאַרק צוצוציהען אידן.

די צייט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָט דערצו נישט זעהר געשטערט, און אַ סך אידן האָבן אַריבּערגעוואַנדערט קיין קיעוו. דער טייך דניעפּר איז כּמעט געוואָרן דער פּונקט, אַרום וועלכן אידן האָבן זיך פאַרזאַמלט. מחמת אידן האָבן זיך דאָס רוב בּאַשעפטיגט מיטן תּבואה־מסחר, האָבן זיי דורך אָט דעם טייך געטריבן זייערע תּבואות קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, ניקאָלאַיעוו, קרעמענטשוג א. אַז. וו.

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז קיעוו געוואָרן דער צענטער פון אידישן האַנדל בכלל. אינגאַנצן פריי איז אַפילו נישט געווען. פּאָליציי פלעגט אָפּט מאַכן די באַרימטע קיעווער „אָבלאַוועס", וואָס זיינען ביז היינט, צום אומגליק, נישט שוואַכער געוואָרן. נאָר פונדעסטוועגן האָט אַ איד געקאָנט „עקסיסטירן". וואָרום עס קומט אַרויף אַלץ דיזעלבע פראַגע: וואו איז בעסער?

בעלי־מלאכות האָבן געמעגט סיי ווי סיי וואוינען און האַנדלען. באַקומען אַ „רעמעסלענע" פון אַ מלאכה, איז אויך נישט געווען פון די שווערע זאַכן. אַ דאגה: אַ גלעזער, אַ טינט־מאַכער, אַן עסיג־מאַכער — אַבי אַ „רעמעסלענע". ערשטע און צווייטע גילדיעס האָבן דאָך אַוודאַי געהאַט וואוינרעכט. אַזוי אַרום האָבן די אָבלאַוועס קיין גרויסן פּאָליצייאישן ערפאָלג נישט געהאַט, און אידן האָבן, גאָט צו דאַנקען, געלעבט אַ סך לייכטער און בעסער ווי היינט.

אויפן ערגסטן אופן רוקט מען עפּעס אין יד אַריין... די אַלטע אידישע סגולה. און אַנדערע אידן האָבן אַרויסגענומען אַ שיין פון אַ קאָכער. וואָרום וואָס פאַר אַ איד אָדער אידענע קאָן דאָס נישט אָפּקאָכן אַ קרופּניק מיט אַ שטיקל פלייש? און אָט אַזוי איז עס געגאַנגען. און קיעוו איז געוואָרן אַ גרויסע אידישע קהלה מיט האַנדל, געשעפטן, מלאכה א. אַז. וו.

מיין שוואָגער איז אַרויסגעפאָרן מיט דער פאַמיליע קיין קיעוו און האָט דאָרט געעפנט אַ שיין גאַסט־הויז. דאָס ווייב האָט געפירט דאָס גאַסט־הויז און ער, ווידער, האָט געהאַט אַנדערע געשעפטן. גוטע געשעפטן האָבן זיך דעמאָלט ממש געוואַלגערט אין קיעוו.

מיין שוואָגער האָט געמיינט, אַז איך מאַך גאָלדענע געשעפטן אין קושעליעווע און אים איז גאָרנישט איינגעפאַלן איבערצופּעקלען מיך קיין קיעוו.

מאַכט זיך אַ מעשה און עס ברענט אָפּ זיין פאָטערס הויז אין פּינסק. איז ער געפאָרן אין פּינסק אָפּנעמען דאָס סטראַכירונגס־געלט, אַ דריי טויזנט רובל. אַז מען איז שוין אין פּינסק, דאַרף מען דאָך אַראָפּפאָרן צו אונז אין קושעליעווע, וואָס איז נישט וויט. ער האָט אומישנע געוואָלט קומען צו אונז אומגעריכט, כּדי ער זאָל אונז קאָנען כאַפּן באַם סאַמע „וואָכעדיגן לעבן".

און דוכט זיך, אַז ער האָט געכאַפּט...

שטיי איך אַזוי איינמאָל פרייטאָג באַטאָג און טרינק אָן די פערד באַם ברונים: איך גיס וואַסער פון ברונים אין קאָריטע, און דריי פערד שטייען און טרינקען. און גראָד אין דער מינוט איז געקומען אומבאַמערקט

דער שוואָגער. ער האָט אַ ווײַלע צוגעקוקט, ווי איך גיב טרינקען די פערד און דערנאָך זיך אַרויסגעגעבן...

שוין שפּעטער, אַז מיר זײַנען געזעסן אין שטוב, האָט ער זיך אַלץ נישט געקאָנט אָפּוואונדערן, וואָס איך, אַ יונגערמאַן, וועלכער איז אַ צײַט לאַנג געזעסן אין בית־המדרש, זאָל קאָנען אַרומגיין אַרום פערד. אַפילו ראָס שעפּן וואַסער פון אַ טיפן ברונים און גיסן אין קאָריטע איז אים אויך אויסגעקומען משוגה.

— איך האָב אַלץ געמיינט — זאָגט ער — אַז דו ביסט אַ פאַרשלאָפענע בריאה און קאָנסט נאָר אָנשרײַבן אַ לאַנג מליצה־בריוועלע צו מיר. ערשט דו טויגסט זיך גאָר. פאָר מיט מיר קיין קיעוו. וועסט דאָרט מאַכן גוטע געשעפטן.

און ער האָט אָנגעהויבן דערצײַלן מעשיות פון הונדערטער אידן, וואָס זײַנען געקומען קיין קיעוו ממש „אָ ה ן ש ט י וו ל“ און זײַנען אין פאַרלויף פון עטליכע יאָר געוואָרן גבירים, וואָס פאַרמאָגן הונדערטער טויזנטער רובל. אין קיעוו קאָן מען ווערן אַ גביר פלינק, אויף איין פוס.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער שוואָגער האָט אונז לײַכט איבערגערעדט, און נאָך זײַן אַוועקפאָרן איז באַ אונז געבליבן פאַרענדיגן וואָס גיכער מיט קושעליעווע און אַרויספאָרן קיין קיעוו.

איך האָב זיך שטאַרק גענומען דערצו.

אין עטליכע חדשים צײַט ביז ניי־יאָר האָב איך אַלץ געמאַכט צו געלט, ביסלעכווײַז פאַרקויפט די בהמות, קעלבער, אָקסן, פערד, שפּאַנען, היי און נאָך אַזעלכע פּאָסעסאָר־זאַכן, נישט געקוקט אויפן פּרײַז, גיך אַרויס־געשטופּט די סחורה, אַבי אַראָפּ פון מאַרק.

אַז איך בין פאַרטיג געוואָרן מיטן פאַרקויפן, האָב איך געשיקט נאָכן זיידן, ער זאָל מיט מיר פאָרן צום פּריץ דורכקומען. פאַרן פּריץ איז עס געווען אומגעריכט. ער האָט געמיינט, אַז איך וועל זיצן און זיצן אין קושעליעווע. דער זיידע איז געקומען, און איך האָב מיטן פּריץ אויך פאַרענדיגט.

דער פּריץ האָט געזאָגט צום זיידן:

— דײַן אייניקל טוט אַ גרויסע נאַרישקייט, וואָס ער וואַרפט אַוועק קושעליעווע. דײַן אייניקל האַלט דאָס זעהר ביליג. מען גיט מיר שוין לאַנג פאַרן הויף צוועלף הונדערט רובל. נאָר איך האָב פײַנט אַן אויסרינגער. שפּעטער וואָלט איך אפשר אָפּגעגעבן דײַן אייניקל מײַן אייגענעם הויף אין אַרענדע. איך בין שוין אַלט, איך קאָן זיך שוין נישט אָפּגעבן מיט אַזעלכע זאַכן, און דײַן אייניקל איז אַן אָרנטליכער מאַן... ווײַל ער אָבער נישט, איילט ער זיך, לויפט ער פון דאַנען, טאָ זאָל ער לויפן געזונטערהייט.

— איר ווילט אָפּגעבן אייער הויף? — האָט זיך דער ויירע אַ כאַפּ געטאָן.

— נו, יאָ, — האָט דער אַלטער פריץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— פאָרט ער נישט אַרויס! — האָט דער ויירע פעסט געזאָגט — ער וועט דאָ בלייבן.

— ניין... — איז שעמעט בייז געוואָרן — איצט נישט. ער האָט שוין בּאַ מיר מער קיין חן נישט. וויבּאַלד אַז ער וויל אַרויספאָרן, איז ער בּאַ מיר שוין קיין פּאַסעסאָר נישט.

דער ויירע איז געווען אויסער זיך.

— ס'טייטש, ס'טייטש, — האָט ער מיר דערנאָך מיט האַרץ געזאָגט.— דו וואָלסט דאָך געווען גליקליך. גזלן, דו וואָלסט דאָך רייך געוואָרן.

און ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט בּאַרוהיגן.

— וואָס ציהט דיך אַזוי אין שטאָט אַריין? וואָס מיינסטו איז אַ שטאָט? מען רייסט זיך און מען שלאָגט זיך פאַר אַ גראָשן פּרנסה. וועסט זעהן, דיר וועט נאָך אַמאָל פאַרדריסן, וואָס דו בּיסט אַוועק פון די קושעליעווער בּוימער. אַזאַ פריין, אַזאַ פּריץ צו לאָזן. דו ווייסט, וואָס הייסט זוכן אין אַ שטאָט פּרנסה? — האָט ער מיך אָנגעשטאָכן מיט די אויגן — הלואי זאָל איך ליינג, וועסט זיך נאָך ווען עס איז רייסן די האָר פאַר דעם.

איך האָבּ אָבּער דעם ויירן נישט געהערט. זאָל ער ריידן, וואָס ער וויל. איך וועל פאָרן קיין קיעוו... אַ גרויסע שטאָט, אַ סך מענשן, מען קאָן שמועסן, פאַרברייננגען, פירן אַ ויכוח, ריידן פון הויכע זאַכן. קושעליעווע איז פאַר מיר קיין זאַך נישט.

דער ויירע איז אַוועקגעפאָרן אַ צעקלעמטער, און איך האָבּ פאַרענדיגט מיט מיין דאָרפישער בעלי־בתּישקייט.

אַז אַלץ איז שוין געווען פאַרקויפט, האָבּ איך מיין פאַמיליע אַריבּער־געפעקלט קיין קאָברין, וואו ווייבּ און קינדער וועלן איבּערוואַרטן די צייט, בּיז איך וועל זיך איינאָרדענען, און אַליין בּין איך אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו.

קיין קיעוו בּין איך געקומען פרייטאָג אין דערפריה און בּין אַ פריילעכער אַוועקגעפאָרן צום שוואָגער. בּאַם בּרעג דניעפּר האָט ער געהאַלטן דאָס גאַסט־הויז. געקומען צום שוואָגער, האָבּ איך בּאַלד בּאַמערקט, אַז ער, דער שוואָגער, זעהט עפּעס אויס נישט גאָר פויגלדיג. נישטאָ די לוסטיגע מינע, וואָס איז געלעגן אויף זיין פּנים, בּעת ער איז געווען אין קושעליעווע. און אַז איך האָבּ אַ פרעג געטאָן, פון וואַנען קומט דער שנוי, האָבּ איך בּאַקומען אַן ענטפער, אַז דעם ווינטער האָט ו ו י נ ש ט י י ן בּאַנקראָטירט אויף

זעקס און אַ האַלב מיליאָן רובל און אַז דער ראָזיגער באַנקראָט האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין גאַנץ קיעוו, וואָרום ווּעמען האָט דער ווינשטיין נישט באַרירט?

אויסער די גרויסע ביינק, האָט ער פּריוואַטע מענשן באַנקראָטירט העכער דריי מיליאָן.

מיין שוואָגער האָט אין דעם ראָזיגן באַנקראָט־ים רערטרונקען דריי טויזנט רובל געלט מזומן. דערביי האָט ער פאַרלאָרן געשעפטן, באַ וועלכע ער פלעגט פאַרדינען ביז פינף טויזנט רובל אַ יאָר. איצט, אַז איך בין געקומען קיין קיעוו, זיינען שוין אַלע געשעפטן, גאָט צו דאַנקען, אין דער ערד, אין קיעווער מסחר איז אַ חורבן, דער שוואָגער האָט איצט קיין געשעפטן נישט, אויסערן גאַסט־הויז. לעבן פון גאַסט־הויז אַליין איז שווער, בפרט נאָך אַז ער איז איינגעווינט ברייט צו לעבן.

ווערליג מיינע האָפענונגען, איז דאָס פאַר מיר געווען אַ פיינער ברוך־הבא. געקומען אַקוראַט אין דער ריכטיגער צייט אין קיעוו. אָנגעטראָגן זיך. איך בין דאָ. קיעוו וואַרט אויף מיר.

קושעליעווע אויף אַ גרויסער שטאָט געביטן. אָט האָסטו קיעוו.

און באַלד, אין איין רגע, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שרעקליכער יאוש, אַ מרה־שחורה, פּונקט ווי אַ זעהענדיגער מענש וואָלט מיט אַמאָל בלינד געוואָרן. וואָס האָב איך געטאָן? ווי אַזוי נעם איך אַן איינגעפונדעוועטע בעל־הבתישקייט און וואַרף עס אַרויס אויפן ווינט? ווי אַזוי וואַג איך זיך גאָר דערצו? פון וואַנען וועל איך איצט לעבן מיט אַ ווייב און קינדער? און סתּם, ווי קום איך, אַ דאָרף־איד, זוכן געשעפט אין אַ גרויסער טומלדיגער שטאָט? ווער דאַרף מיך דאָ? ווער וואַרט דאָ אויף מיר? ווער ווייסט מיך, די מציאה, דאָ אויסכאַפּן?

מיין יאוש איז, אַפּנים, פאַרקראָכן אַזוי ווייט, אַז ער איז געוואָרן קענטיג פאַר די שטוביגע, און מיין שוואָגער האָט מיך „גענומען אין די הענט אַריין“.

— קודם כל — זאָגט ער — דאַרף מען זיין אַ מענש. פון קיעווער באַנקראָט האָסטו דאָך נישט געליטן. וואָס־זשע מרה־שחורהסטו? אפשר וועט דיר גראָד גאָט העלפן אין קיעוו?

און אויף דער נאַכט האָט ער מיך צוליב פריילעכקייט אַוועקגעפירט אין קאַרלינער חסידים־שטיבל. אין שטיבל איז טאַקע געווען פריילעך, און מיין יאוש איז צעגאַנגען געוואָרן. אידעלאַך האָבן געפּאַטשט מיט די הענט, געטופּעט מיט די פיס און פריילעך מקבל שבת געווען. איך האָב זיך שוין אָפּגעווינט פון אַזאַ טומל. און מיר האָט זיך געדוכט, אַז די ווענט פּאַטשן אויך און זינגען לכו נרננה.

איך האָב שוין מער קיין אומעטיגע געראַנקען נישט געהאַט. אין רערהיים האָב איך מיטן שוואָגער פריילעך אויסגעזונגען שלום־עליכם און בײַם טיש האָבן מיר זיך אויסגעזעצט אַן ערה אידן פון אַ צוואַנציג פּערזאָן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען גרויסע סוחרים, רייכע קרעמער, געהויבענע מעקלער א. אַז. וו.

אויפן טיש איז ליכטיג, עס ברענען ליכט, אויף ווייסע טעלער ליגן שיינע חלקים פיש, דער עולם מאַכט קדוש, מען זעצט זיך עסן און עס פאַרפירט זיך אַ לאַנגער שמועס.

אָבער פון וואָס שמועסט מען?

גאָט מיינער, פון אָבלאַוועס.

פּאָליציי כאַפּט אידן! כאַפּט, כאַפּט, כאַפּט.

וואָס הייסט כאַפּט?

ביז אַהער האָב איך געוואוסט, אַז אידן ליידן צרות, ווערן פאַרשוואַרצט, טראָגן אויף זיך אַ גרויסן, אַ ביטערן יאָך, אָבער אַז אידן ווערן אויך געכאַפּט, דאָס האָב איך לחלוטין נישט געוואוסט?

מיר האָט אַזש אַ שווייס אַרויסגעשלאָגן אויפן שטערן. פּאָליציי כאַפּט אידן! כאַפּט, כאַפּט, כאַפּט.

— איר ווייסט נישט, וואָס איז דאָס אַזוינס כאַפּן? — רופט זיך אָן צו מיר אַ איד, וואָס האָט, קענטיג, באַמערקט, אַז דער ענין איז פאַר מיר ניי. — פאַר אַ יאָרן האָט מען דאָ אין רעכטן מיטן פל־נדרי פאַר־כאַפּט אַ גאַנצע שול אידן... אַ שול אידן. איר פאַרשטייט? אַ שול אידן...

— איז אַז אַ איד האָט דאָ נישט קיין רעכט צו וואוינען, דאַרף ער זיך באַהאַלטן? — האָב איך נישט זיכער און אַפּילו נאַרישליך געפרעגט, בעת אַ קעלט איז מיר אַדורך דורך די ביינער.

— נו, וואָס קלערט איר? אוודאי באַהאַלטן...

דאָ בין איך שוין אינגאַנצן געבליבן אָפּהענטיג.

און מיר האָט זיך גערוכט, אַז מיין שוואָגער האָט מיך אומגליקליך געמאַכט, ממש אָפּגעקוילעט אָהן אַ מעסער. למאי האָט ער מיר נישט געזאָגט אין קושעליעווע, אַז אין קיעוו כאַפּט מען אידן? איך וואָלט דאָך נישט געפאָרן אַהער פאַר מיליאָנען, פאַר מיליאַרדן. מען כאַפּט אידן!!!

אין קאָפּ האָבן זיך מיר אומגעדרייט די סאַמע שרעקליכסטע רעיונות.

— וואָס האָסטו מיך אַראָפּגעבראַכט אַהער? — האָב איך מיט אַמאָל און מיט גאַל געפרעגט דעם שוואָגער.

— שאַ, שרעק זיך נישט — האָט זיך אַריינגעמישט די שוועגערין — מיר צאָלן געלט דעם פּריסטאַוו, ער באַקומט שוין דאָס זייניגע און ער

טשעפּעט אונז נישט. בײַ אונז כאַפּט מען נישט... נאָר טאָמער טרעפט זיך יאָ אַמאָל אַן אָבלאַווע בײַ אונז, לאָזט מען ז י י אויף מאָרגן גלייך אַרויס... וואָרום דער פּריסטאַוו באַקומט דאָס זײַניגע. אין יר... אין יר...

איך האָב דערווייל באַמערקט, אַז דער עולם מאַכט עטוואָס חוזק פון מיר, מען לאַכט אונטער.

— וואָס שרעקט איר זיך אַזוי? — רופט זיך אָן עפּעס איינער אַן אורח — איר זענט דאָך אַ איד, און אַ איד דאַרף זײַן געוווינט צו אַזוינע זאַכן...

און עטליכע מיט אַמאָל דערציילן מיר, אַז מען האָט זיי שוין נישט איינמאָל געכאַפּט, נישט איינמאָל איבערגענעכטיגט אין קאָזע און — מען לעבט, גאָט צו דאַנקען. נישקשה, צו משיחן איז נאָך ווייט. דערווייל דאַרף מען איבערנעכטיגן אין קאָזע און פאַרדינען געלט.

און דער עולם האָט אָנגעהויבן זינגען זמירות, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיצן אין ירושלים. איך האָב פאַרדריקט די ציין און אַ טראַכט געטאָן:

— זאָל זײַן, וואָס עס וועט זײַן.

אַפּנים אָבער, אַז מיט מיר קיין קיעוו איז געפאָרן נישט איין שלים־מזל מײַנער, נאָר מיליאָנען־מיליאַסן. וואָרום קיעוו האָט לאַנג נישט געוואַרט און מיך באַלד מזכּה געווען מיטן תּענוג פון אַן אָבלאַווע...

פּונקט אַזייגער עלף, בעת מיר האָבן נאָך געהאַלטן באַם רעכטן צימעס, וואָס איז דווקא געווען געראָטן, האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקן קלונג. אַ קלונג פון אַ זיכערער האַנט. אַזוי קלינגט נישט אַ גאַסט, און אַלע זײַנען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער מיט טויטע פּנימער.

אַן אָבלאַווע!.. — האָט זיך בײַ עמיצן פאַרשטיקט אַרויסגעריסן.

די אידעלאַך, וואָס האָבן פריהער אַזוי דרייסט גערעדט פון אָבלאַוועס, זײַנען איצט, אין מיטן צימעס, צעמישט געוואָרן.

מײַן שוועגערין, וואָס איז געווען זעהר אַ פּראַקטישע, האָט מיך אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און אַ שעפּטשע געטאָן:

— קום גיכער, אַן אָבלאַווע. איך וועל דיך באַהאַלטן.

און זי לויפט מיט מיר, שלעפּנדיג מיך פאַרן האַנט.

לויפן אָבער אַלע. עס לויפן די גבירים, די שיינע אידן, עס לויפן די מעקלערס, די קרעמער. אַ פּאַנישער געלויף. אַפּנים, אין קאָזע איז נישט אַזוי גרינג צו זיצן, ווי זיי האָבן פריהער גערעדט.

די שוועגערין איז מיט מיר פאַרפלויגן אין שלאָפצימער.

דאָרט פירט זי מיך צו צו אַ בעט און הייסט מיר אַרונטערקריכן.

— קריך, קריך אַרונטער, שעם זיך נישט.

די שיינע אידן אָבער טוען עס געשיקטער פון מיר. זיי ליגן שוין אַלע אונטער די בעטן. און — איך בין אויך אַרונטערגעקראָכן. אונטערן בעט הער איך אַ שווער סאָפּעניש פון מיינע אונטער־בעט־חברים און איך הער אויך ווי עס קלאַפּט זיי דאָס האַרץ. פאַרקערט, איך אַליין האָב זיך שוין נישט אַזוי געשראָקן. איך האָב דערויף אַזוי ווי קיין צייט נישט געהאַט.

אַ מאָדנע בילד. אונטערן בעט ליגן זיך אידעלאַך מיט שיינע בערד, טאַטעס פון קינדער, אָנגעזעהענע סוחרים און מען סאָפּעט ווי גענז, בעת יענע ווילן טרינקען.

אַז איך שטריינג אָן גוט דעם אויער, הער איך ווי פּאָליציי גייט אַרום מיט שווערע טריט אין י ע נ ע צימערן און מען רעדט מיט גראָבע שטימען...

— מען זוכט — טראַכט איך — אפשר וועט מען געפינען... אַרויס־שלעפּן פון אונטערן בעט אַן ערה שיינע אידעלאַך.

דאָס מאָל איז אָבער די אָבלאַווע צוגעגאַנגען זעהר „לייכט", וואָרום אָנגעפירט געוואָרן איז זי פונם „גוטן" פּריסטאַוו. ער אַליין איז דערביי געווען. נאָר אַזוי ווי כ אַ פּ ן עפּ ע ס מוז ער, האָט ער לפנים וועגן צו־געכאַפּט אַן אָרימען אידן, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן באַם שוואָגער. מעגליך, אַז דער דאָזיגער איד האָט אומישנע זיך אָנגערונגען אויף אַזאַ מין „שטעלע"...

אַז זיי זיינען אַוועק, זיינען מיר אַרויסגעקראָכן פון אונטערן בעט... מיר האָבן זעהר שיין אויסגעזעהן. אויף די שבתדיגע מלבושים איז געהאַנגען שפּינוועבס און עס האָבן זיך געזעהן גרויסע פלעקן פון שטויב, מיט פאַרשמירטע נעזער.

ערשט איצט איז צ ו מ י ר ג ע ק ו מ ע ן די אימה און — נישטאָ זיך וואָס צו שעמען — איך האָב זיך צעוויינט הויך אויפן קול. איך בין זיך מודה, אַז דאָס זיינען געווען איבעריגע טרערן, נאַרישע טרערן. ווי די אָבלאַווע איז נישט שרעקליך, פונדעסטוועגן דאַרף אַ איד נישט וויינען און נאָך הויך אויפן קול. עס האָט געווייס געמוזט אויסזעהן מאוס און נאַריש.

איך מיין, אַז מיין שוואָגער, דערזעהענדיג די טרערן, האָט נ אָ ך מ ע ר פון מיר חרטה געהאַט, וואָס איך בין געקומען. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געהאַט צו טון מיט מיר. איך האָב זיך בשום אופן נישט געקאָנט באַרוהיגן. דער שוואָגער האָט אָנגענומען אַלע מיטלען, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. און אַזאַ מין צושטאַנד האָט זיך באַ מיר געצויגן אויך אויף

מאָרגן. איך האָב נישט געקאָנט עסן, נישט טרינקען, און דאָס האַרץ האָט עפּעס גענאָגט און גענאָגט.

מען האָט מיך איבערגעגעבן צו די געסט — יענע זאָלן מיך באַרוהיגן. האָבן זיי מיר דערציילט מעשיות פון מיליאָנערן און זיך געטענטעלט מיט מיר, ווי מיט אַ קינד. די שווענערין האָט געבראַכט פון צירקל דעם אָרימען אידן.

— עט! ס׳איז גאָרנישט. — האָט ער זיך באַרימט, קומענדיג פון דאָרטן.

— זעהסטו — האָט די שווענערין פון מיר געלאַכט — אין קאָזע געזעסן און ווײנט נישט...

— וואָס האָט איר דאָרטן געזאָגט? — האָב איך געפרעגט דעם אידן.

— געזאָגט, אַז איך בין הײנט געקומען און דאַרף באַלד אַוועקפאָרן... — האָט דער איד גאַנץ געמיטליך געענטפערט.

איך קוק אויף דעם אידן און טראַכט: פאַרפאַלן. וואָס קאָן איך איצט טון? און מיט וואָס בין איך בעסער פון אַזאַ אידן? ער לײדט, נעבעך, צוליב פּרנסה, לאָמיך אויך לײדן. און מיט געוואַלד האָב איך זיך אָנגעהויבן צו באַרוהיגן. איך האָב נישט געוואוסט, אַז דעם טעם פון שרעק אין קיעוו וועל איך ערשט שפּעטערהאָבן, אַז דער שרעק איז אַ גאָרנישט קעגן יענעם, אַז איך וועל זיך גענוג אָנטרײסלען דאָס האַרץ און װײנען מיט גרעסערע טרערן...

קאַפּיטל XVII

איך זוך אַ קראָם. — פּלוצלינג אַ געוויסער. — מיין ווייב מיט די קינדער אין כאַמע געוויסער. — שוין דאָ אַ קראָם. — גרויסע הרטות. — צרות. — קריסטן. — קריסט־ליכע געשעפטן. — דאָס לעבן צווישן אידן מיט רוסן. — אַנדרייעווסקי ספּוּסק. — אידן פון אָבלאָווס. — דער ליטוואַק אין קיעוו. — מיין עובדה. — ר' ליב שאַפּיראָ. — דער פּריסטאַוו מיכאַילאָוו. — מאַדאַם ראָזענבערג. — ר' הירש עפּשטיין. — ר' משה־יצחק לעווין.

איבערגעגאַנגען דער שבת, געקומען די וואָך, און איך האָב זיך דאָך עטוואָס באַרוהיגט. און אַז עטוואָס באַרוהיגט, האָב איך זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט געשעפט. עס זיינען געווען פאַרשיידענע פּלענער.

נאָר מיין שוואָגערס אַ גוטער פריינט האָט מיר אויפגעגעבן אַ פּלאַן צו מאַכן שותפות מיט אַ היגן תבואה־סוחר. איך וועל דאַרפן אַרומפאָרן אויפקויפן תבואה. דאָס איז אַן ענין. מען האָט מיר געראָטן, איך זאָל דערווייל זיין אַליין אין קיעוו. אַז איך וועל זיך „אַרויפאַרבעטן" און האָבן געגוג פּרנסה, וועל איך אַראָפּנעמען דאָס ווייב און קינדער.

איך בין אָבער געווען יונג און נאַריש און האָב נישט געוואָלט זיין אין קיעוו אַ ל יי ן, אָ ה ן דער פאַמיליע. מיט „הויכע" און געווים נאַרישע ווערטער האָב איך זיי געגעבן צו פאַרשטיין:

— איך דאַרף זיין אַ פאָטער צו מיינע קינדער און אַ גוטער מאַן צו מיין ווייב... זיי טאָרן נישט זיין אָהן מיר.

מחמת באַקאַליי איז אין קיעוו איינער פון די הויפּט־מסחרים, האָב איך באַשלאָסן רינגען פאַר מיין ווייב אַ באַקאַליי־קראָם. זי וועט זיצן אין קראָם, און איך וועל מיר קריגן אַנדערע געשעפטן. מיין שוואָגער איז אויך געווען קעגן דעם, אַז איך זאָל אַראָפּברייגנען דאָס ווייב. ער איז אוראי גערעכט געווען.

איך האָב אָבער נישט געהאַלטן באַם פאָלגן און ער האָט זיך געפוילט מיט מיר צו אַמפּערן און האָט געהייסן די באַקאַנטע מעקלער זוכן פאַר מיר אַ קראָם.

רעם ווייב האָב איך געשריבן, אַז זי זאָל פאַרקויפן די גאַנצע כּלי־בית און קומען אויף פּסח קיין קיעוו.

נישט אַזוי שנעל אָבער טוט זיך, ווי עס רעדט זיך, בפרט בּאַ אַזאַ בּעל־מזל ווי איך בּין געווען. וואָרום אַקוראַט אין דער צייט האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן דער דניעפּר און די גאַסן פון אַ פּאָר צירקלען זיינען פאַרטרונקען געוואָרן — אַקוראַט די, וואו אירן האָבן געוואוינט.

קיעווער תּושבים האָבן געזאָגט, אַז זיי געדיינקען שוין נישט פון אַ צייט מיט יאָרן אַזאַ געוויסער.

מיין שוואָגערס גאַסט־הויז, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון בּרעג, איז אַ העלפט פאַרטרונקען געוואָרן. אין רעמזעלבן ראַיאָן זיינען אַלע הייזער געשטאַנען אין וואַסער, און אין די גאַסן האָט מען זיך געשיפט אויף לאָדקעס.

הונדערטער מענשן זיינען רואינירט געוואָרן. מען האָט זיך געוואַלגערט מיט קינדער אויף בּוידעמער. עס איז נישט געווען וואָס צו עסן.

געליטן האָבן, פאַרשטייט זיך, נאָר קבצנים, ווייל דאָס געוויסער איז הויפּטזעכליך בּאַפאַלן דעם קבצנים־ראַיאָן און אירן.

מכּח דינגען אַ קראָם פאַרן ווייב האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. גאַנצע טעג האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט איבּער די גאַסן און געקוקט אויפן גרויסן געוויסער. פאַר מיר איז דאָס אויך געווען אַ נייעס. אינם וואַסער זיינען אַרומגעשוואומען בּיינקלאַך, לאָקשן־בּרעטער, טישלאַך, קאַטשעלקעס און נאָך פאַרשיירענע כּלי־בית.

ווי געזאָגט, האָב איך מיין ווייב שוין פריהער געשריבן, אַז זי זאָל קומען. אַ פּראַקטישער מענש, זעהענדיג דאָס געוויסער, וואָלט בּאַלד אָנ־געשריבן אַ צווייטן בּריף, אַז זי זאָל נ י ש ט קומען.

איך האָב עס אָבער נישט געטאָן, און עס פאַרשטייט זיך, אַז אין רעכטן געוויסער איז זי אָנגעפאָרן מ י ט ד ר י י ק ל יי נ ע ק י נ ד ע ר ל אַ ך. מיט גרויס מאַטערניש האָב איך זיי קוים אַריינגעבּראַכט אין שוואָגערס הויז. דער אויבּערשטער עטאַזש איז נישט געווען פאַרטרונקען.

דאָס דריטע קינד איז נאָך גאָר געווען אַ בּרעקל, און איך האָב עס געמוזט טראָגן אויפן האַנט אַ שטיק וועג — דעם גאַנצן בּרעג. וואָרום קיין דראָזשקע האָט דאָ נישט געקאָנט דורכפאָרן.

איך בּין געקראָכן אויף בּרעטער און העלצער, וואָס מען האָט אָנ־געלעגט דורכצושפּרייזן דאָס וואַסער, און געציטערט, איך זאָל, חלילה, נישט אַריינפאַלן מיטן עופעלע אין וואַסער אַריין. און בּעת מעשה האָב איך זיך געפילט פאַר אַ נאַר און פאַר אַ גאָרנישט. ווי נעמט מען עס אַראָפּ אַ פרוי אין מיטן אַ געוויסער!

מיט צרות זיינען מיר איבערגעקומען דעם ים וואַסער. מיט צרות האָבן מיר איבערגעלעבט די ראָזיגע שווערע טעג.

נאָך פּסח האָבן מיר אָנגעהויבן ענערגיש צו זוכן אַ געוועלב מיט אַ דירה אינאיינעם, וואָס אין קיעוו טרעפט מען עס גאַנץ אָפּט.

מאַכט זיך מיר אָפּצוקויפן אַ קראָם מיט סחורה באַ איינעם אַ אידן, וואָס האָט געוואוינט אין אַ קריסטליכער גאַס. עס איז געווען קלאָר, אַז דער איד האָט דאָרט געמאַכט זעהר שלעכטע געשעפטן, וואָרום ווער וועט עס קומען צו אים קויפן, אַז אַ איד איז דאָרטן נישטאָ אויף אַ רפואה? און, ווידער, פאַרוואָס פאַרקויפט עפּעס אַ איד די קראָם? נאָר ווי אַן עכטער מנחם־מענדל, צעטומלט, צעהיצט, פאַרדולט, האָב איך געכאַפּט און אָפּגעקויפט די קראָם.

ערשט, אַז איך האָב אָפּגעקויפט די קראָם, האָב איך דערזעהן, אַז דער בעל־הקראָם האָט מיך סתּם פיין אָפּגענאַרט. די סחורה איז גאָרנישט ווערט געווען דאָס געלט, וואָס איך האָב באַצאָלט. און דאָס איז באַזונדער געווען אַ ריס אין האַרצן.

אין „אַ שיינעם פריהמאָרגן" האָבן מיר זיך אַריינגעצויגן אין דער דירה, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער קראָם. אַז אַריין אין דירה — איז אַריין אין קראָם. זיצט מען עטליכע טעג, זעהט מען, אַז די קראָם איז אויף צרות. קיינער שמעקט גאָר נישט אַריין. אַ נעכטיגער טאָג. כאָטש ויץ און קוק אויף די ווענט.

און אָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווער לעבן מיט חרטות, מיט פּלאָג, מיט פאַרדראָס, מיט האַרצווייטאָג, מיט יסורים, וואָס זיינען בולטער און פיינליכער אין אַ גרויסער שטאָט, איידער אויפן דאָרף.

זוך איך שוין אַנדערע פאַרדינסטן. איך האָב זיך באַקאַנט געמאַכט מיט אידן — נגידים און גבירים; האָב איך זיך אַרום זיי געבאָמבלט, אפשר וועט עפּעס אַרויסקומען דערפון. אָבער עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. ווייל דאָס איינציגע, פון וואָס איך וואָלט געקאָנט באַ זיי פאַרדינען, איז געווען מעקלעריי, און צו דעם, להיפוך מנחם־מענדלען, האָב איך נישט געטויגט.

מען דאַרף זיין אַ פּליאַדער, אַ ליגנער, אַ פּלוידערזאַק, און מיין צונג איז נאָך געווען נאַאיוו און אומשולדיג אָדער נאַריש.

איך בין געווען אויף צרות. נישט האָבנדיג וואָס צו טון און נישט קאָנענדיג זיצן אין אַ קראָם אָהן לייזונג, האָב איך געבלאָנקעט איבער די גאַסן און צוגעקוקט זיך, ווי די גויים לעבן. צייטנווייז פלעגט אָננעמען אַ קנאה. זיי האָבן געוואוינט וואונדערליך ריין, וואונדערליך ציכטיג. די געשעפטן זייערע האָבן געבלאַנקט. קויפן באַ אַ גוי איז געווען גאַנץ אַנגענעם.

גלייך ווי מען קומט אַריין אין אַ גויאיש געשעפט, ציהט דער בעל־הבית אַראָפּ דעם הוט מיט אַ העפליכן שמייכל, קריכט נישט מיט אַ סך רייד צום קונה, רעדט בכלל געלאַסן, זאָגט געלאַסן דעם פּריז און וואַרפט באַלד נישט אַראָפּ און מיט רײנע ציכטיגע פינגער באַווייזט ער דעם אַרטיקל, וואָס דער קונה געברויכט.

באַ אַזאַ באַהאַנדלונג ווערט דער קונה אָפּהענטיג אָדער ער באַקומט צוטרוי צום פאַרקויפער, און זעלטן גייט ער אַרויס פון קראָם מיט ליידיגן.

פאַר מיין צייט זיינען די רוסן געווען זעהר אויסגעאַרבעטע סוחרים און האָבן אויסגעצייכנט גוט געטויגט צו געשעפט.

זיי זיינען אַוראַי נישט אַזוי ראַיעל געווען, ווי זיי האָבן זיך אויסגעוויזן. קויפן באַ אַזאַ איינעם אַ גרויסן טראַנספּאָרט סחורה איז טיילמאָל געווען אפילו אַ ריזיקע. און זאָגאַר אַ קאָנטראַקט האָט נישט פאַרזיכערט. זיי האָבן שטענדיג געמאַכט אַזוינע קונצן אין קאָנטראַקט, אַז ער האָט, סוף כל סוף, קיין מאַכט נישט געהאַט.

אָבער ראָס איז נאָר געווען באַ גרויסע טראַנספּאָרטן סחורה. עס פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע סוחרים זיינען אַזוי געווען. עס וואָלט נאָר געווען אַ פאַרברעך אַזוי צו באַהויפּטן. איך האָב געקאָנט אַ סך ערליכע, זעהר ראַיעלע קריסטליכע סוחרים, געשעפטס־לייט, קרעמער.

אירן מיט רוסן האָבן זעהר גוט געלעבט, הגם אַמאָל פלעגט זיך דער רוס אַ זאָג טון אָהן שום כעס, סתם אַזוי זיך:

— זשיד פּראָקליאַטי!..

גלאַט אַזוי זיך, פון וואוילטאָג וועגן...

עסן־פּראָדוקטן האָבן אין קיעוו געקאָסט זעהר ביליג און דער עולם האָט געגעסן. רוסן האָבן געגעסן אַ סך, און אירן אויך נישט ווייניג. רוסן האָבן אָבער אין זיך בראָנפן געגאָסן, פּונקט ווי וואַסער.

דער עולם, געריינק איך, האָט אויך אָהן אַ צאָל געגעסן „מאַסלינעס", אַ פּרי, צו וועלכער מען דאַרף זיך פריהער צוגעוויינען.

באַלד ווי איך בין געקומען, האָב איך ראָס נישט געקאָנט עסן. עס האָט געעקלט דערפון. דערנאָך אָבער, ביסלעכווייז, בין איך צוגעוויינט געוואָרן און האָב עס שטאַרק ליב באַקומען.

פאַר אַ וואוינונג האָט מען געצאָלט, לפי ערך, גאַנץ ביליג, און די בעלי־בתים פון הייזער האָבן אויך נישט געהאַט אַזאַ מאַכט, ווי דאָ אין וואַרשע. האָט אַ שכן נישט געצאָלט קיין דירה־געלט, האָט ער נישט געקראָגן באַלד אַרויסגעוואָרפן, ווי אין דעם „קליינעם פּאַריזש". דער בעל־הבית האָט געוואַרט: טאָמער, טאָמער וועט דער שכן פאָרט באַצאָלן.

און דאָס רוב האָט אַזאַ בּעל־הבּית זיך נישט געגאַרט און קיין היזק נישט געהאַט . דער אָרימער שכן האָט דאָך בּאַצאָלט.

פאַר די פינף יאָר צייט, וואָס איך האָבּ געוואוינט אין קיעוו, האָבּ איך נישט געהערט און נישט געזעהן, אַז אַ בּעל־הבּית זאָל אַרויסוואַרפן אַ שכן פון דירה פאַר נישט בּאַצאָלן דירה־געלט. און איך מעג אפשר בּאַהויפּטן, אַז נאָך דער בּרייטער מאַכט, וואָס די וואַרשעווער ווירטסלייט נוצן אויס בּנוגע צו זייערע שכנים, זיינען דאָך די קיעווער לאָקאַטאָרן ווייניגער שולדיג געווען זייערע ווירטסלייט, ווי אין וואַרשע.

קיעווער אידן האָבּן זיך קאַלט בּאַצויגן צום ליטוואַק. דער מזל פון ליטוואַק איז שוין אַזוי.

איבּעריגנס, איז דאָס נישט געווען געפערליך. דער ליטוואַק האָט זיך געמאַכט נישט זעהענדיג און האָט דאָרט געפירט די בּעסטע געשעפטן. פון די בּתּי־מדרשים איז דער שענסטער און דער בּעסטער געווען — דער ליטווישער, און דער סאַמע אָנגעזעהענסטער רב — אויך דער ליטווישער. אַודאַי: די ליטווישע אידן האָבּן געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין שטאָט, און צו די אינטערעסן פונם אייגענעם פאָלק זיינען זיי געווען מער איבּערגעגעבּן, איידער די רייכע אידן פון אַן אַנדער געגנט.

אין מיין צייט האָט אין קיעוו געוואוינט איינער אַ ליטווישער גביר, ר׳ ליבּ שאַפּיראָ. אַ מינסקער איז ער געווען. אין קיעוו האָט ער געהאַט אַ פאַבּריק פון זייף. ער איז געווען אַ גרויסער נדיב און בּאַ אים איז געווען אַן אָפן הויז פאַר אַלע עלנטע.

סיי ער און סיי זיין פרוי האָבּן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט די פאַרוואָגלטע אידן, וואָס פלעגן געכאַפּט ווערן אין די אָבלאַוועס פון פּאָליציי. נישט ווייניג אידן האָבּן זיי אַרויסגעשלעפּט פון די פינסטערע קיעווער קאָזעס און אַוועקגעשיקט אַהיים. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ ליכטיגער און ליבּער ליטוואַק, ווי ר׳ ליבּ שאַפּיראָ, איז אין קיעוו געווען נישט איינער.

פאַרבּיי מיין געוועלבּ אויף אַנדרייעווסקי ספּוסק, פלעגט מען גראָד דורכפירן אַלע אין דערפריה די געכאַפּטע אידן, נאָך דעם ווי זיי האָבּן אָפּגעשוואַרצט אַ נאַכט אין צירקל.

פירן פלעגט מען זיי צום אָבּער־פּאָליצמייסטער. פון דאָרטן פלעגן זיי אַרויסגעשיקט ווערן מיטן עטאַפּ אַהיים. אין דער אַרעסטירטער מחנה פלעגן זיך דאָס רוב דורכוואַרפן אַלטע אידן, ווייבּער, קאַליקעס און קליינע מיידלאַך.

מיין עובדה איז דעמאָלט געווען — אָפּוואַרטן די אַלע אַרעסטירטע, און ווען מען פלעגט זיי דורכפירן פאַרבּיי מיין געוועלבּ, פלעג איך אַריינ־רוקן דעם „סטאַרשי גאָראָדאָוואָי“ אַ פּאָר קאָפּיקעס און דערפאַר פלעגט ער מיר ערלויבּן מיטגיין אַ געוויסע שטרעקע מיט די אַרעסטירטע.

אין דער צייט פלעג איך באַ זיי אויספרעגן די נעמען און די אַדרעסן, וועלכע איך פלעג באַלד איבערגעבן אין ר׳ ליב שאַפּיראָס הויז.

באַזאָרגן די אָבלאַווע־אידן איז רעמאָלט געווען איינע פון די וויכטיגסטע זאַכן באַ די קיעווער אידן. עס האָט זיך שוין אַזוי אויסגעאַרבעט. וואָרום אַ איד האָט נישט געקאָנט נישט העלפן אַ אידן, וואָס מען האָט נעכאַפּט....

פון ר׳ ליב שאַפּיראָס הויז איז מען שוין באַלד געלאָפן צום פּאָדראָלער פּריסטאַוו מיכאַילאָוו, אַריינגערוקט אַ מטבע אין יד אַריין און געפּועלט, וואָס מען האָט באַדאַרפט. אַלע טאָג אין יד אַריין איז נישט קיין קליינינ־קייט, און מען האָט טאַקע געזאָגט, אַז דער פּריסטאַוו מיכאַילאָוו איז „אָנ־געשלאָגן מיט גאָלד“.

אין דערזעלבער צייט זיינען געעפנט געוואָרן צוויי בּיליגע אידישע קיכן פון דעם באַקאַנטן גביר ר א ָ ז ע נ ב ע ר ג, וואָס איז געווען באַראָן גינזבורגס אַ שוואָגער.

אין די ראָזיגע קיכן האָט מען זיך זעהר געגויטיגט, וואָרום איבערן שטאָט האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט נישט ווייניג קבצנים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שטעלעס און וואָס עס האָט זיי שטענדיג רערפעלט „קלינגערס“ צו אַ מיטאָג.

זעהר אַן אינטערעסאַנטע פּרוי איז געווען די מאַדאַם ראָזענבערג. דאָס איז געווען אַ פילאַנטראָפּין מיט אַן אמת וואַרעם האַרץ, מיט עכטער באַרעמהאַרציגקייט.

אַלע טאָג פלעגט זי קומען צופאָרן פון ק ר ע ש ט ש אַ ט י ק אויף פּ אָ ד אָ ל אין דער בּיליגער קיך אַריין — אין אַ שיינער קאַרעטע, מיט אַ פּאָר פערד, מיט אַ לאָקיי. צום קאַרעט פון הינטן איז געווען צוגעבונדן אַ שיין קעסטל.

אין דער קיך פלעגט זי צווישן די פאַרשיירענע פאַרשוינען: קבצנים, צעבראָכענע אינטעליגענטן, געפאַלענע סוחרים, צעקאַלעטשעטע אַרבעטער, אויסגעהונגערטע מעקלער און רעסנלייכן — אויפזאַמלען שריפטליכע בקשות און אַריינוואַרפן זיי אין קעסטל.

די ראָזיגע בקשות פלעגן שוין פריהער צוזאַמענגעשטעלט ווערן און באַשטעטיגט ווערן דורכן ליטווישן רב.

צום בּיישפּיל, איינער האָט באַדאַרפט אַוועקפאָרן און האָט נישט געהאַט קיין הוצאות. פלעגט ער אָנשרייבן אַזאַ מין בקשה, און דער רב, צו וועלכן ער פלעגט זיך ווענדן נאָך אַ באַשטעטיגונג, פלעגט אים אויספרעגן, צי וויל ער באמת אַוועקפאָרן און האָט קיין הוצאות נישט. באַלד נאָכדעם פלעגט ער לייגן זיין שטעמפּל אויף דער בקשה.

דערנאָך פלעגט אַזאַ איינער קומען אין דער בילינגער קיך און איבער־געבן די בקשה דער מאַדאַם ראָזענבערג. אין דערהיים פלעגט די מאַדאַם איבערקוקן די בקשות, און יעדערער פלעגט שוין געהאָלפן ווערן.

אַ סך פלעגט איר דערין באַהילפיג זיין ר׳ ישראל בראָדסקי. בראָדסקיס הויז איז דעמאָלט בכלל געווען אַ הויז פון צדקה און פון כלל־אַרבעט.

אָבער זעהר, זעהר שיין איז אויך געווען ר׳ הירש עפשטיין. אַ גאָלדן האַרץ האָט ער געהאַט. דאָס איז געווען אַ איר, וואָס האָט בפועל ממש נישט געקאָנט עסן, טרינקען און שלאָפן צוליב פרעמדער אָרימקייט, צוליב פרעמדער עלנטקייט, צוליב פרעמדן צער. אַליין האָט ער געהאַט וויניג געלט. ער האָט אָבער געקאָנט זאַמלען געלט און שיין, פאַרבאָרגן און שטיל צעטיילן עס צווישן נויט־ליידנדיגע.

דאָס איז געווען אַ איר, וואָס אויף אים האָט מען באמת געקאָנט זאָגן, אַז יענעמס צער איז זיין אייגענער צער, יענעמס נויט — זיין נויט. ער האָט נישט גערוהט צוליב יענעם, און קיעווער אידן, אפילו די קיעווער לופט פון די אָרימע גאַסן באַדאַרפן אים, רוכט זיך, געדיינקען אויף דור־דורות.

נאָך אַ סך, אַ סך גוטע, וואוילע, האַרציגע קיעווער אידן קומען מיר אויפן זכרון, אָבער ווער קאָן זיי אַלע אויסרעכענען. וואו נעמט מען עס אָרט און צייט דערצו.

איינס נאָר קאָן איך זאָגן, אַז פאַר מיין צייט אין קיעוו האָב איך געהאַט דאָס גליק צו קענען אַ היפּש ביסל גרויסע, הייסע און שיינע אידן, וואָס האָבן געלעבט שיין און געשטאָרבן שיין, וואָס זיינען געווען איבער־געגעבן זייער פאָלק ביזן לעצטן אָטעם, ווי דרייסטע און בראַווע סאָלדאַטן.

נאָר ווי דערמאָנט מען נישט, ווי לאָזט מען דורך אַזאַ טשיקאַווען און אַזאַ טייערן אידן, ווי ר׳ משה־יצחק לעווין איז געווען. איצט, בעת שמד און אַסימילאַציע טאַנצן זייער שוואַרצן נורנעם טאַנץ אויף דער אידישער גאַס, קומט ער אַרויף אויפן זכרון נאָך ליכטיגער און העלער, נאָך וואַרעמער און נעהענטער...

דער ראָזינגער ר׳ משה־יצחק לעווין איז גאָר געווען אַ קאַרלינער און געקומען איז ער מיר אויפן זכרון צוליב זיין געראָטענעם זון, ר׳ שמואל לעווין, וואָס האָט געוואוינט אין קיעוו און וואָס איז געווען איינער פון די בעסטע קיעווער כלל־טוער.

ר׳ שמואלס פאָטער ר׳ משה־יצחק לעווין האָט געשאָטן צדקה, ווי האָגל, און אין איינינע שטעט האָט ער אויסגעבויט תלמוד־תורות. צו תלמוד־תורות האָט ער געהאַט אַ באַזונדער שוואַכקייט. אַריינגעמען אָרימע קינדערלאַך אין אַ הויז, באַשוכן זיי, באַקליידן זיי, געבן זיי עסן צו דער צייט און לערנען זיי — איז געווען זיין גרעסטער תענוג.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ תענוג האָט געקאָסט נישט ווייניג. און זיינע תּלמוד־תּורה־אינגלאַך זיינען, חלילה, נישט געגאַנגען אָפּגעריסן, ווי עס טרעפט אַמאָל אין אַ אידישער שטאָט. ניין, גוט באַשוכט און באַקליידט זיינען זיי געווען, און פון פּנימל איז אינגאַנצן אַראָפּגעווישט געווען דער בלייכער אויסדרוק פון הונגער.

אין ר׳ משה־יצחקס שול־שטענדער איז אויך געווען אַ קעסטל פאַר בקשות, און אַלע טאָג, בעת ער פלעגט אַראָפּנעמען דעם טלית און תּפילין פון זיך, פלעגט ער זיך נעמען צום קעסטל פון שטענדער... עס איז איבעריג צו זאָגן, אַז די בקשות פלעגן באַזאָרגט ווערן.

און אַ מאָרגע זאַך: אין געשעפט איז ר׳ משה־יצחק געווען זעהר אַ האַרטער. ער האָט נישט נאָכגעלאָזט אַ האַלבן גראָשן. ווער עס האָט מיט אים געהאַנדלט, האָט זיך אויפגעגעסן אַ שטיק האַרץ.

עס האָט אויסגעזעהן, ווי אין אים וואָלטן געזעסן צוויי מענשן: איינער אַ ן אכזר פאַר געשעפט, און איינער אַ זייער, אַ מלאך — פאַ ר ן איינגענעם פאָלק...

נאָר אפשר איז ער געווען אַ ן אכזר אין געשעפט צוליב דעם, אַז ער זאָל קאָנען דערנאָך זיין אַ מלאך פאַרן פאָלק — פאַר אָרימע תּלמוד־תּורה־אינגלאַך, פאַר דערשלאָגענע, צעבראָכענע הערצער און פאַר וויכטיגע צדקה־אַנשטאַלטן?

האָט ער אַמאָל געהאַט היזק אין געשעפט, פלעגט ער זיך רעמאָלט אויסדריקן בזה הלשון:

— נישקשה, מיין פאָלק וועט מיר העלפן ...

איז געווען באַ אים איינמאָל אַ שרפה, האָט ער אַלעמען בעת מעשה פאָטערליך געטרייסט:

— נישקשה, מיין פאָלק וועט מיר איינלעשן...

זיין פאָלק — דאָס זיינען געווען די תּלמוד־תּורות מיט די הונדערטער אינגלאַך, די טריבע פאַרוואָגלטע אידן, וואָס פלעגן אים וואַרפן הונדערטער בקשות אין שטענדער אַריין, די גרויסע צדקה־אַנשטאַלטן א. אַז. וו.

— אָט וואָס אַרט אייך, מיין פאָלק וועט מיר העלפן...

דאָס איז געווען זיין געליבט ווערטל.

אין זיין פאָלק איז אים טאַקע טריי און דאַנקבאַר געווען. אויף דער שרפה זיינען אָנגעלאָפן אידן ווי בינען און מען האָט איינגעלאָשן.

איינמאָל האָט מען באַ ר׳ משה־יצחקן אַרויסגעגנבעט אַ געוואַלדיגע סימע פאַפיר־געלט. אַז ער האָט עס דערהערט, האָט ער גאַנץ געמיטליך אַרויסגעזאָגט:

— עסט זיך נישט אָפּ ראָס האַרץ, מיין פאָלק וועט מיר געפינען די גנבה...

צו זיין הצלחה, זייען טאַקע אין אַ קורצער צייט אַרום געפונען געוואָרן די גנבים מיטן געלט אינאיינעם, עפּעס אַ קליינינגקייט האָט געפעלט.

און רעמאָלט האָט ער גאָר טריאומפירט:

— זעהט איר שוין, ווי מיין פאָלק זאָרגט פאַר מיר? זעהט איר שוין? זעהט איר שוין?

און ער האָט קיינעם נישט אָפּגעלאָזט און אַלץ אויפגעוויזן, אַז גוטסקייט ווערט שטענדיג געצאָלט מיט גוטסקייט. והא ראיה — אָט האָט מען געפונען די גנבה...

עס פאַרשטייט זיך, אַז פאַר מיינע צייטן איז די הילף פאַר דער קיעווער אידישער אָרימקייט און דלות זעהר גוט אָרגאַניזירט געווען. ווינטער זיינען אַלע קיעווער קבצנים באַהאָלפן געוואָרן מיט האָלץ און ברויט. פּסח איז אַ סך געלט צעטיילט געוואָרן אויף מצה, און אָרימע־לייט האָבן געקאָנט זיצן רוהיג באַם טיש.

פאַר אַ יום־טוב האָט שוין דער גוטער עפּשטיין נישט געלעבט, איז כּסדר אַרומגעלאָפן צו די ג ע ב ע ר, געוויזן אַ רעכענונג, וויפיל מען דאַרף האָבן, ווי גרויס עס איז די „קאָמאַנדע“ פון קבצנים, געשלעפּט געלט ווי וואַסער און געטיילט ווי וואַסער.

ג ע ב ן ד י ר ע ק ט אַן אָרימאַן האָט באַזונדערס שיין געקאָנט ר׳ הירש עפּשטיין.

ר׳ הירש עפּשטיינס ג ע ב נ ד י ג ע האַנט האָט קיינמאָל נישט געקאָנט באַליידיגן דעם אָרימאַנס געפילן, רעם אָרימאַנס אויגן...

ראָס איז זעהר אַ שווערע זאַך און זעהר אַ זעלטענע זאַך.

גוטסקייט אַליין איז נאָך ווייניג.

דערצו דאַרף מען נאָך האָבן אַ גרויס האַרץ און אַ סך שיינקייט אין זיך, דאָס הייסט מען דאַרף קאָנען פיין פילן.

און דעריבער מיין איך, אַז דער שענסטער איד אין קיעוו, פאַר מיין צייט, צווישן אַזוי פיל שיינע גרויסע אידן, איז דאָך געווען דער גאָלדענער, דער האַרציגער ר׳ ה י ר ש ע פּ ש ט י י ן...

קאַפּיטל XVIII

קיעווער אידן. – חסידים. – ציגיינערקעס, האַנטטרעפערס און א שיינעצל. – א מעשה מיט א רבין. – רביים און צירונג. – ר׳ דודל טאַלנער. – דוד מלך ישראל חי וקים. – ר׳ אשר קאַרלינער. – די נעהויבענע חתונה בא ר׳ אשר קאַרלינער און דעם טריסקער רבין. – חסידים–קאָזאַקן. – ר׳ ישראלס קאָזאַצקער מאַרש. – א לעגענדע מיט א שיינעם סוף. – דער זשיטניער באַזאַר. – אידישע האָפענונגען. – פרייערע ווינטן. – דער פּריסטאַוו מיכאַילאָוו און א אינגל א רעוואָלוציאָנער. – א באַקאַנטע טראַגעדיע פון אידישע עלטערן.

אין קיעוו זיינען דעמאָלט געווען אַ סך חסידים, אָבער אָהן אַ קהלה, אָהן אַ כולל.

ראָס רוב קיעווער חסידים זיינען געווען ווייט פון חסידות. זיי האָבן גאָרנישט געהאַט קיין באַגריף, וואָס הייסט חסיד און וואָס הייסט חסידות, און צום רבין איז מען נישט געפאָרן, ווי דאָ אין פוילן, מחמת עקסטאַז, מחמת גרויס גלויבן, מחמת ליבע צום חסידישן כולל.

ראָס איינציגע, וואָס האָט קיעווער חסידים אָנגעהאַלטן אָן חסידות, איז געווען ד ע ר מ ו פ ת, און וואָס זיי האָבן ג ע ג ל ו י ב ט.

דער רבי, צום ביישפּיל, קאָן זיין אַ רופא חולים און אַ מתיר אסורים, און ער קאָן געבן עקרות קינדער.

עס פאַרשטייט זיך, קוים איז זייער חסידות פ אַ ר ג ל י ו ו ע ר ט געוואָרן אויפן מופת, האָט מען שוין געגלויבט אין טאָטערן און אָווטשאַרעס, אין קאָרטן־וואַרפערקעס און אין ציגיינערקעס און אין אַלע יענע פאַרשוינען, וואָס קאָנען חכמת היד א. אַז. וו. א. אַז. וו.

פלעגן טאַקע זיך אָפטער באַווייזן ציגיינערקעס אויף די קיעווער גאַסן, זיי פלעגן אָפּשטעלן דעם רייכסטן אידן, געוויינליך, אַ חסיד, און געבעטן באַ אים ו ו י י ז ן די האַנט, וואָס יענער האָט אָהן קווינקלעניש ב אַ ל ד געטאָן.

די ציגיינערקע האָט באַקוקט די האַנט און געזאָגט, וואָס עס וועט מיטן חסיד פאַסירן.

געווען אין אַ קיעווער פאָרשטאָט עפּעס אַ קראַנק שייגעצל, אַ בעל־מופת, און אידעלאַך זיינען געגאַנגען צום שייגעץ בעטן, ער זאָל אויסהיילן אַ ווייב צי אַ קינד, אָדער ער זאָל זאָגן, וואו עס געפינט זיך די גנבה...

דער פאָטער פון שייגעץ איז געשטאַנען פאַר דער טיר פון שטוב און גענומען פון יערן פופצען, צוואַנציג קאָפּיקעס אָדער אַ פלעשל בראָנפן און אַן עולם איז געווען אַ גרויסער.

איבעריגנס, מיט דעם ראָזינגן שייגעצל האָט סתם געקערט קיעוו און באַזוכט האָבן אים נישט נאָר אידן אַליין.

די גאַס, וואו דאָס שייגעצל האָט געוואוינט, איז געווען פאַרשטעלט פון קאַרעטעס און עקיפּאַזשן, און מענטשן האָבן זיך געדרייט, ווי מוראַשקעס אין אַ מוראַווייניק. די מופתים, וואָס ער האָט באַוויזן, זיינען געווען געוואַלדיגע...

איך, וואָס איך בין שוין געווען אַ שטיקל בקי אין דער מדרגה פון אַ מופת און וואָס איך האָב זיך שטענדיג אָנגעהערט אַזוי פיל מופתים־מעשיות פון לייבקע שול־רופער, מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב נאָך אַזוינס נישט געהערט. אַפילו די וואונדערליכסטע מופתים און מעשיות פון אַ חסידישן רבין; להבדיל, זיינען געווען שוואַך כנגד דעם קראַנקען שייגעצלס אַ וואונדער.

איך האָב זיך ערשט דערמאָנט, למשל, ווי די חסידים האָבן דער־ציילט באַם טאַטנס טיש „אַן אמתע" מעשה מיט אַ רבין.

צו אַ חסידישן רבין האָט דער בית־דין של מעלה צוגעשיקט צוויי נשמות, וואָס האָבן אויף דער וועלט געטאָן איין עבירה. דער רבי האָט זיי באַדאַרפט משפטן.

האָט דער רבי געטראַכט און געטראַכט און אויסגעטראַכט אַזאַ פסק־דין: איין נשמה זאָל לאַנג געפּייניגט ווערן פון די מלאכי־חבלה, און דערנאָך פאַרוואָגלט ווערן אין גיהנם, און די צווייטע נשמה זאָל אַריינגיין אין גן־עדן און דאָרט אויסרופן אויפן קול פאַר די אויסגעלייטערטע צדיקים אַלע אירע עבירות, וואָס זי האָט געטאָן אין איר לעבן.

האָט די צווייטע נשמה אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען און בעטן רחמים באַם רבין, אַז ער זאָל זי בעסער משפטן מיטן משפט פון דער ערשטער נשמה, וואָרום זי שעמט זיך זעהר אויסצורופן אירע עבירות פאַר אַלע צדיקים אין גן־עדן.

האָט דער רבי געזאָגט:

— פאַרפאַלן! אַזוי האָב איך געפּסקענט!

איז די נשמה אַרויס מיט אַזאַ יאָמער און געוויין, אַז די גאַנצע שטאָט מענשן האָבן עס דערהערט און זיך אויך פונאַנדערגעוויינט.

דעם רבינס האַרץ איז אָבער נישט ווייכער געוואָרן, און די צווייטע נשמה איז נעבעך אַוועק אין גן־עדן מיט גרויס חרפה.

אָבער וואָס קלעקט אָט דעם רבינס משפט מיט די צוויי נשמות אַנט־קעגן די גרויסע מופתים פונם קליינעם פויערל?

מען האָט דערציילט, אַז דער קיעווער גובערנאַטאָר אַליין איז געקומען צופאָרן צום פויערל פרעגן, ווער וועט מנצח זיין אינם רוסיש־טערקישן קריג. דאָס איז געווען אַקוראַט אין דער צייט פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה. דער שייגעץ האָט פאַרזיכערט דעם גובערנאַטאָר, אַז אונזערע וועלן געווינען, און דער גובערנאַטאָר איז אַוועקגעפאָרן צופרידן.

פון אָנהויב פלעגט מיך באַ די קיעווער אידן איבערראַשן די אויס־געלאַסנקייט, וואָס האָט זיך גאַנץ רוהיג צוזאַמענגעלעבט מיט איבער־גלויבעריי. איך פלעג עס עפּעס נישט קאָנען משיג זיין.

מיינער אַ שכן, אַ רייכער איד — אַ חסיד, איז איינמאָל שבת געזעסן מיט זיינע געסט — חסידים אויפן גאַניק און גערויכערט ציגאַרן. בין איך גראָד פאַרבייגעגאַנגען. זיי האָבן מיך צוגערופן; בין איך צוגעגאַנגען און צוגעלעגט אַן אויער צו זייער שמועס.

מען האָט גערעדט פון פאַרשיידענע מופתים און רביים. נאָר אַז עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ ציגיינערקע, האָבן זיי איר געגעבן די האַנט, זי זאָל זיי פאָראויסזאָגן וועגן זייער צוקונפט.

חסידים, ווי געזאָגט, זיינען געווען אַ סך אין קיעוו, הגם חסידים־שטיבלאַך — ווייניג. און דעמאָלט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז חסידות איז אַזאַ אַרטיקל, וואָס וועט נישט אויסגיין, ווי מיר האָט זיך פריהער גערוכט.

איך האָב מיר פריהער געקלערט, אַז חסידים וועלן ביסלעכווייז ווערן ווייניגער און ווייניגער, דער חסידישער גייסט וועט זיך אויסוועבן צוליב השכלה און נאָך אַזוינע זאַכן. איצט אָבער האָב איך איינגעזעהן, אַז השכלה קאָן זיך זיין השכלה, און חסידות — חסידות.

און השכלה קאָן נישט פאַרלעשן דאָס קנאַקנדיגע פייערל פון חסידות...

איך האָב געהאַט אַ גוטן באַקאַנטן: אַ פאַרוואַלטער פון אַ גרויסן פוץ־געשעפט. האָט ער מיר דערציילט, אַז פון מאַקאַריעווער רבינס הויז לייזן זיי פאַר לוקסוס־זאַכן, ווי בושעזשקעס, שפּיצן, שניר, האַפטונג צו דאַמען־קליידער, שיינע עטליכע טויזנט רובל אַ יאָר.

דער רבי שטייט באַ זיי אין קרעדיט איצט אין פופצען־הונדערט רובל, און עטוואָס פריהער האָט דעם מאַקאַריעווער רבינס שנור געקויפט פאַר זיך באַפּוצונג צו איין קלייד פאַר הונדערט און פופציג רובל.

— אמת — זאָגט ער — די סחורה איז טאַקע מער נישט ווערט ווי אַ פערציג רובל. דאָס געבעטן — דאָס געגעבן... באַ די דאָזיגע איז נישט שלעכט צו פאַרדינגען... זיי האָבן זיך פיינט צו דינגען... זיי דינגען זיך נישט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ גאַנץ פאַרשטענדליכן געלעכטער.

ווי אַזוי ר׳ דודל, דער טאַלנער רבי, האָט געלעבט, איז באַוואוסט. אין שטוב איז ער געזעסן אויף אַ זילבערנעם שטול, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעקריצט דער נאָמען דוד, און אַרויספאָרן פלעגט ער אין אַ טייערער קאַרעטע מיט אָדלער־פערד.

איינמאָל איז ער געקומען קיין קיעוו. די שטאָט האָט אויפגעקאָכט. אַלע אידן זיינען געלאָפן זעהן דעם גרויסן רבין. אַז דער רבי איז געפאָרן אין גאַס אין דער טייערער קאַרעטע, זיינען אידן נאָכגעלאָפן און געשריען:

— דוד מלך ישראל חי וקים.

האָט זיך געפונען עפּעס אַ איד, וואָס האָט געמסרט. דערויף איז שטענדיג דאָ אַ איד. דאָרט, וואו מען באַדאַרף, האָט ער איבערגעגעבן:

— אידן שרייען אין גאַס: דוד מלך ישראל חי וקים.

איז געקומען פּאָליציי צום רבין און אים אַרעסטירט, דערביי איז איינגעשריבן געוואָרן אין פּראָטאָקאָל, אַז די אידן רופן דעם רבין דוד המלך. דעם רבין האָט מען אַריינגעזעצט אין קיעווער טורמע.

די מעשה האָט אויפגעהויבן אַ געוואַלדיגן רעש באַ אידן און עס האָט אָפּגעקאָסט אַ סך צענער־טויזנטער רובל.

דער באַנקיר קופּערניק, דעם אַרוואָקאַטס פאָטער, האָט זיך שטאַרק געסטאַרעט ר׳ דודן צו באַפרייען. דער באַרימטער טאַלנער רבי איז באַפרייט געוואָרן. פון דעמאָלט אָן אָבער האָט ער אויפגעהערט אַרויסצופאָרן.

ר׳ דודל טאַלנער האָט מיך איצט דערמאָנט אָן דעם קאַרלינער רב ר׳ אשר און אָן אַ קייזערליכער חתונה פון ר׳ אשרס אַ טאָכטער מיטן טריסקער רבינס אַ זון.

איך בין דעמאָלט נאָך אַ אינגל געווען און האָב געגוי געוואוסט וועגן דער גרויסער חתונה, וואָס האָט אויפגערודערט אַ וועלט.

מען האָט פֿאַרבעטן אַלע רביים און אַלע כּלי־זמר און אַלע בּרחנים פֿון גאַנצן אידישן תּחום, און וועגן חסידים — סאָלדאַטן איז שוין גאָר נישטאָ וואָס צו ריידן.

עס זיינען געווען צענדליגער טויזנטער מענשן. גאַנץ קאַרלין איז געווען געפּאַקט מיט מענשן.

אַלע הייזער, אפילוּ גאַסן זיינען געווען געפּאַקט מיט חסידים.

אין די גאַסן זיינען געשטאַנען גרויסע קאַרן בּראָנפֿן מיט לעקעך און פֿאַרשיידענע צובּייסונגען. אין פֿאַרשיידענע ערטער האָבּן געשפּילט אַנדערע כּלי־זמרים און אין פֿאַרשיידענע ערטער האָבּן בּרחנים געריערט און פֿריילעך געמאַכט.

געגאַנגען איז מען אָנגעטאָן אין זיידענע און אַטלאַסענע קאַפּאָטעס מיט שטריימלאַך.

דעם טאָג פֿון דער חתונה האָבּן זיך אַלע חסידים צעשטעלט אין שפּאַליערן בּאַ די זייטן גאַס, וואו די חתן־כּלה בּאַראַרפֿן דורכפֿאָרן צו דער חופּה.

צוויי קאַרעטעס האָבּן בּאַראַרפֿט פֿאָרן: אין איין קאַרעט דער חתן, אין דער צווייטער די כּלה. אין דעם חתנס קאַרעט זיינען געווען געשפּאַנט עפּעס אַ דרייצן פֿערד כּנגד שלש־עשרה מדות. גאָלד און זילבּער האָט געלויכטן פֿון אַלץ. די פֿערד, האָט מען געזאָגט, זיינען געווען גלגולים פֿון גרויסע מענשן. איך האָבּ שוין פֿאַרגעסן די נעמען פֿון די אַלע גרויסע נשמות, וואָס זיינען פּאַטריאָטיש פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין פֿערד...

די פּינסקער און מינסקער גבירים האָבּן געפּועלט בּאַם גובּערנאַטאָר, ער זאָל ערלויבּן אויף אַ ווײַלע צו מאַכן חסידים פֿאַר „קאָזאַקן“. מען דאַרף האָבּן אייגענע קאָזאַקן. מען דאַרף האָבּן אַ גאַנצן עסקאַדראָן חסידים, פֿאַרקליידט ווי „אמתע“ קאָזאַקן, מיט לאַנגע שפּיזן און נאַגייקעס, זאָלן רייטן בּאַ דעם חתנס קאַרעט.

אין די וואוילע אַלטע צייטן האָט מען דאָס געפּועלט, און די חסידים האָבּן געהאַט קאָזאַקן.

אונזער האַרציגער ר׳ ישראל האָט פֿאַרפֿאַסט אַ קאָזאַצקן מאַרש, און דעם קאַמפּאָניצער רבס זון שמחה איז פֿאַר דער חתונה עקסטרע געפֿאָרן מיטן מאַרש קיין קאַרלין איינצווינגען אים מיט די קינפֿטיגע „קאָזאַקן“...

אוראי איז מיר דער מאַרש פֿאַרבּליבּן אין זכּרון עד־היום. וואָרום אַלע שמחת־תּורה, ווען די חסידים זיינען געגאַנגען אין גאַס פֿון חסידים־שטיבּל צו מיין טאַטן, האָבּן זיי אים געזונגען. דאָס זיינען די נאָטן פֿון דעם קאָזאַצקן מאַרש.

די ראָזיגע „קאָזאַקן" האָבן געהיט די אָרדענונג, עס זאָל נישט קומען, חלילה, צו קיין קאַטאַסטראָפעס. באַ אַזאַ איינגעניש איז עס אוראי נויטיג געווען.

נאָך דער חופּה האָבן די כּלי־זמר געשפּילט אין אַלע גאַסן; חסידים האָבן געטאַנצט, וואו די כּלי־זמר האָבן געשפּילט, און אין שטעטל האָט די ערד ממש געציטערט פון די פרייליכע אויסגעשרייען און טענץ.

צענער־טויזנטער מענשן האָבן געטאַנצט, גאַנץ קאַרלין, פון איין עק ביזן אַנדערן עק, האָט געטאַנצט. די פויקן און טאַצן האָבן פאַרהילכט די לופט. און יעדעס געזיכט איז געווען פאַרגאָסן מיט שמחה.

אַזוי האָט געדויערט גאַנצע דריי טעג.

גראָד איז געווען אַ גוט שיין וועטער, און דאָס איז אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ מופת. דערנאָך זיינען זיך די חסידים מיט די רביים ביסלעכוויז צעפאָרן, אָבער נישט ווייניג זיינען נאָך געבליבן אויף גאַנץ שבעת ימי המשתּה.

נאָר איך האָב מיך דערוויל אַזוי אַריינגעטאָן אין די אַמאָליגע טייערע פרייליכע רביים־מעשיות, אַז איך בין גאָר אינגאַנצן אָפּגעטראָטן פון ענין. האַלטן האַלט איך באַם שייגעצל מיט זיינע מופתים. נאָר לאָמיר אים לאָזן. דער לעזער וועט מיר, מיין איך, מוחל זיין פאַר דעם. מיר וועלן זיך צוריק אומקערן צו קיעוו.

ווי אַזוי אידן האָט זיך דעמאָלט געלעבט אין קיעוו קאָן באַווייזן אַ לעגענדע, וואָס איז צו יענער צייט שטאַרק פאַרשפּרייט געווען צווישן די דאָרטיגע אידן.

אין דער ראָזיגער לעגענדע ווייען עטוואָס די וויכע פרייע ווינטעלאַך, וואָס האָבן לייכט אַ בלאָז געטאָן אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס צייטן, און מעגליך אַז אין איר, אין דער ראָזיגער לעגענדע, ליגט פאַרבאָרגן אַ שטיקעלע אמת...

ווי די מאָדע איז, האָבן די גרויסע רוסישע סוחרים נישט פאַרגינען, וואָס קיעווער אידן שטייגן אין געשעפט. אידן האָבן קיעוו ממש באַלעבט, דער מסחר האָט אויפגעבליהט, און צוליב דעם אידנס רירעוודיגקייט איז אין די סוחרישע רויטע הענט פון די רוסן נישט ווייניג אידיש געלט אַריינגעפאַלן. יאָ, אידיש געלט האָט מען האָלט, נאָר דעם אידן גופא וואָלט מען וועלן באַגראָבן. אַן אַלטע מעשה.

האָבן זיך צונויפגעקליבן, דערציילט די יונגע לעגענדע, ניין און דרייסיג סוחרים און אָנגעשיקט אַ פּאַפּיר צום קיסר: „היות ווי קיעוו איז אַ היילינגע שטאָט און אַלע קיסרים האָבן דאָרט נישט געלאָזט וואוינען קיין אידן, און פאַרן קיסר ניקאָלאַי דעם ערשטן האָט מען גאָר קיין אידן נישט געזעהן אויף די גאַסן, בכן בעטן מיר, ארוני קיסר, אַז דו זאָלסט



ר׳ ישראלס קאָזאַצקער מאַרש, וואָס ער, ר׳ ישראל, האָט ספּעציעל פאַרפאַסט פאַר דעם קאַרלינער רבינס „קאָזאַקן״ צו זינגען בשעתן רייטן אויף די פערד באַם באַגעגענען חתן־כּלה.



בײַ דער געלעגנהייט געבן מיר דאָ ר׳ ישראלס אַ אידישן אומעטיגן שטייגער...
אַ פאַרצייטיגן הארציגן נגון, וואָס האָט אָנגעכאַפּט בײַ דער נשמה און איז אויך
לאַנג פאַרבליבן אין זכרון.

אָפּפּרישן דעם אַלטן הייליגן אוקאַז — צונעמען פון ראַנגען די אידלאַך, וואָס זיינען אָנגעלאָפן אַהער פון צפון און פון דרום, פון מזרח און פון מעריב".

געחתמעט האָבן זיך אויפן פּאַפּיר אַלע ניין און דרייסיג סוהרים. נאָר עס איז אויך געווען אַ פערציגטע חתימה. זי האָט געהערט צו דעם קיעווער שטאָט־גאָלאָוואַ דעמידאָוו, אַ גרויסער מיליאָנער.

אויף דעם דאָזיגן פּאַפּיר האָט דער גאָלאָוואַ באַלד באַקומען אַ דעפּעש פון מיניסטער אין נאָמען פון קיסר: „ביז אַהער האָב איך געמיינט, אַז אין קיעוו פאַרמאָג איך ניין און דרייסיג „דוראַקעס", איצט אָבער זעה איך, אַז איך האָב דאָרטן עכטע, אמתע פערציג טפּשים"...

די דאָזיגע דעפּעש האָט דעמידאָוו אַריינגעבראַכט אין מרה־שחורה. דער קיסר אַליין רופט אים אָן „דוראַק". דאָס איז דער גרעסטער קלאַפּ, וואָס אַ מענש קאָן האָבן. אַ חרפּה צו ווייזן די אויגן אין גאַס. מען מוז אַנטלויפן פון רוסלאַנד. דעמידאָווס ווייב, אַן אינטעליגענטע פרוי, איז גאָר צעמישט געוואָרן.

— אַנטלויפן! — האָט זי געשריען — אַנטלויפן פון ראַנגען!..

אין דעמידאָוו האָט פאַרקויפט זיינע אַלע צוקער־פאַבריקן מיט די הייזער אין מאַיאָנטקעס, געמאַכט אַלץ צו געלט און אַרויסגעפאָרן מיט דער פאַמיליע קיין אויסלאַנד.

דאָ באַקומט די לעגענדע אַן עכט־אידישן סוף.

אַז דעמידאָוו מיט דער פרוי האָבן, שוין אין אויסלאַנד, איבערגערעדט וועגן דער שרעקליכער דעפּעש, זיינען זיי געקומען צום באַשלוס, אַז אפשר זיינען זיי טאַקע „דוראַקעס"...

— מיר דאַרפן זיך איצט באַקענען מיט דעם אידישן פאָלק, מיט זיין געשיכטע און ליטעראַטור — האָבן זיי געוויינט.

זי האָט זיך צעכליפּעט און צוגעגעבן:

— אין דער טעלעגראַם איז דייטליך געשטאַנען, אַז מיר זיינען „דוראַקעס"... דוראַקעס זיינען מיר.

נו, עס פאַרשטייט זיך, אַז פון דעמאָלט אָן האָבן זיי זיך שטאַרק גענומען אינטערעסירן מיט אידן און מיט זייער געשיכטע און זיינען באַלד געוואָרן גרויסע אידן־פריינט, פאַרברענטע אָנהייגער פונם פאָלק ישראל. און זי, דאָס ווייבל דעמידאָווס, האָט אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט זעהר אַ וויכטיג בוך וועגן אידן און פונאַנדערגעשיקט אין גאַנץ אייראָפּע צו אַלע גרויסע לייט: אָט זעהט, וואָס אידן זיינען. מען דאַרף קושן דעם שטויב פון זייערע פיס...

— אַ שטעקעלע אַריין, אַ שטעקעלע אַרויס —

די מעשה לאָזט זיך אויס...

אין די קאַלטע און שווערע באַדינגונגען פון אידישן לעבן האָט אָט די לעגענדע אַריינגעטראָגן נישט ווייניג נחת און שמחה. אַז אַ מענשן איז איינג און שלעכט, האָט ער ליב אַ לעגענדע.

בעת טשערטקאָוו איז אָנגעקומען אין קיעוו פאַר אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט מען אויפגעהערט צו מאַכן די אָבלאַוועס אויף אידן, וואָס הערן גאָרנישט אויף ביז היינטיגן טאָג. פאַרקערט, זיי מערן זיך נאָך...

אַ גוטער און אַ מאָרגנער איז ער געווען, דער דאָזיגער טשערטקאָוו. דהיינו, ער האָט אַמאָל באַגעגנט אויף פּאָראָל אַ שיינע „פּראָצעסיע“ פון אידן, וואָס איז געפירט געוואָרן פון פּאָליציאַנטן... געווען זיינען דאָרטן אַלטע, יונגע, פרויען און קינדער.

דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט אָפּגעשטעלט די פּאָליציאַנטן און געפרעגט:

— ווער זיינען די דאָזיגע אַרעסטאַנטן?

— פאַרנומען פון דער אָבלאַווע, וואַשע וויסאָקאָ־פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ,— האָט ער געקריגן אַ תּשובה.

אויף טשערטקאָווס פּנים האָט זיך געלעגט אַ מינע פון עקל.

— אָבלאַוועס מאַכט מען אויף חיות — האָט ער זיך מיט עקל פאַרקרימט.

און פון דעמאָלט אָן האָט מען עס פאַרווערט.

די דאָזיגע בשורה איז אין איין טאָג פונאַנדערגעטראָגן געוואָרן אין גאַנץ וואָלין און אין קליינרוסלאַנד — און עס האָט אַ רעגן געטאָן מיט אידלאַך, זאָלן לעבן, פון אַלע זייטן.

בלא גוזמא קאָן מען זאָגן, אַז אין דעם יאָר זיינען צוגעקומען אפשר אַ דרייסיג טויזנט אידן אין קיעוו. אידן האָבן געהאַנדלט, געמסחרט, גע־מעקלערט, געעפנט קראָמען, געקויפט און פאַרקויפט.

מיט קריסטן האָבן אידן זעהר גוט געלעבט, ווי אַלע מאָל, ווען מען העצט נישט אונטער פון דער זייט. ביידע האָבן געמסחרט אין אחדות, נישט מער, דער איד האָט אויפגעוועקט דעם קריסט, אַנטוויקלט אין אים מער ענערגיע צו געשעפט, מער שכל אין האַנדל.

אויפן „זשיטנעם“ באַזאַר איז געווען דער הויפּט־מסחר פון באַקאַליי, ווי דער „ריאַד“ אין בריסק אָדער דער אייזערנער טויער אין וואַרשע — און איך פלעג קויפן אי בּאַ אידן אי באַ קריסטן, וואו עס האָט מיר בעסער געלוינט. איך בין געווען מיט די רוסישע באַקאַליי־קרעמער גוט באַקאַנט און זאָגאַר באַפריינדעט. אין די זומער־טעג פלעג איך פאַרפירן וכוחים מיט די קריסטן, ווי מיין שטייגער, וועגן אידן.

אײן פעלער האָבן זײ רעמאָלט אויסגעזעצט אויף אירן: אירן האַלטן נישט פון רײנקײט. קיעװ איז אַ ציכטיגע שטאָט, און אירן קאָנען נישט זײן ציכטיג. זײ האָבן מיר, אַלס אַ בײשפּיל, אָנגעװיזן אויף אַ אירן פון אַ האַלבן מיליאָן רובל.

בײַ דעם ראָזיגן אירן אין הויף ליגט אַ בערגל מיסט. די טרעפּ זײַנען פאַרשמוצט און די לופט איז אַ שװערע.

נאָך פון װײטן קאָן מען דערקענען, אַז דאָ װאוינט אַ איד.

ראָס רוב פלעג איך טאַקע נישט האָבן װאָס צו ענטפערן דערויף. אָבער אַז איך בין געקומען קײן װאַרשע, האָב איך זיך עטװאָס געטרײסט. װאָרום איך האָב זיך איבערצײגט, אַז די אָרימע װאַרשעװער אירן פירן זיך ציכטיגער פאַר די אָרימע פּאָלאַקן.

די לעצטע װײסן גאָרנישט פון רײנקײט.

אין דער צײט האָבן אידישע כּלל־טוער געפּועלט בײַ דער רעגירונג צו עפענען פאַר אירן אין גאַנץ רוסלאַנד רעמעסלענע שולן און אײנפירן אידישע קאָלאָניעס. צו דעם צװעק האָט מען רעמאָלט געקליבן אַ סך געלט.

פּאָליאַקאָװ האָט אַרײנגעשריבן צו ר׳ ישראל בראָדסקין, ער זאָל אין קיעװ אויפזאַמלען אַ פאָנד אויף רעמעסלענע שולן און דערבײ אַרײנגעשיקט אַ טשעק אויף פ ע ר צ י ג ט ו י ז נ ט ר ו ב ל.

בראָדסקי האָט איבערגעגעבן ר׳ שמואל לעװינען דעם ענין — יענער זאָל צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג פון קיעװער גבירים.

ראָס איז בּאַלד מקוים געװאָרן, און אויף דער פאַרזאַמלונג האָט בראָדסקי דער ערשטער געגעבן צ ע ן ט ו י ז נ ט רובל. אַזױ אַרום האָט מען געמאַכט נאָך אַ פופציג טויזנט רובל, װאָס צוזאַמען מיט פּאָליאַקאָװס האָט געכאַפּט בײַ אַ מאה אלף.

בכלל האָט זיך געטומלט אין אַלע אידישע װינקעלאַך, און די אידישע האָפענונג איז געװען גרויס...

אַ ראַנק כאָטש פאַר דער האָפענונג, װאָס האָט אויף אַ װײלע דערקװיקט, װאָרום דערנאָך איז ערגער געװאָרן...

אין די יאָרן האָט אָנגעהויבן צו װאַקסן די רעװאָלוציאָנערע שטימונג בּאַם עולם. רײכע יונגעלײט זײנען געגאַנגען „אין פאָלק" אַרײן, זיך מוסר נפש געװען, געװאָלט אַראָפּבּרײנגען משיחן. און אַרעסטן האָבן זיך געשאָטן װי האָגל...

מײנער אַ רײכער שכן האָט מיך אַ רוף געטאָן. די מעשה איז אײגנטליך געװען אַ פּשוטע, אָבער פאַר יענער צײט — אַן אומגעװײנליכע. זײן

אינגל, אַ גימנאַזיסט פון אַ פופצען יאָר און פון פינפטן קלאַס, וויל ראַטעווען רוסלאַנד און אַראָפּברייננגען משיחן. אפשר וועל איך אים קאָנען איבעררייידן און אָפּהאַלטן פון אַזאַ גבורה.

איך קום צוגיין, טרעף איך דעם פּריסטאַוו מיכאַילאָוו, וועלכער טענעט איין מיטן ראָזינגן אינגל. דער פּריסטאַוו מיכאַילאָוו בעט זיך באַם אינגל, ער זאָל זאָגן באַם זשאַנדאַרמסקין, וואוהין דער פּריסטאַוו דאַרף אים איצט אָפּפירן, אַז ער ווייס נישט פון קיין חלום, אַז ער האַלט גאָרנישט דערביי, און דאָס אינגל טענעט — לא. ער וועט יאָ זאָגן, אַז די פּאַראָנדקעס טויגן נישט און אַז...

דער פּריסטאַוו מיכאַילאָוו האָט שוין לאַנג באַקומען פינף הונדערט קאַרבן פון דעם אינגלס פאָטער און זיין אויפגאַבע איז — ראַטעווען דאָס אינגל פון דער זשאַנדאַרמעריע. אָבער וואָס טוט מען, אַז דאָס אינגל ציהט אַליין דעם האַלז צום מעסער...

איצט האָב איך באַדאַרפט איבערנעמען מיכאַילאָווס מלאכה, וואָס האָט גאָרנישט געפּועלט, און מיכאַילאָוו האָט דערויף אַרויסגעגעבן צוויי שעה צייט, וואָרום ער מוז באַלד דאָס אינגל צושטעלן אין זשאַנדאַרמעריע.

איך בין זיך מודה, אַז איך האָב אויך גאָרנישט אויסגעפירט, כאָטש דאָס אינגל האָט פאַר מיר שטענדיג דרך־ארץ געהאַט. מיינע רייד נעמען אים נישט. ער האַלט זיך באַ זייניגן.

— דאָס פאָלק איז וויכטיגער פאַר אַ יחיד, און זאָל מען אים פאַר־ברענען אָדער אויף שטיקער צעררייסן, אַרט עס אים אויך נישט, אַבי דערפון זאָל זיין אַ טובה פאַרן פאָלק.

די מוטער האָט געחלשט; מען האָט זי אָפּגעמינטערט. פאַלט זי דערנאָך פאַר אים אויף די קני און בעט זיך מיט טרערן, ער זאָל אויף איר רחמנות האָבן. און ער איז בלאַס ווי דער טויט, קאָן נישט צוזעהן איר חלשן און אירע געוויינען, אָבער דאָך האַלט ער זיך באַ זיינס. און — אַ חרפּה: איך בין אַוועק מיט גאָרנישט. סאַמע מיט גאָרנישט. נישט נעקאָנט אים איבעררייידן.

דאָס אינגל האָט געהאַט אַן אייזערנעם כאַראַקטער, וואָס האָט ממש איבעררראַשט.

אוראי האָט מען אים אַרעסטירט און אַוועקגעפירט קיין מאָסקווע. דער פאָטער איז אים נאָכגעפאָרן. ער האָט זיך געוואָלט לאָזן קאָסטן טויזנטער, כאָטש בלויז דערויף, ער זאָל זיך קאָנען מיט אים זעהן פון צייט צו צייט. אָבער דאָס איז אויך געווען אוממעגליך. די מוטער איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן.

דאָס אינגל איז אַ היפּשע צייט געזעסן. דערנאָך, אַז עס איז געװען דער סוף, האָט מען אים, אַלס אַ מינדעריעריגן, אומגעקערט קיין קיעװ, װאו ער האָט זיך באַראַרפט געפינען אונטער דער השגחה פון פּאָליציי.

אַז ער איז געקומען אַהיים, איז ער שוין געװען צעטרייסלט, צע־רודערט, און אַז ער האָט נישט געפונען די מוטער, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שװערער מרה־שחורה און איז שוין אַזוי פאַרבליבן.

די אידישע קהלה איז זיך דאָך געגאַנגען פאַרװערטס. עס האָבן זיך געפונען רייכע אידן, װאָס האָבן נישט געזשאַלעװעט קיין געלט אויף אַ גרויסער רוסיש־אידישער צייטונג, װעלכע זאָל זיך װערן מיטן אַנטי־סעמיטישן „קיעװליאַנין“, אַ צייטונג, װאָס האָט, װי אַלע שמוציגע אַנטיסעמיטישע בלעטער, געשאָטן טאָג־טעגליך פעך און שװעבל אויף אידן.

די נייע אידישע צייטונג, װאָס האָט געהייסן „זאַריאַ“, איז ערשינען אין גאָר אַ גרויסן פאָרמאַט. דאָס דאָזיגע בלאַט האָט גרויסאַרטיג ערפילט זיינע אויפגאַבן און האָט געהאַט ברייטע קרייזן לעזער. מען האָט געלייענט, גע־קװאָלן פון די דרייסטע אַרטיקלען, פון די געפעפערטע פאָרציעס, װאָס די אַנטיסעמיטן פלעגן באַקומען, און דאָס אידישע האַרץ האָט װידער געהאָפט...

נאָך אַמאָל: אַ דאַנק פאַר די האָפענונגען. כאָטש אויף אַ רגע — אַבי עס דערקװיקט.

קאַפּיטל XIX

ר׳ ישראל בראָדסקי׳ס פאַרוואַלטער. — אַ נישט אידישער פעלער. — אַן עסק, — רייז און ראָזשינקעס. — עקשנות. — פאַרטרוקענע סחורה. — מיט דער פּוטער אַראָפּ. — איך ציה זיך אין אַן אַנדער קראָם. — קוואַרטיראַנטן. — ליפּסקי. — אויסגעפּייפט אַ פּיעסע. — אַלטע וואונדן. — דער „האָראָדנער מגיד“. — זיין השפּעה אויף מענשן. — זיין דרשה. — דער האָראָדנער מגיד מיט ליפּסקין. — אַ פאַרדראָסיגער סוף.

באַ אונז אין הויף האָט זיך אַריינגעצויגן אַ נייער שכן, אַ גרויסער יחסן. ער איז געווען פאַרוואַלטער באַ ר׳ ישראל בראָדסקין אין טשערקאַסער צוקער־פאַבריק.

געגומען האָט ער צוועלף טויזנט רובל אַ יאָר און געוואוינט האָט ער אין טשערקאַסער הויף מיט זיין פאַמיליע. זיין פרוי איז געווען בראָדסקים אַ נאָהענטע קרובה, און געלעבט האָט מען ווי די פירשטן. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ גרויסן מאַיאָנטעק איז דאָ פון אַלעם גוטן, און פערד מיט קאַרעטעס האָבן אויך נישט געפעלט.

דער פאַרוואַלטער איז געווען זעהר אַ געראָטענער מענש און האָט געפירט דעם מאַיאָנטעק מיט דער צוקער־פאַבריק אויסגעצייכנט. בראָדסקי איז צופרידן געווען פון אים. ער האָט אָבער געהאַט אַ גויאישן פעלער — אַ שווערן: שכּרות. אַ פעלער איז דאָס נאָך אַזוינע, וואָס האַלט זיך כּסדר אין אַנטוויקלען, ווערט וואָס וייטער שטאַרקער, און צו אַ סוף קומט מען זעהר צו אַ טריבן.

דעם פאַרוואַלטער האָט דער סוף נישט אויסגעמידן: פון שכּרות האָט ער פאַרלאָזט דאָס געשעפט.

און ר׳ ישראל בראָדסקי האָט אים געמוזט אָפּזאָגן. נאָר אַזוי ווי דעם פאַרוואַלטערס פרוי איז אַ קרובה, און זיי האָבן דערוואַקסענע שיינע קינדער, זין און טעכטער, האָט ר׳ ישראל באַשטימט פאַרן פאַרוואַלטער אַ שטענדיגע יערליכע פּענסיע פון פינף טויזנט רובל.

און כאָטש דער פאַרוואַלטער איז אָפּגעזאָגט געוואָרן — דאָך האָט אים אָפּטער באַזוכט בראָדסקיס פאַמיליע. עס איז פּאָרט געווען זעהר אַ פיין אָנשטענדיג הויז, נישט קוקנדיג דערויף, וואָס דער בעל־הבית האָט געהאַט אַ גרויסע שוואַכקייט צו בראָנפן...

איך בין גיך באַפריינדעט געוואָרן מיט דעם פאַרוואַלטערס פאַמיליע. מיך האָט געצויגן זיין חכמה, זיין פרייע צונג, זיין ליבע האַלטונג.

אויסבעסערן זיין פעלער האָט מען, ליידער, נישט געקאָנט. ער פלעגט שטענדיג אַריינגייען אין דערבייאיגן שיינק און פלעגט אויסטרינקען אַ גלאָז בראָנפן. אַמאָל פלעגט ער איבערן טאָג אויסטרינקען אַ וואָסערע זעכצען גלאָז בראָנפן.

פאַר אַ פ ר י י נ ט האָט ער אפילו שכורעהייט א ו י ך ג ע ט ו י ג ט, נאָר פונדעסטוועגן איז מיט אים געווען ליבער צו פאַרברייגגען, ווען דער קאָפּ איז אים ניכטער געווען.

און דעריבער פלעג איך עקסטרע קומען צו אים באַלד אין דערפריה, נאָך איידער ער פלעגט גיין אין שיינק. נאָר ער האָט פ אַ ר ש ט אַ נ ע ן, אַז איך ז ו ך זיין ניכטערקייט...

און אַמאָל, גייענדיג אין טראַקטיר, פלעגט ער אומישנע פריהער אַריינ־קומען צו מיר, אויב איך בין באַ אים נאָך נישט געווען, און שמועסן מיט מיר מיט אַ ניכטערער צונג...

מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן ליב געהאַט, און איינמאָל האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן אַ שטעלע פון אַ פריקאַזטשיק.

פרעג איך אים, וואָס פאַר אַ געשעפט האָט ער. זאָגט ער, אַז מען וועט אים צושיקן פון אָרעס באַקאַליי־סחורות: רייז, ראָזשינקעס, מאַנדלען, ניס פאַר אַ הונדערט טויזנט רובל. ער דאַרף דאָס פאַרקויפן די היגע באַקאַליי־קרעמער און אויך פונאַנדערשיקן אין אַנדערע שטעט.

דאָס איז נישט געווען געפּלוידערט, ווי מען האָט געקאָנט מיינען. און אין גיכן האָט ער מיר אָפּגעגעבן די פראַכטן און איך האָב געדונגען אַ גרויסן הויף מיט סקלאַדעס, אָפּצולייגן די סחורה.

אָבער אַלץ די איינענע מעשה: אין די געשעפט־ענינים האָט שטאַרק געשטערט זיין שכרות, און איך פלעג זיין געצוואונגען אויפשטיין גאַנץ פריה, ממש באַגינען, כדי איך זאָל אים קאָנען פּ אַ ק ן נאָך גאָר אַ ניכטערן און איבעררעדן, וואָס מיר האָבן צו טון.

איך מוז נאָך אַמאָל זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינליכער קלוגער מאַן. זיינע ווערטער זייגען געווען פּערל און ער האָט אויף מיר אַ גרויסע השפּעה געהאַט. ער האָט מיר אין אַ סך פּרטים געעפנט די

אוינן, אָנגעזאַפּט מיך מיט פּראַקטיק, וואָס איז געווען אַזוי נויטיג פאַר אַזאַ קליינשטעטלדיגן יונגענמאַן, ווי איך בין דעמאָלט געווען.

אַמאָל איז ער אויך געווען אַן עקשן, און מיר קומט אויפן זכרון אַ פאַקט, וואָס כאַראַקטעריזירט וואויל זיין עקשנות. דאָס איז געווען אַזוי.

ער האָט באַדאַרפט אַוועקשיקן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו רייז מיט ראָזשינקעס פאַר דרייסיג טויזנט רובל; דאַרף איך רינגען אַ בערלינע דאָס אָפּצופירן.

האָב איך נאָך אַ סך מיה אויסגעזוכט אַ גוטע בערלינע און מושה געוואָרן מיטן בערלינשטשיק אָפּצופירן די סחורה פאַר צוויי הונדערט רובל.

אַז איך בין געקומען צו אים און דערציילט, אַז איך האָב אויפגעזוכט זעהר אַ גוטע בערלינע, אַז איך האָב זי באַרונגען און געגעבן פינף און צוואַנציג רובל האַנט־געלט און אַז היינט אין אָוונט וועט קומען דער בערלינשטשיק צו שליסן אַ קאָנטראַקט — איז ער געוען גאַנץ צופרידן.

אין אָוונט אָבער, ווען איך בין געקומען מיטן בערלינשטשיק מאַכן דעם קאָנטראַקט, זאָגט ער מיר אָן, אַז מיט אַ שעה צוריק האָט ער באַרונגען אַן אַנדער בערלינע פאַר הונדערט און פופציג רובל און נאָר די וועט אָפּפירן די סחורה.

פאַרדריסט עס מיר, וואָרום איך ווייס, אַז אַ גוטע בערלינע קאָן מען נישט קריגן ביליגער און אַז מיינע איז זעהר אַ גוטע. מילא, פאַרפאַלן. הויב איך אָן אָבער שפּעטער נאָכצופרעגן, ווער איך געוואָר, אַז זיין בערלינע איז אַן אַ ל ט ע און זעהר אַ שוואַכע און ס׳איז אַ סכנה צו פירן אויף איר אַזאַ גרויסע משא.

אַז איך זאָג דאָס אים, הערט ער מיך נישט אויס און הייסט מיר לאַרעוועון די סחורה אין ד ע ר בערלינע. איך האָב אָבער נישט געוואָלט ריזיקירן מיט אַזאַ גרויסן פאַרמעגן און האָב זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט דערפון.

איז ער געוואָרן בייז און האָט צוגענומען אַן אַנדערן מענשן. געדיינק איך, אַז אַרום דאָנערשטאָג האָט ער געלאַדעוועט די בערלינע מיט רייז און ראָזשינקעס און איבער אַ נאַכט האָ ט זי ך ד י ב ע ר ל י נ ע ג ע ז ע צ ט א י ן וו אַ ס ע ר.

אַז ער האָט עס דערהערט, איז ער געקומען צולויפן אַ פאַרסאָפּעטער. אַפּנים, אַז ער האָט געקאָנט זיין ניכטער אויך, ווען מען האָט זעהר נויטיג באַדאַרפט...

— האָט רחמנות, ראַטעוועט! איך בין אַ פאַרפאַלענער! איך בעט אייך איבער. איצט זעה איך, אַז איר זענט געווען גערעכט. איר באַקומט באַ מיר צוויי הונדערט רובל אַ „נאַגראַדע" און ראַטעוועט מיר די פאַר־טרונקענע סחורה. מען קאָן די סחורה אויסטריקענען, וועט מען נאָך

עפּעס קאָנען אַרויסנעמען געלט פון דעם. דאָס איז דרײסיג טויזנט רובל!..

ער איז אינגאַנצן ניכטער געװען דעמאָלט...

אָבער איך האָב זיך געקװײנקלט. מיר האָט נאָך אַלץ דערצאָרנט זײַן עקשנות.

דערנאָך אָבער, אַז זײַן װײַב און קינדער זײַנען צו מיר צוגעפאַלן, איך זאָל ראַטעװען די סחורה (פּונקט װי איך קאָן ראַטעװען), האָב איך שױן פאַר אין ברירה זיך אונטערגענומען אַרױסצוראַטעװען די רײז מיט די ראָזשינקעס פון דער פאַרזעצטער בערלינע אין װאַסער. האָב איך געדונגען אַ גרויסן הויף, געקויפט גרויסע פלאַכטעס, אַרויסגעשלעפּט די נאַסע סחורה, אויסגעשאָטן עס אויף די פלאַכטעס און געטריקנט.

איך האָב דערצו באַראַרפט האָבן אַ סך מענשן. נאָר װי עס איז האָב איך די סחורה דערטריקנט און אַזוי אַרום, מיט צער און מאַטערניש, האָב איך פון דעם פּעקל אויסגעלייזט באַ אַ פינף טויזנט רובל — אָנשטאָט דרייסיג טויזנט...

ער איז פון דעם גאָר צעמישט געװאָרן און אָנגעהויבן נאָך מער צו שכורן.

נאָר בראָדסקיס פאַמיליע, האָבנדיג מיטלייד מיט דער פרוי און קינדער, פלעגט דאָך אָפט קומען באַזוכן דאָס הויז פון דעם געװעזענעם פאַרװאַלטער.

איינמאָל, בעת די בראָדסקיס זײַנען גראָד געװען באַ אים אין געסט, איז ער אַרײַנגעקומען אין שטוב אַ טויט־שכורער און אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד. דאָס האָט אויף די בראָדסקיס געמאַכט זעהר אַ שװערן איינדרוק און מער זײַנען זיי שױן נישט געקומען.

ער האָט נאָך אַ האַלב יאָר שטאַרק געשכורט און דערנאָך אַװעק־געשטאָרבן.

װײ, ס'אַראַ קלוגער, ס'אַראַ ליבער מענש ער איז געװען! יאָ, ער איז אומגעקומען פון אַ נישט־אידישן פּעלער: פון בראָנפן.

באַ מיר, װי צו זאָגן, איז דאָס געשעפט געגאַנגען הלך וחסר. איך האָב זיך אָפּגעמאַטערט אַ צװיי יאָר אויף דעם אַנדרייעװסקי ספּוסק און זיך אַריבערגעצויגן אין אַן אַנדער גאַס.

איך געדיינק שױן נישט, װי די גאַס האָט געהייסן. נאָר דאָס געדיינק איך, אַז איך האָב דאָרט געמאַכט אַ קלענערע באַקאַליי־קראָם.

מיר האָט שױן געפעלט געלט, דאָס איז ערשטנס. צװייטנס, איז דאָ נישט געװען אַזאַ אָרט, װאו מען זאָל קאָנען פירן אַן עסק ברייט און ענערגיש: עס האָבן פּשוט געפעלט קונים. אָרימע לייט האָבן דאָ געװאוינט.

ווי דער שטיינער פון אַלע גערריקטע אירן, האָב איך גערונגען אַ דירה מיט אַ פּאָר צימערן פּאַר שכנים. איינער אַ יונגערמאַן האָט בּאַ מיר בּאַלד גערונגען אַ צימער מיט אַ בּאַזונדער אַריינגאַנג.

דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס האָט זיך געגרייט צום עקזאַמען אין אוניווערזיטעט. איך האָב אים בּאַטראַכט, און ער איז מיר געפעלן געוואָרן. ערשטנס, איז ער געווען קלאָר אין ש״ס און געקאָנט זאָגן אַ שיין פּשטל פון תּלמוד. צווייטנס, איז ער געווען אַ געשיקטע, אַ רירעווריגע בּריאה.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַ ווילנער דיינס אַ זון און איז געווען גערעכנט פּאַר אַן עילוי, נאָר ער האָט זיך געוואָלט נעמען צו בּילדונג און איז אַנטלאָפן קיין זשיטאָמיר, וואו ער איז אַריינגעטראָטן אין ראַבּינער־שול. דירעקטאָר איז דאָרט דעמאָלט געווען ר׳ חיים־זעליג סלאָנימסקי.

אַז די שול איז פּאַרמאַכט געוואָרן, איז ער אַוועק קיין קיעוו, אַריינ־צוטרעטן אין אוניווערזיטעט. דער וועג איז אַ גלייכער: ער וועט ענדיגן דעם אוניווערזיטעט און — בּאַסטאַ!

אָבער ער האָט נישט געהאַט פון וואַנען צו לעבן...

אַ געזונטער און אַ פלינקער, איז ער היציג אַוועק אין בּראָדסקיס מיל, וואָס איז געשטאַנען בּאַם בּרעג טייך, און געבעטן, מען זאָל אים געבן טראָגן די זעקלאַך מעל פון מיל אין מאַגאַזין אַריין און צאָלן ווי אַלע טאָג־אַרבּעטער: זעכציג קאָפּיקעס אַ טאָג.

דער יונג איז אָנגענומען געוואָרן, און דעם גאַנצן טאָג האָט ער געטראָגן זעקלאַך מעל.

אין אָוונט אָבער האָט ער זיך אַרומגעוואַשן, זיך איבּערגעטאָן, געמאַכט בּאַקאַנטשאַפט מיט סטודענטן, געזוכט אוראָקן און געקראָגן זיי אויף גאַנצע זעכציג רובּל אַ מאָנאַט, און דערבּיי זיך געגרייט צום עקזאַמען. אַז ער האָט געקראָגן אוראָקן, האָט ער אַוועקגעוואָרפן די מעל.

אַ טשיקאַווע זאַך: דער יונג האָט אויף אַלץ געהאַט צייט, און בּאַנאַכט פלעגן מיר זיך אָפט דורכשמועסן בּאַ אַ פּאָר שעה.

אין דער צייט איז געקומען קיין קיעוו אַן אַנטיסעמיטישע טרופּע און האָט געשפּילט אין גאָרטן־טעאַטער אַ שטיק, וואָס האָט זעהר בּ אַ ל ײ ד י ג ט אידן. ליפּסקי, אַזוי האָט געהייסן מיין שכן, האָט שוין געוואוסט דעם אינהאַלט פון דעם טעאַטער־שטיק און איז אומישנע געגאַנגען מיט זיינע חברים אויף אַ פּאָרשטעלונג — הערן ווי בּאַליידיגט מען אידן פון דער סצענע אַראָפּ.

אָבער געקומען איז ער פון טעאַטער אַ געקריינקטער און אַ צעקאָכטער. אויף דער סצענע האָט מען גראָב און מאוס באַליידיגט אירן. נויים האָבן הנאה געהאַט, גויים האָבן פול געמאַכט דעם טעאַטער און האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל אויספייפן. אין טעאַטער האָבן זיך יתומדיג דורכגעוואָרפן עטליכע אירן. אַ מורא געווען אַ פייף צו טון.

עס איז געווען אַ צער צו קוקן אויף מיין יונג.

די ראָזינגע אַנטיסעמיטישע פּיעסע האָט מען געשפּילט כּסדר.

וואָס טוט מען? ווי אַזוי מאַכט מען, אַז אַלע אידישע סטודענטן און סתם בחורים זאָלן קומען אויספייפן דאָס ראָזינגע שונד־שטיק, באַפּעפּערט מיט נאַרישן און גראָבן אַנטיסעמיטיזם?

איך האָב אַ פרעג געטאָן דעם יונג, צי אליעזר בראָדסקי קען אים, צי האָט ער אים אַמאָל געזעהן באַ זיך אין מיל. דערויף האָט מיר דער יונג געזאָגט, אַז אליעזר בראָדסקי איז איינמאָל געקומען אין מיל און געזעהן, ווי ער טראָגט אַ זאַק מעל אויפן פּלייצע:

— האָט ער דערקענט, אַז איך בין אַ איד און זיך שטאַרק פאַרוואונדערט: ס׳טייטש, אַ אידישער יונגערמאַן זאָל זיך „אָטוואַזשען" טראָגן זעקלאַך צווישן באָסיאַקעס! האָט ער מיך צוגערופן און געפרעגט, פון וואַנען בין איך און צי איך האָב נישט עפּעס אַ גרינגערע און אַ בעסערע פּרנסה, ווי טראָגן זעקלאַך מעל, וואָרום אַ איד איז דאָך שוואַך. האָב איך אים, פאַרשטייט איר מיך — רעדט ער מיר אַלץ מיט איין אָטעם — דערציילט, אַז איך בין געקומען אַהער צוגרייטן זיך אין אוניווערזיטעט, נאָר איך האָב דערווייל נישט מיט וואָס צו לעבן. אַרבעט איך דעם טאָג באַ אייך, אין אָוונט זוך איך מיר באַקאַנטשאַפט און באַנאַכט לערן איך. נעמט ער אַרויס פופציג רובל און גיט מיר. אָבער איך האָב נישט גענומען און געזאָגט, אַז קיין נרבות נעם איך נישט; איך וויל בלויז פאַרדינען דורך אַרבעט. איך האָב פיינט די גבירים — האָט ער געמאַכט אַ זויערע און אַן ענערגישע גרימאַסע — און וויל פון זיי קיין טובות נישט האָבן.

נאָר מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק.

— הער נאָר, ליפּסקי, אָבער צוליב דעם כּלל ישראל וואָלסטו געגאַנגען צו די גבירים?

זאָגט ער:

— דאָס, יאָ!

זאָג איך:

— גיי צו לאַזאַרן און דערצייל אים די גאַנצע מעשה מיט דער אַנטי־סעמיטישער טרופּע און לייג אים פאָר, ער זאָל אָפּקויפן עטליכע הונדערט בילעטן, וועלכע מען וועט צעטיילן צווישן דער אידישער יוגנט, און אָט וועט זיין ווער עס זאָל אויספייפן...

— אַ אידייע, כ׳לעבן! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן.

און עס האָט זיך טאַקע איינגעגעבן. ליפּסקי איז געגאַנגען צו לאַזאַרן און איז פון דאָרטן געקומען צו מיר מיט אַ שמחה, אַז יענער וועט אָפּקויפן צוויי דריטל פון דער צאָל בילעטן און וועט שיקן אַלע זיינע פּריקאַשטשיקעס צעטיילן די בילעטן צווישן אידן. ווער עס וועט נאָר וועלן פייפן, וועט קריגן אַ בילעט.

די זאַך איז באַלד אַוועק ווי געשמירט.

אויף מאָרגן זיינען אומגעגאַנגען יונגעלייט און געטיילט אומזיסט בילעטן אין טעאַטער. ליפּסקי האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים; צו זיין שמחה איז שוין גאָר קיין ברעג נישט געווען.

און אין אָוונט, ווען די טרופּע האָט גענומען שפּילן איר שמוציג פּיעסעלע, האָבן אַלע אידן אָנגעהויבן פייפן און טופּען מיט די פיס. עס איז געוואָרן אַ פייפעריי, אַז גאָט זאָל אויסהיטן.

דער פּאָליצמייסטער איז אויך געווען אין טעאַטער. ער האָט זיכער מורא געהאַט פאַר אַ גרויסן סקאַנדאַל און האָט נאָר געהייסן איבער־רייסן דאָס שפּילן. אַ צוואַנציג פאַרשוין סטודענטן און אַנדערע אידן, צווישן זיי אויך ליפּסקין, האָט מען אַרעסטירט.

אויף מאָרגן איז מען געגאַנגען, ווי דער שטייגער איז, צום גענעראַל־גובערנאַטאָר. געגאַנגען איז לאַזאַר בראָדסקי און נאָך צוויי פון די מיליאָנערן און אים דערציילט, אַז די טרופּע זייט שנאה צווישן פעלקער, אַז זי רייצט אָן איין פאָלק אויפן צווייטן און דעסגלייכן. דער גובערנאַטאָר האָט געשיקט צום דירעקטאָר פון דער טרופּע און אים אָנגעזאָגט, אַז אין פיר און צוואַנציג שעה זאָל ער פאַרלאָזן קיעוו און זיין אָקרוג. די אַרעסטירטע האָט מען באַפרייט.

אַ פאַקט איז דאָס, פאַרשטייט זיך, נישט קיין באַרייטנדער, נאָר צו אונזער שמחה איז גאָר קיין גלייכן נישט געווען. אַ קליינינקייט — מיר האָבן אויסגעפּירט...

אָט דער ליפּסקי האָט אין מיר דערוועקט מיינע אַלטע וואונדן מכּח בילדונג, און אַז איך פלעג מיט אים שמועסן, פלעגט מיר שרעקליך באַנג טון מיין פאַרלאָרענע יוגנט, מיין ענערגיע, מיין קוראַזש, מיינע חלומות וועגן ווערן אַ ראַבינער, וועגן גרויסע כלל־אַרבעטן, מיינע האָפענונגען און טרוימען.

אָט דער יונג איז פריי און געזונט. עס נעמט אָן אַ קנאה פאַר זיין שטאַרקייט, פאַר זיין פעסטקייט, פאַר זיין ברען, פאַר זיין היציגקייט. ער וועט געוויס צו עפּעס דערשווימען אין לעבן. און איך? איך בין אַ געבונדרענער, אַ געפאַנגענער, אַן אָרימער פּרנסה־זוכער, אַ מענש מיט צעשלאָגענע מחשבות און חלומות, און איך האָב אים טיף, טיף, ביז גרויסן ווייטאָג, מקנא געווען.

— אָט דאָס איז ענערגיע — האָב איך מיט אַנגסט געטראַכט — אַ מענש טראָגט זעק, גיט שטורכן און גרייט זיך אין אוניווערזיטעט אַריין. אָט דאָס איז כאַראַקטער. טראָגן זעק — און בילדונג. בילדונג און טראָגן זעק... איך בין געווען שוואַך און בין געבליבן שטיין אויפן מיטן וועג — נישט אַהער, נישט אַהין.

נאָר טייִלמאָל, אין אַזוינע שווערע מינוטן, פלעג איך אויסגעפינען אויף זיך אויך אַ זכות: איך האָב אַ ווייב מיט אַ קינד... צו פריה חתונה געהאַט... אַ ווייב האָט אַ גרויסן כח... און אַ שטער איז אַ ווייב... אָבער דער דאָזיגער זכות האָט מיר גאָר ווייניג פאַרגרינגערט די ווייען. דאָס איז נאָר אַן אויסרייד פאַר זיך געווען...

מיט ליפּסקין האָב איך זיך זעהר גוט איינגעלעבט. טייִלמאָל פלעגן מיר שמועסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. ליפּסקי איז געווען איינער פון די ערשטע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן רעמאָלט וואו נישט וואו אַרויסגעשפּראָצט אויף דער אידישער גאַס, און פון די זעכציג רובל, וואָס ער האָט געהאַט אַ מאָנאַט, פלעגט ער צעטיילן צווישן זיינע אָרימע חברים אַ דרייסיג, פערציג רובל.

גענעסן האָט ער פּראָסט שוואַרץ זעלנער־ברויט מיט אַ שטיקל הערינג און דערנאָך פאַרטרונקען מיט טיי; און אַ מיטאָג פלעגט אים קאָסטן אַ וואָסערע פינף קאָפּיקעס. ער האָט אַ סך געלערנט און אַ סך געקאָנט, און איז שנעל געוואָרן פּאָפּולער בּאַ דער אָרטיגער יוגנט.

פון זיין מויל האָט זיך געשאָטן פּערל, אַ קאָפּ — אַ פייער, דאָס געמיט — לויטער, ווי אַ פריהלינג־טאָג.

ער האָט אויך געהאַט זעהר אַ וואַרעם אידיש האַרץ, און די דאָזיגע וואַרעמקייט האָט זיך אויך איבערגעגעבן זיינע חברים. קריסטליכע סטודענטן האָבן אויף אים געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ.

אויב מיין ערשטער קוואַרטיראַנט איז געווען אַזאַ געראָטענער, איז מיין צווייטער קוואַרטיראַנט געווען אַ סך געראָטענער און אַ היפּש ביסל גרעסער... איך מיין דאָ דעם באַרימטן „האַראָדנער" מגיד, וואָס האָט געוואוינט אין מינסק. אין אָט דער צייט איז ער גראָד געקומען קיין קיעוו.

געוויינליך, האָט אים באַלד באַזוכט ר׳ ליב שאַפּיראָ און געבעטן פאַרבלייבן אין קיעוו אַ פּאָר וואָכן.

אַ מגיר, און בפרט נאָך דעם האַראָרנער, באַזוכן אַ סך מענשן, האָט מען באַראַרפט האָבן עפּעס אַן אָנשטענדיג הויז, וואו ער זאָל קאָנען וואוינען און אויפנעמען געסט.

און ר׳ ליבן איז איינגעפאַלן, דער מגיר זאָל זיך איבערציהען צו מיר. ר׳ ליב האָט געוואוסט, אַז איך זוך אַ שכן. אַז ער האָט עס מיר איינמאָל פאָרגעשלאָגן, האָב איך מיט פאַרגעניגן איינגעשטימט.

און דער מגיד האָט זיך אַריבערגעצויגן צו מיר.

עס איז אוראי איבעריג צו זאָגן, אַז דער מגיד איז געווען אַ גרויסער מענש און אַ גרויסער מופלג, געוואַלדיג קלוג און שטאַרק באַלעזן, און אַ צונג האָט ער געהאַט — וואָס נאָך אַזאַ האָב איך אין מיין לעבן נישט געהערט.

די צונג — דאָס איז געווען זיין געווער, זיין אַרטילעריע, זיין האַרמאַט, און מיט איר האָט ער געקאָנט פאַרוואַנדלען מענשן אין פייער. האָט נאָר עמיצער געהערט זיין לשון, זיין ריידן, איז ער באַגייסטערט געוואָרן, צעצאַפּלט געוואָרן, און זיין השפּעה אויף מענשן איז געווען שרעקליך גרוים.

ווי זעהר אַ פרומער איד, וואָס איז דורכאוים רוחניות, האָט ער געלעבט זעהר אָרים און פּראָסט. זיין עסן איז, דהיינו, געווען נאָר שוואַרץ ברויט מיט זויערע אוגערקעס און אַזוי אַ גאַנצע וואָך. שבת און יום־טוב האָט ער זיך פאַרגינען עסן בעסער, ווי דער דין איז, בשר ודגים און כל המערנים.

צוויי מאָל אין טאָג האָט ער גענעסן זיין מאָגערן „מאָלצייט" — ברויט מיט אוגערקעס: צוועלף באַטאָג און זעקס פאַרנאַכט.

באַ מיר פלעגט זיין די שטוב געפּאַקט מיט מענשן.

אָפּגעגעסן ברויט מיט אוגערקעס, האָט ער פאַר זיי גערערט. נאָר גאָט מיינער, וואָס זיינען דאָס געווען פאַר אַ רייד. גאָלד האָט זיך גענאָסן... איך פלעג שטיין אַ פאַרגאַפּטער און האָרכן און האָרכן...

רוכט זיך, איך האַלט גאָרנישט פון דעם, וואָס ער רערט: אמונה, פרומקייט, עבודת הבורא, גאָט, גאָט, גאָט... אָבער ווי רערט ער? און איך פיל, ווי עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ר׳ ליב שאַפּיראָ האָט שוין באַ אים געטאָנט און גענעכטיגט און האָט אים באַדינט ממש ווי אַ משרת.

דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן צו טענען מיט אים, ער זאָל האַלטן אַ דרשה אין גרויסן קאָפּוכינס בית־המדרש. דער האַראָרנער מגיד האָט איינגעשטימט.

רעמאָלט האָט דער עולם גענומען באַצייטנס אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, ווי אַזוי עס זאָל געהאַלטן ווערן די אָרדענונג בעת דער דרשה, מחמת עס קאָנען אָנקומען טויזנטער מענשן. מען האָט פּשוט מורא געהאַט פאַר אַ קאַטאַסטראָפע. פרומע יונגעלייט האָבן אויף זיך גענומען די מיה צו היטן די אָרדענונג.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ליפּסקי, ווי אַן אַפּיקורס און אַ סאָציאַליסט, האָט זיך באַצויגן צום מגיד מיט חשד און איז קיינמאָל נישט אַריין אין מגידס צימער. נאָר מיר האָט זיך געוואָלט זיי ביידן צונויפפירן צוזאַמען. צוויי דורות... ווי וועט עס אויסקוקן.

נאָר ליפּסקי האָט זיך געוואָרפן:

— איך זאָג אייך, אַז ער איז אַ גנב... וואָס אַרט אייך... אַ גנב... איך וויל אים נישט קענען. אַ גנב... אַ גנב...

און האָט נישט געוואָלט גיין זיך באַקענען.

אין אָוונט פון דער דרשה איז געווען געפּאַקט די שול מיט די שענסטע אידן פון שטאָט. עס זיינען אפילו געקומען אים הערן סטודענטן און אַזוי אַ סך אינטעליגענטע יונגלייט.

ער איז געשטאַנען אויף דער בימה, און איך מיט ר׳ ליבן פון ביידע זייטן. גערעדט האָט ער אָנדערטהאַלבן שעה. דאָס איז געווען ז י י נ ע אַ טיפּישע דרשה, אין וועלכער עס האָבן זיך דורכגעוואָרפן אַ סך בליץ־ווערטלאַך און פאַרשיידענע געגנשטאַנדן, און אַסטראָנאָמיע, און וועלט־אַנטשטייאונג, און פיזיאָלאָגיע, און עטיק א. אַז. וו. א. אַז. וו.

געלונגען האָט, דוכט מיר, זיין דרשה דאָס מאָל נישט. די יוגנט איז געבליבן קאַלט. האָט ער זיך אפשר געפילט נישט גוט? צי איז אפשר די שטימונג פון דער יוגנט געווען צו אַ ק ע נ ג ע ר י ש ע און האָט זיך נישט געלאָזט באַזיגן פונם מגידס וואָרט?

אַפּנים, אַז דער גרויסער מייסטער פון וואָרט איז אַליין אויך נישט צופרידן געווען פון זיין דרשה. אַן אומעט האָט זיך געלעגט אויף אים, און מיט פאַרביסענע ליפּן האָט ער פאַרלאָזט די שול. איבעריגנס, פרומע אידן האָט די דרשה זעהר צופרידנגעשטעלט.

דער מגיד איז געווען פאַרגאַלט, און איינמאָל אין אַזאַ פאַרגאַלטער מינוט האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז ער נעמט זיך אונטער צו פירן אַ ויכוח מיט די גרעסטע אַפּיקורסים פון זיין צייט און וועט זיי מנצח זיין.

דאָס האָט מיך אויך עטוואָס אָנגעריירט. צו וואָס אַזאַ זיכערקייט? און איך האָב געזאָגט, אַז דאָ באַ מיר אין אַ זייטיג צימער וואוינט ־איינער אַ ליפּסקי, אַ בחור, וואָס איז געווען אַן עילוי און איז איצט געוואָרן,

לא עלינו, אַ גרויסער אפּיקורס. איך וועל אים אויף טשיקאַווער אַריינ־רופן, זאָג איך, און זאָל דער מגיד פאַרפירן מיט אים אַ ויכּוח.

— איך וואָלט זעהר געוואָלט, זאָג איך, אַז דער מגיד זאָל אים מנצח זיין, ער זאָל אַוועקוואַרפן זיין אַפּיקורסות און זיך נעמען בעסער צום לערנען. אַ סך מער תּכלית... האָב איך פאַרבאָרגן איראָניזירט. — אָבער וואָס איך האָב מיך מיט אים נישט צעמאַטערט, איז עס אַלץ געווען אומזיסט. ער איז געבליבן באַ דאָס זייניגע. שטאַרק איז דער בחור און האָט אַ מוראדיגן ווילן...

דער מגיד האָט מיך באַטראַכט אַ ווײַלע און געהייסן אַריינרופן.

איך האָב אַזוי געטאָן. ליפּסקי איז דאָס מאָל מרוצה געוואָרן און אַריינגעגאַנגען. אין אים האָט אַ שפּיל געטאָן זיין אייגנליבע... דער אַלטער מגיד נעמט זיך אונטער אים צו באַזינגן... איך האָב אים געמאַכט אַן אָרט אויף צו זיצן, פּונקט אַנטקעגן מגיד, און איך און די מענשן, וואָס זיינען בעת מעשה געזעסן אין שטוב, האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן.

דער היציגער ליפּסקי האָט נישט געוואַרט ביז דער מגיד וועט אָנהויבן און איז דער ערשטער אַרויס מיט לשון.

נאָר ערשט דאָ האָב איך זיך געכאַפּט, אַז די גאַנצע מעשה, דער גאַנצער אויפטו מיינער איז אַ גאַרישער. צוויי דורות קאָנען זיך נישט צונויפרייידן. צוויי דורות קאָנען זיך צונויפרייידן נאָר אויף די שטומע בלעטער פון דער געשיכטע, אָבער נישט אין דער געשטאַלט פון צוויי לעבעדיגע פּאָר־שטייער פון די דאָזיגע דורות.

ליפּסקי האָט זיך גלייך גענומען קאָכן, וואַרפן, שרייען, און אפילו אָפּלאַכן פונם מגיד. ער האָט אים נישט געלאָזט רייךן מיט דער עכטער עזות פון אַ שטאָלצן, באַגאַבטן און וואַרעמען יונגענמאַן.

דער מגיד איז געווען בלאַס און האָט נישט געפונען די נויטיגע ווערטער... ליפּסקי האָט זיך באַנוצט מיט דער גלעגנהייט און געמאָלט ווי אַ ווינט־מיל...

דער סוף איז געווען נאָר אַ מאוסער. אַז דער מגיד האָט גראָד דער־מאָנט וועגן מופתים, איז ליפּסקי אויפגעשפּרונגען, האָט אַ שפּיי געטאָן און פרעך אַרויסגעזאָגט:

— אַלטע בהמה!..

און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

דאָס איז געווען זעהר אומערוואַרטעט, אומגעהויער מאוס און גראָב, עס איז געווען אַ חרפּה אויפצוהויבן די אויגן, אַ קוק טון, ווי זעהט אויס דער מגיד. נאָר דער מגיד האָט זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— מאָרגן פֿאָר איך אַוועק.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דער מגיד האָט שוין מיט מיר נישט געוואָלט ריידן, און דערבײַ האָב איך פֿאַרלאָרן מײַן אמתן גוטן פֿרײַנט ר׳ ליבֿ שאַפּיראָ. ר׳ ליבֿ שאַפּיראָ האָט זיינגעפֿונען, אַז אין דעם דאָזיגן מאוסן סקאַנדאַל בין איך אינגאַנצן שולד און אַז אַזאַ „אויסגעטאָנענעם“ יונג, ווי דער ליפּסקי איז, האָב איך גאָרנישט געטאָרט האַלטן בײַ זיך אין שטוב, אַלס קוואַרטיראַנט... פֿאַרפֿאַלן.

אויף מאָרגן איז דער מגיד אַוועקגעפֿאָרן און זיך מיט מיר נישט געזעגנט. עס טוט מיר נאָך איצט מיט אַן אמת באַנג, וואָס צוליבֿ מיר האָט דער מגיד איבערגעלעבֿט אין קיעוו עטליכע שווערע מינוט.

אַ פּראַקטיק: מען טאָר נישט צונויפֿפֿירן צוליבֿ אַ וכּוח אַן אַלטן מיט אַ יונגען — צוויי דורות.

קאַפּיטל XX

די רוסיש־טערקישע מלחמה. — די פּאַטריאָטישע שטימונג צווישן אידן. — מיר וועלן מנצח זיין!" — אלעקסאַנדער דער צווייטער. — גוטע האָפענונגען. — שלעכט אָהן פּרנסה. — עס ווערן שיטערער די פּאָליצעס. — כּטאָריצקי. — אַן עסק מיט אַ בעקעריי. — גנבות. — צו ערליך. — דער נצחון פון רוסלאַנד. — אידישע שמחות. — וואָס טוט מען? — ווידער הרטות. — ווידער אין וועג אריין. — כּאַרקאָוו.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער רוסיש־טערקישער קריג. די רעגירונג האָט געזוכט פּאָדראַדטשיקעס און האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן אידן און נישט־אידן. פאַר אידן האָט אַ בליאַסק געטאָן אַ האָפענונג פון פּרנסה. צענדליגער אידן האָבן אָנגענומען אין קיעוו פּאָדראַדן, גרויסע און קליינע.

די פּאָדראַדטשיקעס זיינען אַוועק מיטן מיליטער אין די אַלע ערטער, וואוהין דאָס מיליטער איז געגאַנגען. אין קישינעוו איז געשטאַנען דער הויפּט־שטאַב. דאָרט האָט זיך אויך געפונען דער קיסר.

אינטערעסאַנט איז געווען די רעמאָלטיגע באַציהונג פון אידן צו דער מלחמה. זיי זיינען געווען העכסט פּאַטריאָטיש געשטימט, און עס וועט נישט זיין קיין גוזמא, ווען איך וועל זאָגן, אַז כּמעט אַלע אידן זיינען געווען גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער צוליב דעם נצחון פונם פּאָטערלאַנד, פּונקט ווי עס וואָלט געווען אַ אידישע מלחמה מיט אידישע גענעראַלן און מיניסטאָרן, און אידן וואָלטן געהאַט אַלע פרייהייטן אין לאַנד. די ראָזיגע שטימונג האָט געוויס אַרויסגעשטאַמט דערפון, וואָס אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס צייטן האָט זיך די רעגירונג באַצויגן צו אידן עטוואָס ווייכער, עטוואָס בעסער, עטוואָס מילדער.

עס האָט זיך געוואוּנט, אַז דער שווערער גלות־יאָך מיט אָבלאַוועס, מיט „טשערטאַ", מיט כּל הפּורעניות וועט פאַרשוואונדן ווערן, און צווישן אידן וועט מען פרייער אָפּאָטעמען. דער איד האָט געטרוימט פון רוסלאַנדס נצחון, האָט מכּוש געציטערט פאַר יעדעם פיצל ערד, וואָס דער טערק זאָל איינעמען.

און אַ סך אידישע טעכטער האָבן זיך איינגעשריבן אין באַרמהאַרציגע שוועסטער, אינטעליגענטע יונגעלייט זיינען פרייוויליג און פּאַטריאָטיש גע־גאַנגען אין מלחמה אַריין.

און איך געדיינק, אַז ווען דאָס רוסישע מיליטער איז לייכט אַריבער דעם טייך ר ו נ אַ י, אָהן אַ בלוט־פאַרגיסונג, איז די שמחה פון מאַנכע אידן געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געטאַנצט אין די גאַסן, עס איז געווען ששון ושמחה. און גערעדט האָט מען צווישן זיך:

— מ י ר װעלן איינגעמען! מ י ר װעלן מנצח זיין!

אויף קרעשטשאַטיק, אין דער אידישער בערזע, אויף די טראָטואַרן פון די באַלעבאַטערע גאַסן זיינען אומגעלאָפן פאַרשמייעטע אידן — סוחרים, און מעקלער, און פאַבריקאַנטן, און קליינע קרעמערלאַך, און אַרבעטער, און קבצנים און מען האָט גערעדט מיט גרויס התלהבות פון דער מלחמה. צוזאַמען דערמיט האָט מען געשטאָלצירט מיטן קיסר, אָנגעקוואָלן פון זיין גוטסקייט, פון זיין וױיך האַרץ, געלויבט אים און גערימט אים און מיט התפעלות זיך מתוכח געווען מכח די אַלע רעפאָרמעס, וואָס ער האָט איינגעפירט און וועט נאָך איינפירן.

און מיט אַ באַזונדער תענוג פלעגן אידן אויסרעכענען די אַלע גוטע זאַכן, וואָס דער קיסר האָט איינגעפירט פאַר דער צייט פון זיין זעצן זיך אויפן טראָן: ער האָט פאַרקלענערט דאָס מיליטער־דינסט פון פינף און צוואַנציג יאָר אויף פ ו פ צ ע ן, האָט פאַרבאָטן לייב־שטראָף צווישן סאָלדאַטן, באַפרייט די פויערים פון לייב־קנעכט, רעפאָרמירט די סודן, געגעבן מאַנכע הנחות אידן און אַנדערע פעלקער און רעסגלייכן. יענע צייט איז געווען אַזאַ, וואָס קוים האָט זי עמיצער איבערגעלעבט, וועט ער זי שוין נישט פאַרגעסן.

מיט פרנסה בין איך נאָך אַלץ נישט געווען באַזאָרגט און איך האָב געהאַלטן אין איין זוכן מיטלען ווי אַזוי זיך איינצואָרדענען.

דער פריון אין קראָם איז געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. באַקאַנט־שאַפט האָב איך אפילו געהאַט גרויסע און געהויבענע, עס זיינען געווען רייכע מענשן, וואָס וואָלטן מיך געהאָלט שטיצן מיט פריון, האָב איך אָבער באַראַרפט האָבן אַ סך סחורה, מיט אַ גרעסערער קראָם, און צו דעם האָט מיר געפעלט געלט.

איך האָב, ווי געזאָגט, נישט געקאָנט שווינדלען, דרייען, כאַפּן, מאַכן פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס, ווי אַלע געשעפטס־מענשן טוען. צוליב דער־זעלבער סבה בין איך אויך נישט געוואָרן קיין עכטער פאָסעסאָר, ווי אַלע פון מיין פאַמיליע. יעדערער האָט אָנגענומען הויפן, גרעסער ווי

זיין קאַפּיטאַל האָט באַטראָפֿן, און מען האָט געשווינדלט און געלעבט אויף נאָטס וועלט.

שווינדלען האָב איך נישט געקאָנט — איך האָב אָבער אויך נישט געוואָלט איינרייסן אַ וועלט. לעבן רוהיג האָב איך נאָר געוואָלט. רוהיג, באַשיידן, אָהן איבעריגע רייכקייטן, און איך זאָל מיר קאָנען איבערלעזן אַ ספר, טון עפּעס אַ כלל־זאַך, פאַרנעמען זיך מיט גייסטיגע ענינים. נאָך מער: איך האָב שטענדיג פיינט געהאַט יענע לייט, וואָס טוען זיך אַריין אין געשעפטן מיטן קאָפּ און מיטן האַרץ, קאַרגן, שלעפּן און רייסן געלט און קיין זאַך גייט זיי נישט אָן, אויסער זייער געשעפט, אויסער זייערע פאַרדינסטן.

און איך בין זיך שטילערהייט מודה (מיין ווייב זאָל נישט הערן), אַז טיף בײַ זיך אין האַרצן האָב איך אויסגעלאַכט פון דעם גרויסן מיליאָנער ר׳ ישראל בראָדסקי מיט זיינע צוקער־פאַבריקן, מיט זיינע גרויסע געשעפטן, מיט זיינע אומגעהויערע טומלענישן און האַוועניש׳ן. צו וואָס רייכקייט און טומל צוליב רייכקייט? איז דען נישט בעסער אַ באַשיידן לעבן, אַ גוט און וואויל קהלשע שטיקעלע אַרבעט, אַ רוהיג הויז און אַ האַרציגע קאָמפּאַניע מיט ליבע גוטע מענשן? צו וואָס דאָס געלט? צו וואָס דער טאַרעראַם, וואָס דערהרגעט די נשמה און דאָס האַרץ? אָבער לעבן דאַרף מען דאָך — האָב איך נאָר געגלוסט, ווי געזאָגט, צו האָבן אַ רוהיג שטיקעלע פּרנסה.

אָבער דאָס איז נישט געווען. די פּאָליצעס האָבן אָנגעהויבן צו ווערן וואָס ווייטער שיטערער, מיר האָט אָנגעהויבן פעלן געלט, נישטאָ מיט וואָס סחורה צו קויפן און מיט דירה־געלט איז... ביטער.

מאַכט זיך, אַז אַ פּאָניע סטאָריצקי נעמט אָן אַ פּאָדראַד צו צושטעלן דער רעגירונג אַ האַלב מיליאָן פּוד סוכאַרעס פאַרן מיליטער אויף דער מלחמה. האָט מען באַדאַרפט האָבן מעל, אַ בעקעריי און עס האָט זיך געפּאָדערט אַ מענש, וואָס זאָל אויפּקוקן דערויף און אָפּנעמען די טראַנספּאָרטן מעל, וואָס וועלן צוגעשיקט ווערן פון ביעלאַ־צערקאָוו. מען האָט מיך רעקאָמענדירט און איך בין אָנגענומען געוואָרן.

איז אָנגעקומען דער ערשטער טראַנספּאָרט: צוויי טויזנט פּוד מעל. אַז איך האָב צוגעוואוינגן די מעל אין בעקעריי, איז געווען צוויי טויזנט צוואַנציג פּוד. אַז איך האָב אַרויסגענומען אַ קוויטעלע פון דעם, וואָס האָט צו־גענומען די מעל אין בעקעריי, האָב איך געפונען אין קוויטעלע איינגעשריבן נישט צוויי טויזנט מיט צוואַנציג פּוד, נאָר צוויי טויזנט צוויי הונדערט מיט צוואַנציג פּוד.

זאָג איך יענעם, אַז ער האָט אַ טעות, עס איז מער נישט געווען ווי צוויי טויזנט צוואַנציג פּוד. זאָגט ער מיר, אַז איך האָב אַ טעות און הויבט מיך באַלד אָן זידלען, אַז איך טויג זיך גאָר נישט פאַר קיין „מענשן״, קוים קאָן איך האָבן אַזאַ גרויסן טעות בײַ דעם ערשטן טראַנספּאָרט, טענע איך אָבער:

— ניין, אַזוי איז דאָס. אַנו, וועגט עס איבער.

אָבער ער וויל שוין גאָר מיט מיר נישט ריידן.

— וואָס אַרט עס אייך? — האָט ער לסוף בייז אַ ברום געטאָן, אַז ער האָט דערזעהן, אַז ער קאָן מיט מיר גאָרנישט מאַכן.

— מישט זיך נישט אַהער. זאָל דער בעל־הבית דאגהן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום קומט צופאָרן דער פּאָדראַטשיק פון דער מעל, אַ קריסט, מאַך איך זיך נישט וויסנדיג און דערצייל אים די מעשה מיטן „טעות״, דאָס הייסט, אַז מען האָט מיר געגעבן אַ קוויטאַנציע אויף מער מיט צוויי הונדערט פּוד. איך האָב זיך מיט יענעם געשפּאַרט, דערצייל איך, נאָר יענער האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז נישט מיין דאגה, אויב עס איז פאַרשריבן מער.

דער מעל־פּאָדראַטשיק האָט מיך אויסגעהערט און מיך... אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע, ווייל איך קאָן קיין רעכענונג נישט מאַכן...

איך האָב דערציילט די מעשה פאַר דעם, וואָס האָט מיך רעקאָמענדירט צום פּאָדראַטשיק. יענער האָט מיר תּיכּף דערויף באַמערקט, אַז דער מעל־פּאָדראַטשיק האָט זיך טאַקע שטאַרק באַקלאָגט פאַר אים, וואָס דער איד, קאָטיק, איז עפּעס גאָר נישט קיין מענש... ער האָט זיך גאָר אַזוינס נישט פאָרגעשטעלט פריהער. ער האָט געמיינט, אַז מיט אידן קאָן מען מאַכן עפּעס רעכטע געשעפטן... לאָזט זיך אויס, אַז דער איד איז עפּעס צו כּשר, נאַאיוו און אַז מען שרייבט אים אַריין אין קוויטאַנציע אַ גרעסערע וואָג מעל, שטעלט ער זיך אַוועק אַנטקעגן און וויל נישט נעמען די קוויטאַנציע. ער וויל, עס זאָל זיין אַ ריכטיגע וואָג... פּע!

בין איך שוין ווייטער געבליבן אָהן אַ שטעלע, דער מעל־פּאָדראַטשיק האָט שוין צוגענומען אויף מיין אָרט אַ רייטש, אויך לויט אַ „רעקאָמענ־דאַציע״ און מען האָט געאַרבעט אויף אַלע כּלים. מען האָט איבערגעשיקט אַ סך מעל, און גנבות זיינען געמאַכט געוואָרן געוואַלדיגע. קוויטאַנציעס זיינען געגאַנגען אויף זעהר גרויסע סומעס, כּמעט דאָפּלט וויפיל מעל עס איז געווען.

אַוועק עטליכע וואָכן און דער פּאָדראַטשיק סטאָריצקי האָט זיך געכאַפּט פון די גרויסע גנבות, וואָס דער מעל־פּאָדראַטשיק, דער גאַנצער בעל־

הבית, איז באַגאַנגען. קיין פּראָצעסן האָט סטאָריצקי נישט פאַרפירט, אָבער ער האָט דעם מעל־פּאָדראַדטשיק אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע.

דער ראָזיגער סטאָריצקי האָט גוט אויסגעפּאָרשט די זאַך און האָט זיך פאַר איינוועגס דערוואוסט, אַז דער ערשטער מענש, וואָס האָט צו־געשטעלט די מעל, איז געווען אַ איד, וואָס האָט זיך באַצויגן זעהר אָרנטליך און נישט געוואָלט צונעמען די ערשטע קוויטאַנציע, אין וועלכער עס איז שוין געווען געמאַכט אַ פעלשונג. דערפאַר האָט מען אים טאַקע אָפּגעזאָגט.

סטאָריצקי האָט מיך באַלד אויפגעזוכט און, איבערגעבנדיג דאָס גאַנצע געשעפט אונטער מיין השגחה, האָט ער מיר באַשטימט אַ פיינע פּענסיע.

אויסערדעם, האָט מיר סטאָריצקי צוגעגעבן גרויסע האָפענונגען: שפּעטער, אַז עס וועט זיך ענדיגן די מלחמה, וועט ער מיך צונעמען צו זיך אין זיינע געשעפטן, און איך וועל, מיט איין וואָרט, לעבן אַ טאָג.

אָבער אין אַ פיר וואָכן אַרום האָט סטאָריצקי באַנקראָטירט. אַפּנים, צוליב גרויסע גנבות פון דעם מעל־פּאָדראַדטשיק. נאָך פאַרן באַנקראָט האָט אָפּגעברענט די בעקעריי. דאָס זיינען, אַפּנים, געווען די הכנות צום באַנקראָט און אַ סוף צו דער שטעלע.

סטאָריצקי האָט אָפּגענומען סטראַכירונג־געלט זעכציג טויזנט רובל און איז אַרויס אינגאַנצן פון קיעוו. און איך בין ווייטער געבליבן אַן אָרימער קרעמער מיט ליידיגע פּאָליצעס.

די מלחמה האָט זיך, ווי באַוואוסט, געענדיגט מיטן נצחון פון רוסלאַנד. פּלעוונע איז געפאַלן, און די בשורה האָט אַלעמען אַזוי דערפרייט, אַז אידן האָבן געטרונקען לחיים, פּונקט ווי אויף אַ פרייליכן און זעהר אַ יחוסדיגן ברית.

אויף דער בערזע, וואו די התפּעלות זיינען געווען באַזונדערס גרויס, האָט מען געשמועסט וועגן שיקן צום קייזער אַ באַגריסונגס־טעלעגראַם, אין וועלכער ער זאָל אָנגערופן ווערן, אויסער מלך של חסד, אויך אַלעקסאַנדער דער גרויסער.

דאָס וואָרט „גרויסער“ איז זעהר געפעלן געוואָרן די קיעווער אידן און איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע אידישע הייזער און הייזלאַך.

צוליב מאַנכע סבות איז די דעפּעש נישט געשיקט געוואָרן אין נאָמען פון דער קיעווער אידישער קהלה, נאָר פון געציילטע קרייזן און איז געבליבן אָהן אַן ענטפער. די שטימונג איז געווען געהויבן, פּונקט ווי אין די אָרערן וואָלט צוגעגאָסן געוואָרן פרישׂ בלוט, און לאַנג, לאַנג, שוין נאָך דער מלחמה אפילו, האָט מען זיך נישט געקאָנט באַרוהיגן.

אַז דער כּלל האָט זיך געצאַפּלט, האָב איך זיך פאַרגעסן, וואו איך האַלט אין דער וועלט. אַז עס איז אָבער שטילער געוואָרן, האָב איך איינגעזעהן, אַז איך בלייב שוין גאָר אָהן ברויט. וואָס טוט מען?

אין כּאַרקאָוו האָט געוואוינט מיינער אַ קרוב ר׳ הלל פריר. זיין פאָטער ר׳ זלמן און מיין באָבע רבקה־חיענע, די גראָדנער רביצין, זיינען געווען שוועסטער און ברודער. דער ראָזיגער קרוב, ווי מיר איז געווען באַקאַנט, איז זעהר רייך און איז אַ פאָדראַדטשיק פון באַנען און בריקן און האַלט אפשר אַ פערציג פּריקאַזטשיקעס.

ווי באַלד אַזאַ פעטער — ראַרף מען, מעשה־שלים־מזל, פאָרן צו אים. וואָס זאָל איך אַנדערש טון? קיין אַנדער ברירה נישטאָ.

אַוועקפאָרן פון קיעוו איז אָבער געווען אַזוי שווער, אַזוי שווער, געווען אַזוי פיל האַרציגע באַקאַנטע, נעווען גוטע נאָהענטע מענשן, מיט וועמען איך האָב מיך איינגעלעבט. און דאָ נעם, וואַרף אַלץ אַוועק און פאָר זוכן פּרנסה צו אַן אומבאַקאַנטן רייכן קרוב.

ווער ווייס, ווי ער וועט מיך אויפנעמען? ווער ווייס, צי איך וועל עפּעס מאַכן?

פאָרן אָבער האָב איך געמוזט — עס האָט ממש געשמעקט מיט הונגער... און אָט האָב איך זיך אַריינגעזעצט אין אַ ראַמפּער, וואָס איז געגאַנגען איבערן דניעפּר, און מאַרש קיין כּאַרקאָוו.

דעם גאַנצן וועג בין איך געווען אומעטיג, פאַרטראַכט. עס האָט געריסן דאָס האַרץ נאָך קיעוו. אין שיף איז געווען איינג. אירעלאַך — דאָ, אירעלאַך — דאָרטן. מען רעדט, מען לאַכט, מען וויצלט זיך. איך אָבער האָב געשוויגן.

אָפּט מאָל איז מיר אַרויפגעקומען אַ געדאַנק, אַז מיינע עלטערן האָט זיך געלעבט בעסער. מען איז זיך געזעסן אויף איין אָרט, דערצויגן די קינדער, געלעבט אין רוהיגקייט, נישט געוואָגלט, נישט געוואַנדערט און נישט געוואוסט פון די שווערע איבערלעבונגען, וואָס האָבן מיר פול געמאַכט דאָס האַרץ אויפן שיף.

איך האָב זיך אַזוי פאַרטראַכט און פאַרביינקט, אַז איך האָב נישט געוואוסט דעם גאַנצן מעת־לעת, צי איך פאָר אויף אַ שיף, צי איך זיץ ערגעץ אין אַ שטוב. און איך האָב אויך נישט געגעסן.

נאָר קיין כּאַרקאָוו בין איך דאָך געקומען. עס איז געווען תשעה־באב באַטאָג. איך בין באַלד פאַרפאָרן צו פרירן און געטראָפן ריכטיג צו אַ לויה: דער בוכהאַלטער איז געשטאָרבן — אַ גוטע באַגעגעניש. אַלע זיינען געווען פאַרטאַרעראַמט דעם טאָג און ערשט פאַרנאַכט האָט מען געקאָנט מיט עמיצן וואָס ריידן. באַ מיר אויפן רוקן זיינען אומגעשפּרונגען מוראַשקעס...

קאַפּיטל XXI

מײַן קרובֿ ר׳ הלל פֿריד. — אַ שלעכטער עקזאַמען. — שווערע רעיונות. — מײַנע קינדער־יאָרן. — אַ מלחמה צווישן „רוסן" מיט „טערקן". — איך בין אַ קיסר. — אַ לאָך אין קאָפּ. — באַצאָלט זיך. — פֿרידס געשעפֿטן. — פּאָליאַקאָוו. — פֿרידס הויז. — מען גיט מיר אַרבעט. — דער אַלטער גובערנאַטאָר. — פֿרידס טאָכטער. — גנאָדמאַן. — ליפּשיץ. — אַ מעשה מיט אַ פּאַפּיר.

ווי געזאָגט, האָב איך מײַן קרובֿ געקאָנט זעהן ערשט פֿאַרנאַכט נאָך דער לויה. מען האָט אים שוין געגעבן צו וויסן, אַז ער האָט אַ גאַסט — זײַנעם אַ קרובֿ אַ יונגענמאַן.

ער איז אַרײַן צו מיר אין צימער, געגעבן שלום און געפֿרעגט, ווי די מאָרע איז, ווער בין איך. אַז איך האָב אים געזאָגט, ווער איך בין, האָט ער מיר פֿרײַנטליך נאָך אַמאָל געדריקט די האַנט, און באַלד איז געקומען אַ האַרבערע און גאָר אַ געזאַלצענע שאלה:

— וואָס טו איך אין כאַרקאָוו?

דערצייל איך אים פֿון מײַן גלות, פֿון מײַן וואָגלעניש. ביז איצט זיך נישט אײַנגעאָרדנט. געווען אַ פּאָסעסאָר, אַ קרעמער, אפילו אַ מלמד און אַלץ נישט געקומען צו אַ טאָלק... פֿאַראַן, זאָלן געזונט זײַן, אַ ווײַב מיט קינדער, נאָר די קעשענעס זײַנען ליידיג. אַ שטעלע דאַרף איך. אפשר קריג איך בײַ אים אַ שטעלע? צי האָט ער נישט פֿאַר מיר עפּעס אַ פּאָסטן?

— אַ שטעלע? — גיט מײַן קרובֿ אַ ציה מיט דער נאָז — ס׳האָט ערשט איז געשטאָרבן מײַן בוכהאַלטער. צוויי טויזנט רובל אַ יאָר האָט ער גענומען. אפשר קאָנט איר אָננעמען די שטעלע?

אין די לעצטע ווערטער זײַנע פֿיל איך אַ מין איראָניע.

— קיין בוכהאַלטער בין איך נישט.

— טאָ וואָס־זשע קאָנט איר? — וואַרפֿט ער אויף מיר אַ שאַרפֿן בליק.

איך ווייס נישט וואָס צו ענטפֿערן.

נאָר ער זאָגט ווייטער:

— איך האַלט פאָרראַדן באַ דער אייזנבאַן, איבער דרייסיג פּריקאַז־טשיקעס האָב איך. זיי זיצן יעדערער אויף אַן אַנדער דיסטאַנציע. אָבער אין די אַלע געשעפטן זענט איר, ווייזט אויס, אינגאַנצן פרעמד. גוט אַ מענש אַ „כאָלאָסטאָי", שטעלט ער זיך פון אָנפאַנג אויף אַ קליינער שטעלע, אַרבעט אַ־וואָסערע פּאָר יאָר, און אויב ער איז אַ פייהיגער, שטייגט ער ביסלעכווייז אַרויף. אָבער אַ מענש מיט אַ ווייב, מיט קינדער און דערצו נאָך אַן אומבאַקאַנטער אין מיינע געשעפטן — וואָס קאָן אַזאַ איינער באַ מיר טון?

פריד איז אייגנטליך גערעכט געווען. וואָס האָב איך טאַקע באַ אים געקאָנט טון?

דערזעהן, אַז איך זיץ אַ דערשלאָגענער, האָט ער מיך פאַרבעטן צום טיי. אין אָוונט זיינען געקומען פאַרשיידענע מענשן וועגן געשעפט. ער האָט מיט אַלעמען גערעדט, אין שטוב איז אַ טומל, ווי באַ אַלע גרויסע געשעפטס־לייט.

אַך, ווי מיר איז באַקאַנט דער ראָזיגער טומל!

אַז פריד האָט זיך אָפּגעפּאַרטיגט מיט זיינע געשעפטן, האָט ער מיך אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט. מיר האָבן דאָרט לאַנג געשמועסט. לסוף האָט ער מיר געזאָגט, איך זאָל נישט זיין פאַרקומערט, נישט דאגהן, אפשר וועט ער שפּעטער אַביסל קריגן פאַר מיר עפּעס אַן אַרבעט. דעם ווייבס קרובים האָבן צעכאַפּט אַלע שטעלעס...

מען וועט דאַרפן רעמאָנטירן דעם גובערנאַטאָרס וואוינונג. מעגליך, אַז דערביי וועל איך האָבן אַרבעט. דאָס וועט זיין אַ גרויסער רעמאָנט.

— און... דערווייל פאַרברייננגט באַ אונז און זייט פריילעך.

פריד האָט מיך כלומרשט באַרוהיגט, אָבער אַז איך האָב זיך געלעגט שלאָפן, האָב איך געהאַט שווערע רעיונות. וואָס פאַר אַן „אַרבעט" קאָן איך האָבן באַ פרידן? אומשטיינס געזאָגט, באָמבלען זיך אַ פּאָר חדשים באַם גובערנאַטאָר. און וואָס דערנאָך? דערנאָך איז ווינטער, און ווינטער איז באַ אים גאָר נישטאָ קיין אַרבעט, און צאָלן צאָלט ער נישט, טאָ וואָס וועט דאָ זיין מיט מיר? וואָס וועל איך טון? וועל איך זיצן באַ אים און עסן?

און מיר האָט זיך געדוכט אין דער גרויסער רייכער שטוב, וואו איך ליג און קאָן נישט איינשלאָפן, אַז איך בין געקומען צו אַ ברעג, צו אַ גרויען וויסטן ברעג, וואו איך וועל אויך געפינען מיין סוף...

מיר איז געוואָרן שרעקליך אומעטיג, און נישט־ווילנדיג זיינען מיר דורכגעגאַנגען אין זכרון פאַרשיידענע מאָמענטן פון מיין יוגנט, ליכטיגע, פריי־

ליכע, זאָרגלאָזע, בעת דאָס האַרץ האָט נישט געוואוסט פון נויט, פון פרנסה־זוכעניש. אָט איז, למשל, ל״ג־בעומר און איך אָרגאַניזיר אַ מלחמה צווישן אינגלאַך.

די גאַנצע שטאָט האָב איך אויפגערודערט.

יעדעס אינגל האָט באַדאַרפט קומען אויף דער מלחמה מיט אַ בלעכן שווערדל, וואָס איך האָב באַשטעלט באַ אַ בלעכער צו דרייסיג קאָפּיקעס אַ שטיק.

פאַר זיך האָב איך געלאָזט מאַכן עפּעס אַן אויסערגעוויינליך שווערדל, וואָס האָט געקאָסט זעכציג קאָפּיקעס. די אינגלאַך, ווי צוויי פיינטליכע פעלקער, זיינען צעטיילט געוואָרן אויף צוויי לאַגערן, אויף צוויי מלוכות: טערקיי און רוסלאַנד, און אוראי מיט צוויי קיסרים.

איך בין געקרוינט געוואָרן פאַרן רוסישן קיסר, און מיין חיל איז באַ־שטאַנען פון דרייו און דרייסיג אינגלאַך כּנגד ל״ג־בעומר; דעסגלייכן באַ די „טערקן“. ביידע מחנות חיל זיינען אַוועק צו די בערג, אַ וויאָרסט פון קאַמעניץ. דאָרט האָב איך מיט מיין חיל פאַרנומען אַ באַרג; דער „טערקישער“ קיסר אברהמלע, לייבע פּאָליאַקעוויטשעס זון, איז געשטאַנען מיט זיין מיליטער אויף דעם אַנדערן באַרג און געקוקט מיט גאוה צו מיר אין לאַגער אַריין.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און מיר האָבן זיך גענומען יאָגן אין טאָל. שלאָגן זיך, חלילה, איז נישט געלעגן אין אונזערע סטראַטעגישע צילן. מיר האָבן נאָר באַדאַרפט פון טאָל שנעל אַרויפלויפן צוריק אויפן באַרג, און וועמעס חיל עס וועט עס מאַכן שנעלער — די האָבן געזיגט.

עס וועט נישט זיין קיין באַרימעריי, ווען איך וועל זאָגן, אַז מיין חיל איז דאָס ערשטע געקומען אויפן שפּיץ באַרג. אָבער דער „טערקישער“ קיסר האָט עס נישט געוואָלט אָנערקענען און האָט געשריען, אַז איך האָב אים אָפּגענאַרט: איך האָב אויסגעקליבן אַ באַרג, וואָס איז גאָרנישט אַזוי הויך, ווי זיין באַרג, און דעריבער בין איך געקומען פריהער.

אוראי איז דאָס געווען פאַר אונז אַ באַליידיגונג מצד דעם טערק, און עס איז געוואָרן אַ קריג. בעת חילות שטייען, קאָן מען קיין באַליידיגונג נישט פאַרשווייגן, און ביידע חילות האָבן גענומען וואַרפן זאַמד און ערד פון איין באַרג אויף דעם צווייטן מיט אַזאַ אימפּעט און געשווינדקייט, אַז דער הימל איז אַזש שוואַרץ געוואָרן. זאַמד און ערד איז אָבער אַזאַ סחורה, וואָס שטאַרק קאַלעטשן קאָן דאָס נישט, נישט מער, די נעזלאַך זיינען באַ אונז פאַרשטאָפּט געוואָרן מיט שטויב.

שלעכט איז אָבער געווען, ווען רעם טערקס אַ סאָלדאַט האָט אויפ־געהויבן אַ שטיין און האָט רוקא מיר געמאַכט אַ לאָך אין קאָפּ, טאַקע אַן אמתע לאָך, און עס איז געגאַנגען בלוט...

רערוזעהן בלוט, האָבן זיך שוין בײרע חילות דערשראָקן און מען איז זיך צעלאָפן אַהיים. אַ גליק נאָך, וואָס אונז זיינען נישט באַפאַלן קיין שקצים מיט קיין הינט אויפן וועג, וואָס דערמיט האָט זיך אַזוי טראַגיש געענדיגט אונזער ליבהאַרציגס שלום־עליכמס אַ ל״ג־בעומר־מעשהלע.

דער טאַטע איז באַלר געוואָר געוואָרן פון דער מעשה און אַריינגעשיקט צום רבין אַ קוויטעלע, אַז יענער זאָל מיך אָפּשמייסן.

דער רבי האָט זיך נאָרנישט געלאָזט בעטן און תיכף ומיד מקיים פסק געווען.

דאָס איז געווען דאָס איינציגע מאָל, וואָס איך האָב געקראָגן געשמיסן; מעגליך דערפאַר, וואָס מיר האָט זיך געוואָלט זיין קיסר...

אַזוינע מעשיות האָבן דורכשפּאַצירט דורך מיין זכרון, ליגנדיג אין דעם פרעמדן רייכן הויז, און זיי האָבן מיך דאָך נישט געמאַכט פריילעכער...
עס איז געווען ביטער און וויער אויפן האַרצן.

נאָר עטליכע טעג זיינען אַריבער, און איך האָב מיך צוגעקוקט צו דער שטוב.

פריד האָט געהאַט גערעכטענע קינדער. צוויי זין זיינען געגאַנגען אין אוניווערזיטעט, און פון די דריי טעכטער איז איינע געווען אַ וועלט־באַרימטע שיינהייט. מען האָט זי גערופן די יונגע דרום־שיינהייט. זי איז אויך געווען אַ זינגערין, האָט מיט גרויס ערפאָלג געגעבן קאָנצערטן און איז בכלל געווען זעהר און זעהר אַ גערעכטענע.

די געשעפטן האָט פריד געפירט גלענצנדיג, און די צענדלינגער פּריקאַז־טשיקעס זיינע האָבן זיך באַוועגט אין די ראָזיגע געשעפטן שטריינג און מיט אָרדענונג, פּונקט ווי די רעדער אין אַ מאַשין.

אין די וואָכן, בעת קיין אַרבעט איז נישט געווען, ווי איך האָב דערנאָך באַמערקט, האָבן די פּריקאַזטשיקעס פול געמאַכט די שטוב מיט פריילעכן טומל, עס האָט גערוישט און געקאָכט, און יעדערער האָט דעמאָלט געמעגט מקנא זיין דעם ראָזינגן הויז פון גרויסע רייכע געשעפטן און פון גערעכטענע קינדער.

פריד אַליין האָט אַמאָל געלערנט אין וואָלאָזשין, וואו ער האָט פאַר־בראַכט גאַנצע זעקס יאָר, און איז געווען מפורסם פאַר אַ גרויסן למדן. זיין פאָטער ר׳ שמחה־זלמן, ר׳ חיים וואָלאָזשינערס אַן אייניקל, איז אויך געווען אַ איר אַ למדן און אַ גביר און האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ חכם.

שפּעטער איז פריד געוואָרן דעם מאָהילעווער צייטלינס אַן איידעם. צייטלין איז געווען פון די גרויסע פּאָדראַטשיקעס און האָט געגעבן נדן זיין טאָכטער פינף טויזנט רובל; ר׳ שמחה־זלמן, ווידער, האָט געלעגט אַנטקעגן טויזנט רובל.

דער יונגער פריד האָט זיך גענומען באַקענען מיט פּאָדראַדן נעבן זיין שווער צייטלינען. אָבער צו דער צייט האָט דער שווער באַנקראָטירט און פריד איז אויך געבליבן כמעט אָהן געלט. ער האָט געהאַט באַ זיך אַ פינף הונדערט רובל און איז דערמיט געפאָרן קיין כאַרקאָוו צו איינעם אַ אינזשענער, וועלכער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט זיין שווער צייטלינען נאָך אין די גוטע צייטן.

אין כאַרקאָוו האָט אים דער אינזשענער געגעבן אַ „פּאָדראַד“ צו־צושטעלן בעזימער, אָפּצורייניגן דעם שניי פון אַ ליניע, און פריד האָט פאַרדינט אין צוויי וואָכן צייט פופצען הונדערט רובל.

דער אינזשענער, וואָס האָט זיך באַקאַנט מיט פרידס פייהינקייט, איז געווען פון אים צופרידן און האָט אים באַלד נאָך דעם איבערגעגעבן צו־צושטעלן שטיינער צו דער ליניע.

דעמאָלט האָט פריד פאַרדינט אין אַ האַלב יאָר צייט זעכציג טויזנט רובל!

איצט, אַז ער האָט שוין געהאַט אַזאַ סומע, איז ער אַוועק פּאָראויס לייכט און שנעל. ער האָט אָנגענומען פּאָדראַדן אויף פּאָדראַדן און האָט אין איין יאָר צונויפגעזאַמלט אַ סומע פון צוויי הונדערט טויזנט רובל.

די ערשטע זאַך האָט ער אָפּגעקויפט באַ פּאָליאַקאָוון דאָס הויז, וואו יענער האָט געוואוינט, איידער ער איז אַרויס קיין מאָסקווע. דאָס הויז איז געווען אַ גרויסאַרטיגס מיט אַ פּרעכטיגן גאָרטן, אין סטיל פון די אַמאָליגע רוסישע גוט־באַזיצער: זעלטענע מינים בוימער, זעלטענע מינים בלומען, געטאָקטע אַלייען און געקינסטעלטע טייכעלאַך.

באַזונדערס שיין איז באַ אים געווען די „קופּאַלניע“.

דאָרט האָבן געוואַקסן בלומען, די ווענט זיינען געווען געמאָלט, דאָס וואַסער קלאָר, און אַ באַזונדער היימליכקייט האָט אַרויסגעקוקט פון אַלץ.

אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ פּלאַקאַט, וואו עס איז געווען אָנ־געוויזן, אַז אין דער און דער שעה באָדט זיך דער גובערנאַטאָר, אין דער און דער שעה — פרידס פאַמיליע, אין דער און דער שעה — עפּעס איינער אַ פירשט א. אַז. וו.

פריד אַליין, ווי איך האָב מיך דערנאָך איבערצייגט, איז געווען זעהר אַ ברייטער מענש און האָט פאַרלעבט נישט ווייניג געלט אַ יאָר. מען האָט געזאָגט, אַז פריד איז אַ בעל־הוצאה פון פערציג טויזנט רובל אַ יאָר.

אָבער אויפגעפירט האָט ער זיך זעהר אידישליך: אין דערפריה האָט ער געדאַוונט, דערנאָך געלערנט און שבת איז באַ אים שטרייגג אָפּגעהיט געוואָרן. ער האָט אפילו געהאַט זעהר אַ שיינע סוכּה, געמאָלט און געצירט, ווי אַ פּאַלאַצל, מיט צוויי הויכע פליגלען.

אַז מען האָט מיך שוין גענומען צו־ניצן צו דער „אַרבעט“, דאָס הייסט, באַם רעמאָנט אין גובערנאַטאָרס הויז, האָב איך שטאַרק געליטן פון פּרידס אויפזעהער, אַ איד זעהר אַ מגושמדיגער, אַ ווילדער, אַ שרייער און אַ כּעסן.

איך פלעג נישט קאָנען, געריינק איך, איבערטראָגן זיינע גראָבע געשרייען און איך פלעג ממש וויינען פון אים.

איך האָב זיך אָבער נישט געקאָנט העלפן, וואָרום ער, דער אויפזעהער, איז געווען אַ גרויסער בּריה, האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט צו טון, און פריד איז פון אים געווען העכסט צופרידן.

פון זיינע באַהאַנדלונגען האָבן אַלע מענשן געליטן, נאָר מען האָט ג ע מ ו ז ט שווייגן. אונטער דער השגחה פון זיין אויג האָבן זיך גערדרייט פרידס געוואַלדיגע געשעפטן, און פרידס ווייב, וואָס דער ראָזיגער אויפזעהער האָט פיל מאָל באַשאָטן מיט זירל־ווערטער און געשרייען, האָט אויך געמוזט שווייגן.

האָב איך אויך געמוזט פאַרבּייסן די ליפּן און ש ו ו י י ג ן. ווער קאָן דאָס גיין קעגן דעם אַלמעכטיגן אויפזעהער? דערפאַר אָבער האָב איך זיך פאַראינטערעסירט מיטן גובערנאַטאָר, זעהר אַ וואוילער און אַ ליבע־ראַלער מענש. זיין פרוי און קינדער זיינען געווען אין אויסלאַנד, און ער אַליין האָט מיט אַ גוטמוטיגער רוהיגקייט אַכטונג געגעבן, אַז דער רעמאָנט זאָל נישט געמאַכט ווערן טאַנדרעט:

— דאָ אַ קייטעלע... דאָ אַ קלאַמקעלע... דאָ בעסער פאַרשמירן...— האָט ער זיך געבעטן, ווי אַ קינד.

און דערביי האָט ער יערערן וואַרעם צוגעוואָרפן:

— וואָט טאַק, טאַק, מאָלאָדיעץ...

אַ באַזונדער איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט זיין שלאָפצימער. דאָס איז געווען אַ זעלטן־שיינער חדר. די וואַנט, וואָס באַ זיין בעט, איז געווען באַצוינגן מיט אַ טייערן טעפּיך, און אויף דעם ראָזיגן טעפּיך זיינען געווען אויסגעהאַנגען פאַרשיידענע מינים געווער: שווערדן, קינזשאַלן, זעבלען, ביקסן, פּיסטאָלעטן א. אַז. וו. פיל מינים קינזשאַלן און שווערדן זיינען געווען שיריים פון פאַרשיידענע קיסרים. פונם ראָזיגן געווער האָט אַרויסגע־בּלישטשעט גאָלד, זילבער, פּערל און בּריליאַנטן. דערמיט זיינען געווען באַפּוצט די הענטלאַך.

אין שלאָפּציםער האָב איך געאַרבעט אַ טאָג. דער גובערנאַטאָר האָט מיר אַלץ געוויזן, וואָס איך זאָל טון, און, פאָלגנדיג אים, האָב איך דאָך געקוקט אויפן טעפּיך מיטן געווער. עס האָט געצויגן צו קוקן.

געוואוינט האָב איך בײַ פרידן אין גאַסט־הויז. מיר איז נישט געווען אַזוי פרייליך, אָבער ז י י האָבן געלעבט אַ טאָג.

פרידס טאָכטער, די באַרימטע שיינהייט, איז געפאָרן אין יאַלטע. איר האָט, חלילה, גאָרנישט געפעלט, נאָר געפאָרן איז זי זוכן גרעסערע און אפשר מער ערדישערע פאַרגעניגנס...

זי איז געווען אַ גוטע רייטערין, און אין קרים פלעגט זי אַלע טאָג אַוועקרייטן אין די הויכע בערג אין דער געזעלשאַפט פון הויכגעשטעלטע רוסישע לייט, איר קרים האָט דעם טאַטן נישט ווייניג געקאָסט.

אַז זי איז געקומען פון יאַלטע, איז זי געפאָרן מיטן פאָטער קיין פעטער־בורג. ער איז געפאָרן אָננעמען פאָדראַדן און האָט דאָרט פאַרבראַכט בײַ אַ חודש צייט. געפּטרט האָט ער דאָרטן אַ שלל מיט גאָלד. ער האָט געוואָרפן געלט אויף אַלע זייטן און האָט געלעבט אַ טאָג. אַז מען פאָרט אָננעמען פאָדראַדן, קאָן מען בכלל נישט קאַרגן.

אַז מיין אַרבעט האָט זיך געענדיגט בײַם גובערנאַטאָר, האָט מיך פריד אַריינגעגעבן אין קאָנטאָר בײַם כאַרקאָווער וואָקזאַל דאָרט, וואו עס האָט זיך שטענדיג געפונען דער אויפזעהער. דאָס האָט מיר גאָרנישט געשמעקט. וואָרום צום גובערנאַטאָר איז דער אויפזעהער גנאָרמאַן געגאַנגען אַלע אין דערפריה אויף אַ פערטל שעה — איבערגעבן מיר די אַרבעט פאַרן טאָג און קאָנטראָלירן די נעכטיגע.

אָבער איצט וועל איך זיך דאַרפן געפינען דעם גאַנצן טאָג אונטער זיין ב י י ז אויג און מ א ו ס ע ר צונג. צייטנווייז האָט מיך אָנגענומען אַ גרויל. אָבער מען האָט באַדאַרפט שווייגן און ליידן. אין דערהיים איז געווען אַ ווייב מיט קינדערלאַך.

דער גנאָרמאַן האָט אויף מיר נאָך געוואָרפן אַן אומחן דערפאַר, וואָס איך בין געווען לפי ערך איידעלער פאַר זיינע פריקאַזטשיקעס. עס האָט אים געדעגט מיין איידלקייט, מיין אומפּראַקטישקייט, מיינע ווייסע הענטלאַך. און ער האָט מיר עקסטרע נאָך מער פאַרביטערט דאָס לעבן.

ווי וויט ער האָט געדריקט זיינע אַרבעטער, איז צו זעהן דערפון, וואָס צווישן אונז איז געווען נאָר איין טעמע: ג נ אָ ר מ אַ ן.

ווי נאָר ער פלעגט אַוועקגיין, אַזוי פלעגן מיר זיך אָ פּ אָ ט ע מ ע ן, און עס פלעגט זיך אָנהויבן אַ סדרה:

— גנאָרמאַן איז אַ וואַלד־גזלן!

— גנאָרמאַן איז אַן אכזר!

— אַ מענש אָהן אַ האַרץ!

— אַ ביטערער יונג!

און אַזוי כּסדר, פּונקט ווי שקלאַפן, ווען מען נעמט פון זיי אויף אַ רגע צו די בייטש.

אין די אָוונטן פלעג איך זיצן בּאַ פרידן. דאָרט איז געווען פרייליך. מען האָט געמאַכט בּעלער. עס פלעגן קומען רייכע יונגעלייט, און אין עסשטוב זיינען געווען אויסגעשטעלט לאַנגע טישן מיט עסנוואַרג כּיר המלך.

די שיינהייט בּערטע האָט געשפּילט קלאַוויר, געשפּילט וואונדערליך שיין און די יונגערע שוועסטער האָט פּאַראָדירט שרה בּערנאַר, וועלכע זי האָט, וואַרשיינליך, ערגעץ געזעהן שפּילנדיג.

אַרום בּערטען איז מען געזעסן שטום און בּאַגייסטערט, אַרום דער צווייטער האָט מען פרייליך געלאַכט. די יונגערע פלעגט אַמאָל פּאַראָדירן אַ פרוי, וואָס שטאַרבּט לאַנגזאַם אַוועק.

מען פלעגט אַראָפּלאָזן עטוואָס דאָס פייער פון לאָמפּ, און זי פלעגט זיך לאַנגזאַם אויסציהען אויף דער קושעטקע בּלייך, טויט און שטום... אָט שטאַרבּט דאָס פייערל אין אירע אויגן. אָט בּאַוועגט זיך דאָס לעצטע מאָל איר האַנט. אָט ציטערט אויף אַ ברעם און בּלייבּט אומבּאַוועגליך—טויט.

זי האָט עס מסתּמא אויך געגאַשט בּאַ שרה בּערנאַר, און אויפן עולם פלעגט עס מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק.

אָט אַזוי פלעגט מען פאַרבּריינגען אַלע אָוונטן.

מיר איז אָבּער אין האַלץ נישט געקראָכן קיין שמחה און ליבּ האָבּ איך נאָר געהאַט בּערטעס שפּילן אויפן קלאַוויר. אַמאָל איז עס געווען אומעטיג און עס האָט זיך וואונדערליך געפּאַסט צו מיינע מרה־שחורהדיגע געראַנקען. דערמיט פלעג איך זיך עטוואָס פאַרגעסן, פּונקט ווי איך וואָלט זיך צונויפגעגאָסן מיט די קלאַנגען.

האָט בּערטע נישט געשפּילט, פלעג איך ליבּער מיט וועמען עס איז פאַרבּריינגען אין אַ ווינקל.

מיט מיר צוזאַמען האָט געוואוינט זעהר אַן אָריגינעל אידל, ליפּשיץ האָט ער געהייסן. געהאַט האָט ער זעהר אַ גלאַט צינגעלע און אַ קריכער איז ער געווען איינער בּאַ גאָט. איינמאָל האָט ער אָנגעשריבּן אַ בּריף צום כאַרקאָווער גענעראַל־גובּערנאַטאָר, דעם בּאַקאַנטן לאָריס־מעליקאָוו.

אין בּריף האָט זיך ליפּשיץ געמאַכט געפּגרט, וואָס ער איז אַ איד, און געבּעטן בּאַם גענעראַל־גובּערנאַטאָר נישט מער און נישט ווייניגער ווי אַ רעגירונגס־שטעלע. וואָרום ער, ליפּשיץ, לעבּט אויף גאָטס וועלט און האָט נישט, בּמחילה, וואָס צו עסן...

לאָריס־מעליקאָוו האָט אים געענטפערט, אַז ער זאָל זיך ווענדן צו אים אין דער און דער צייט, וועט ער קריגן אַ שטעלע. אָבער אַז ליפשיץ איז געקומען צו דער באַשטימטער צייט, איז ער נישט אויפגענומען געוואָרן. האָט ער אָנגעהויבן זידלען און שרייען צו די באַאַמטע:

— ס׳טייטש, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר זאָל נישט האַלטן קיין וואָרט! דאָס פּאַסט דאָך עפּעס גאָר פאַר אַ קליין מענטשעלע! דאָס איז דאָך עפּעס זעהר מאוס. זיין וואָרט דאַרף זיין ריין, ווי אַ רענדל...

קיין בעסערע פאַרגלייכונג האָט ער נישט געפונען.

פאַר זיינע געשרייען איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל פון גענעראַל־גובערנאַטאָרס קאַבינעט צו די באַאַמטע, אַז מען זאָל אים אַרעסטירן אויף צוויי טעג.

עס פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט גענומען דעם יונג אונטער די הענט און „אַוועקגעזעצט“.

אַז מען האָט אים באַפרייט, איז ער געווען נאָך מער צערייצט און האָט „אָנגעקאַטעוועט“ אויפן אידישן שטייגער אַ לאַנגען בריף צום גראַף.

דער טאָן פון בריף איז אפילו געווען אַ רוהיגער, אָבער מיט אַ סך מליצה און שפּיל־ווערטלאַך און משלים, ווי מען פלעגט שרייבן אַמאָל אין די גוטע אַלטע יאָרן. דעם בריף האָט ער דורכגעלעזן פאַר אַ גאַנצע כאַליאַסטרע סטודענטן, צווישן וועלכע איך בין אויך געזעסן, און פאַר אונז אין די אויגן אַריינגעלעגט אין אַ קאָנווערט, פאַרקלעפּט און אָנגעשריבן דעם אַדרעס.

די סטודענטן, לעבעדיגע, זאָרגלאָזע יונגען, האָבן אים געהויבן אין דער הייך און געפּאַטשט אין פלייצע.

אין עטליכע טעג אַרום איז געקומען אַן אָפיצער מיט אַ פּאַפּיר פון גענעראַל־גובערנאַטאָר. איך בין דעמאָלט געזעסן באַ אים אין צימער. אין דעם פּאַפּיר איז געווען אָנגעוויזן, אַז דער גראַף שיקט אים הונדערט רובל פאַר זיין בריף. קיין שטעלע קאָן ער אים נישט געבן.

ליפשיץ האָט אים העפליך באַדאַנקט און דאָס געלט נישט גענומען. דאָס לעצטע האָט באַזונדערס גערירט דעם אָפיצער.

— קיין געלט נעמסטו נישט, אָבער איך בעט דיך — האָט זיך דער אָפיצער ווייך געווענדעט צו ליפשיצן — אַז דו זאָלסט מער נישט שרייבן קיין בריף צום גראַף. מיט קיין גענעראַל־גובערנאַטאָר שפּילט מען זיך נישט...

— ניין, מער וועל איך נישט שרייבן — האָט ליפשיץ כשר פאַרשפּראָכן. און ליפשיץ האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט...

די מעשה, ווי אַ שיינער אַנעקראָט, איז געווען זעהר פּאָפּולער צווישן די רעמאָלטיגע באַקאַנטע מיינע, און ליפשיץ פלעגט נישט אָהן גאוה טיילמאָל אַ זאָג טון:

— מען קאָן זיין אַ איד און מען קאָן אַריינקריכן אין האַלז אפילו אַ מיניסטער...

עס איז אָבער אַ גרויסע פראַגע, צי ער וואָלט היינט עפּעס אויפגעטאָן. היינט וואָלט אַזאַ ליפשיץ פון גרויס בריהשאַפט גיכער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע...

קאַפּיטל XXII

—

די רעמעסלענע שול. — אַ חנוכּת־הבית. — אַ מעשה מיט טירלאַך. — צרות פון גנאָד־טאַגען. — אַ נייער פּאַרוואַלטער. — איך קאָן נישט אויסהאַלטן. — ווייטער וואַנדערן.

פריר האָט פאַרענדיגט די רעמעסלענע שול, אויף וועלכער פּאָליאַקאָוו האָט אַסיגנירט צוויי הונדערט טויזנט רובל, און דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט מיט אַ קאָמיסיע אינזשענערן באַקוקט דעם בנין. דער בנין איז אים געפעלן געוואָרן און ער האָט באַדאַנקט פרירן.

מיין קרוב האָט טאַקע צוגעלעגט צו דער אַרבעט. אַ פּאָדראַדטשיק וואָלט פון אַזאַ פּאָדראַד אַריינגעכאַפּט עטליכע צענדליג טויזנט רובל, און פריר האָט דערביי נאָך צוגעלעגט אַ פינף טויזנט רובל.

אַ חנוכּת־הבית האָט מען געפּראַוועט מיט גרויס פּאַראַד. עס איז געווען דער גראַף לאָריס־מעליקאָוו, מיטן גובערנאַטאָר, מיטן מיטראָפּאָליט און נאָך הויכגעשטעלטע לייט.

באַם וויין האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר געהאַלטן אַ טאָסט פאַרן קיסרס געזונט און דערנאָך פאַרן גרויסן מנדב שמואל פּאָליאַקאָוו, און דערנאָך פאַרן פּאָדראַדטשיק, וואָס האָט אַריינגעלעגט אַ סך ענערגיע און כּחות אין דער געביידע און גערנוויליג דערלעגט צו דער אַרבעט אַ היפּשע סומע געלט. דער חנוכּת־הבית איז אַראָפּ גלענצנדיג, און פריר איז געווען איבער גליקליך.

מיר איז אָבער געווען געננוג אומעטיג, און גרוי האָט מיר אויס־געזועהן מיין לעבן.

פון גנאָרמאַנען האָב איך, ווי פריהער, געהאַט קאַלטס און וואַרעמס און איך האָב געמווט שווייגן.

איינמאָל בין איך געווען באַ אַן אַרבעט. מען האָט רעמאָנטירט דאָס הויז פונם דיסטאַנץ־נאַטשאַלניק.

באַראַרפט האָט מען דעמאָלט נויטיג האָבן, געדיינק איך, אַ צען טירלאַך צו אויוונס און נאָך אייניגע מכשירים. קויפן האָב איך עס באַראַרפט. איך

האָב געהאַט באַ זיך אַ קוויט פון קאָנטאָר צו אַן אייזן־קרעמער אין כאַרקאָוו, וואו מען גיט צו לייזן אַ זעכציג, זיבעציג טויזנט רובל אַ יאָר.

מיר האָבן געאַרבעט אונטער דער שטאָט, און איך האָב געהייסן שפּאַנען דאָס פערד און בין געפאָרן אין שטאָט אַריין קויפן די ראָזיגע נויטיגע זאַכן. עס איז געווען אַרום איינס אַזייגער. קום איך צום אייזנגעשעפט, זעה איך אויף אַלע טירן הייגנגען שלעסער.

איך האָב נישט געוואוסט, אַז עס איז מיטאָג־צייט און אַז דעמאָלט ווערט געשלאָסן דאָס געשעפט, און מיר איז בעסער איינגעפאַלן, אַז דער קרעמער האָט באַנקראָטירט... פאַרוואָס איז דאָס מיר אַזוי איינגעפאַלן — איז אַ פראַגע פאַר די יעניגע, וואָס וואָלטן געוואָלט פון מיר עטוואָס אָפּלאַכן...

די אַרבעטער האָבן אָבער געוואַרט אויף די טירלאַך. וואָס טוט מען?

די טירלאַך האָבן אינגאַנצן באַטראָפן פינף און נייגציג רובל, און איך האָב גראָד געהאַט באַ זיך אַ הונדערטער.

גיי איך אַריין אין אַן אַנדער געשעפט און קויף דאָס אַלץ פאַר מזומן. אָנשטאָט פינף און ניינציג האָב איך ריזעלבע סחורה אויסגערונגען פאַר צוויי און זעכציג רובל.

צאָל איך אָפּ און פאָר צוריק מלא שמחה. אַ קליינינקייט, איך האָב ערשט איינגעבראַכט דריי און דרייסיג רובל דעם בעל־הבית. מיין שמחה אָבער וואַקסט און וואַקסט, און איך האָב געהאַט אַזאַ געפיל, פּונקט ווי איך וואָלט אַנטרעקט אַמעריקע...

איצט וועל איך אויפווייזן פרירן, אַז זיינע געשעפטן גייען אָהן אַ ברעקל סדר. ס'טייטש, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אין אַ געשעפט, וואו מען גיט צו לייזן אַ זיבעציג טויזנט רובל אַ יאָר, זאָל מען איבערנעמען אויף אַ סחורה, וואָס קאָסט צוויי און זעכציג רובל, גאַנצע דריי און דרייסיג רובל! דאָס זיינען דאָך וואַלר־גזלנים!

געבראַכט די טירלאַך, באַוויזן איך זיי גנאָרמאַנען און גיב, נישט אָהן גאוה, אַ זאָג:

— גוט וואָס איך האָב געהאַט באַ זיך מזומן געלט. וואָרום איצט זעה איך, וואָס פאַר אַ באַרייסער אונזער סקלאַדניק איז! ער שטעלט אונז פּראָסט ברלות!

אַרויסגעזאָגט דאָס, וואַרט איך, אַז דער „ליבער" גנאָרמאַן זאָל אויס־גלאָצן אַ פּאָר אויגן און זאָל מיר פאַר איינוועגס מאַכן אַ קאָמפּלימענט פאַר מיין טרייקייט און פאַר מיין אַנטרעקונג.

אָבער איך האָב געהאַט אַ גרויסן און אַ ביטערן טעות אין פשט.

אָנגשטאָט פּאַרוואונדערונג און קאָמפּלימענטן — זיינען בײַ גנאָרמאַנען בייז און בלוטיג אַרויסגעקראָכן די אויגן, דער האַלז האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, און ער האָט ווי אַ קאָכיגער טאָפּ אַרויסגעזאָרן:

— וואָס זענט איר פאַר אַ קויפער פאַר מזומן! ווער בעט עס אייך! ווער הייסט אייך! פון וואַנען ווייסט איר, שלים־מזל, אַז איר האָט איבער־געצאָלט? זאָגט מיר, וואָס הייסט איבערגעצאָלט און וואָס הייסט נישט איבערגעצאָלט? שלים־מזל! אָנשיקעניש! אַהיים פאָרט!

און עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן זלזולים און גראָבע מאוסע ווערטער, אַז איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און — האָב זיך צעוויינט...

עפּעס אַ שרעקליכער טעות: נעם כאַפּ גיך אַרויס פון האַרצן די שמחה און גיס אַהין אַריין צער און טרערן.

איך האָב זיך דערפילט שרעקליך דערשלאָגן און אין אָוונט האָב איך דערציילט פרידן מיט דעם ווייב די גאַנצע מעשה און די זלזולים, מיט וועלכע גנאָרמאַן האָט מיך באַשאָטן פאַר מיין טרייקייט.

— עסט זיך נישט אָפּ דאָס האַרץ — האָט זיך אָנגערופן פרידס פרוי — איר זעט בײַ מיר די נאָז?

זי האָט עפּעס געהאַט אַ רויטן צייכן אויפן נאָז.

— דאָס האָב איך יענע וואָך באַקומען פון גנאָרמאַנען. איך האָב אים געמאַכט אַ קליינע באַמערקונג וועגן אַ קאָנטראַקט, וואָס ער האָט צוזאַמענ־געשטעלט, האָט ער מיר מיט עפּעס אַ וואָרף געטאָן אין נאָז אַריין... וואָס זאָגט איר דערצו? אָבער מען מוז ליידן — האָט זי שטיל צוגעגעבן — גאָלדענע הענט האָט ער.

לסוף איז ער אָבער פאָרט דערעסן געוואָרן. גאָלדענע הענט אַליין זיינען, אַפּנים, דאָך ווייניג. און אין עטליכע וואָכן אַרום נאָך דער מעשה, בעת פריד איז געפאָרן קיין פּעטערבורג, האָט ער דאָרטן אָנגעזוהן איינעם אַ מענשן, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן פאַר אַ פאַרוואַלטער.

פריד האָט אים בסוד געבראַכט קיין כאַרקאָוו... דאָס איז געווען זעהר אַ הויכער און זעהר אַ שיינער מאַן פון אַ יאָר פופציג, מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד, וואָס האָט שוין ערטערווייז געגומען טאָגן. אַ גאַנג, אַ שטעל מיטן פוס — אַ ברכה צו מאַכן.

כדי ער זאָל מער באַקאַנט ווערן מיט די געשעפטן און דערבײַ זאָל זיך גנאָרמאַן נישט דערוויסן, האָט אים פריד ווייט אַוועקגעזעצט, ערגעץ אויף דער צוועלפטער דיסטאַנץ.

דאָרט איז געווען אַ קליין שטיקל אַרבעט. מען האָט באַדאַרפט אויפ־שטעלן אַ וואָקזאַלעכל פאַר צען טויזנט רובל. דאָס דאָזיגע שטיקל אַרבעט האָט פריד פאָרזיכטיג אַרויסגעצויגן פון אונטער גנאָרמאַנס השגחה און

איבערגעגעבן עס אינגאַנצן אינם רשות פון נייעם פאַרוואַלטער. אגב האָט עס געוואָלט אויך רינגען פאַר אַ פּראָבע.

נאָר מיר אַלע, וואָס האָבן געוואוסט דעם סוד, אַז דער הויכער מאַן דאַרף, פריהער־שפּעטער, איבערנעמען גנאָרמאַנס שטעלע, זיינען געווען מלא שמחה און האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ באַל אין דעם טאָג, ווען ער וועט אַרויסשטויסן אונזער צורר.

אָבער צו אונזער אומגליק האָט דער כיטרער גנאָרמאַן באַלד פאַרשטאַנען, דערשמעקט, אַז דער הויכער איד מיט דער גרויסער באָרד איז נישט סתם אַ פּריקאַזטשיק, נאָר זיינער אַ קאָנקורענט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקליכן גרימצאָרן און מיר האָבן געליטן נאָך מער ווי פריהער.

אייגנטליך האָט ער גאָר נישט געבּרויכט די שטעלע. ער האָט שוין איינגן געלט געהאַט אַ וואָסערע דרייסיג־פערציג טויזנט רובל און האָט געקאָנט אַליין אָנגעמען פאָרראַרן. ער האָט אָבער, אַפּנים, ליב געהאַט צו שרייען, געוועלטיגן, פייניגן, און אים איז געווען אַ שאָד צו שיידן זיך דערמיט. ער האָט איצט נאָך מער געפּייניגט. אָבער מיר האָבן געוואַרט מיט גרויס מסירת־נפש און בעת־מעשה געטראַכט: באַלד, באַלד וועט יענער ענדיגן זיין פּראָבע־פאָרראַר, וועט ער קומען און פאַרטרייבן דעם מנוול.

אָבער ווי איבעראַשט זיינען מיר געוואָרן פון דער בשורה, אַז דעם נייעם פאַרוואַלטערס אַרבעט — דאָס וואָקזאַלעכל ווערט נ י ש ט אָנגענומען: דער אינזשענער האָט עס געפונען פאַר שלעכט. דאָס איז געווען פאַר אונז אַ גרויסער קלאַפּ, אַ שרעקליכער קלאַפּ — און פאַר פרידן נאָך אַ ג ר ע ס ע ר ע ר.

אים איז נישט געגאַנגען אין די צען טויזנט רובל, נאָר אין דער באַליידי־נונג, אַז זיינער אַ פאָרראַר זאָל שלעכט אַרויסקומען, זאָל נישט אָנגענומען ווערן.

און אויף פרידן האָט עס געמאַכט זעהר אַ שווערן איינדרוק. אוראי האָט ער באַשלאָסן אָפּצוזאָגן דעם פאַרוואַלטער און אַרויסצוצאָלן אים פאַר דריי יאָר אַכצען טויזנט רובל, צו זעקס טויזנט רובל אַ יאָר, לויטן קאָנטראַקט.

דער פּראָיעקטירטער פאַרוואַלטער איז געקומען קיין כאַרקאָוו זעהר אַ געפאַלענער. ער האָט געטענעט, אַז עמיצער האָט אים אונטערגעשטעלט אַ פּיסל און ער ווייס נישט ווער.

דערויף האָט אים פריד ביטער געזאָגט:

— אַז מען איז אַ מענש, דאַרף מען קיין מורא נישט האָבן פאַר אַזעלכע זאַכן.

אַ פּיסל האָט אים זיכער אונטערגעשטעלט טאַקע דער ליבער גנאָדמאַן, וואָס האָט געזוכט פּטור צו ווערן פון אים. אַזאַ שטיקל אַרבעט, אַ פּיסל, הייסט עס, איז בּאַ גנאָדמאַנען געווען ממש אַ שפּיי: געמסרט, אונטער־געזאָגט — און פאַרטיג.

דער הויכער איד מיט דער שוואַרצער בּאָרד האָט בּאַקומען דאָס אַרויס־געצאָלטע געלט און איז אַוועקגעפאָרן, און גנאָדמאַן איז ווייטער געבליבּן אַ רוכב איבער אונז אַלעמען און זיין ממשלה איז נאָך שטאַרקער געוואָרן, צו אונזער אַלעמענס ווייטאָג און פאַרדראָס.

אַז עס האָט זיך אַזוי געענדיגט, בּין איך ווייטער געקומען צו מיינע אַלטע געראַנקען:

— וואַנדערן.

דאָ קאָן איך מער נישט זיין. נישט איך טויג פאַר זיי, נישט זיי טויגן פאַר מיר.

אויף דער טעמע האָב איך איינמאָל געמאַכט אַ שמועס מיט פרידן. ער האָט אויך איינגעפונען דאָסזעלבּע און האָט מיר געראָטן פאָרן קיין מאָסקווע. דער דאָרטיגער רב, ר׳ חיים בּערלין, איז אונזערער אַ קרוב, וועט ער אים שרייבּן אַ בּריף און בּעטן, ער זאָל מיך דאָרט איינאָרדענען אַרום די גבירים. דער רב איז בּאַ זיי אַ חשוב. ער וועט אויך געבּן אַ בּריף צו זיינעם אַ גוטן פריינט, אַ גרויסן צוקער־סוחר און פאַבּריקאַנט, וועט יענער עפּעס אויך טון פאַר מיר.

קאַפּיטל XXIII

אין וועג. — מאָסקווע. — אידעלאַך, ווי אין ירושלים. — אין בית־המדרש. — באַם "ב. — וואָס טוט מען? — קרעטשמע, פּאַקט, פעלד־אַרבעט, מלמדות, קרעמעריי. — דער חסידישער רבי. — דער רב און דער רבי. — חסידים אין מאָסקווע. — זינג!!! איך בין אויף צרות. — איך פאָר אהיים.

ווייטער אין וועג... מאָסקווע.

אַריע, כאַרקאָוו, מיטן „ליבן“ גנאָרמאַנען, מיט די טירלאַך צו אויוונס, מיט פרירן, מיט די פאָרראַרן מיט אַלץ מיט אַנאַנדער! איצט איז מאָסקווע, אַ נייע סדרה.

אין רמיון איז מיר געשטאַנען מאָסקווע ווי אַ שטאָט מיט קאַצאַפּעס, און אירן וועל איך מסתמא ראַרפן זוכן, ווי אַ נאָרל אין אַ וואָגן היי.

נאָר גאָט צו ראַנקען, ראָס איז נישט געווען אַזוי.

איך קום צופאָרן אין מאָסקווע, טרעף איך אַקוראַט אויף זאַראַריע גאַס באַם טויער, וואוהין איך האָב באַראַרפט אַריינגיין, שטייט, אַ ראַנק זיין ליבן נאָמען, אַ אירל אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַזאַ רחבות, פונקט ווי באַם טאַטן אין ווייגאָרטן.

אין די מעבלירטע צימערן, וואוהין איך בין פאַרפאָרן, האָבן זיך אַרומ־געררייט אירן פון אירנלאַנר, מיט לאַנגע פאות, מיט געריכטע ברעמען, מיט האָרבאַטע נעזער און מיט ברענענדיגע אויגן, און מען האָט גאַנץ געמיטליך געשמועסט וועגן דער קאָראָבקע און וועגן רבנים און וועגן שטעטלשע מחלקותן א. אַז. וו. א. אַז. וו.

אירעלאַך, אָהן עין־הרע, לרוב, אויפן הויף איז ראָ אַ בית־המרש און אירן ראַוונען זעקס מנינים אַ טאָג. פון זיבן אַזייגער אין רערפריה ביז צוועלף נאָכן ראַוונען לערנט מען, עס טראָגט זיך אַ זיסער גמרא־נגון — ירושלים.

און חסירים פעלן אויך נישט. פאַראַן אַ חסירים־שטיבל. איך קום אַריין, מאַכן אירן אַ נוטן לחיים און מען זיננט אַ חסירישן נגון.

דער רעסטאָראַן, וואו איך האָב געמיטאָגט, איז געווען געפּאַקט מיט אידן פון פאַרשיידענע געגנטן — חסידים און מתנגדים — עס איז פרייליך און היימיש. אידעלאַך רײדן און עסן, עסן און רײדן, אין דער אָנגערויכערטער לופט שמעקט מיט אידישע מאכלים, אידישע געבראָטנס — און בערד, בערד, בערד.

באַזונדערס גוט איז אין אָוונט אַריינצוקומען אין בית־המדרש — זעהן ווי מען לערנט. עס נעמט אָן אַ תּענוג צו קוקן. אין שטאָט הויבן זיך צענדליגער קלויסטערס, און דאָ זיצן אידעלאַך און לערנען הויך, אויפן קול, און דאָס שולעכל זעהט אויס, פּונקט ווי דער קאַמעניצער נייער בית־המדרש.

אין אָוונט בין איך אַריין צום רב ר׳ חיים בערלין. בּאַ אים איז אויך געווען געפּאַקט מיט אידן. דאָ זיינען געווען סוחרים צוליב דין־תּורות און פאַרשיידענע אידן — אורחים פון פאַרשיידענע קאַנטן. באַזונדריג מאָסקווע, זיינען זיי אויך אַריין צום רב. איך האָב איבערגעוואַרט אַלע געסט און דערנאָך דערלאַנגט דעם רב פרידס בריף.

רופט ער אַריין דאָס ווייב און שטעלט מיך פאָר פאַר זיינעם אַ קרוב. אויפגענומען האָט מען מיך גאַנץ גוט. אָבער עס איז באַלד געווען קלאָר, אַז זיינע אַ רעקאָמענדאַציע בנוגע צו מסחר האָט מיר קנאַפּ וואָס געקאָנט נוצן. וואָס פאַרשטייט דער רב אין מסחר? און וואָס פאַר אַ סוחר וועט זיך דאָס שטיצן אויף זיינער אַ רעקאָמענדאַציע, וואָס באַלאַנגט צו געשעפט!

האָב איך געהאַט איצט איין וועג: אַריינגיין מיט פרידס בריף אין קאָנטאָר פון דער צוקער־פאַבריק.

בין איך אָבער דער גרויסער בעל־מזל, און אַז איך קום אַריין אַהין, זאָגט מען מיר, אַז דער בעל־הבית איז אַוועקגעפאָרן...

דאָרטן האָבן זיך אפילו יאָ געפונען איינציגע סוחרים, וואָס האָבן געזוכט מענשן, אָבער זיי האָבן גראָר געהערט פון רבס מויל, אַז איך בין אַ וואָילער יונגערמאַן, און דאָס איז געווען זעהר אַ שטאַרקער הס־ון...

און געוואָרן איז מיר זויער, זויער אויפן האַרצן; עס האָט זיך געוואָלט די פינגער בייסן.

וואָס וועט עס זיין?

פריהער האָב איך זיך געלערנט הלכות קרעטשמע, פאַקט, דערנאָך, אַז איך האָב שוין דערין וואָס פאַרשטאַנען, האָב איך עס אַוועקגעוואָרפן און גענומען לערנען פעלד־אַרבעט.

געוואָרן אַ בקי אין עבודת האדמה, בין איך אַנטלאָפן פון וואַלד אין דעם גרויסן קיעוו און אָנגעהויבן צו לערנען באַקאַליי. באַקומען אַ השגה אין באַקאַליי, האָב איך געמאַכט אַ נסיעה קיין כאַרקאָוו און גענומען

לערנען פאָרראַרן מיט ליניעס, מיט רעמאָנטן מיט אַ גנאָרמאַן, מיט כל הצרות שבעולם. און איצט... וואָס וועט עס זיין איצט?

עס פאַרשטייט זיך, וואָס אַ טאָג ווייטער איז מיין לאַנגע אַלץ קריטישער געוואָרן. איך האָב שוין געהאַט פאַרדראָס, וואָס איך האָב אַוועקגעוואָרפן כאַרקאָוו. דאָרט האָב איך דאָך פאָרט געהאַט אַ שטיקעלע באָרן אונטער די פיס. דאָ הייננ איך צווישן פרעמדן הימל און פרעמדער ערד.

מיינע גוטע פריינט האָבן מיך צוגערעדט, איך זאָל זיך באַקענען מיטן חסידישן רב, וואָס איז מ׳ט ר׳ חיים בערלין ווי פייער מיט וואַסער. דער חס׳דישער רב האָט אַרום זיך אַ גרויסן קרייז פון חסידים — גבירים, גרויסע סוחרים, רייכע בעלי־בתּים.

— עס שאַרט נישט — זאָגן זיי — אַז איר זאָלט אים מאַכן אַ וויזיט און דוקא דערציילן, אַז איר זענט ר׳ חיים בערלינס אַ קרוב, אַז איר וואַלגערט זיך אין מאָסקווע, און ער, ר׳ חיים, קאָן אייך גאָרנישט העלפן, איר דאַרפט האָבן אַ שטעלע. אפשר וועט ער אייך אין דעם פרט מיטהעלפן? דערביי מ׳עגט איר אים מרמז זיין, אַז אייער טאַטע איז אַ הייסער חסיד. דאָס הייסט פשוט אונטערחנפענען דעם חסידישן רב...

מ׳לא, וואָס האָב איך געקאָנט טון? איך האָב דאָס אויך געפּרובט. איך בין אַוועק צום חסידישן רב, האָב זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ קרוב פון רב ר׳ חיים בערלין און געקומען בין איך אַהער זוכן אַ שטעלע אָדער אַזוי געשעפטן, און ר׳ חיים בערלין, אויף וועמען איך האָב געלענט גרויסע האָפענונגען, קאָן מיר ווייניג וואָס העלפן. בכן האָבן מיר גוטע מענשן אַן עצה געגעבן צו באַקענען זיך מיט אייך און אייך בעטן, איר זאָלט מיר דערין באַהילפיג זיין...

פרעגט מיך דער רב קורם:

— ווי אַזוי זענט איר ר׳ חיימס אַ קרוב?

איך האָב אים אָנגעוויזן ווי אַזוי, און דערביי אויסגערעכנט אומישנע מיין גאַנצן יחוס ביז ר׳ חיים וואָלאָזשינער.

— פאַרוואָס אָבער זענט איר באַלד נישט געקומען צו מיר? — האָט ער מיט אַ מין מוסר־מינע געשאָקלט מיטן קאָפּ — איך וואָלט אייך זיכער געקראָגן אַ שטעלע באַ אַ היגן גביר. איר זענט דאָך עפּעס יפון סאַמע גאונים און צדיקים. אָבער איצט האָב איך מורא, אַז חיים בערלין האָט אייך קאַליע געמאַכט...

איך האָב געשוויגן, און איבערן גאַנצן לייב איז מיר דורך אַ קעלט מיט אַ שמערץ צוואַמען.

— נו, מילא, — האָט ער גאַנץ געמיטליך געזאָגט, — קומט אַריין, לאָזט זיך זעהן, אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן.

קיין אַנדער ברירה האָב איך נישט געהאַט און האָב אָפטער באַזוכט דעם חסידישן רב. זיין שטוב איז געווען געפּאַקט מיט אידן — חסידים, נאָך מער ווי באַ ר׳ חיים בערלין מתנגדים. דער חלוק איז נאָר געווען, וואָס באַ ר׳ חיימען זיינען די מתנגדים געזעסן און געשטאַנען אין גרויס אָרדענונג. יעדער האָט געוואוסט זיין אָרט, און אַז צוויי האָבן גערעדט, האָט זיך אַ דריטער אינמיטן נישט אַריינגעריסן. דאָרט באַם חסידישן רב האָט מען דערויף נישט געקוקט. מען האָט געשמועסט גרופּעסווייז און אַלע צוזאַמען, איינער האָט פאַרשריען דעם צווייטן, דער צווייטער ווידער האָט פאַרכאַפּט דאָס אָרט פון דריטן א. אַז. וו. נישטאָ קיין רייכער און קיין אָרימער, קיין עלטער און קיין יונגער, אַלע גלייך, און אין שטוב שטייט אַ פריילעך טומלעניש.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער רב האָט מיך געבעטן, איך זאָל קומען דאַווענען צו אים אין שטיבל, וועט צוקומען נאָך אַ חסיד... איך האָב דאָס אויך געטאָן. אין שטיבל האָט מען געדאַוונט זעהר מונטער, זעהר רוישיג, נאָר אַיין ר׳ ישראל האָט געפעלט. פון אַלע זייטן פליסן האַרציגע נגונימלאַך, מען טאַרערייקעט, מען זינגט, מען שפּרינגט, מען טאַנצט, מען שטופּט זיך, מען לאַכט און מען מאַכט לחיים, ווי אין קאַמעניץ אַמאָל. די דאָזיגע פריילעכקייט איז, חלילה, נישט קיין געמאַכטע. דעם חסיד איז טאַקע באמת פריילעך. גאָט איז גרויס און זיין וועלט איז גרויס און פון אַלץ קאָן מען שעפּן שמחה.

און נישט אומזיסט טרעפט מען שטענדיג צווישן חסידים עפּעס אַ מאָדנע געמיטליכקייט, אַ פריילעכע זיכערקייט, פּונקט ווי עס וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געווען קיין אידן־פראַגע און קיין גלות איז נישטאָ. נאָר דאָס זיינען אפשר צו הויכע זאַכן, צו גרויסע זאַכן. איך וועל עס זאָגן פשוטער: פונקט ווי עס וואָלט קיין ווייב און קינדער נישט געווען...

און סיי באַ זיך אין דערהיים, סיי אין שטיבל אָדער אין רעסטאָראַן, אָדער באַם חסידישן רב פילט מען אַ מין ירושלים. קומט דער אָקאָלאָדאָטשני — נאַ דיר אין יד אַריין און אַראָפּ פון מאַרק. גיי און לאָז אונז צורוה.

איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז דאָס פעקל חסידים, וואָס האָט זיך פריילעך געפּלאָנטערט באַם חסידישן רב אין שטוב, האָט נישט געוואוסט פון אירישע באַגרענעצונגען און פלאָגן, וואָס האָבן זיך געשאָטן פון אַן אויבערשטער האַנט. איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געהערט, מען זאָל דאָרט רייד'ן אויף דער טעמע, ווי עס טרעפט אָפט באַ מתנגדים. און ווידער דאָס אייגענע: גאָט איז גרויס און זיין וועלט איז גרויס — און טו מיר עפּעס !...

אָבער באַ ר׳ חיים בערלין האָט מען פאַרביטערט געררעדט פון פּאָליטיק און פון טשינאָווניקעס, און פון פּאָליציי, און פון פּאַספּאָרטן, און פון באַ־גרענעצונגען, און פון גזירות, און פון גלות און פון נאָך און נאָך אַזוינע זאַכן. און די כמאַרנע מתנגדים האָבן נאָך כמאַרנער אָנגערוקט די ברעמען.

ווען נישט מיין שווערע שטימונג, וואָלט איך באַם חסידישן רב געקומען צו די כחות. פון דער פרייליכקייט אַליין קאָן מען ווערן אַ ריז. שבת איז דאָרטן געווען אַ קוואַל פון שמחה. אָנגעהויבן האָט זיך די שמחה נאָך פרייטאָג צו נאַכטס.

פרייטאָג צו נאַכטס קומען צום רב מאַסן חסידים און מען „פּראַוועט" אַ טיש ביז צוועלף — איינס אַזייגער בײַנאַכט. דער רב זאָגט חסידישע תורה: די אויגן ברייט פונאַנדערגעעפנט, די הענט צעשפּרייט איבערן טיש, דאָס בערדל טאַנצט. נאָך אַ שטיקל תורה זינגט מען חסידישע נגונימלאַך. ער — אָפּגעזאָגט, די חסידימלאַך — פאַרזונגען. דערביי נאַשט מען פון טיש.

דאָסזעלבע חזרט זיך איבער שבת אַ גאַנצן טאָג. דאַווגען דאַווגט מען שיין באַם רבין. שבת צו נאַכטס ווערט דאָס געזאַנג נאָך גרעסער. עס פאַרדרייקעט פון יעדן האַלז. און טאָמער פאַרפוילט זיך עמיצער און שווייגט אונטער, מונטערט מען אים באַלד אויף מיט אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

— נו, וואָס שווייגסטו דאָרטן, זעליג צי מאיר, זינג!!!

און מען זינגט.

איך בין געוואָרן אַ גרויסער מקורב באַם חסידישן רב און האָב אים אָפטער באַזוכט. ער האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ משכיל און זיך געסטאַרעט ריידן מיט מיר פון אַזוינע זאַכן, וואָס זאָלן מיר געפעלן.

קיין שטעלע האָט ער מיר אָבער דאָך נישט געקראָגן, און איך מיין, אַז טיף אין הארצן האָט זיך ר׳ חיים מער אינטערעסירט מיט מיין לאַגע, איידער ער. דעם צער פון נויט האָט ר׳ חיים אויך געמוזט מער פאַרשטיין, איידער דער חסידישער רב, און ר׳ חיים האָט אויך קיין זייטיגע פּניות נישט געהאַט.

ער, דער חסידישער רב, האָט מיך מקרב געווען, ווייל ער האָט געוואָלט קויפן אַ נפש, דאָס הייסט, מאַכן מיך פאַר אַ חסיד. זאָל צוקומען נאָך איינער צום חסידישן כולל.

אינטערעסאַנט איז אויך דער פאַקט. ר׳ חיים האָט געוואוסט, אַז איך זיין טאָג אין נאַכט באַם חסידישן רב, מיט וועמען ער איז געגאַנגען אויף מעסערס, ווי מען זאָגט אין ליטע.

באַ ר׳ חיימען אין שטוב האָט מען גערופן דעם חסידישן רב — „פערד־גנב", באַם חסידישן רב ווידער האָט מען גערופן ר׳ חיימען —

„רשע“. פונדעסטוועגן איז ר׳ חיים נישט געווען אומצופרידן מיט מיינע וויזיטן באַם חסידישן רבֿ: טאָמער וועל איך אפשר דאָרט געהאָלפן ווערן. טאָמער וועל איך זיך דערפון צו אַ שטעלע דערשלאָגן...

מיט יעדן טאָג האָב איך איינגעזעהן, אַז מיין זיין אין מאָסקווע איז נישט ווערט אַ שמעק טאַבאַק. איך שטיי צווישן צוויי רבנים און זוך מסחר. טאַקע זעהר אַ גוטע פּאָזיציע פאַר מסחר. און איך האָב זיך געפילט, ווי עפּעס אַן איבעריגער אויף דער וועלט, ווי אַן אַרויסגעוואָרפענער פון אַ טיר און — צוריק אין קיעוו אַוועקגעפאָרן...

קאַפּיטל XXIV

ווידער אין קיעוו. — ר׳ ליב שאַפּירא. — ווייַן. — פאַראַן פּרנסה. — א נאַכט אין שכּרות. — דער מאַניפעסט. — קיעווער צדקות. — ר׳ הירש עפּשטיין. — מאַנדעלשטאַם.

... און אָט בּין איך שוין ווידער אין קיעוו. צוריק מיט מיינע אַלטע באַקאַנטע און פריינט, חקרנים, בטלנים, פּלפּולניקעס, סוחרים, קרעמער, יונגעלייט אָהן אַרבעט, קבּצנים א. אַז. וו. א. אַז. וו.

אַ ווײַלע רוהט אָפּ דער מח פון זאָרג. מען לאַכט, מען שמועסט, מען דערציילט נייעס. נאָר בּיסלעכווייז הויבּט מען אָהן צו קלערן מכּח אַ פּרנסה. איך קלער און אַנדערע קלערן פאַר מיר, איך זאָל שוין, חלילה, נישט ראַרפן ווידער לויפן פון קיעוו בּמקום אחר זוכן בּרויט. לאָמיר זיך שוין איין מאָל פאַר אַלע מאָל איינאָרדענען אויף אײן אָרט, פאַרזוכן דעם טעם פון אַ קיום, ווי אַלע מיינע פריינט.

פאַלט איין ר׳ ליב שאַפּיראָן (איך בּין שוין מיט אים גוט געוואָרן, קאָן רען זיין לאַנג בּרוגז אַזאַ מענש!), וואָס האָט שטענדיג געראַגהט פאַר מיר, אַזאַ פּלאַן. דעם רבּס מלמד, צום בּיישפּיל, קאָן מאַכן ראָזשינקעס־ווײַן. דערצו ראַרף מען נישט האָבּן קיין ערלויבּעניש, קיין פּאַטענט. אַ איר, הייסט עס, מעג מאַכן ווײַן אויף קירוש. וועט דער מלמד מיך אויסלערנען „פאַרפאַסן“ ווייַן און חברה וועט מיר פּראָטעזשירן. אַזוי אַרום וועל איך האָבּן פון וואַנען צו לעבּן.

איך האָבּ איינגעשטימט. קיין אַנדער בּרירה איז סיי ווי סיי נישט געווען.

ויהי היום — און מיר האָבּן זיך גענומען צו דער אַרבּעט — ראָזשינקעס־ווייַן.

איך האָבּ איינגעקויפט די אַלע מכשירים, וואָס מען ראַרף האָבּן צום „זאַוואָר“ צוזאַמען מיט אַ פּוד ראָזשינקעס, און דער מלמד איז געקומען און גענומען „לערנען“. אַ קלוגער איר, האָט ער עס שנעל געמאַכט, און איך האָבּ זיך אויסגעלערנט.

דער ערשטער ווײַן איז אַרויס "זעהר גוראַטן". מיר האָבן אים באַלד פאַרקויפט צווישן גוטע פרײַנט און זיך גענומען צוזוגרייטן מיט אַמאָל אַ צען פור ראָזשינקעס ווײַן אויף פורים און אויף פסח. בעת דער אַרבעט האָב איך אָפטער אַרײַנגערופן דעם מלמד, ער זאָל מיר אויפן אָרט פאַר־ענטפערן אײניגע האַרבע קשיות, ווי עס טרעפט אין דער גרויס־פאַבריקאַציע...

דער צווייטער ווײַן איז ווייטער אַרויס גוראָטן. איך האָב אים צעסאָרטירט אויף שוואַכן און שטאַרקן, אויף בעסערן און ערגערן. דער בעסערער סאָרט איז געווען "ממש שאַמפּאַניער". דער עולם האָט געכאַפּט.

קיין געלט האָט מיר שוין נישט געפעלט, גוטע ברידער האָבן געגעבן.

אַרויס דער ווײַן גוט, האָבן זיי מיר פּראָסט אַרײַנגעוואָרפן מיט גוואַלד גמילות־חסידים — הונדערטער, איך זאָל נאָר טרייבן דעם "זאַוואָד".

און... איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרדינען. עס גייט. עס ווערט פרייליכער, מען לייזט. האָב איך זיך פאַרגעסן אָן אַלע מײַנע וואָגלענישן. אַז פּרנסה איז פאַראַן, רוכט זיך, אַז ישועות זײַנען אויך דאָ. וואָרום אײנמאָל אין אַ שײנעם פריהמאָרגן גייען מיר אַרויס אין גאַס און לייענען אויף אַלע סלופּעס און ראָג גאַסן אַ מאַניפעסט.

אין מאַניפעסט איז געווען געשריבן, אַז די אַלע אידן, וואָס וואוינען ביז היינט אין די אינערליכע גובערניעס פון רוסלאַנד, מעגן בלײַבן וואוינען דאָרט, מען טאָר זיי נישט רירן, סײַדן דורך אַ פאַראָרדענונג פון סענאַט.

אָט דער מאַניפעסט האָט אונז דערפרייט, נישט ווייניגער ווי די אידן אין מרדכים צייטן, בעת זיי האָבן דערהערט, אַז המן איז אונטערגעגאַנגען.

עס איז געווען ששון ושמחה. וליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר.

און בײַ מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע מײַנע גוטע ברידער, ובתוכם ליפּסקי מיט עטליכע סטודענטן, וואָס האָבן געהאַט אידישע הערצער, און מען האָט געטרונקען ווײַן לרוב. איך האָב געהאַט גוטן געצערטן ווײַן, שטאַרק ווי שפּירט.

דער עולם האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. מען האָט געטרונקען ביז שכּרות און מען האָט זיך געפרייט, אויף וואָס די וועלט שטייט.

ליפּסקי האָט אַרײַנגעוואָרפן אַ רעדע מיט אַזאַ ברען, אַז מיר האָבן אים געהויבן אין דער הייך, שכּורע און התפּעלותדיגע. עס זײַנען אָנגעלאָפן די אַלע אַרומיגע שכנים — קריסטן, ובפרט דער אָקאָלאָדאָטשני, וואָס איז גראָד דעמאָלט פאַרבייגעגאַנגען און געפרעגט, וואָס איז דאָ די שמחה?

אָט אַ נאַר, דער אָקאָלאָדאָטשני — פאַרשטייט נישט אונזער שמחה...

האָט ליפּסקי געעפנט דאָס מויל און געגעבן אים צו פאַרשטיין מיט אַ פרייליכן שכּרות, אַז פאַר אידן גרייטן זיך בעסערע צייטן... אַ מאַניפעסט

אין דרויסן... פּאַניע אָקאָלאָראָטשני... אירן נישט טשעפּען... נישט רירן... פּאַניע אָקאָלאָראָטשני... העלפט אונז טרינקען... פּאַניע אָקאָלאָראָטשני... אַהער פלעשער וויין... פּאַניע אָקאָלאָראָטשני...

אַזוי פיל וויין — דער בעל־האָרדענונג האָט שוין נישט באַדאַרפט קיין תשובה... ער האָט נאָר געעפנט אַ ברייט מויל און גענומען גיסן אַהין איינעָ נאָך די אַנדערע גלעזער שטאַרקן וויין...

חברה איז נאָך מער צעהיצט געוואָרן, האָט מען געכאַפּט ליפּסקין מיטן אָקאָלאָראָטשני — דער וויין האָט זיי אויסגעגלייכט — און געהויבן זיי ביידן אין דער הייך.

אַזוי האָט מען ביז סאַמע פאַרטאָג געהוליעט און געזונגען, און געפּיל־דערט, און געשריען, און דער אָקאָלאָראָטשני איז אַוועק זעהר אַ צופרי־דענער נאָך מיט אַ פלעשל שטאַרקן וויין אין קעשענע. דערויף איז שוין באַ זיי אַזאַ טבע...

נאָר די אידישע שמחה איז זעהר אַ קורצע, און מיר, נאַראָנים, האָבן דאָס נישט געוואוסט. מיר האָבן נישט געוואוסט, אַז עס וועלן אָנשטיין פינסטערע, ביטערע און שווערע, שווערע טעג, וואָס וועלן זיך ציהען לאַנג ווי דער אידישער גלות און וואָס וועלן קיינמאָל נישט אויסגעמעקט ווערן פון זכרון. איך פאַרכאַפּ אָבער פאָראויס, מיט צרות איז נישטאָ וואָס צו איילן: מען וועט די סחורה נישט פאַרשפּעטיגן.

גיי איך ווידער צו מיין וויין. איך האָב מיך גענומען פעסט צו אים און צוגעגרייט די סחורה פאַר שיינע עטליכע הונדערט רובל. חברה, ווי געזאָגט, האָט מיך שטאַרק רעקלאַמירט.

אויף פורים האָב איך געליזט פאַר אַ שיין ביסל וויין, און די וואָך, וואָס פאַר פּסח, האָט מען באַ מיר דעם וויין געכאַפּט ממש ווי מצה־וואַסער.

איך האָב איינגעזעהן, אַז איך האָב געקאָנט פאַרקויפן פינף מאָל אַזוי פיל און נאָך מער פאַרדינען. אָבער צו דערמאַכן אים איז מיר צו ווייניג צייט געבליבן, דערויף דאַרף מען האָבן אַ פינף—זעקס וואָכן און פאַר אין ברירה האָב איך אויפגעהויבן דעם פּרייז כמעט אין דאָפּלט. איך בין זיך באַגאַנגען ווי אַ גוטער סוחר, און קיינער האָט זיך נישט געדונגען, נאָר גיב וויין.

און אַז איך האָב דערזעהן, אַז אַ טאָג פאַר ערב פּסח איז מען געקומען אַזש פון באַנקיר הורוויטש נאָך פינף פלעשער וויין, און איך האָב דאָס לעצטע געמוזט אויסזויגן פון די פעסלאַך — האָב איך צופרידן אַ טראַכט געטאָן, אַז איך האָב אַ גוטן עסק, אַז עס וועט זיין פּרנסה, אַז איך וועל מער נישט דאַרפן וואַנדערן און אַז איך האָב שוין אַ באָדן אונטער די פיס.

נאָר ווײַן איז זיך ווײַן — און כּלל־אַרבעט איז זיך אויך עפּעס ווערט. און מיך האָט שטאַרק געצויגן דערצו און דעם סאַמען בּרען פון לייזונג.

ר׳ הירש עפּשטיין פלעגט אָפּט אַרײַנקומען צו מיר און דערציילן וועגן קהלשע זאַכן, וואָס ער האָט שוין אויפגעטאָן און וואָס ער וועט נאָך אויפטון אין קיעוו.

— די גבירים — רעדט ער צו מיר מיט אַ האַרציגער רוהיגקייט — שיטן מיט געלט. זיי געבן, וויפיל מען בעט, און די מאַדאַם ראָזענבערג ווערט גאָרנישט מיד צו אַרבעטן גאַנצע טעג און נעכט אין צדקות און מעשים טובים. מען זעהט זי היינט אויך נאָך אויף פּאָראָל צוועלף אַזייגער פאַר מיטאָג מיט אַ קעסטעלע פאַר פּראָשעניעס. און ר׳ ישראל בּראָדסקי ווערט אַלע מאָל מער נדבן און מער פּזרן. עס האָט זיך אויך בּאַוויזן אַ נייער נדיב, איינער אַ האַלפּערן, אַ האָלץ־סוחר, וואָס שיט מיט צדקה אין לשער...

נאָר ר׳ הירשן פעלן אַ פּאָר מיטהעלפּער, וואָרום ער קאָן זיך אַליין נישט צערייסן. די בעסטע צייט, זאָגט ער, איז איצט פאַר כּלל־אַרבעט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזוינע ווערטער האָבן אויף מיר שטאַרק געווירקט.

אין מיר האָט גענומען בּרענען דאָס בּלוט.

— ר׳ הירש, — האָב איך אים אַ זאָג געטאָן אַ צעהיצטער — פּרנסה האָב איך, עס גייט מיר נישט שלעכט, וועל איך זיין אייער מיטהעלפּער. גיט מיר אַרבעט — איך וועל טון. איבּערהויפּט אָבּער דאַרף מען איינשפּאַנען יונגעלייט אין דער אַרבעט, קאַוואַלערן מיט פריילינס... איך וועל נעמען ליפּסקין צו הילף. ער וועט מיר אַרייַנציהען סטודענטן...

עפּשטיין איז אַוועק צופרידן אין צווייען: אי איך האָב פּרנסה, אי איך וועל מיך פאַרנעמען מיט כּלל־אַרבעט.

נאָך אַזאַ איינעם, ווי דער ראָזיגער עפּשטיין איז געווען, האָב איך אין מיין גאַנצן לעבּן נישט בּאַגעגנט צווישן כּלל־טוער. איך האָב נישט בּאַגעגנט אַזאַ ערליכקייט, אַזאַ מסירת־נפש, אַזאַ איבּערגעגעבנקייט, אַזאַ הייסקייט און אַזאַ ריינקייט. און כּלל־טוער האָב איך געזעהן נישט ווייניג. געווען אַזוינע כּלל־טוער, וואָס האָבן פאַרמאָגט די אָדער יענע עפּשטיינס מידה, אָבּער נישט אַלע צוזאַמען און נישט אין אַזאַ מאָס.

וואָס האָט ער נישט געטאָן? ער האָט געקליבּן מצה אויף פּסח, ער האָט געקליבּן געלט אויף רפואות, בּשעת אַן אָרימאַן איז קראַנק געווען. ער האָט פאַר אַרבּעטער געזאַמלט אויף מאַשינעס, בּשעת יענע האָבּן נישט געהאַט מיט וואָס אַליין צו קויפן. ער האָט געזאַמלט פאַר אָרימע כּלות, פאַר אָרימע בחורים, פאַר אַלטע לייט, פאַר יתומים, פאַר נשרפים,

פאַר קאַליקעס און רעסגלייכן. ער איז געווען זעהר אַ פרומער, אַ האַרט־נעקיגער פרומער, וואָס האָט מיט זיינעם אַ זון, זעהר אַ גערעאָטענער יונגער־מאַן, אַ גאַנץ לעבן נישט גערעדט דערפאַר, וואָס יענער האָט אַריינגעשיקט עפּעס אַן אַרטיקל אינם דעמאָלטיגן „כרמל“. אָבער ער האָט אויס־געביטן דאָס רוהיגע לערנען תּורה, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ פרומען אידן, אויף דאָס שווערסטע צדקה־זאַמלען.

מען האָט אים קיינמאָל נישט געזעהן לערנענדיג, אפילו אין ראַוונען האָט ער זיך ווייניג געדבוקעט. מען האָט אים נאָר געזעהן לויפנדיג פון שטוב צו שטוב, פון גאַס צו גאַס. דערפאַר האָט ער ערוואָרבן גרויס ליבע אַפילו באַ דער אפיקורסישער קיעווער יוגנט, און יונגע פרייליגס האָבן זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון אַ גאַנג, ווען ער האָט זיי ערגעץ געשיקט.

אין דער דאָזיגער צייט האָט שטאַרק אָנגעהויבן וואַקסן מאַנדעלשטאַמס פּאָפּולערקייט אין קיעוו. אָרימע לייט האָבן זיך געצויגן צו אים פון אַלע קאַנטן און ווינקלען, און מען האָט פאָראויס געקאָנט זעהן, אַז דאָס גייט אויף אַ גרויסער איר אין קיעוו.

קאַפּיטל XXV

דער מאָרד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. — דער איינדרוק אויף אידן. — איגנאַטיעוו. — שוואַרצע בשורות. — וואַסילקאָוו. — וואַסילקאָווער חסידים. — מיין רעמעסלענע. — „קיעוולאַנין". — „שלאָגט אידן!" — מען לויפט קיין אַמעריקע. — באָסיאַקעס. — שרעק. — ערב פּאָגראָם. — מיין גוטע בעל הבּיתטע. — זיך אָנגעהויבן... אכזריות, וואָס קומט פון שרעק. — אין שפּייכלער. — די עמיגראַציע אויפן בוידעם. — דאָס בוידעם־לעבן. — מייז. — עס עקלט זיך דאָס לעבן. — די מייז ריידן אויף אַ מענשליכן לשון. — אַראָפּ פון בוידעם. — ווידער מיין גוטע בעל־הבּיתטע. — גרויסע וויינען, ווי פּיצעלאַך קינדער. — איינגעשטילט דער פּאָגראָם. — קרבּנות. — די קאַזאַרמע. — אַנטלויפן פון דאַגען. — דער טויט פון טאַטן און זיידן.

צו דער צייט האָט מען דערהרגעט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. די ידיעה האָט געמאַכט זעהר אַ שווערן איינדרוק אויף אידן. אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געווען זעהר פּאָפּולער און זעהר באַליבּט צווישן אידן. אידן האָבּן אים גערופן „מלך של חסד" און פאַר דער צייט פון זיין הערשן זיינען זיי געווען העכסט פּאַטריאָטיש געשטימט, ווי איך האָבּ שוין פריהער געשריבּן. מיט גרויסן טרויער האָבּן אים אידן געמאַכט אל מלא רחמים אין די שולן, און נישט ווייניג האָבּן דערבּיי געוויינט.

נאָך זיין טויט האָבּן זיך גענומען אַרומטראָגן אין דער לופטן שוואַרצע סודות, פינסטערע בשורות.

דער ליבּעראַלער לאָריס־מעליקאָוו האָט אָפּגעטראָטן זיין שטעלע דעם „באַרימטן" איגנאַטיעוון.

און דאָס אידישע האַרץ האָט דערפילט אַ געפאַר.

צו דער צייט אָבּער בּין איך געווען זעהר פאַרטון מיט מיין עסק, מיטן ווייַן. בּאַ מיר האָט געשווירבּלט און געגריבּלט, און איך האָבּ באַדאַרפט נויטיג האָבּן אַ „רעמעסלענע" אויף ווייַן.

און בּאַלד נאָך פּסח בּין איך אַוועקגעפאָרן קיין וואַסילקאָוו, אַ קליין שטעטעלע אין קיעווער גובּערניע, מיט אַ בּריף פונם קיעווער ראַבּינער צו דעם וואַסילקאָווער ראַבּינער, אַז יענער זאָל מיר דאָרט אַרויסגעבּן אַ

„רעמעסלענע“. דער וואָסילקאָווער ראַבינער איז געווען אַ חסיד, דאָס שטעטל איז באַשטאַנען בלויז פון חסידים, און דאָס חסידים־שטיבל, וואו איך בין שפּעטער אַריין, האָט אויסגעזעהן ווי אַ גרויסער בית־המדרש. איך האָב געמוזט גיין דאַוונען די עטליכע טעג, וואָס איך האָב דאָרט פאַרבראַכט.

אָבער ווי האָט מען געדאַוונט?

מען לויפט איינער אויפן אַנדערן, מען שטורכעט זיך, מען קלאַפּט זיך אין זייט, אין האַרצן, אין פּנים — און אַ וואונדער, וואָס מען צעקאַלעטשעט זיך נישט.

אין דאַוונען גופא קומט אויך פאָר דאָסזעלבע שפּרינגעניש. דער האַלט הודו, דער אשרי, דער דריטער אָז ישיר, דער פערטער ישתּבח — איינער וויס נישט פונם צווייטן. דער חזן ווירער האַלט באַ קדושה און פּלוצלינג געבן זיך אַלע אַ שטעל אויף און מען שפּרינגט אָפּ דריי מאָל: קדוש, קדוש, קדוש, און מען לויפט ווייטער אין ווינקל אַריין.

איך בין זיך מודה, אַז איך האָב נישט איין מאָל געקראָגן אַ קלאַפּ אין קאָפּ, אין האַרצן און אין זייט, אָבער איך האָב אויף קיינעם קיין פּאַראיבל נישט געהאַט. אירעלאַך לויפן, שפּרינגען, שרייען און זינגען — אַ מחיה! פאַראַן אַ סך לעבן.

אין איין ווינקל רעדט מען פון חסידות, ווייטער אַביסל זיצט אַן אַלטעטשקער און לערנט הויך און קלאָר דעם זוהר, אַ צווייטער קוקט אַריין אין מדרש, באַם בעלעמער שטייט דער אויבער־שמש און אַרום אים יונגעלייט מיט גאָלדענע קייטן אויף די זשילעטן, שיינע חסידישע קעסט־בעל־הביתלאַך, וואָס הויבן אָן ערשט פירן אַ לעבן.

אין שטיבל איז אפילו שטאַרק אָנגערויכערט. חסידים האַלטן ליולקעס אין מויל און פּיפּקען, דער רויך ציהט זיך אין גרויע וואָלקנס צום באַלקן. נאָר דאָס אַלץ קאָן מען מוחל זיין צוליב דעם קאָך, צוליב דעם פרייליכן טאַראַראַם, צוליב דעם קוואַל לעבן, וואָס שלאָגט פון די דאָזיגע צעהיצטע מענשן.

אין עטליכע טעג אַרום האָב איך באַקומען די נויטיגע „רעמעסלענע“ און אַוועקגעפאָרן אַהיים.

געפאָרן אַהיים בין איך אין אַ געהויבענער שטימונג! עס וועט זיין פּרנסה, עס וועט זיין רוה, דאָס ווייב וועט שווייגן.

אָבער אידישע פרייד, ווי געזאָגט, האָט קיין יסוד נישט, און באַלד ווי איך בין געקומען אַהיים, האָב איך געלייענט די שוואַרצע בשורה אין „קיעוולאַנין“, אַז אין י ע ל י ס אַ וו ע ט ג ר אַ ד האָט מען געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף אידן.

דער „מענשנפריינטליכער" „קיעווליאַנין" האָט אומישנע פונאַנדערגעשמירט באריכות דעם גאַנצן פּאָגראָם, ווי אַזוי מען האָט געראַבעוועט און געשלאָגן, ווי אַזוי מען האָט פונאַנדערגעשניטן פּערינעס און קישנס און די פּערערן אין גאַס אַרויסגעוואָרפן, און די אײדעלע און מענשנפריינטליכע כּונה פון דעם שוואַרצן בלעטל האָט אַ קינד אויך געקאָנט אויפכאַפּן.

דאָס איז די כּונה:

— שלאָגט אידן!

— ראַבעוועט, רייסט אידן!

די דאָזיגע פּאָגראָם־בשורה האָט איינגעוויקלט אין אַ געריכטער אימה אַלע קיעווער אידן. מיט אַמאָל זיינען צעשטערט געוואָרן די האָפענונגען, צעריסן געוואָרן די חלומות, און דער אידישער עלנט איז אַרויסגעטראָטן, ווי אַ נאַקעטער סקעלעט אין דער גאַנצער מוראָדיגער גרייס. געפילט האָט מען, אַז מיט יעליסאַוועטגראַד וועט זיך דאָס אומגליק נישט ענדיגן, אַז עס וואַרטן נאָך שטעט און צווישן זיי די ערשטע — קיעוו...

פון שרעק האָט זיך באַ אידן געביטן די פאַרב אין פּנים. אַ מאָרנע געבויגנקייט האָט אויסגעדריקט זייער רוקן.

— וואָס טוט מען?

אַנדערע אידן, וואָס האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט גרויס אָפּטימיזם, האָבן נישט געוואָלט וואַרטן, ביז מען וועט זיי קומען ראַבעווען און שלאָגן. האָבן זיי איבערגעלאָזט האַק און פּאַק און אַוועק קיין אַמעריקע. און אַז איך האָב זיך מיט אַזוינע געזעגנט, זיינען מיר הייסע טרערן געפאַלן פון די אויגן און דאָס האַרץ האָט שטאַרק פאַרדריקט...

נאָר באַלד איז אונז געוואָרן קלאָר, אַז אין קיעוו וועט זיין אַ פּאָגראָם, אַז קיעוו איז טאַקע די ערשטע... דערויף האָט אונז עדות געזאָגט נישט נאָר דער גוי און זיין בליק, נאָר די טויטע לופט, די ווענט פון די מויערן, דער ברוק פון גאַס...

און מיר האָבן געוואַרט... קיין אַנדער ברירה נישט געווען ווי וואַרטן. וואוהין לויפט מען, גאָט מיינער!

דערנאָך האָבן שוין מיילער קלאָרע דבורים גערעדט.

די באָסיאַקעס, וואָס האָבן געאַרבעט באַם ברעג דניעפּר און וואָס זיי ציילן זיך אין די טויזנטער אין קיעוו, האָבן שוין פריי געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך נעמען צו דער „אַרבעט". זיי האָבן זיך אָפּן באַרימט מיט דער דאָזיגער אַרבעט, פילנדיג, אַפּנים, אַ זיכערן באָרן אונטער די פיס:

— דאָס שטיקל אַרבעט וועלן מיר מאַכן בעסער ווי אין יעליסאַוועטגראַד.

אַנדערע זיינען ווייטער געגאַנגען:

— מיר װעלן נישט ראַבירן, נאָר הרגענען! שעכטן!..

עס איז זעהר שװער איבערצוגעבן דעם צושטאַנד פון אַ אידן, װאָס װאַרט אויף אַ פּאָגראָם. דאָס איז עפּעס אַ שרעקליכע װיגעניש, אַ שטומע װאַקלעניש צװישן טויט און דערשראָקענעם לעבן. טויט — לעבן, טויט — לעבן. אַזױ באַראַרפן זיך פילן שעפּסן, בעת מען פירט זײ צו דער שחיטה.

נאָר ערגער פון פּאָגראָם איז די באַליידיגונג פון פּאָגראָם, די גראָבע שכּורע שטאַרקייט, װאָס װיל קריכן אויף דער איידעלער אומבאַהאָלפענער שװאַכקייט. און די, װעמעס הענט עס האָבן באַראַרפט אָנהויבן, זיינען נאָך פאַרן אָנהויב אָנגעגאָסן געװאָרן מיט הנאה, צװעהענדיג די אידישע געבױיגנקייט, דעם אידישן צער, דעם אידישן װיי, װאָס קאָן נישט אויסגעשריען װערן. איצט איז די גאַס זייערע געװען, זײ האָבן געמאַכט הילכיגע טריט איבער איר, און דער אויער פונם אידן, װאָס האָט זיך דורכגעגנבעט, װי אַ שאָטן, די גאַס, האָט שמערצליך איינגעזאַפּט דעם טונקלען און שװערן גאַס־געשריי, װאָס איז נאָך דערװייל נישט פאַרװאַנדלט געװאָרן אין מעשים:

— מיר װעלן אייך די בייכער אויפשניידן!..

נאָר שרעק האָט ליב צו װאַקסן.

און װאָס אַ שעה שפּעטער, האָט ער אונז אַלץ געדיכטער אַרומגעכאַפּט. עס האָט זיך נישט געװאָלט ניט עסן, נישט טרינקען, נישט זעהן מיט די אויגן, נישט הערן מיט די אויערן, נישט באַװעגן מיט די הענט.

אַלטע לייט האָבן זיך געלעגט אין די בעטן, און די אַלטע ביינער האָבן געציטערט אין זײ און געקנאַקט, װי טרוקענע שפּענדלאַך אין אַ גרויס פייער.

קינדער האָבן אויפגעהערט צו שפּילן זיך, אין די אויגלאַך איז פאַר־גליװערט געװאָרן אַן אומפאַרשטענדליכע פראַגע צוזאַמען מיט אַן אימה. באַ די גוטע טייערע קינדער איז דאָס געװען אַ פראַגע, די עלטערן אָבער האָבן געשװיגן...

און דערנאָך איז אפילו קלאָר געװאָרן דער טאָג, אויב נישט די שעה:

— זונטאָג װעט זיך אָנהויבן...

איך האָב דעמאָלט געװאױנט באַ איינעם אַ לאַשקעראָװ, אַ יונגער קריסט פון אַ יאָר דרייסיג. אויסער דעם הויז, האָט ער געהאַט אַ טאַבאַק־געשעפט און אַ האָלץ־געשעפט. ביידע, ער און זיין יונגע װאונדערליך־שיינע פרוי, זיינען געװען גוטע ליבעראַלע מענשן און געװאױנט האָבן אידן אין זייער הויז באַ אַ פיר פאַמיליעס.

די ראָזינגע קריסטליכע בעלי־בתּים האָבן זעהר גוט געלעבט מיט די אידישע שכנים. אָפט מאָל פלעגן זײ אויפריכטיג באַװאונדערן די אידישע

ניכטערקייט, די אידישע שטילקייט און דאָס סאָלידע ציכטיגע לעבן צווישן מאַן און פרוי.

אַז די בעל־הביתטע איז אַריינגעקומען צו אונז דעם שבת, וואָס פאַרן פּאָגראָם, איז זי צוערשט אַ רגע אָ ה ן ו ו ע ר ט ע ר געבליבן, זיך אַרומגעקוקט, ווי אַ פאַרלאָרענע, און דערנאָך זיך פונאַנדערגעוויינט.

וואָס האָט זי געוויינט? פאַרוואָס זאָל זי נישט וויינען? זי איז געווען י ו נ ג און ש י י ן און ע ר ל י ך און האָט געהאַט אַ ג ו ט ע נ ש מ ה.

דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויסער די טרערן, האָט זי אויך געהאַט פאַר אונז ט ר י י ס ט און „ב אַ ש י צ ו נ ג". צו באַשיצן אונז האָט זי אָרגאַניזירט אַ הייפעלע חיל פון אירע פריקאַזטשיקעס און ברידער. זיי דאַרפן באַוואַכן די אירן און נ י ש ט ד ע ר ל אָ ז ן. יאָ, נ י ש ט ד ע ר ל אָ ז ן.

אָט די ליבהאַרציגע מענשליכע פרוי האָט מיך וואונדערליך גערירט. אַ וואַרעמער טוי איז מיר געפאַלן אויפן האַרצן פון איר, נאָר וואָס אמת איז אמת, איר „חיל" האָב איך נישט געטרויט. מיין אינסטינקט האָט מיר געזאָגט, אַז ווען עס וועט זיך אָ נ ה ו י ב ן, וועלן זיי אפשר אויך זיין ד אָ ר ט ן... גוואַלד איז ניט צו טרויען; ווער קאָן זיי טרויען אין אַזאַ מינוט?..

די, וועמען עס איז נויטיג געווען אידיש בלוט און פאַרמעגן, זיינען אוראַי פינקטליך געווען ווי אַ זייגער, און זונטאָג באַטאָג האָט זיך אָ נ ג ע ה ו י ב ן...

אָט איז דאָס! אָט איז דאָס! אָט איז דאָס!

טאָמער איז אפשר א י י ן איר פון צ ע ן טויזנט אין ספק געווען, קאָן ער איצט הערן: ווילדע געשרייען, אַ געפּלאַצעריי פון שויבן, אַ קנאַק פון צעהאַקט מעבל, אַ בראָך פון אויפגעריסענע שלעסער... נישט ווייט פון אונז האָט זיך אָנגעהויבן...

די געשרייען וואַקסן און רוקן זיך נעהענטער. דער קנאַק פון שויבן און מעבל ברענען די אויערן.

צי איך בין געווען צעמישט און מיין אויג האָט אויפגעהערט צו באַמערקן, צי עס איז ווירקליך אַזוי געווען — נאָר מיין גוטער און שיינער בעל־הביתטעס שמירה האָב איך נישט געזעהן. נישטאָ קיין שמירה.

אוראַי איז גערעכט געווען מיין אינסטינקט. און מיר, די פיר אידישע געזינדן פון הויז, לויפן, ווי די מאָדע איז, באַהאַלטן זיך ערגעץ, לויפן מיר אַריין אין אַ שפּייכלער אויף אונזער הויף מיט די ווייבער און קינדער. דער שפּייכלער איז גרויס און טונקל. ה אַ ל ץ ליגט אין אים. טוליען מיר זיך מיט פאַרהאַלטענע אָטעמס צו דעם שטומען און קאַלטן האָלץ. וויינען זיך פונאַנדער די קינדער פּלוצלינג. קינדער זיינען אויפריכטיגע מענשן: דאָס האַרץ וויל וויינען — וויינט מען. באַ אונז אָבער ווערן שפּיציג די אויגן און מיר סטראַשען מיט בלויע פאַרביסענע ליפּן:

— ווייגט נישט! שוויגט! די פּאָגראָמשטשיקעס גייען! שטומען זאָלט איר! הערט איר — ש ש ש ש ט ו מ מ מ ע ן זאָלט איר!

זיינען די קינדער פאַרגליווערט געבליבן מיט גרויסע אויגן און מיט נאַסע פּנימלאַך פון טרערן.

דאָס קינד האָט נישט געוואוסט, וואָס איז דאָס אַזוינס פּאָגראָמשטשיקעס, און האָט נישט געקאָנט אויפהערן וויינען. וואָס ווייטער, האָט עס אַלץ שטאַרקער געוויינט. נאָר אַז איך האָב עס נישט געקאָנט איינשטילן, האָב איך דעם קינד מיט דער האַנט דאָס מיילעכל פאַרדריקט, אַז די פּאָגראָמשטשיקעס זאָלן נישט הערן, וואו מיר זיינען.

און באַלד האָבן מיר איינגעזעהן, אַז דער שפּייכלער טויג נישט פאַר אונז. אַ בוידעם איז בעסער... אידישליכער. אַ איד האָט ליב אַ בוידעם, און מיר האָבן עמיגרירט אַהין.

דאָ האָט זיך באַוויזן אונזער גאָלדענע ווירטין און האָט פאַרלעגט מיט האָלץ די טיר פון בוידעם, עס זאָל זיין זיכערער. און אונז ,האָט זיך געוואָלט קושן איר האַנט נישט פון דאַנקבאַרקייט און נישט פון איידלקייט, נאָר גיכער פון עקלדיגער דערשלאָגנקייט, פון חיהשער פּחדנות, ווי מייז, וואָס זיינען אויף אַ רגע ניצל געוואָרן פון דער קאַץ.

אַרום און אַרום האָט מען געשריען און געוואַלדעוועט, און געראַבעוועט, און געשלאָגן, און געבראָכן, און געהרגעט. און געדוכט האָט זיך אונז, אַז מיר הערן דאָס פאַרשטיקטע שלוכצערן פון אידן, וואָס ראַנגלען זיך אין גסיסה.

אַזוי איז אַ שוואַרצע נאַכט אַוועק, אַ בוידעם־נאַכט. צו וואָס האָט אונז די בעל־הביתטע מיט האָלץ פאַרשטעלט? וואָלט נישט גלייכער געווען, מען זאָל אונז אויסהרגענען? וואָרום איידער צו ליגן באַהאַלטן און הערן, ווי עס רוכט זיך די ווייטע געוויינערייען פון געשלאָגענע אידן, איז גלייכער און שענער געהרגעט צו ווערן. אָבער מיר זיינען נאָרנישט געווען קיין מענשן, נאָר מייז.

אַז די שווערע בלייערנע בוידעם־נאַכט איז אַוועק און אין די שפּאַלטן האָט אַריינגערדרונגען דער טאָג, האָבן מיר זיך אַרומגעקוקט: טויטע פּנימער, אַרויסגעשפּאַרטע אויגן, צעקרימטע מיילער. און מיר האָבן געשוויגן. אַ חרפּה צו קוקן אין די אויגן אַריין, אַ חרפּה צו ריידן.

די קליינע קינדער האָבן זיך שוין געהאַלטן בעסער פון אונז, זיי זיינען געלעגן פאַרשמאַכטע, פאַריתומטע, אָבער פילאָזאָפיש־רוהיג, מיט ברייט־אויפגעריסענע אויגלאַך.

אַז דאָס ליכט פון טאָג איז שטאַרקער געוואָרן, האָבן מיר זיך ערלויבט אַ קוק צו טון דורך די שפּאַלטן פון בוידעם. עס האָט זיך געוואָלט וויסן: וואָס טוט זיך אויף אונזער גאַס...

איך ווייס נישט, ווער האָט געאַרבעט אין דער מינוט אויף אַנדערע גאַסן, נאָר באַ אונז אין געסל האָבן געבושעוועט דאָס רוב קליינע באָרוועסע שקציםלאַך, צוועלף־יאָריגע, מיט אייזנס, לאָמעס און העק אין די הענט. קוקנדיג דורכן שפּאַלט אויף די דאָזיגע משחיתים, האָט זיך געוואָלט די פינגער בייסן: טאַטעס, נאַרישע טאַטעס האָבן זיך פאַרקליבן אויף אַ בוידעם און מען זיצט. אין גאַס גייט! אין גאַס אַריין! עס וואָלט געווען אַ מצוה אַראָפּצוואַרפן אונז פון דאָרטן.

מיר זיינען אָבער געווען שרעקליכע פּחדנים, און אויף דעם דאָזיגן בוידעם זיינען מיר אָפּגעלעגן אין פּיין און אימה גאַנצע צוויי מעת־לעת.

אַזוי פיל האָט געדויערט דער פּאָגראָם.

צייטנווייז האָט זיך געוואָלט נעמען אַ מעסער און זיך אַליין דערהרגענען. אַזאַ באַגער איז באַפאַלן אין די „ליכטיגערע" מינוטן, ווען מען האָט געפילט, אַז עס באַנגערט זיך עפּעס, ווען עס איז עטוואָס אָפּגעפאַלן די מורא, ווי עס טרעפט אַמאָל נאָך אַ שטאַרקן ציין־ווייטאָג...

אין די דאָזיגע מינוטן האָט אויך פאַרדריקט דאָס האַרץ פאַר די אומשולדיגע קינדערלאַך. זיי ווילן געוויס עסן: זיי פּייניגט דער הונגער. זיי ווילן געוויס טרינקען: זיי מאַטערט דער דורשט. וואָס גיט מען זיי?

נאָר אָט דערטראָגן זיך ווילדער די געשרייען פון פּאָגראָמשטשיקעס, און דעמאָלט פאַרגעסט מען שוין ווידער אָן אַלעם, און עס באַפאַלט ווידער אַ חיהשע אימה און מ׳פאַרלירט זיך אינגאַנצן.

די צווייטע נאַכט זיינען מיר שוין געבליבן פאַרחלשטע. מיר זיינען געלעגן כמעט ווי אָהן אָטעם, פון די קינדערלאַך האָט מען קיין „פּאַרע" נישט געהערט. מען האָט נישט געוואוסט, צי זיי לעבן, צי זיי זיינען טויט. זיי, די וואונדערליך קלוגע עופעלאַך, האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען קאָן זיי איצט נישט העלפן — און האָבן געשוויגן.

טיילמאָל האָט זיך נאָר געהערט דאָס שטילע אָטעמען פון די זוינג־קינדער: זיי האָבן געפּאָכט מיט דער נשמה. אָבער עס האָט קיינעם נישט געאַרט פאַר זיי.

אַז עס איז געוואָרן טאָג נאָך דער צווייטער נאַכט, זיינען ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן די ווילדע פּאָגראָם־קולות. עס ווערט לאַנגזאַם שטילער, שטילער. אַפּנים, די קאַץ איז אַוועק, און מיר, די מייז, האָבן אויפ־געהויבן די קעפּ. און אויפגעהויבן די קעפּ — האָבן זיך די מייז באַלד דורכגערעדט אויפן מענשליכן לשון:

— רוכט זיך, אויפגעהערט?..
— מען הערט נישט...
— שטיל...
— גענומען אַ סוף...
— אפשר אַראָפּגיין?..
— וואַרט, רוכט זיך, איך הער קולות...
— וואָס רערסטו?..
— איך הער...
— ניין, דיר רוכט זיך דאָס...
— האַ...
— ס'איז שטיל...
— טאָמער יאָ...
— ניין...
— שטעל גוט אָן דעם אויער...
— פּאָרט שטיל...
— ששש...
— און מיר רוכט זיך...
— און מיר שיינט...
— איך האָב מורא...
— האַ...
— שטיל...
— טאַקע שטיל...
— שטיל...
— געווים?..
— שטיל, שטיל...

נאָר דאָ האָבן די מייז דערהערט, ווי עמיצער קריכט אויפן בוידעם. די מייז האָבן תיכף פאַרהאַלטן דעם אָטעם, און אַ קאַלטער, אַ ל ע צ ט ע ר שוויים האָט זיי דורכגענומען. דאָס איז אָבער געווען דער בעל־הביתטעס רינסט. זי איז אונז געקומען אָנזאָגן, אַז מען קאָן שוין אַראָפּ.

— איר הערט? מען קאָן אַראָפּ! חזרט זיך דאָס איין: מען קאָן אַראָפּ. מען קאָן אַראָפּ. מען קאָן אַראָפּ!..

די מייז האָבן זיך אויפגעהויבן, אָבער אַז אָך און וויי איז געווען צו זייער גאַנג: זיי האָבן ק י י ן פ י ס נ י ש ט געהאַט. און מיט גרויס מאַטער־ניש איז מען קוים אַראָפּגעקראָכן פון בוידעם.

אַלע האָבן זיך פאַרקליבן צו מיר אין וואוינונג. די חירטין איז אַריינ־געקומען און איר מאַן און איר ברודער, און אַז זיי האָבן אונז דערזעהן,

זיינען זיי געבליבן פּאַרגאַפט. די בעל־הביתטע האָט ספּאַזמירט...
די מיז האָבן זעהר שיין אויסגעזעהן.

דער בעל־הביתטעס ספּאַזמעס האָבן באַ אונז צוגענומען דאָס לעצטע שטיקל געזונט אונזערס, עס איז צעגאַנגען דאָס האַרץ פון רחמנות צו זיך, צו די קינדער, און מיר האָבן זיך אַלע צעוויינט הויך אויפן קול, ווי עס וויינען שרעקליך־פאַריתומטע קינדער פון זעהר אַ גרויזאַמער שטיפמוטער.

איך געדיינק נישט, ווען און ווי אַזוי האָבן מיר אויפגעהערט צו וויינען. אַפּנים, די בעל־הביתטע האָט אונז באַרוהיגט. זי איז באַלד געקומען צו זיך און האָט אונז באַרוהיגט, יאָ, זי איז אויפן בוידעם נישט געלעגן.

האָט מען זיך גענומען צו די עופּעלאַך: דעם מילך געגעבן, דעם טיי פון דער בעל־הביתטעס סאַמאָוואַר, וואָס די דינסט אירע האָט אַריינגעטראָגן. מיר, די גרעסערע, האָבן גאָרנישט געקאָנט נעמען אין מויל אַריין. דער קאָפּ האָט געשווינדלט ווי נאָך אַ טויזנט־יאָריגן הונגער.

דערנאָך איז געקומען דער אָקאָלאָדאָטשני. ער האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז מען קאָן שוין גיין אין גאַס אַריין, אַז עס איז שוין שטיל, רוהיג און מען קאָן אפילו עפענען די קראָמען.

אַ דאַנק אים פאַר דער בשורה. זעהר אַ גוטער אָקאָלאָדאָטשני...
איצט — זאָגט ער — מעג מען שוין גיין אין גאַס...
זעהר אַ גוטער אָקאָלאָדאָטשני.

ווי עס איז נישט געווען שווער, נאָר אין גאַס בין איך דאָך אַרויס, אין דער שטיפמוטערישער גאַס. דאָרט איז געווען שטיל, ווי נאָך אַ מלחמה. נאָר מיינע באַקאַנטע און פריינט, ווי איך בין דערגאַנגען, זיינען בלויז אָפּגעקומען מיט שרעק, אויב שרעק ברייננט נישט קיין שאָדן.

פון דער קיעווער אידישער קהלה איז געוואָרן אַ תּל. דאָס האָבן געוואָלט די פּאָגראָמשטשיקעס און דאָס האָבן זיי פולקאָם דערגרייכט. וואָרום די פאַרמעגליכערע אידן, וואָס זיינען נישט צעראַבירט געוואָרן, האָבן באַנקראָטירט, און די שטאָט האָט אויסגעזעהן, ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש. אין די עטליכע טעג זיינען אידן פאַרעלטערט געוואָרן, און מער ווי אַ טיפן זיפץ האָט קיינער נישט געקאָנט אַרויסברייננגען פון זיך. אויף פיל גאַסן, איבערהויפּט אויף פּאָדאָל, איז די ערד באַדעקט געווען מיט פעדערן, מיט צעריסענע העמדער, מיט כּלים און מעבל.

דערנאָך האָט מען אין גאַס אָפטער געזעהן פירן אין צירקל אַריין קופּעס פּאָגראָמשטשיקעס. פאַר דעם אָנגעווייטאָגטן אידישן געפיל איז דאָס געווען אַ טראָפּעלע „טרייסט“. עקסיסטירט דאָך כאָטש אַ זכר פון אַ געזעץ, איז דאָך פאַראַן, הייסט עס, אַ צוים פאַר אַ וואַלד־גזלן, פאַר אַ בלוטדורשטיגער חיה. אָבער באַלד האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז דאָס

איז נישט געווען אַזוי. פון די צירקלען האָט מען תּיכּף באַפרייט די פּאָגראָמשטשיקעס און מיט אַ הווק־שמייכעלע האָבן זיי זיך געדרייט איבער די גאַסן...

איצט איז געווען קלאָר, אַז מיר האָבן נישט אויף וועמען צו האָפן (פאַראַן נאָך אַנדערע, וואָס האָפן).

און נאָך קלאָרער איז געוואָרן, ווען אויף די גאַסן זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרן התראות פון גובערנאַטאָר, וואו עס איז געווען געזאָגט, אַז אויב עס וועלן זיך אָנהויבן פון דאָס ניי די „אומאָרדענונגען“, וועט ער געברויכן געווער און שיסן אין די פּאָגראָמשטשיקעס.

האָט מען דאָס, הייסט עס, פריהער נישט געקאָנט...

דער פּאָגראָם איז דורכגעפירט געוואָרן מיט אַלע פּיטשעווקעס: מיט שענדן פרויען, מיט שלאָגן קראַנקע, מיט ברעכן מעבל, מיט ראַבירן קראָמען און מיט אָפּפירן דאָס אָנגעראַבירטע אין די דערפער אַריין.

פון די גאָר גרויסע אידישע געשעפטן האָבן שטאַרק געליטן ראָזענבערגס באַקאַליי־געשעפט, וואָס האָט באַטראָפן באַ אַ מיליאָן רובל, בראָדסקיס הויז, וואו מען האָט ראַבירט אָהן אַ שיעור און אָהן אַן ערך, און נאָך אייניגע.

ערגעץ אין אַ גרויסער קאַזאַרמע האָט מען צונויפגעשלעפּט די אַלע אידן, וואָס זיינען געבליבן אָהן אַן אָפּדאַך. אַהין האָט מען אויך געבראַכט די קראַנקע און קינפּעטאָרינס, וואָס זיינען אינגאַנצן דערשלאָגן געוואָרן פון שרעק. איבערהויפּט די קינפּעטאָרינס, דאָס הייסט, די פרויען, וואָס זיינען געגאַנגען צו קינד. אויף די איז גאָר געווען אַ שרעק אַ קוק צו טון. געפינען אַ צייט ווען צו האָבן אַ קינד. און דעם גאַנצן עסק מיט די קינפּעטווייען האָבן זיי באַדאַרפט פאַרענדיגן אין אַ קאַזאַרמע, צווישן פרעמדע אידן, וואָס האָבן זיך נישט געהאַט וואו אַהינצוטון, צווישן קרעכצערייען פון קראַנקע און שרעקליכע געוויינען פון געזונטע. דאָס בילד פון דער קאַזאַרמע איז געווען אַזאַ, וואָס קוים האָט עס עמיצער געזעהן, איז עס שוין ווי מיט פייער אויף אייביג אים איינגעקריצט געוואָרן אין זכּרון.

אָבער ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, איז נאָך דער קיעווער פּאָגראָם געמאַכט געוואָרן מיט „חסר“. אין באַלטע, אין נעזשין איז געווען טויזנטער מאָל ערגער. דאָרט איז די אכזריות דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט איבערגעשטייגט די סאַמע ווילדעסטע און בלוטדורשטיגסטע חיות.

אַ פינף טויזנט אידן זיינען אַוועקגעפאָרן באַלד נאָכן פּאָגראָם קיין אַמעריקע.

מאַכן אירן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיט ווייב און קינד אין תּחום אַריין — אפשר איז דאָרטן פאַראַן אַזאַ שטיקעלע אָרט, וואו מען קאָן רוהיג דעם קאָפּ אָנשפּאַרן.

פּרנסה, האַנדל, לעבן — וועגן דעם האָט מען נישט געטראַכט. מען האָט נאָר געקלערט וועגן אַ רוהיג שטיקל אָרט, וואו קיין פּחד זאָל נישט זיין, וואו מען זאָל נישט קומען צו דיר מיט העק און מיט לאָמען אין די הענט, וואו מען זאָל דיינע טעכטער נישט שענדן, וואו דיין קינד זאָל זיך נישט דאַרפן וואַלגערן אויף אַ בוידעם צוויי מעת־לעת אין טויט־שרעק און וואו דו זאָלסט נישט דאַרפן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מויז.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב שוין אויך נישט געוואָלט מער פאַר־בלייבן אין קיעוו. זאָל די שטאָט זיין אַ שטאָט אָהן מיר. מיר האָט געעקלט פון די גאַסן און מיר האָט געאיבלט פון די גויים. איך האָב שוין מער נישט געקאָנט איינאָטעמען די קיעווער לופט.

גוטע פריינט האָבן מיר אַפילו געראָטן צו פאַרבלייבן. מען איז דאָך עפּעס אַ איד. וואוהין וועסטו לויפן? איך האָב זיי נישט געהערט. איך האָב אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף מיינע קיעווער פּרנסות. כאַפּט עס דער רוח. און איך האָב באַשלאָסן אַרויסצופאָרן אין פּוילן — אין וואַרשע.

— פּאָלאַקן — האָב איך דעמאָלט געטראַכט (איצט טראַכט איך עטוואָס אַנדערש) — וועלן אויף אירן קיין פּאָגראָמען נישט מאַכן. פּאָלאַקן זיינען אַ קולטורעלע אומה און ווייסן גענוג דעם טעם פון פאָלקס־יסורים, פון פאָלקס־אַנגסטן. זיי פאַרשטייען אַליין גענוג, וואָס הייסט אַ פאָלקס־טראַגעדיע, וואָס הייסט זיין געמאַטערט, געפּייניגט און געוואָרגן.

און איך האָב פאַרלאָזט קיעוו, אַ פאַרשמאַכטער און אַ צעבראָכענער. אַרויסגעפאָרן בין איך קיין וואַרשע אַליין דערווייל. מיין פּלאַן איז געווען — אָפּזוכן אין דער גרויסער שטאָט אַ שטיקעלע געשעפט און שיקן דערנאָך נאָך ווייב און קינד.

צו די אַלע צרות מיינע, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין קיעוו: נויט און פּיין, און אַ געוויסער, און שרעק פאַר אָבלאַוועס, און אַ פּאָגראָם, איז מיר אויך צוגעקומען די בשורה, אַז מיין טייערער טאַטע איז אַוועקגעשטאָרבן. ער, דער שיינער, ריינער און האַרציגער איד, האָט נישט אויסגעהאַלטן...

אויף קאַטאָרגע, מסתּמא, פילט מען זיך בעסער, ווי ער האָט זיך געפילט אויפן דאָרף, און אין עלטער פון זעקס און פערציג יאָר איז ער געשטאָרבן. די פריערשע סביבה, די ברייטע פרייע פעלדער, איבער וועלכע

חסידים שפּאַצירן נישט מיט געזאַנג, די אומבאַקאַנטע און האַמעטנע פעלד־אַרבעט, דאָס בּיינקען נאָכאַנאַנד נאָכן רבּין, נאָך גאָט און נאָך אידן — דאָס אַלץ האָט אים דאָס האַרץ צעלעכערט, און ער איז אויסגעגאַנגען ווי אַ פויגל אין אַ שוואַרץ אייזנ שטייגל. דאָס האַרץ האָט זיך אים אָפּגעשטעלט.

ווי יונג: זעקס און פערציג יאָר.

ער האָט נישט אויסגעהאַלטן...

אין אַ יאָר אַרום נאָכן טאַטנס טויט איז געשטאָרבּן דער זיירע אהרן־לייזער. די לעצטע עטליכע יאָר האָט ער שוין נישט געוואוינט אין דאָרף, נאָר אין קאַמעניץ. זיין השפּעה אויפן שטעטל איז נאָך אַלץ געווען גרויס. עס פאַרשטייט זיך, נישט אַזוי גרויס, ווי אַמאָל אין די יונגערע יאָרן. אין די יונגערע יאָרן האָט ער זיך געקאָנט ראַנגלען מיטן ווילן פון אַ גאַנצער קהלה. למשל, שטאָט וויל דעם רב, און ער וויל יענעם רב, און די שטאָט האָט זיך געבּראָכן אונטער זיין מאַכט. אַזאַ פאַקט איז געשען.

אַז דער פעטער, דער קאַמעניצער רב, איז געשטאָרבּן און מען האָט בּאַדאַרפט נעמען אַ נייעם, איז געווען אַ גרויסער ישוב־הדעת: מען האָט געקאָנט נעמען פאַר אַ רב דעם געשטאָרבּענעם רבס אַ זון, וואָס איז געווען אַ איד אַ למדן. איז ער אָבּער געווען אַ חסיד. דער צווייטער זון, שוין אַ מתנגד, איז געווען רב אין אַ פּויליש שטעטעלע און האָט נישט געקאָנט פאַרטרעטן דאָס בּכבודיגע אָרט פון זיין טאַטן.

פאַר קאַמעניץ איז ער געווען צו קליין. אויך האָט ער געהאַט אַ שם פאַר אַ נאַר. קאַמעניץ האָט אים נישט געוואָלט פאַר אַ רב. דער זיידע אָבּער האָט אים ראָך געוואָלט שטיצן. דער טאַטע געווען רב, זאָל איצט זיין דער זון, הגם דער לעצטער איז דעם זיירן אויך נישט שטאַרק געפעלן געווען. און טאַקע דאָ, צוליבּ דערזעלבּער מעשה, האָט זיך דער זיידע מוטיג פאַרמאָסטן מיטן ווילן פון דער קאַמעניצער קהלה.

קיין קאַמפּס־מיטלען האָט דער זיירע נישט אָנגעווענדט. ער האָט נאָר געטאָן איין זאַך: איז געקומען אַ רב אין קאַמעניץ און, ווי די מאָדע איז, געהאַלטן אַ דרשה און נושא חן געווען, און די שטאָט האָט אים שוין געוואָלט נעמען פאַר אַ רב, האָט דער זיירע נישט געגעבּן זיין חתימה אויפן כתב, וואָס מען האָט בּאַדאַרפט מאַכן. נישט מער ווי דאָס. און דערבּיי האָט ער געזאָגט:

— איך וויל זיך נישט מישן אין די רבּנות. איר קאָנט זיך נעמען אַ רב, וועמען איר ווילט, איך וועל אייך קיין רעה נישט זאָגן. טוט אייך, וואָס איר ווילט. אגב אויף אַ רב בּין איך קיין מבין נישט...

נאָך אַזאַ ענטפער זיינען די פּני אַוועקגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע נעזער, וואָרום זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז קוים וועט זיך אהרן־לייזער נישט חתמענען, איז דאָס רבנות נ י ש ט ז י כ ע ר.

איינמאָל איז געקומען קיין קאַמעניץ איינער אַ באַוואוסטער ר׳ יהושעלע, אַ גרול בישראל, אַ איד מיט אַ סך תּורה. ער האָט געזאָגט אַ פּאָר דרשות און איז זעהר געפעלן געוואָרן דער שטאָט. האָט מען שבת צו נאַכטס געמאַכט אַן אסיפה בּאַ דוד־יצחקן. אויף דער דאָזיגער אסיפה זיינען געקומען אַ ל ע בעלי־בתּים פון שטאָט. מען האָט געמאַכט אַ כּתב, און אַלע האָבן זיך אונטערגעשריבן. דאָס ערשטע אָרט אָבער האָט מען איבּערגעלאָזט ליידיג פאַר אהרן־לייזערן.

צוויי בעלי־בתּים חשובים זיינען געגאַנגען בּעטן דעם זיידן, אַז ער זאָל קומען געבּן זיין ערשטע חתימה. וויל ער נישט.

— טאָ דאַרף מען נישט זיין חתימה — זיינען די בעלי־בתּים אויפגעבּראַכט געוואָרן — וויל ער נישט חתמענען, דאַרף מען נישט! אַזאַ גרול בישראל לאָזט מען נישט אַרויס!

אָבער צווישן ריזעלבע אויפגעבּראַכטע בעלי־בתּים האָבן זיך געפונען סקעפּטיקער, וואָס האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט אַ לצנות־טאָן אַרויסגעזאָגט:

— נאַראָנים, נאַראָנים, זאָגט, אדרבה, צי האָט איר אַמאָל עפּעס אויס־געפירט אָ ה ן אהרן־לייזערס הסכּמה! גרויסע בריהס זענט איר אָהן אים. אַ רחמנות נאָר אויף ר׳ יהושעלען, וואָס מען מאַטערט אים דאָ.

ר׳ יהושע, וואָס האָט געזעהן, אַז ער וועט דאָ גאָרנישט מאַכן, האָט זיך אויפגעהויבּן פון אָרט און איז אַוועק מיט דוד־יצחקן צום זיידן.

— ר׳ אהרן־לייזער, — האָט ער זיך מיט טרערן אין די אויגן געבּעטן — איך מיין נישט אייער שכירות. אָך און וויי צו אַזאַ שכירות. איך וועל קוים האָבן בּרויט. נאָר מיר ווילט זיך זיצן אויף דעם שטול, וואו ס׳עס זיינען געזעסן אַזוינע גרויסע גאונים און צדיקים.

דער שטאַרקער זיידע האָט דאָס מאָל נאָכגעגעבּן...

ער איז אַוועק צו דער אסיפה און האָט געלעגט די חתימה. דערבּיי האָט ער אַנידערגעלעגט אַ צען־רובּלדיגן פאַרן רב...

דאָס איז געווען אַן אויסגעצייכנטער מאַנעוור און אויך אַ מין נקמה. וואָרום די קאַרגע קאַמעניצער בעלי־בתּים האָבן שוין אויף אַזאַ אופן אויך ג ע מ ו ז ט ג ע ב ן כּאָטש צו דריי־פיר רובּל, און דאָס האָט זיי זעהר נישט געשמעקט...

געשטאָרבן איז דער זיידע צו זיבעציג יאָר. אַ סך האָבן געוויינט בײַ זיין טויט און נישט וויניג האָבן זיך געפרייט: פּטור געוואָרן פון אַזאַ שכל, פון אַזאַ מאַכט.

געפונען האָט ער זיין אייביגע רוה אויפן קאַמעניצער בית־עולם. די מאָגערע ליטווישע ערד, וואו ער איז געבוירן געוואָרן, האָט ער זעהר ליב געהאַט, און צומאַכנדיג אויף אייביג זיינע קלוגע אויגן, האָט אים אוראי די קילע גוססע בלוטן אַ וואַרעם געטאָן דער געדאַנק — אפשר דער לעצטער — אַז זיין מידער גוף גייט אָפּרוהען אין דער שטילער מוטערליכער קאַמעניצער ערד...

אינהאַלט

קאַפּיטל I: נאָך דער באָבעס טויט. — דער זיידע טוט אַ שרוך. — פּלוצלינג געקומען מיט אַ ווייב. — דער איינדרוק אויף דער פאַמיליע. — די „באָבע". — דעם זיידנס תענוג. — זיינע נייע טעכטער. — צעזיים און צעשפּרייט. — מאַיאָנטקעס. — אונזערע הכנסת-אורחימס. — יוכבד. — לאה. — מען דערוויטערט זיך פון זיידן. — נישטאָ אַמאָליגע ימים-נוראימס 7

קאַפּיטל II: מיין טאַטנס אומעט. — זיין בייגקשאַפט. — די נויט צו דאַוונען מיט מתנגדים. — זיך פאַרבייגקט נאָכן רבין. — דער היזק. — אַמאָליגע חסידישע שמחות. — ר׳ אברהמעלע. — זיין אַריינפאָר קיין קאַמעניץ. — דער פּאַראַד. — חסידים קאָכן, באַקן אויפן אַמעריקאַנער שטייגער. — די באָד. — דעם רבינס לכו נרננה. — די מאָלצייטן. — דעם רבינס זיפצן. — שריים. — ר׳ ישראל וויל נישט זינגען. — דעם רבינס מאַכט. — ר׳ יחזקאל גט זיך מיט זיין פרוי. — חסידישע שפּילעכלאַך. — מען שמייסט מיין טאַטן. — איך וויין. — עס איז פריילין. 15

קאַפּיטל III: ווידער בילדונג. — אָפּגענאַרט. — מיין נסיעה קיין בריסק. — האַלבערשטאַם. — דער ליגן. — איך פאָר קיין ביאַליסטאָק. — די נסיעה. — „אַכט פאַרשווינדלאַך". — דער בעל-עגלה. — מיר ווערן דערשטיקט. — איך ווייס נישט, וואו איז מיין פוס. — די בלאָטע. — געפּלאַצט אַ ראָד. — „אָכאָטניקעס". — שיער נישט געשטאָרבן. — ביאַליסטאָק! — די מומע. — אַ בריף. — מיין שוואַכקייט. — איך פאָר אַהיים. — גאָרנישט. — צוריק אין דערהיים. — וואַנדערן ווילט זיך. — וואַרשע 33

קאַפּיטל IV: אין וועג. — דער צוג. — דער ערשטער „אוראָק". — מיין פעטער ר׳ יהושע. — זיין הויז. — איך זוך פּרנסה. — עס האַלט בײַ מלמדות. — וואַרשע. — חברה ש״ס. — חברה שומרי שבת. — לימוזקעס. — דעם פעטערס קינדער. — איך ווער אַ מלמד. — אַ מלמד זאָל גיין איבערן גאַס אין מיטן טאָג. — ווידער אין וועג אַריין. — מאַקאַראָווצי 51

קאַפּיטל V: מיין פעטער חנא מטות. — גאָר אַן אַנדער הויז. — רוהיגקייט. — סענדער ראָזענבלום. — מען גיט מיר צו האָפּענונגען. — די פּריצטע ליובאָווימשאָווע. — ראָזענבלומס ענערגיע. — זיין ליבע צו דער פּריצטע אָדער פאַרקערט. — לויט לעבן דאָס. — מען אַרבעט. — איך בלייב אין מאַקאַראָווצי . . 63

קאַפּיטל VI: ראָזענבלומס נסיעות קיין גראָדנע. — די כלה. — אַ פּלאָנטער. — דער פּריצטעס אינטריגעס. — דער שמיד. — די אינטריגעס שטייגן. — די כלה וויינט. — אַוועקגעפאָרן אַהיים. — די פּריצטע האָט אויסגעפירט 68

זייט

קאַפּיטל VII: אַ פּאַקט מיט אַ קרעטשמע. — געקומען דאָס ווייב. — עס פירט זיך אַן עסק. — קריניק. — קריניקער גנבים. — די „אחים“. — ר׳ דוד מריינע. — מיין בריף. — גיפּיאַנסקי. — מיינע נסיעות קיין גראָדנע. — חייטשע הורוויטש. — חייטשע מיטן גובערנאַטאָר. — די געשפּרעכן אין איר „סאַלאָן“. — דער קיסר אַלעקסאַנדער דער צווייטער. — זיינע באַזוכן גראָדנע 79

קאַפּיטל VIII: אַ געשפּרעך מיט חייטשען מכח ווייבערשע נאַטורן, מכח זייער חלשן און ספּאַזמעס. — מאַקאַראָוויטשי. — דער רוסישער און דער פּוילישער גלח. — אונזערע שמועסן. — ווּעמענס רעליגיע שטייט העכער! — די אָרעמע ישובניקעס. ימים-נוראים-צייט. — ישובניקעס נעמען איידעמלאַך. — דאָס איינהאַנדלען שטעט אין די שולן 90

קאַפּיטל IX: דאָס לעבן פון אַמאָליגע ישובניקעס. — ליובאָווישאָוועס נביאות. — פּאַן דאָבראָזשינסקי. — פּאַן דאָבראָזשינסקיס מעשיות. — זיין שכרות. — דאָס פערדעלע. — גענעראַל קיסלאָווסקי. — זיינע אָריגינעלע גיינג. — די תאוה צו מוזיק. — יאָסל לידער. — אַן אייזערנער מענטש, נאָר אָהן אַ האַרץ, זיינע שפּיצלאַך. — יאָסל לידער מיטן גובערנאַטאָר. — ראובן, ויברח! 100

קאַפּיטל X: ראָזענבלומס וואַלד. — מיין וואַלד-שטעלע. — אַ שטיבל אין וואַלד. — ער וועט זיין אַן אָרימאַן. — אַדוואָקאַטן. — דאָבראָזשינסקי. — מלבושים מעשה דייטש. — מיין מאַטנס בריף. — מכנסים. — מיין בריף. — אַ נייער וכוח מיטן טאַטן . . 112

קאַפּיטל XI: ווידער ליובאָוויטשאָווע. — איר איינטענען מיט מיין פרוי. — עס הויבן זיך אָן מיינע צרות. — איך לויף נאָך רעצעפּטן. — אַ ביטערער עסק מיט אַ פערד. — דאָקטוירים. — איך קלער שוין ווידער וועגן וואַנדערן. — איך פאָר קיין קאַמעניץ. — באַם זיידן אין פּרוסקע. — אַקציז-גנבות. — מען מסרט. — פּאַפּירענע מטבעות. — מיינער אַ חבר. — מונקעלע קונצן 120

קאַפּיטל XII: דער זיידע. — דער פּריץ שעמעט. — קושעליעווע. — דער פּאַן שעמעט אָפּגענאַרט דעם זיידן. — געדונגען פאַר מיר אַ הויף. — אַרויסגעפאָרן פון מאַקאַראָווטשי. — איך ווער אַן עכטער פּאָסעסאָר. — באַם טאַטן. — דאָס אַרויספאָרן אין קושעליעווע. — צרות ווי האָלץ. — אַ געשעפט מיט גויים. — וועלף. — „הו-הו! הו-הו!“ — אַ פּחד. — זומפּן. — חרטות. — אַנטאָן . . 128

קאַפּיטל XIII: דער וואַלד ברענט. — אַ שרעקליכע שרפה. — איך בין צעמישט. — מיר ראַטעווען די שטוב-זאַכן. — אָפּגעברענט אַ פופציג דעסיאַטין וואַלד. — דער וואַלד ברענט ווידער. — איך לויף העבדום-פּענדום זוכן לעשער. — דער סטאַראָסטע. — איינגעלאָשן. — מיינע אַגראָנאָמישע פּלענער. — אַ נייער אומגליק. — אַ דאַך איינגעפאַלן. — נאָך גרעסערע צרות. — דאָס קינד פון וויגעלע אַרויסגעפאַלן. — מיין ווייבס קראַנקהייט. — די קינדער קראַנק געוואָרן. — לויף אַהין — לויף אַהער. — יעקב-יאָסל. — אַ אידענע מיט אַ חלום. — געוואַלד.!!! די צוואה מיט די האָר. — מיין נגונדל 141

קאַפּיטל XIV: עס בעסערט זיך עמוואָס. — געסט. — דער מאַטע מיט דער שוועסטער. — דער זיידע. — ציגאַרן. — עס רודערט זיך. — אַ קאָנטראַקט מיט פּויערים. — „ברידער, מען גייט“! — טשערנאַקאָווע. — דעם פּריצס הונט. — פּאַן שעמעטס פרוי. — די מאָכטער. — די מאָכטער אַנטלויפט מיט אַ געליבטן. — ווי אַזוי פּאַן שעמעט האָט זיך געמאַכט דאָס פאַרמעגן. — דער סקאַנדאַל מיט דער מאָכטער. — זי בעט זיך אַהיים. — אַ שווערע סצענע באַם פּאַרקאַן. — דער סוף פון שעמעטן, פון זיין פאַמיליע און פאַרמעגן 152

זייט

קאַפּיטל XV: דער סעלצער „גובערנאַטאָר״. — אַ מלמד. — מען גיט מיר אַ „פּיינעם״ מלמד. — ער קאָן קיין עברי נישט. — אַנטאָפּאַליע. — דער צווייטער מלמד. — דער ערשטער פּוילט זיך אָוועקצופּאָרן. — דער עקזאַמען. — שלמהלע. — אַ גמרא-נגון רעופּרייט מיך. — איך הויב אָן לערנען. — שרעק פאַר תוספותן. — וועגן לערנען בכלל. — דער קאָנטאָרשטשיק. — ווי אַזוי מען באַדאַרף לערנען. — מיין ליבע צו שלמהלען. — דער מאַלטשער רב. — זומער אין פעלד. — שלמהלע קומט צו די כחות. — הערבסט. — שלמהלע פאָרט אַוועק. — מיין בייַנקשאַפט נאָך שלמהלען 161

קאַפּיטל XVI: איך וויל שוין ווידער וואַנדערן. — דער קאָנטראַקט מיט שעמעטן. מיין שוואָגער פון קיעוו. — איך גיב צום טרינקען פערד. — אַ פּלאַן מכח אַרויספאָרן קיין קיעוו. — דער זיידע. — בײַ שעמעטן. — דעם זיידנס מוסר. איך פאַרקויף האַק און פּאַק. — נאָר קיעוו. — די רייזע. — דער ערשטער ברוך-הבא. — אָבלאַוועס. — איך ליג אונטער אַ בעט. — אימה. — געוויין. יאוש און חרטה. — דאָס אַרעסטירטע אידל 174

קאַפּיטל XVII: איך זוך אַ קראָם. — פּלוצלינג אַ געוויסער. — מיין ווייב מיט די קינדער אין סאַמע געוויסער. — שוין דאָ אַ קראָם. — גרויסע חרטות. — צרות. קריסטן. — קריסטליכע געשעפטן. — דאָס לעבן צווישן אידן מיט רוסן. — אַנדרייעווסקי ספּוסק. — אידן פון אָבלאַוועס. — דער ליטוואַק אין קיעוו. — מיין עובדה. — ר׳ ליב שאַפּיראָ. — דער פּריסטאַוו מיכאַילאָוו. — מאַדאַם ראָזענבערג. ר׳ הירש עפּשטיין. — ר׳ משה-יצחק לעווין 183

קאַפּיטל XVIII: קיעווער אידן. — חסידים. — ציגיינערקעס, האַנטשרעפּערס און אַ שייגעצל. — אַ מעשה מיט אַ רבין. — רביים און צירונג. — ר׳ דודל טאַלנער. דוד מלך ישראל חי וקים. — ר׳ אשר קאַרלינער. — די געהויבענע חתונה בײַ ר׳ אשר קאַרלינער און דעם טריסקער רבין. — חסידים-קאָזאַקן. — ר׳ ישראלס קאָזאַצקער מאַרש. — אַ לעגענדע מיט אַ שיינעם סוף. — דער זשיטנער באַזאַר. אידישע האָפענונגען. — פרייערע ווינטן. — דער פּריסטאַוו מיכאַילאָוו און אַ אינגל אַ רעוואָלוציאָנער. — אַ באַקאַנטע טראַגעדיע פון אידישע עלטערן 192

קאַפּיטל XIX: ר׳ ישראל בראָדסקים פאַרוואַלטער. — אַ נישט-אידישער פּעלער. — אַ‏ן עסק. — רייז און ראָזשינקעס. — עקשנות. — פאַרטרונקענע סחורה. — מיט דער פּוטער אַראָפּ. — איך ציה זיך אין אַן אַנדער קראָם. — קוואַרטיראַנטן. — ליפּסקי. — אויסגעפּייפּט אַ פּיעסע. — אַלטע וואונדן. — דער „האָראָדנער מגיד״. — זיין השפעה אויף מענשן. — זיין דרשה. — דער האָראָדנער מגיד מיט ליפּסקין. — אַ פאַרדראָסיגער סוף 205

קאַפּיטל XX: די רוסיש-טערקישע מלחמה. — די פּאַטריאָטישע שטימונג צווישן אידן. — „מיר וועלן מנצח זיין״. — אַלעקסאַנדער דער צווייטער. — גוטע האָפענונגען. — שלעכט אָהן פּרנסה. — עס ווערן שיטערער די פּאָליצעס. — סטאָריצקי. — אַן עסק מיט אַ בעקעריי. — גנבות. — צו ערליך. — דער נצחון פון רוסלאַנד. — אידישע שמחות. — וואָס טוט מען? — ווידער חרטות. — ווידער אין וועג אַריין. — כאַרקאָוו 217

קאַפּיטל XXI: מיין קרוב ר׳ הלל פריד. — אַ שלעכטער עקזאַמען. — שווערע רעיונות. — מיינע קינדער-יאָרן. — אַ מלחמה צווישן „רוסן״ און „טערקן״. — איך בין אַ קיסר. — אַ לאָך אין קאָפּ. — באַצאָלט זיך. — פרידס געשעפטן. —

פאָליאַקאָוו. — פרידס הויז. — מען גיט מיר אַרבעט. — דער אַלטער גובער־נאַטאָר. — פרידס טאָכטער. — גנאַדמאַן. — ליפשיץ. — אַ מעשה מיט אַ פאַפיר 223

קאַפּיטל XXII: די רעמעסלענע שול. — אַ חנוכת הבית. — אַ מעשה מיט טירלאַך. צרות פון גנאַדמאַנען. — אַ נייער פאַרוואַלטער. -- איך קאָן נישט אויסהאַלטן. ווייטער וואַנדערן 233

קאַפּיטל XXIII: אין וועג. — מאָסקווע. — אידעלאַך, ווי אין ירושלים. — אין בית־המדרש. — באַם רב. — וואָס טוט מען? — קרעמשמע, פּאַקט, פעלד־אַרבעט, מלמדות, קרעמערײַ. — דער חסידישער רבי. — דער רב און דער רבי. חסידים אין מאָסקווע. — זינג!!! — איך בין אויף צרות. — איך פאָר אהיים . 238

קאַפּיטל XXIV: ווידער אין קיעוו. — ר׳ ליב שאַפּירא. — ווײַן. — פאַראַן פּרנסה. אַ נאַכט אין שכרות. — דער מאַניפעסט. — קיעווער צדקות. — ר׳ הירש עפשטיין. — מאַנדעלשטאַם 244

קאַפּיטל XXV: דער מאָרד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. — דער אייַנדרוק אויף אידן. — איגנאַטיעוו. — שוואַרצע בשורות. — וואַסילקאָוו. — וואַסילקאָווער חסידים. — מיין רעמעסלענע. „קיעווליאַנין“. — „שלאָגט אידן!“ — מען לויפט קיין אַמעריקע. — באָסיאַקעס. — שרעק. — ערב פּאָגראָם. — מיין גוטע בעל־הביתטע. — זיך אָנגעהויבן... — אכזריות, וואָס קומט פון שרעק. — אין שפייכלער. — די עמיגראַציע אויפן בוידעם. — דאָס בוידעם־לעבן. — מייז. — עס עקט זיך דאָס לעבן. — די מייז ריידן אויף אַ מענשליכן לשון. — אַראָפּ פון בוידעם. — ווידער מיין גוטע בעל־הביתטע. — גרויסע וויינען, ווי פיצעלאַך קינדער. — אייַנגעשטילט דער פּאָגראָם. — קרבנות. — די קאַזאַרמע. — אַנטלויפן פון דאַנען. — דער טויט פון טאַטן און זיידן 249

מ. גידעמאַן

יידישע קולטורגעשיכטע אין מיטלאַלטער

(יידן אין דייטשלאַנד דאָס XIV און XV יאָרהונדערט)

יידיש — נחום שטיף

מיט גרויס קענטעניש האָט גידעמאַן אויסגעפאָרשט די אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע קוועלן, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן לעבן אין דייטשלאַנד אין XIV־טן און XV־טן יאָרהונדערט. אין זיין באַרימטן בוך באַקענען מיר זיך מיט די יידישע מנהגים, מיטן משפּחה־לעבן, מיטן קולטורעלן און עקאָנאָמישן מצב פון די יידן אין יענער צייט; מיר באַקענען זיך אויך מיט די באַציהונגען פון די אומות העולם צו די יידן און ווי אַזוי די יידן האָבן זיך באַצויגן צו דער אַרומיגער וועלט, און זייער קעגנזייטיגע ווירקונג. אַדאַנק דעם באַקומט די אַלטע פאַרגאַנגענע צייט אַ גאַנץ באַזונדערן אַקטועלן אינטערעס און לעבט אויף פאַר אונזערע אויגן. מיר זעהען קלאָר פאַר זיך דעם גאַנצן קולטור־היסטאָרישן וועג, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט אין יענע פינסטערע צייטן. פון גרויס חשיבות זיינען גידעמאַנס הערות, בפרט די, וואו ס׳רעדט זיך וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט נאָך אַ גרויס באַדייטנדרן ווערט פאַר די שפּראַכפאָרשער.

אהרון איזאַקס אַוטאָביאָגראַפיע

יידיש — נחום שטיף

אהרון איזאַק, געבוירן אין דייטשלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון XVIII־טן יאָרהונדערט, דערציילט זיינע לעבנס־זכרונות אין דעם יידיש, ווי מען האָט גערעדט דאַמאָלס אין דייטשלאַנד. ער שילדערט דאָס יידישע לעבן אין מעקלענבורג, לייפּציג און אין אַנדערע קאַנטן פון דייטשלאַנד. אהרון איזאַק איז געווען דער ערשטער ייד, וואָס האָט, אויסוואַנדערנדיג פון דייטשלאַנד, באַקומען אַ דערלויבעניש צו וואוינען אין שוועדן. ער האָט נאָכגעצויגן נאָך זיך קיין שוועדן אַנדערע יידן פון דייטשלאַנד און זיי געהאָלפן זיך באַזעצן דאָרט, ער האָט פאַר יידן געעפנט „אַ נייע לאַנד" — שוועדן, וואו ביז אים האָבן יידן ניט געטאָרט קיין פוס שטעלן. זיין וועג איז געווען ניט קיין גרינגער. ער האָט אויסגערינט אַלע עבודה־זרהס: לויט זיין פּראָפעסיע אַ שטעמפּל־גראַווירער, איז ער געוואָרן אַ סוחר, געהאַנדלט מיט צירונג, מיט גאַלאַנטעריי, אַפילו מיט צינן, געווען אויך אַ צושטעלער באַ דער אַרמיי (אין שוועדיש־רוסישן קריג). און אַראַנק זיין זעלטענער ערליכקייט און גרויסער ענערגיע האָט ער זיך סוף כל סוף דער־שלאָגן צו אַ גרויס אָנזעהן.

✦

בער באָלעכאָווער / זכרונות

(אַ יידישע און אַ העברעאישע אויסגאַבע)

צום ערשטן מאָל פאַרעפנטליכט מיט איינלייטונג און הערות פון

ד"ר מ. ווישניצער

אַ יידישער סוחר פון XVIII־טן יאָרהונדערט דערציילט זיינע איבערלעבונגען אויף אַ בולטן אופן. ער גיט איבער קלאָר דאָס לעבן פון אַ קליין יידיש־גאַליציש שטעטל אין זיין צייט, דערציילט די פאַרשיידענע צרות, וואָס די יידן האָבן זיך דאַמאָלס אָנגעליטן סיי מצד דער פוילישער רעגירונג, סיי פון ווילדע באַנדעס, וואָס פלעגן מאַכן אָנפאַלן אויפן שטעטל, הרגענען, רויבן, פאַר־ברענען די הייזער וכדומה. בער באָלעכאָווער גיט אַ סך מאַ־טעריאַל פאַרן יידישן היסטאָריקער וועגן דער דאַמאָלדיגער סאָ־ציאַלער און עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן און איבער זייערע בילדונגס־פאַרהעלטענישן.

מ. זילבערפארב

דאָס יידישע מיניסטעריום און די נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע אין אוקראַינע

דער בוך — דאָס איז די געשיכטע פונם מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים אין אוקראַינע. אינגאַנצן האָט עס עקסיסטירט ניט מער, ווי איין יאָר, פונם 15־טן יולי 1917 ביז דעם 18־טן יולי 1918. דאָס איז אָבער געווען ניט קיין געוויינטליכע צייט, נאָר אַ יאָר מלחמה פאַר נאַציאָנאַל־פערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע בכלל, און פאַר יידישער אַווטאָנאָמיע בפרט. דאָס יידישע פאָלק איז גע־שטאַנען בראש פון דער באַוועגונג. ניט אַזוי גרינג אָבער איז געווען דורכצופירן די יידישע נאַציאָנאַל־פערסאָנאַלע אַווטאָנאָמיע אין לעבן, ניט ווייניג מניעות האָט מען באַדאַרפט בייקומען פון אויסן און אינעווייניג. דער ערשטער יידישער מיניסטער, דער מחבר פון דעם ראָזיגן ווערק, וואָס האָט געמוזט דורכמאַכן דעם שווערן וועג, דערציילט אָביעקטיוו און אויספירליך די גאַנצע גע־שיכטע פון ערשטן טאָג אָן ביז די שווערע האַנט האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף דער יידישער אַווטאָנאָמיע. דער בוך איז רייך מיט אַ סך דאָקומענטן און מאַטעריאַלן.

✦

יעקב לעשצינסקי

דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן

(יידן אין דער גאָרער וועלט)

„דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן" איז דער ערשטער וויסנ־שאַפטליכער בוך אויף יידיש, וואָס באַהאַנדלט אַזאַ וויכטיגע פראַגע, ווי די צאָל יידן אין דער גאָרער וועלט ביז די סאַמע לעצטע יאָרן. דאָס ערשטע מאָל קאָן דער לעזער געפינען אין אַ יידיש בוך, ווי אַזוי די יידן זיינען פאַרשפּרייט און צעטיילט צווישן פאַרשיידענע פעלקער און לענדער, וויפיל יידן וואוינען אין גרויסע שטעט, שטעטלאַך און דערפער. אַ חוץ דעם, ווערט גענוי באַהאַנדלט די קאָנצענטראַציע פון די יידן אין גרויסע קהלות און ס'ווערט אָנגעוויזן אירע סבות. דער בוך איז זעהר רייך מיט דאָקומענטאַלע ציפערן, אין אים געפינט זיך 57 ספּעציעלע טאַבעלעס מיט אַ גרויסער ביילאַגע־טאַבעלע. „דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן" איז אי אַ האַנט־בוך, אי אַ לערן־בוך, אי אַ לייענבוך.

3 1761 04261 8728